STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05501

UNDZER BUKH

Aaron Bergman

*Permanent preservation of this book was made possible
by Rosalee K. Swerdloff
in memory of
Max Swerdloff*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אונדזער בוך

א. בערגמאַן און א. גאָלדבערג

קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס - פאַרלאַג
פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן
1939

Copyright by
Yiddish Cooperative Book League of the
International Workers Order
80 Fifth Avenue New York
January, 1939

Printed by PROMPT PRESS, 113 Fourth Avenue
209

אונדזער לאַנד



געבורט פון אַ הימל־קראַצער   ל. לאָזאָוויק

דער פאָלקס־גייסט

● יעהויאָש

אין דער פינצטערניש פאַרבאָרגן,
נערט זיך לאַנג פון פאָלק דער גייסט,
ווערט פון וואונדער-מאַן געשפּייזט;
איבן קלוימערשט טויט-דערוואָרגן,
קלייבט ער אונטן נייע קרעפטן,
וואָס זאַמלען זיך און באַהעפטן
און זיך מאַכן שטילערהייט
פאַר דעם נייעם לעבן גרייט.

אונטערדריקט און אָפּגעזונדערט,
פון יאָרהונדערט צו יאָרהונדערט,
טראָגט דעם גורל ער, דעם האַרטן,
לערנט זיך געדולדיק וואַרטן,
און די קויכעס זיינע שפּאָרט,
ביז דער רעכטער צייט און אָרט...
דעמאָלט שפּרינגט ער ווי אַ גיבער,
און מיט מוט אַ וועג זיך ברעכט.
צייט פון וואַרטן איז אַריבער,
און דאָס פאָלק פאַרלאַנגט זיין רעכט...

יאָסעף אָפּאַטאָשו



י. אָפּאַטאָשו (געענדערטער נאָמען פון אָפּאַטאָווסקי) איז געבוירן געוואָרן אין 1887, אין מלאַווע, פּוילן. פון יאָר 1907 וואוינט י. אָפּאַטאָשו אין ניו יאָרק. אין 1914 האָט ער געענדיקט אַלס ציווילער אינזשעניר.

זיין ערשטע דערציילונג „אויף יענער זייט בריק” האָט ער אָנגעשריבן אין יאָר 1910.

י. אָפּאַטאָשו האָט געשריבן אַ גרויסע צאָל דערציילונגען און עטלעכע ראָמאַנען. זיין באַרימטער היסטאָרישער ראָמאַן „אין פּוילישע וועלדער” שילדערט דאָס יידישע לעבן אין דער צייט פון פּוילישן אויפשטאַנד אין 1863 און איז איינער פון די בעסטע היסטאָרישע ראָמאַנען אין דער יידישער ליטעראַטור. אין זיינע קורצע דערציילונגען שילדערט אָפּאַטאָשו דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע און אויף יענער זייט יאַם; ער באַווייזט אונדז געשטאַלטן און בילדער פון דעם אַמעריקאַנער „שמעלצטאָפּ”, פון דער יידישער אונטערוועלט און דעם צוזאַמענשטויס צווישן אַרבעטער און באַלעבאָס.

ייכעס

• י. אָפּאַטאָשו

זאַלמען האָט צוגעלייגט דאָס טעלעפאָן-טרייבל צום אויער און זיך איינגעהערט, און אַז אַ מיידל האָט געלאָזט וויסן: „מאַטראַץ קאָמפּאַני”, האָט דאָס קאָל באַ זאַלמענען אַ ציטער געטאָן:

— זייט אַזוי גוט און פאַרבינדט מיך מיט מיסטער דייוו פייגין.

— ווער רעדט?

— מיסטער פייגינס אַ שוועסטערקינד.

ס'איז אַ ווייל געוואָרן שטיל. די שטילקייט וואָס נעמט-צו דעם אָטעם. דערנאָך האָט דאָס מיידל געלאָזט וויסן:

— מיסטער פייגין איז איצט נישטאָ.

איבער אַ וואָך האָט זאַלמען דריי-פיר מאָל אַ טאָג געקלונגען צום שוועסטערקינד אין פאַבריק אַריין, און אים אַלץ נישט געקאָנט כאַפּן. יעדעס מאָל דאָס זעלבע מיידל, דאָס זעלבע קאָל, די זעלבע פראַגעס, ווי אויף יענער זייט טעלעפאָן וואָלט נישט געשטאַנען קיין מענטש,

נאָר אַן אָטאָמאַט. נאָך יעדן טעלעפאָנירן האָט זאַלמען געשאָלטן, זיך געוואונטשן נישט צו האָבן מער מיטן שוועסטערקינד קיין געשעפטן. ער איז געווען זיכער, אַז דייוו וויל אים נישט זען, קוועטשט אַוואַדע מיט די פּלייצעס, וואָס אַ שוועסטערקינד, אַ קאַפּצן, האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים. און וואָס לענגער דער פאַבריקאַנט האָט אים אויסגעמיטן, אַלץ שטאַרקער איז אין זאַלמענען געוואַקסן די אַקשאָנעס. ער האָט באַשלאָסן אָפּצוואַרטן פייגינען אין גאַס, לעבן דער פאַבריק.

ס'איז געווען זיבן אין דער פרי. די פאַבריק איז נאָך געווען פאַרמאַכט. זאַלמען האָט זיך געדרייט איבער פּאַרק עוועניו, וואו פון איין זייט האָבן זיך געצויגן פאַבריקן, גאַראַזשן, אַ שפּיטאָל פאַר פערד און הינט, און פון דער צווייטער זייט, צווישן אייזערנע צוימען, האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן באַנען.

ער איז געבליבן שטיין. האָט נאָכגעקוקט ווי אַ באַן אַנטלויפט, לאָזט נאָך זיך איבער דעם קלימפּער פון רעדער און שינעס. קיין גראָז, קיין בוימער. טעלעגראַף-דראָטן האָבן געזשומעט, זיך אויסגע-מישט מיטן קלאַפּעריי פון מילך- און ברויט-וועגעלעך. און איבער די מויערן, איבער דער עוועניו, האָט זיך דאָ און דאָרט געהויבן אַ פאַבריק-קוימען, געשפּרייט קייטעלעך רויך.

זאַלמען האָט אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ, אַרומגענומען דעם טיפן בלויען הימל און זיך אָנגעכמורעט:

— שוין ווידער מיי.

דאָס בלויזע וואָרט האָט געווירקט אויף אים. ער האָט זיך אַ צי געטאָן, געוואָלט אַריין אין אַ לעבן, וואָס איז געווען ווייט פון אים. די פרימאָרגן לופט איז פול געווען מיט אומרו, מיט פרילינג, מיט רייכעס, וואָס צענעמען. אין זאַלמענען, איבער זאַלמענען האָט אַ בלאָז געטאָן מיט אַ שטיק לעבן פון אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק.

ס'איז געווען מיי. זאַלמען און דאַוויד, צען-יאָריקע ייִנגלעך, זיינען אַוועק מיטן באַגינען אויף אַ „מייעווקע" צו דער באַן, וואָס איז געלעגן אויף יענער זייט וועלדל. דער פרימאָרגן האָט געשמעקט מיט טוי, מיט בעז, מיט צעבליטע בעריאָזעס. בא דער באַן-בודקע האָבן זיי געטרונקען פריש-געמאָלקענע מילך, געגעסן ראַזעווע ברויט מיט פּוטער, געגלויבט דעם באַן-וועכטער, אַז מייעווקע-פרימאָרגנס ברענגען גליק, פאַרטרייבן פון מענטשן יעדן טרויער.

די רייכעס, מענטשלעכע רייכעס פון אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, האָט זאַלמען איצט געטראָגן צו דאָווידן, צום שוועסטערקינד זיינעם. זיי זיינען דאָך צוזאַמען געוואַקסן. אויב נישט קיין לייבלעכע ברידער, זיינען זיי דאָך אַלץ ברידער, און אַ ברודער לאָזט מען נישט פאַלן.

אַן אויפגעהייטערטער איז זאַלמען אַריין אין דער פאַבריק. ער האָט זיך באַ קיינעם גאָרנישט געפרעגט און זיך געלאָזט צום אָפיס. אַן אָנגעשטעלטער איז אים פאַרלאָפן דעם וועג:

— וועמען דאַרפט איר?

— מיסטער פייגין.

— ער איז נאָך נישטאָ.

— קענט איר מיר נישט זאָגן ווען ער קומט?

— וואָס דאַרפט איר פון אים?

— מיר זיינען קאָזינס.

— קאָזינס? — האָט דער אָנגעשטעלטער אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ פאַרדעכטיק אויג און זיך אָנגערופן — איר קענט צוואַרטן. מיסטער פייגין דאַרף יעדע מינוט אַריינקומען.

די פאַרשטיקטע פאַבריק, די שורעס אַרבעטער, וואָס זיינען געשטאַנען איבער אָנגעצויגענע מאַטראַצן, אַלץ האָט זיך שווער געלייגט אויפן אויפגעהייטערטן זאַלמענען. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג, געוואָלט באַגעגענען דייוון אויף דער גאַס.

אַן אָטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער פאַבריק. פייגין, אַ געוויקסיקער, אין אַ ליכטיקן אָנצוג, איז אַרויס פון דער מאַשין. זאַלמען איז צו צו דער מאַשין:

— האַלאָ, דייוו.

דייוו האָט פון דער זייט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויף זאַלמענען און גענומען ציען דעם ציגאַר, וואָס האָט נאַכלעסיק געשטעקט אין מויל-ווינקל. ער האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקלט און מײַסע באַלעבאָס אַ זאָג געטאָן:

— וואָס הערט זיך, זאַלמען?

— נישט פריילעך.

— וואָס, אַרבעטסט נישט?

— שוין אַכט כאַדאָשים ווי כ׳גיי אַרום ליידיק.
— איז טאַקע נישט פריילעך.

דייוו פייגין האָט זיך געפּאָרעט אַרום דעם אָטאָמאָביל־שלאָס. זאַלמען האָט זיך גענערגערט, כווישעד געווען, אַז דייוו האָט קיין כיישעק נישט, ער, זאַלמען, זאָל מיטגיין אין אָפּיס אַריין. וואָס שווייגט ער? פאַרוואָס זאָגט ער עס אים נישט? ער האָט דערפילט ווי דייוו נעמט אים אָן פאַר אַ האַנט:

— זאַלמען, דאַרפסט עפּשער עטלעכע דאָלער?

ביידע האָבן געשוויגן. פּענעמער ענלעכע, ווי באַ לייבלעכע ברידער, האָבן זיך אַ ווײַלע געקוקט אין די אויגן אַריין. זאַלמען האָט נישט געבעטן, געפּאָדערט:

— כ׳וויל באַ דיר אַ שטעל.

— באַ מיר? — האָט דייוו פאַרצויגן דעם ציגאַר, גיכער גענומען לאָזן בלעזלעך רויך און פאַרקנייטשט דאָס פּאָנעם — וואָס שטייען מיר דאָ? קום אַרויף!

אין אָפּיס האָט דייוו אויסגעטאָן דעם ראָק, דעם קאַפּעליוש, און אַז ער האָט שטייענדיקערהייט געהאַט דורכגעקוקט די בריוו, וואָס דאָס אָפּיס־מיידל האָט אים אונטערגעטראָגן, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו איר:

— מיס ראָוז, לאָזט אונדז אַ ווײַלע אַליין.

ווען זיי זײַנען געבליבן אַליין, זיך אַוועקגעזעצט פון ביידע זייטן טיש, האָט דייוו אַוועקגעלייגט דעם ציגאַר אויפן אַש־טעצל. ער האָט גענומען אַ בלייפעדער און זיך צערעדט:

— ווייסט אַוודע נישט וויפיל אַן אַרבעטער פאַרדינט באַ די מאַטראַצן. אַ גוטע „האַנט" אַרבעט אויס אַכצן, צוואַנציק דאָלער אַ וואָך. דער דורכשניט אָבער איז פערצן, זעכצן דאָלער. דו וועסט אָבער דאָס אויך נישט אויסאַרבעטן, ביסט אַ „גרינער" אינעם פאַך, דאַרפסט ערשט אָנקומען אויף דער לער.

— איז וואָס? — האָט זאַלמען צונישט געמאַכט די אַלע שווערי־קייטן — וועט נעמען אַ וואָך, וועט נעמען צוויי וואָכן, און כ׳וועל זיך אויסלערנען די טוירע. זאָגסט, מען פאַרדינט ווייניק? און אַז כ׳דריי זיך אַרום איבער אַ האַלב יאָר ליידיק איז בעסער?

בעשאַס זאַלמען האָט גערעדט, האָט דייוו מיט דער בלייפעדער

אויסגעשטעלט אויף אַ קאָנווערט שורעס ציפערן און אויפן אָרט זיי אויסגעשטראָכן. ער האָט מיטאָמאָל אַ בויג געטאָן איבערן טיש דעם אויבערשטן האַלבן קערפּער:

— הער, זאַלמען, אויב דו וועסט איינגיין צו בייטן דעם נאָמען דיינעם, וועסטו בײַ מיר קריגן אַרבעט.

— פאַרוואָס עפּעס בייטן דעם נאָמען? — זיינען די אָנגעכמורעטע אויגן בײַ זאַלמענען געוואָרן גרעסער.

— שטייט מיר נישט אָן, אַז מיינס אַ שוועסטערקינד...

— אַז ס'שטייט מיר אָן, דייווו — האָט זאַלמען אים איבערגעריסן — מעג דיר אַוואַדע אָנשטיין.

— דיר מעג אָנשטיין — האָט דייווו אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער בלייפעדער אין טיש — און מיר שטייט נישט אָן. איך, דער אייגנטימער פון דער פעקטאָרי, היים פייגין, און דו... מיינס אַ שוועסטערקינד, וואָס איז אָנגעקומען אויף דער לער, הייסט אויך „מיסטער פייגין". ס'איז דאָך אַן אומזין!

— קיינער דאַרף נישט וויסן, אַז מיר זיינען שוועסטערקינדער — האָט ס'בלוט אַ שלאָג געטאָן זאַלמענען אין די שלייפן.

— אַוואַדע דאַרף עס קיינער אין דער פעקטאָרי נישט וויסן — האָבן דייווס געקנייטשטע מויל-ווינקלען זיך גענומען אויסגלייכן — זיי נישט קיין יאָלד און בייט דעם נאָמען.

— דאָס נישט, דייווו.

— וועסט בײַ מיר נישט קענען אַרבעטן.

— האָב איך דיך אין דר'ערד! — האָט זאַלמען זיך אַ הויב געטאָן.

— אויב דו האָסט מיך יאָ אין דר'ערד — האָט דייווו אַ בלאַסער זיך אויך אַ שטעל געטאָן און געוויזן אויף דער טיר — זיינען מיר קוויט. גוד-באַי!

— הערסט, מיסטער פייגין — האָט זאַלמען, מיט רעציכע אין די הענט, אין די אויגן, זיך אַ לאָז געטאָן צום שוועסטערקינד — הערסט, מיסטער פייגין, כ'האָב דיך טיף אין דר'ערד מיט דיין געלט, מיט דיינע מאַטראַצן!

ס'זיינען אָנגעלאָפן צוויי אָנגעשטעלטע, גענומען אַרויספירן זאַלמענען.

אין סאָבווײ

● מ. ל. האַלפּערן

גאָלד איז די צייט אין דעם גאָלדענעם לאַנד.
גיט מען אַ קלונג און אַ הויב מיט דער האַנט,
קלאַפּן זיך טירן צו הילכיק און שנעל,
פליט דער עקספּרעס דורכן שוואַרצן טונעל
שנעלער פון ווינט און געשווינטער פון בליק.
פליען פאַרביי מיט דער וואַנט אויף צוריק
שטערן נאָך שטערן אין גרין און אין רויט —
גרין איז דאָס לעבן און רויט איז דער טויט.
לאָזט אַ סיגנאַל זיך פאָרויס אין געיעג,
וואַרפט ער און שליידערט אַלץ אויפן וועג.
רודערן רעדער אין ווילדן געלויף,
טראָגן זיך באַנען אַראָפּ און אַרויף,
טראָגן זיך פייגל פון גאָלד און פון גלות —
צינדט זיך מיר אָן אַ באַגער אין מיין בלוט —
הייסער פון גלות און נאָך העלער פון גאָלד.
היי! ווי עס וואָלט זיך אַ כאַפּ טאָן געוואָלט
אָט אַזאַ פויגל! — האָ, האָ, ס׳אַראַ פּראַכט!
יאָגט ער פאַרביי, ווי אַ בליץ אין דער נאַכט.
יאָגן און טראָגן זיך פייגל אין פליִען
ליכטיק ווי בליצן אַהער און אַהין,
ליכטיק ווי בליצן פאַרביי נאָכאַנאַנד —
גאָלדענע פייגל פון גאָלדענעם לאַנד.

קאַליפאָרניע

פּ. הירשביין

דער שטילער יאַם וואַשט דעם זוים פון קאַליפאָרניע, דאָס האַרץ פון דער גאָלדענער וועסט.

דעם נאָמען „גאָלדענע וועסט" האָט קאַליפאָרניע באַקומען אין יאָר טויזנט אַכט הונדערט און פערציק. דעמאָלט, ווען אַ מענטש מיטן נאָמען ס ו ט ע ר און נאָך אַ מענטש מיטן נאָמען מ אַ ר ש אַ ל, וועלנדיק בויען עפּעס אַ מיל באַ אַ טייכל פון צאָפן־זייט פון קאַלי־פאָרניע, האָבן פּלוצלונג גאָלדענע זעמדעלעך באַמערקט אויפן גרונט פון קלאָרן וואַסער.

— גאָלד !

פון זייער האַרץ האָט זיך דאָס קישעף־וואָרט אַרויסגעריסן מיט אַזאַ קויעך, אַז פון עק וועלט ביז עק וועלט האָט זיך דער אָפּקלאַנג צעטראָגן.

און פון וואַנען האָט מען זיך אַהער ניט געצויגן? פון כינע און יאַפּאַן דורכן שטילן יאַם, און פון די ברעגעס פון אַטלאַנטיק דורך די קאָלאָראַדער בערג... דורך די מידבאָריעס פון יוטע און אַריזאָנע האָט מען זיך צונויף און אין בוידן געצויגן. מע איז געלאָפן פון אַלע עקן אייראָפּע און פון אַלע אַמעריקעס ווינקעלעך. עפּשער נאָך איצטער קען מען געפינען דאָ און דאָרטן אין די מידבאָריעס ביינער פון אָט יענע בראַווע מענטשן, גליק־זוכערס.

שפּעטער מיט איין און צוואַנציק יאָר האָט מען די ערשטע אייזנ־באַן־ליניע דורך דער לענג פון לאַנד דורכגעפירט, פון אַטלאַנטיק ביז צום פּאַסיפיק. האָט מען דעם לעצטן טשוואָק אין שוועל פון רעלס אַריינגעשלאָגן — אַ ג י ל ד ע ר נ ע ם.

די גאָלדענע וועסט.

די קינדער פון לאַנד, ווען זיי זעען קאַליפאָרניע אין כאָלעם, איז עס ניט דער קלאַנג פון גאָלד שולדיק. זיי כאָלעמען פון דער גאָלדענער וועסט, און אין כאָלעם זעען זיי גאָלדענע אָפּעלסינען, וואָס שיינען אַרויס פון צווישן געדיכטע בלעטערדיקע צווייגן; ס׳איז גאָר אַן אַנדער מין גאָלד.

אין יענע צייטן, ווען מע האָט אין קאַליפאָרניע גאָלד אַנטדעקט, איז די געגנט נאָך געווען וויסט. ביז צום יאָם איז די וויסטעניש פאַרלאָפן. אַפילו נאָך היינט איז דער גרעסטער טייל פון קאַליפאָרניע, וואָס צו מיזרעך-זייט, וויסט. שטיין און זאַמד, ווי אין אַריזאָנע.

זומער גייען דאָ קיין רעגנס ניט. זומער איז אַלץ אויסגעטריקנט, אויסגעברענט — אויסער דאָרט וואו דער מענטש האָט זיין מי צוגעלייגט. און ווען ניט דער מענטש און זיין גוטער ווילן, וואָלט נאָך איצטער קאַליפאָרניע געווען אַזוי וויסט ווי אַריזאָנע.

רעגנס גיסן דאָ בלויז אין ווינטער, און מע דאַרף, אַז עס זאָל גרינען און בליען אַ קיילעכדיק יאָר לאַנג. ס'איז צו קומען און צו זען, מיט וואָס פאַר אַ צערטלעכקייט מע גייט אַרום די כיינעוודיקע אַפּעלסינען-ביימלעך, וואָס שטענדיק בלייבן זיי יונג און שיינענדיק; זעען שטענדיק אוים ווי ערשטלינגס; ווי ערשט דאָס ערשטע יאָר האָבן זיי זיך באַדעקט מיט בליעכץ, שפּעטער — מיט גרינע פּיירעס, וואָס האָבן געקוואָלן, מיט זאַפט זיך אָנגעגאָסן און אין גאָלד זיך ליכטיק באַקליידט.

ס'ציען זיך אַוועק אויף צענדליקער מיילן שורעס, שורעס אַפּעלסינען-ביימער, אין הייך פון אַ מענטשן, מיט גרויסע, געדיכטע, געקרייזלטע קעפּ — גרינע בלעטערדיקע לאָקן. אין די לאָקן זיינען געדיכט גאָלדענע פּאָמעראַנצן איינגעפלאָכטן. יעדעס ביימעלע איז אין צייט אַרומגעצופּט געוואָרן, די ערד אונטער דעם אַרומגעגראָבן און ווייך צעגראָבן; יעדעס ווילד גרעזעלע באָם צופּוסנס פון ביימל אויסגעריסן. אין ווינטער מאַכט מען, אַז עס זאָל זיי וואַרעם זיין: אונטער יעדן ביימעלע אַ קעראָסין-אייוועלע, וואָס דורך נעכט וואַכט מען איבער דעם, ס'זאָל ניט אויסגיין, און אַזוי דערהאַלט מען דעם גאָרטן באַם לעבן.

און וואָס וואַקסט דען דאָ ניט, אַז מע באַמיט זיך? עפּל, באַרן, פלוימען, קאָרן, ווייץ, גערשטן, איילבערטן און פייגן, האָבער, מערן און בוראַקעס.

אָבער קיין שום געגנט שמעקט ניט אַזוי זיס ווי די אַפּעלסינען-געגנטן און די ציטרינען-גערטנער. זייער פיינער רייעך רייסט זיך אַרויס איבער די גרענעצן פון זייער מעמשאָלע, טראָגט זיך אַרום צום דורכפאָרער אָדער דורכגייער מיט דעםברייטן וועג.

אַ פישער-דאָרף אין מעין

י. א. ראָנטש ●

א שטילער שמייכל רוט געמיטלעך אויפן האפן-שטעטל
און איינגעהאַלטן שפּרייזט דער מענטש אויף טראָטוארן שמאָלע.
עס שמעקט מיט פיש געזאַלצענע, וואָס טריקענען זיך אויף ברעטער,
די ברוינע יאַם-לייט צופּן פויל די איינגעאַקשנטע מאָזאָלעס.

אויף הויפּט-גאַס הענגען אויסגעשטעלט אינדיאַנישע געוועבן
און קערבעלעך געפלאָכטענע פון שמעקעדיקער קאָרע.
אין קוישן ליגן הויפנווייז אין מושעלן די קרעבן
און שווייגנדיקע קרעמער האָבן אויגן בלויע, קלאָרע.

פון קילנדיקער בוכטע שפּיצן זיך גראַציעזע מאַסטן.
אויף בערגלעך הויערן די טונקל-גרינע סאָסנע וועלדער.
די שלעפּערס אויפן וואַסער פּעכן אונטער שווערע לאַסטן,
און קאַפּיטאַנען זיינען דאָ באַ יעדן גרויסע העלדן.

אין האַפן אַנקערן די מיליאָנערסקע ווייסע יאַכטעס,
נאָר קינדער דאָרפישע פון אָרעם-פישער-לעבן טרוימען.
אין הויפן ליגן שיפלעך אונטער שווערע שטייפע פלאַכטעס
און אונטן — גרינע כוואַליעס קלאַפּן אָן אין טיר און שוימען.

פאַרן שטורעם — י. איזראַעלס

וואַלהאַלאַ

ב. גלאַזמאַן ●

.1

ס'איז געווען מיין ערשט אימיגראַנטן־יאָר, און ס'איז געווען אַ גרויסער הונגער אין מיין בויך.

ס'איז געווען זומער־צייט, און נישט אין „סיזן". גיי איך אַרום גאַנצע פרימאָרגנס, גאַנצע נאָכמיטאָגס איבער די „עמפּלאָימענט־איידזשענסים" אויף דער בויערי און זוך אַרבעט, נאָר איך געפין ניט.

מיינע אויגן גליטשן זיך איבער די שוואַרצע טאָוולען מיט די ווייסע קרייד־אויפשריפטן: געפעס־וואַשער, בעקערס, קוכערס, שוואַרץ־אַרבעטער פאַר אייזנבאַנען... מיינע בליקן שטעכן זיך אַריין אין די צעשוואומענע אויסיעס, געשריבענע מיט שיטערן קאַלכוואַסער אויף די שמוציקע גלאָז־טאַפליעס: מויערער, בויער, צעמענט־אַרבעטער... איך פּרוביר אַלץ. נאָר — נישטאָ קיין מאַזל.

איז די בויערי מיין דירע, וואו איך פאַרברענג קימאַט גאַנצע טעג, און באַנאַנעס — מיין איינציקע שפּייז.

אַ וואוילע פּיירע — באַנאַנעס: „וואָלוול ווי . . . באַנאַנעס."
מיינע קעשענעס פלעגן טאָמעד זיין מיט זיי אָנגעפּאַקט. צוויי־דריי אַ פּעני! (איך קויף זיי אַ קאַפּעטשקע צוגעלעגערט, מיט ברוין־שוואַרצע פלעקן). צום סאָף הויבט עס אייך שוין אָן נודיען פון אָט דער ווייכער זיסקייט. אָבער—דעם הונגער נאַרט מען מיט זיי פון דעסטוועגן אָפּ.

.2

אין דער גאַנצער ברייט פון אַ גרויסער שויב פון אַן „עמפּלאָי־מענט"־אַגענטור אַרום דעלענסי און דער בויערי ווייסט זיך אַ גרויסע אויפשריפט: „150 לייבאָרערס פאַרלאַנגט היינט, טייקעף, אַרבעט— אויסער דער שטאָט."

אַרבעטלאָזע שטראָמען אָן גאָר גיך אַ היפשע צאָל. הויכע ריזן:

אירלענדער, דייטשן, סקאַנדינאַווער. מיטלוואוקסיקע און קורצ־וואוקסיקע: גריכן, איטאַליענער, יידן. איך — צווישן די לעצטע.

וויבאַלד אַז „היינט, טייקעף" און גאַנצע „הונדערט און פופציק" — ווער איך באַ זיך האַפערדיק: פאַרוואָס ניט איך אויך? כוץ דעם: ס'איז שוין פאַרמיטאָג. אינעם געדיכטן געזעמל אַרום מיר געפינען זיך עפשער אינגאַנצן אַרום 40־50 מענטשן. ניט פיל בלייבן דאָ אַרום די „איידזשענסים" אַזוי שפעט נאָכמיטאָג. בלויז די סאַמע אָרעמסטע. מיין האַרץ קלאַפט. נו, יאָ, וואו וועט ער נעמען גאַנצע 150 און נאָך היינט? כ'רוק מיך, איך ווער געדרוקט אינעם אַרומיקן געדרענג, אַלץ נעענטער צו דער גרויסער טונקל־גרינער אַריינגאַנג־טיר.

אינעווייניק, אין גרויסן אָפיס, גייט עס אַלץ צו שנעל. מען שטעלט אונדז אויס אין אַ שורע, אַ היפשע, געדריידלטע שלאַנגען־ליניע. אַ נידעריק געפּאַקט רויט מענטשל באַ אַ דעסק — אַ פּאָנעם פול מיט פּרישטשעס — פאַרטיקט שנעל אָפּ די אַפּליקאַנטן. כ'זע: אַרבעט־לאָזע אָן שום געלט באַ זיך ווערן אויך צוגענומען. פאַרקערט: קאַנ־דידאַטן מיט אַ פּאָר טאָלער אין קעשענע ווערן אַוועקגעשטעלט אָן אַ זייט, באַזונדער — לינקס.

שנעל פאַלן אָפּ קעפּ פון דער געדרייטער שלאַנגען־ליניע — דעם נידעריק געפּאַקטן רויטן מענטשלס צינגל שניידט זיי אָפּ שאַרף, ווי מיט אַ מעסער. און איידער איך קוק מיך אַרום, גיט שוין דאָס מענטשל מיט די פּרישטשעס שאַרף אַ קוק אויף מיר:

— האָסט עפּעס געלט באַ זיך? כ'מיין אויף באַן־הויצאָעס?

— ניין — קלאַפּט מיר דאָס האַרץ — אין אַ קעשענע ליגט באַ מיר 60 סענט, אָבער הייסט דאָס געלט?

— נו, ס'מאַכט נישט. מיר'ן אויסלייגן. עסן וועט מען דיר דאַרט אויך געבן. ס'הייסט: אויף קרעדיט. דו'סט אָפּאַרבעטן.

מיין האַרץ פּלאַצט שיר ניט פון גליק... און ער — ווידער שאַרף און שניידנדיק:

— קרויוויים... האָסטו עפּעס פריינט, קרויווים אין ניו יאָרק? כ'מיין, אין פאַל עפּעס...

— ניין.

— אָלרייט. שטעל זיך רעכטס. מיר פאָרן באַלד צו דער באַן אין אונדזער טראָק.

.3

איך האָב מיך געפֿונען אין אַ געהויבענעם געמיט־צושטאַנד: ערשטנס, דער גרויסער הונגער אין מיין בויך, וואָס וועט אינגיכן אָנהויבן רעגלמעסיק געשטילט ווערן. צווייטנס, דער צויבערפֿולער קלאַנג פֿונעם אָרט, וואוהין איך פֿאָר: וואַל־האַ־לאַ.

אָנגעקומען זיינען מיר אין אָוונט. פֿון באַן — גלייך אין אַ באַראַק אַריין. אַפֿילו דאָס דערפֿל קוים באַוויזן צו זען. אין דער טונקעלער בלויקייט פֿון דער נאַכט האָבן מיר געזען — ניט געזען, נאָר געפֿילט — אויפֿן וועג אַ סאַך קאַנאַוועס, גראָבנס, אָנגעהויפֿטע בערגלעך ערד — ווי מיר וואָלטן אָנגעקומען אויף אַ שלאַכטפֿעלד. די דרעמלענדיקע קאָנקריט־מישערס, די עקסקאַוואַטאָרס, די מאַשינען מיט די ברייטע גלאַנציקע שנאָבלען פֿון מעכאַנישע גראָב־אייזנס — מען האָט זיי טאַקע געקאָנט אָננעמען אין דער טונקל פֿאַר האַרמאַטן און טאַנקען.

גיריק האָבן מיר אויסגעלעקט די גליטשיקע צינערנע טעלערס מיט ספּאַגעטי און טאָמאַטן־סאָס און — פֿאַרבליבן הונגעריק. די גרויסע הילצערנע געביידע, וואו מען האָט אונדז אַריינגעפֿירט עסן, האָט אויסגעזען ווי דער עס־זאַל פֿון אַ קאַזאַרמע. אין אַ צווייטן טייל פֿון דער זעלבער געביידע האָט זיך געפֿונען אַ קאַנטער. אַרבעטער מיט געלט אין קעשענע פֿלעגן דאָרט קאָנען דערנאָך צובייסן, אויס־טרינקען.

נאָכן סאַפּער האָט אַן אויפֿזעער אָוועקגענומען בײַ מיר אַ צעטעלע פֿונעם קופּאָנען־ביכל, וואָס מען האָט מיר געגעבן בײַם אָנקומען. גע־קראָגן אַ פּאָר אָוועראָלס — נאָך אַ צעטעלע אָוועקגענומען... פּאַר געלעגער — אַ צעטעלע... מען האָט זיך פֿאַשעט דאָ ניט געקאָנט קיין ריר טאָן אָן אַ צעטעלע.

געשלאָפֿן זיינען מיר אין אַ לאַנגן הילצערנעם ביניען, וואו עס זיינען געשטאַנען לאַנגע מעטאַלענע בעטן—אַ פּאָר הונדערט שוואַרצע אייזערנע בעטלעך. מיין שאָכן אינעם צווייטן בעט — אַ מאָגערער סיריער מיט רויטלעך־ברודיקע קראַנקע אויגן־ווייסלען און מיט אַ שרעקלעך־געקנייטשט פּאָנעם — האָט זיך לאַנג, לאַנג געדרייט אויף זיין געלעגער. די עלעקטרישע לעמפּלעך אין זאַל זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן פּלוצלונג, אָן שום וואָרעניש, ווי אין אַ שפּיטאָל. דורך אַ

נאָענטן פענצטער האָט אַריינגעשיינט אַ זייל לעוואָנע־ליכט. אַז דער סיריער האָט געכאַפּט אויף זיך מיין בליק, האָט ער אַרויסגעוויזן מיט אַ צעקרימט פּאָנעם:

— „מי נאָ לאַיק דים פּלעיס."

4.

אַרויף צאָפן־צו, העכער אין ניו יאָרק סטייט, אין די פּילע אָפּ־צווייגונגען און קייטן פון די קעטסקיל־בערג, שטראָמען פון דער בערג־טיף פרישע קוואַלן, רוישן זינגעוודיק זילבערנע באַרג־טייכלעך.

מען האָט אין יענע יאָרן געהאַלטן אין גראָבן דעם ריזיקן וואַסער־אַקוועדוקט, וואָס ציט זיך פון די קעטסקיל־בערג, אויף אַ מאַהאַלעך פון העכער הונדערט מייל, קיין ניו יאָרק—באַזאָרגט די פיל־מיליאָניקע באַפעלקערונג פון דער ריזן־שטאָט מיט פרישׁ באַרג־וואַסער. און דער דאָזיקער אַקוועדוקט האָט געזאָלט אויך דורכגיין דורך וואַלהאַלאַ.

גאַנצע טעג, פון סאַמע אין דער פרי ביז פאַרנאַכט, האָבן מיר פאַר־בראַכט אין די גראָבנס. כ'האָב קימאַט קיין מעגלעכקייט ניט געהאַט אָנצוקוקן דאָס דאָזיקע אָרט מיטן צויבערלעך־קלינגענדיקן נאָמען: וואַל־האַ־לאַ.

הויכע באַוועלדערטע באַרג־ווענט אויף ביידע זייטן. ס'לייכטן פון די בערג אַרויס, ווי אָדלער־נעסטן, ווייסע, רייכע קאָטעדזשעס מיט קאָלאָניאַל־זיילן און מיט מעשופּעדיקע דעכער און רויטע באַל־קאָנדלעך.

די אויגן, ווי באַלד זיי זיינען יונגע און טרוימערישע, זיינען פאַר זיי קיין שטער ניט די הויכע בערג־ווענט צווישן וועלכע וואַלהאַלאַ איז איינגעשלאָסן. זיי לעכערן זיי דורך די ווענט: אויף יענער זייט רעכטן באַרג־פליגל — דער ברייטער שימערירנדיקער פּאַס פונעם לאָנג איילאַנד סאַונד. אויף יענער זייט לינקן באַרג־פליגל — די פּערלדיקע ריזן־טאַשמע פונעם אומגעזעענעם האָדסאָן־טייך.

אָבער מיין אומצופרידנקייט וואַקסט. וואָס־זשע האָב איך פון אָט דער וואַלהאַלאַ מיט די שיינע בערג אַרום? די ערד אַרום איז צע־פּאַלמעסט אויף מיילן און מיילן. מעטאַלענע דאַמף־עגבערס דרעלעווען נאָכאַנאַנד און אָן אויפהער האַרץ פון פעלד, האַרץ פון אורשטיין. אין אויסגעדרעלעוועטע באַרג־שפּאַלטן ווערן אַריינגעלייגט הייפלעך

דינאַמיט. טויבע הילכן טרייסלען נאָכאַנאַנד פונאַנדער די איינגע־שלאָסענע לופט צווישן בערג פון טויזנטער און טויזנטער יאָרן... די מעכאַנישע גראַב־אייזנס מיט די ברייטע שטאָלענע שנאָבלען שאַרן דערנאָך מיט אַ שווער שנאָרכן דעם פעלדזן־ברוכווארג, פילן אָן טראָק נאָך טראָק, טראָק נאָך טראָק. מיר געפינען זיך ניט ווייט פונעם אָרט, וואו עס וואַקסט שפּעטער אויס די גרויסאַרטיקע קענסיקאָ־דאַמבע.

באַ די מאַשינעס אַרבעטן מעכאַניקער — „עמעסע" אַמעריקאַנער. זיי קומען זיך ווייניק צונויף מיט די שוואַרץ־אַרבעטער פון דער קאַזאַרמע. דאָס ראָוו פון זיי זיינען טאַקע איינוואוינער פון וואַל־האַלאַ. מיר, די „פאַרריינערס", שטייען גאַנצע טעג אין דער נעץ, בויגן זיך אין דרייען איבער די רידלס, קריגן געשוואָלענע פיס. רעוומאַטישע ווייטיקן וועקן זיך אויף באַ דעם, באַ יענעם... די גראָבנס זיינען נאַסע, דעמפּיקע. מען שטויסט זיך אָפּט אָן אויף גרונט־וואַסער. דאָס ראָוו אַלטע אַרבעטער דאָ פאַרמאָגן טאַקע הויכע גומע־שטיוול. מיר אָבער, די גאַנצע מאַכנע אָקאַרשט־אָנגעקומענע, פאַרמאָגן בלויז אונדזערע דינע שטאָטישע שיך. די נעץ נעמט זיי דורך. פאַרנאַכט איז מען שוין צעבראָכן. מען כאַפּט אַ ציטער. אייניקע האָבן פיבער. מען טיילט אויס אַספּירין ניט־געזשאַלעוועטער־הייט — דאָס איינציקע, וואָס מען קריגט דאָ אומזיסט...

איבער אונדזערע גריבער אין דער הויך דרייט זיך אַרום דער הויכער בלאָנדער פאַרמאַן אין לאַנגע רויט־לעדערנע שטיוול, מיטן שפּיצרוט אין האַנט. מיר געפעלט ניט, וואָס ער פאָכעט און סווים־טשעט נאָכאַנאַנד מיטן שפּיצרוט אין דער לופט, ווי אַ דרעסירער פון כייעס אין אַ שטייג. איך הויב אָן אונטערבורטשען צווישן די אַר־בעטער אין די גראָבנס — מיר זאָלן זען אַלע אינאיינעם בעטן מען זאָל אונדז אַרויסגעבן שטיוול צו דער אַרבעט. מיין שאַרף ציינגל האָט מיר דאָ אָבער ווייניק געהאָלפן: ווי שלעכט איך האָב אַליין ניט געערעדט קיין ענגליש, האָבן די איבעריקע אַרבעטער מיט מיר — איטאַליענער, גריכן, סיריער — נאָך ווייניקער עס פאַרשטאַנען. זיי האָבן בלויז געקוקט אויף מיר מיט צעמישטע אָדער מיד־שמייכלענ־דיקע בליקן. אייניקע האָבן שטאַמלענדיק מאַסקים געווען:

— „אָרייט, באָס, אָרייט..."

5.

דעם ערשטן שאַבעס־צו־נאַכטס, באַם אָפּרעכענען זיך — פאָרן עסן, געלעגער, אָוועראָלס, טראַנספּאָרטאַציע, וועש, באַרבער־שאָפּ, אַ שטיקל זייף, און וואָס ניט — האָט זיך אַרויסגעוויזן: עס קומט נאָך פון מיר אַרויס דער קאָמפּאַניע אַרום דריי טאָלער...

כ׳בין געווען אַרומגעוואַשן, אַרומגעגאָלט, צוריק אין מיינע אייגענע מאַלבושים. כ׳האָב מיך געריכט, מיט אַ פּאָר טאָלער אין קעשענע, כאַפּן אַ פּאָר געשמאַקע ביסנס אין קאַנטין. דערנאָך — זיך לאָזן אָנקוקן דאָס דאָרף וואַלהאַלאַ. וואַלהאַלאַ! און איצט... איך בין געווען פאַרביטערט. איך בין צו צום פאָרמאַן:

— איר מוזט מיר זען געבן אויף דער צווייטער וואָך כאָטש אַ פּאָר שטיוול... — האָב איך מיך אָנגעצונדן.

ער האָט זיך געהייסן דערלאַנגען דאָס קופּאָנען־ביכל, אַ בלעטער געטאָן — און עס מיר גלייך צוריקגעשטעקט.

— ניקס מאַכן... ס׳עט ניט קלעקן... האָסט שוין אַזוי אויך איבערגענומען מער, ווי ס׳קומט דיר... וואַרט נאָך אַ וואָך, וועט מען זען... „דאָנט באַדער!“

— ביז דער צווייטער וואָך קאָן מען נאָך אָבער אָט אַזוי קראַנק ווערן... מיר שטייען גאַנצע טעג אין וואַסער...

ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן פון דער הויך אַרונטער מיט אַ שמייכעלע.

— אַז ניט פאַרלאָז איך דעם דזשאָב.

— „גוד באַי און גוד לאַק“... — האָט מיך דער פאָרמאַן גלייכגילטיק אַ שאַר אַוועק געגעבן פון זיך — נאָר צוערשט אַרבעט אָפּ, וואָס ס׳קומט פון דיר... נעקסט!

מיט אַ צעפּייניקט האַרץ בין איך אַוועק. די נאַכט איז געווען אַ פראָסטיקלעכע, כאָטש — ערשט סאָף־אָקטאָבער. די לופט — בערגיק, טרוקן — האָט מיך נאָך די ערשטע אָטעם־זופּן גלייך דערפרישט. אויף אַ ציכטיק־בלויען הימל האָבן געלויכטן שטערן פון פאַרשיידענער גרויס. אַלע אַזוי בלישטשענדיק און אַזוי שאַרף, ווי כ׳האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען שטערן בלישטשען. ס׳איז געווען אַזוי פראָסטיק־שטיל, אַז ס׳האָטווירקלעך געשיינט: די ווייטע שטערן שטיפן דאָרט און זינגען...

מיר אָבער, אין מיין פאַרביטערטקייט, האָט זיך געדוכט: אהאַ, דאָס ווילן זיי מיך צוריק אַרייננאַרן, אָט די וואַלהאַלאַ-שטערן... ס'איז מיר מיטאַמאָל געוואָרן שרעקלעך ענג צווישן די הויכע בערג-ווענט אויף ביידע זייטן שמאָלן טאָל. כ'האָב אָנגעהויבן האַסטיק שפּאַנען. איידער כ'האָב מיך אומגעקוקט בין איך שוין געווען אויף דער קליינער באַן-סטאַנציע.

ס'האָט מיר אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן... קעגן מיר, אויף דער פּלאַטפאָרמע, איז אָנגעקומען מיין בעט-שאָכן, דער סיריער. איז ער אַמאָל ניט געשיקט געוואָרן נאָך מיר? און אויב אפילע ניט, איז ווי וועל איך נעמען די באַן בעאַיים יענער שטייט דאָ און קוקט? איך בין געווען פאַרצווייפלט.

— „מי נאָ לאַיק דהים פלעים... באַ... כּאָקערס...“ — זיין געזיכט האָט זיך נאָך שטאַרקער געקנייטשט און געקרימט — „נאָ גוד פלעים... מי גאָ האָם...“

כ'האָב אים פון פרייד אַזוי אַ דריק געטאָן די האַנט, אַז יענער האָט אַ געשריי געטאָן פאַר ווייטיק. ווען איך וואָלט נאַר ניט געווען אַזאַ שעמעוודיקער, וואָלט איך געקוש דעם גאַנצן וועג צוריק אין באַן ניט אָפּגעלאָזט מיין כּאַווער, דעם סיריערס, האַנט.



אַרט יאָנג

— עך, בין איך מיד.

— אָט האָסטו דיר! דו ביסט מיד! איך בראָט זיך אַ גאַנצן טאָג באַם הייסן אויוון, און ער אַרבעט אין אַ קילן רינשטאָק, רעדט ער נאָך!

אונדזער לאַנד

● ב. פרידמאַן

פון ברעגן פון אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק —
ווער האָט וועגן דאָ צעגאָסן מיט צעמענט?
ס׳האָבן מיילן אויסגעלייגט און אָפּגעמאָסטן
גאַנצע דורעס אָפּגעקויפטע הענט.

ס׳איז דאָס לאַנד אַ ריז אין ברייטן און אין הויכן.
פון שווערער האַרמאָניע אויף יעדן טריט און שפּאַן —
הונדערט שטאָקן צו די הימלען גרייכן,
מעסטן זיך אין הויך מיט עראָפּלאַן...

נאָר שטעל זיך אָפּ און זע אין שוואונג פון בריקן
און אין שווינדל פון די הונדערט שטאָק
קלענסטן שרויף און יעדן שטיין און ציגל,
קלענסטן שטאַנג און איינגעשרויפטן טשוואָק...

:: :: ::

פאַרטאָג. אין פריער שאָ פון זיבן
ווערט אימפּעט פון דעם לאַנד צונויפגעקליבן
און צעשיקט דורך בריקן, שיפן און טונעלן
אין פאַבריקן, גריבער און געשטעלן.

ווי מיט קישעף עפנט ס׳לאַנד אויף אירע טירן,
און עס שטייען גרייט די באַנען קויעך צו צעפירן —
ס׳וואַרט דאָס לאַנד מיט אָפּגעקילטן אייזן פון מאַשינען
אויף אַכטער שאָ פון יעדן וואָכיקן באַגינען.



מוישע נאַדיר

מוישע נאַדיר איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל נאַראַיעוו, גאַליציע (איצט פוילן), אין 1885. אין 1898 איז ער געקומען קיין אַמעריקע. ביז 16 יאָר האָט ער געלערנט אין סקול.

מ. נאַדיר האָט אָנגעהויבן שרייבן זייער פרי. פון 1902 האָט ער געדרוקט לידער, דערציילונגען און הומאָריסטישע זאַכן אין פאַרשיידענע זשורנאַלן, צייטונגען און צייטשריפטן. אין דער „פרייהייט" איז מ. נאַדיר אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער זינט איר גרינדונג אין 1922.

מ. נאַדיר שרייבט זייער אַ סאַך און אויף פאַרשיידענע געביטן: פּאָעמעס, לידער, דערציילונגען, הומאָריסטישע זאַכן, פעליעטאָנען, אַרטיקלען, דראַמעס, קינדער-ליטעראַטור, א. אַז. וו. מ. נאַדיר איז דער גרעסטער יידישער הומאָריסט נאָך שאָלעם-אַליינעמען און דער גרויסער מייסטער פון דער יידישער שפּראַך און סטיל. זיינע סעריעס: „פון נעכטן ביז מאָרגן", „פענונביקס", „דער גענויאַלער אידיאָט". און זיינע פּאָעמעס, וועלכע ווערן אָפט דעקלאַמירט אויף אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען און פייערונגען, זיינען זייער באַליבט בּאַ די יידישע מאַסן.

איך — אַלס ווידערקאָל

● מוישע נאַדיר

די צייטן זיינען געווען שלעכט. די צייטן זיינען געווען ביטער, נאָך ביטערער ווי איר דענקט. צו עסן איז נישט געווען וואָס, און דאָס ביסל וואָס איז געווען צו עסן איז אויך נישט געווען מיינס, נאָר עמעצן אַנדערשס.

מענטשן, וואָס איך האָב זיי נישט געקענט און האָב אַפילו קיינמאָל נישט געהערט זייערע נעמען, זיינען געגאַנגען פריי איבער די גאַסן און געגעסן זאַפטיקע באַרן און עפּל און שקאַרמיצן מיט רויטע קאַרשן, און זיי האָבן געשיילט באַנאַנעס און געוואָרפן די שאָלעכץ אונטער מיינע פיס; און איך אַליין, וואָס בין זיך נישט קיין פרעמדער און איך קען זיך אַזוי גוט — איך בין אַרומגעגאַנגען ליידיק און מיינע ציין זיינען אַרומגעגאַנגען ליידיק. אין יעדן פון מיינע צוויי אויגן איז

געהאַנגען אַ כאָלעם פון אַ פרישן פרישטיק. און אין יעדן פון מיינע נאָזלעכער האָט געציטערט די לײדנשאַפט צו אַ קאָשערן רעסטאָראַן, צו אַ וואַרעמען מאָלצייט.

איך בין אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, געדרייט אין דער לופט מיין שטעקן און זיך געוואונטשן ענטוועדער דעם טויט, אָדער אַ גליקלעכע צוקונפט.

דער טויט איז נישט געקומען, און ווען ער וואָלט געקומען וואָלט ער מיך סיי־ווי־סיי נישט געווען געטראָפן אין דער היים, ווייל איך האָב זיך געהאַט אַרויסגעצויגן פון דער אַלטער דירע; און די גליק־לעכע צוקונפט איז געווען ווייט, אַזוי ווייט ווי זי איז אַלע מאָל, אַפילע אין דער צוקונפט.

איז באַ מיר געבליבן — זוכן אַרבעט.

זוכן אַרבעט! אַרבעט זוכן! לאָמיר אַ זוך טאָן אַרבעט! אַזוי האָב איך געזאָגט צו זיך, ווייל דאָס וואָרט „אַרבעט״ האָט מיך גע־שראָקן. איך בין שוין געווען אָפגעוואוינט דערפון. אַכוץ דעם האָב איך מוירע געהאַט אַז איך וועל מיר דאַרפן איינשמירן די הענט און דער גלאַנץ וועט מיר אַראָפּ פון די נעגל.

איך האָב געהאַט זייער שיינע נעגל!

עס האָט געהאַלטן שמאָל, זייער שמאָל. מיינע באַקן זיינען גע־וואָרן איינגעפאַלענער פון טאָג צו טאָג, מיין ברוסט־קאַסטן איז געוואָרן פלאַך ווי אַ מאַצע, מיינע אויגן האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דער דרויסנדיקער וועלט און זיך באַהאַלטן אין די לעכער און זיך געפוילט צו באַאָבאַכטן די זאַטע וועלט. מיינע הענט זיינען געוואָרן שוואַך, מיין האָפענונג אויך. זי האָט נישט מער געפלאַטערט ווי אַ זיידענע פאָן אין ווינט, נאָר איז געלעגן אויף דער נעשאָמע, ווי אַ קאָלדרע וואָס הענגט אַרויס פונעם פענצטער און וויל אַראָפּפאַלן, נאָר זי קען נישט...

אַך, די קרעכצן און די זיפצן, וואָס זיינען צו יענער צייט אַרויס פון מיין ברוסט! פון די אויגן זיינען מיר געגרונען — נישט קיין בלוטיקע טרערן, נאָר ה י י ס ע בלוטיקע טרערן! די דאָזיקע טרערן האָב איך געלאָזט רינען פריי איבער מיין וועסטל. דערנאָכדעם פלעג איך נעמען ס׳וועסטל און עס אויסדרייען, און עס אַרויסהענגען אין דרויסן — עס זאָל זיך טריקענען.

אַ לאַנגע צייט האָב איך געזוכט אַרבעט און, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט געפונען. אומעטום וואו איך בין געקומען זוכן אַרבעט האָב איך געקראָגן דעם זעלבן ענטפער — ווי אַלע וואָלטן זיך צונויפּ־גערעדט — „נישטאָ גאָרנישט".

אַז ס'האָט שוין געהאַלטן גאָר שמאָל — אַזוי שמאָל, אַז דאָס וואַסער האָט שוין דערגרייכט אַזוי ווייט (אָנווייזנדיק אויף מיין קראַוואַט) — דעמאָלט האָב איך דערהאַלטן פון אַ פריינט מיינעם, אַ פאַרמער, אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט מיר אָנגעבאָטן ווערן אַ ווידערקאָל מיט אַ געהאַלט פון $2.40 אַ טאָג און פרייע לאַנדרי.

איך — אַ ווידערקאָל? נישט מער דער שיינער, דער כיינעוו־דיקער יונגערמאַן מיט זיין הויכער שטעלונג אין דער געזעלשאַפט, מיטן ליכטיקן שמייכל און מיט די אויגן — נאָר אַ ווידערקאָל... אַן עכאָ... אַן אָפּקלאַנג... אָט אַזוי האָב איך מאָנאָלאָגירט, און זיך געריסן די לאָקן פון קאָפּ, און זיי אַרויסגעלאָזן דורך די פענצטער פון דער באַן, וואָס האָט מיך געטראָגן צו מיין קאַריערע אַלס עכאָ...

אַז איך בין אָנגעקומען אַהינצו אויף דער פאַרם און זיך באַגריסט מיט מיין פאַרמערישן פריינט, האָט זיך צווישן אונדז געשטעלט אַזאַ מין שמועס:

א י ך: אין וואָס באַשטייט מיין אויפגאַבע אַלס ווידערקאָל, פליז?

ע ר: וועסט מוזן שטיין אַ גאַנצן טאָג לעבן בריקל פון מיין טייך און אַרויסלאָזן עכאָס...

א י ך: דער סייכל?

ע ר: פאַרשטייסטו מיך, עס זיינען פאַראַן מענטשן וואָס זיינען גרויסע נאַטור־ליבהאָבערס און זיי האָבן האָלט אַז עס זאָל עכאָן... און אַזוי ווי מיין קאָנקורענט האָט פאַראַיאָרן צוגענומען אַ מענטשן און אים אַוועקגעשטעלט ערגעץ באַ אַ בריקל ער זאָל עכאָן, האָב איך היינטיקס יאָר אַדווערטייזט, אַז מיר האָבן נאָך אַ שטאַרקערן ווידערקאָל אין אונדזער וועלדל — ווייל איך דו זאָלסט זיין דאָס ווידערקאָל... ווייל דו האָסט אַ געזונט קאָל.

שפּעטער מיט 8 מינוט בין איך שוין געלעגן ערגעץ פאַרשטעקט אין אַ זומפּיק וועלדל און געוואַרט אויף דער געלעגנהייט אויסצו־פּרואוון מיין טאַלאַנט אַלס אַ ווידערקאָל.

באַלד איז פאַרבייגעגאַנגען אַ ייד, און לויט זיינע באַוועגונגען מיט די הענט, ווי אויף צו כאַפּן פליגן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער מוז זיין אַ פאַרערער פון דער מוטער נאַטור, און אַ זוכער פון — עכאָס.

באַלד האָב איך דערהערט אַ רוף: העלאָ! הוזדער?

איך האָב פּינקטלעך צוריקגערופן: העלאָ! הוזדער?

— אַ פיינער טאָג! — האָט געזאָגט ס'קאָל קומענדיק אַלץ נעענטער.

— דאַטסרייט! — האָב איך געענטפערט — אַ פיינער טאָג!

דער „דאַטסרייט" איז געווען איבעריק, אָבער נאַטירלעך.

— זיינען מיר אַלזאָ אין קאַנטרי — האָט גערופן ס'קאָל.

און איך האָב צוריקגערופן מיט דער זעלבער באַטאָנונג: זיינען מיר אַלזאָ אין קאַנטרי!

— כאַ-כאַ! — האָט געלאַכט ס'קאָל.

— כאַ-כאַ! — האָב איך צוריקגעלאַכט.

— וואו זענט איר? — האָט געפרעגט ס'קאָל.

— וואו זענט איר? — האָב איך צוריקגעפרעגט.

— כאַ-כאַ-כאַ! — האָט זיך ס'קאָל געהאַלטן באַ די זייטן פון לאַכן.

— כאַ-כאַ-כאַ! — האָב איך צוריקגעלאַכט, נאָך מער ווי מ'האָט באַדאַרפט.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. איך האָב זיך דערווײַל פאַררויכערט אַ ציגאַרעטל און באַלד האָט ס'קאָל ווידער געפרעגט:

— וואָס מאַכט איר עפּעס?

— טענקיו! — האָב איך געענטפערט — איך בין אָלרייט. וואָס מאַכט איר אַליין?

אין אַ האַלבער שאָ אַרום האָב איך געהאַלטן אויף דער דלאָניע $2.40 — געצאָלטס פאַר מיין מערדערישער אַרבעט אַלס ווידערקאָל, און מיין פריינט, דער פאַרמער, האָט מיר געוויזן מיטן פינגער צו דער באַן-סטאַנציע און ער האָט מיך געוואָרנט, אַז איך זאָל אַכטונג געבן ווי איכ'ל אַריבערגיין די „טרעקס", אַז נישט וועט מען מיך איבערפאָרן...

באַ דער מאַשין

● מאַרטין בירנבוים

זשוש . . . קררר . . .
זשוש . . . קררר . . .
באַלד הורקענדיק,
באַלד גלאַטיק־דין,
גראַגערט, זשומעט די מאַשין.
הין און קריק —
די נאָדל שנעל;
שוואַרצער פּאָדעם
העפט די פעל.
הענט פאַרהאַריקט,
רערל בלאַנק.

ווער מען אַרט דאָ פעלצנגעשטאַנק ?
ווער מען אַרט דאָ
שוויים און ברוד ?
האָסטו אַרבעט —
איז דיר גוט !
נישט דו טראַכסט
און נישט דו רעדסט —
נאָר „געשאָסן",
נאָר געזעצט.
נאָך אַ צינגל,
נאָך אַ פעל . . .
„נאָך נישט פאַרטיק ? —
וואַטאַהעל ! !"

טיף אין בלוט —
אַ ריס, אַ ברי.
טוען הענט זיך אַ צעפּלי.
טוט מאַטאָר זיך אַ צעברום
און די ליפּן — שטום.
נאָר „געשאָסן",
נאָר געזעצט —
נישט דו ענטפערסט,
נישט דו רעדסט.

נאָך אַ נאָט
און נאָך אַ צאַק,
און די נאָדל פּלוצים — קנאַק!
מיט די ציין —
אַ קריץ, אַ שטשיר —
שוין אין האַנט דער שרויפּנציער;
שנעל דאָס שרייפל אויפגעדרייט.
טראַכסט:
ס'איז עפּעס נישט גענייט...
כאַפּסט אויף זייגער שנעל אַ קוק:
נישט געמאַכט אים היינט גענוג...

„מיסטער הוירש!
אַ נאָדל, פּליז!"
און דערוויילע — אַ שטרעק די פיס;
געכאַפּט אַ בליק צום צושנייד־טיש
און מיט האַנט — דעם שוויים אַ וויש.

„האַקסט די נידלס!
טאָסטע, נו."
ברענגט דער באָס אַ נאָדל צו.
„היינט די פּערטע", דראָעט ער בייז,
ס'ט האָבן, באָי, אַ גוטע קיים!"

פלינק די נאָדל איינגעשרויפט —
ברומט דער מאָטאָר שוין און לויפט.
היין און קריק —
די נאָדל שנעל;
שווארצער פּאָדעם
העפט די פעל.
הענט פארהאָריקט —
רעדל בלאַנק —
וועמען אַרט היינט פעלצגעשטאַנק?!
וועמען אַרט היינט שוויים און ברוד?!
היינט איז פרייטיק —
היינט איז גוט!
שלינג אַרונטער,
זיץ און שווייג!

היט די רעגע —
ס'קומט דיין צייט!!



צו דער אַרבעט — ה. קאַלעם

גרענד-סענטראַל

נאָכעם ווייסמאַן

קנוילט זיך נאָך די נאַכט מיט אומרו אויף ניו-יאָרקער דעכער,
צאַפּלט זיך אויף שפּיצן שפּיזן שוין דער נייער טאָג;
שאַרן זיך, ווי שאָטנס טאַנצנדיקע אויף די ווענט,
די פענצטער-וואַשערינס, מיט קעסעלעך און לאַנגע באַרשטן אין די הענט.

האָט מען שלאָפנדיקע קינדער ערגעץ וואו געלאָזן.
כאָלעמען זיי עפּשער איצט פון שיכעלעך און ברויט...
ס'האָט די מאַמעס דאָ, אין גרענד-סענטראַל, פון בעט אַרויסגעטריבן
די מאָנענדיקע הונגער-נויט!...

כאָלעמט נאָך די נאַכט אויף גאָלדענע קופּאָלן...
פינקלט די עלעקטריק-ליכט אויף גאַסן פון מיין שטאָט.
זינגען טריט אויף טרעפּ אַראָפּ צו באַנען אונטערערדישע —
ליד פון טאַנצנדיקן הונגער אויף אַנגעגליטן דראָט...

עס בלויט זיך דער טאָג אויף באַנען-רעלסן,
שוועבט דאָס ליד פון פענצטער-וואַשערינס אויף רעלס און שויב:
זינגען באַרשטן, זינגען שמאַטעס אויף די פענצטער
און ס'זינגט אַ הונגעריק קינדער-ליד אַרויס פון מאַמעס אויג!...

אין אַ פֿאַבריק־שטעטל

● מייקל גאָלד

1.

קריזים־זומער

דער צווייטער קריזים־זומער אין דענפֿאָרד. מ'האָט צוגעזאָגט, אַז אָט־אָט וועט בעסער ווערן, אָבער די בוימער זיינען גרין געוואָרן, די רויט־בריסטלעך זיינען געקומען צו פֿליען, און ס'איז געוואָרן ערגער.

די גאַסן און די פּאַרקן זיינען אין מיטן העלן טאָג געווען געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס איז ניט געוויינלעך אין אַ פֿאַבריק־שטעטל. מען האָט גענומען וואַרפֿן פֿון די דירעס. די באַלע־צדאָקע האָבן אינגאַנצן אויפֿגעהערט צו געבן הילף. אַ קאָלאָניע פֿון פֿיר הונדערט היימלאָזע אַרבעטער האָט זיך באַזעצט אין אימפּראָוויזירטע כאַטקעס פֿון בלעכענע פּושקעס אויף די אָפּפֿאַל־פּלעצער באַם טייך. דאָס אַלץ, און נאָך, און נאָך, זיינען שוין דאַן געוואָרן געוויינלעכע זאַכן.

2.

אַלץ איז קאָשער אין קריג

איינמאָל, אין אַ יולי־פֿרימאָרגן — אַ שטאַרקע זון האָט געפּלייצט דורך די פֿענצטער — איז אַרטור פּאַרק דזשעסאָפּ געזעסן בא זיך אין אָפּיס און געטראַכט. ער איז געווען דער רייכסטער מענטש אין דענ־פֿאָרד, פּרעזידענט פֿון „קאָלאָמביאַ בענטייט מילס" — אַ גרויער, צו־געלאָזענער, קליינער יענקי מיט אַ זויערן מאָגן.

זיין אָפּיס — אַ טעמפּל, געבעטט מיט אַ דיקן טעפּיך, וואָס מאַכט ווייך יעדן צו־האַרטן קלאַנג, מיט אַ גרויסן מאַהאָגאַני שרייב־טיש, ווי אַ מיזבייעך. מיסטער דזשעסאָפּ האָט געקייעט סאָדאָמינט טאַב־לעטן, האָט געקלאַפּט מיט זיינע פֿינגער איבערן שרייב־טיש שטאַרק פֿאַרדייגעט. מיטאַמאָל האָט ער אַ דריק געטאָן אַ קנעפּל.

זיין סעקרעטאַר איז אַריינגעקומען אויף די שפּיץ־פֿינגער.

— יעס, מיסטער דזשעסאָפּ.

— הענרי — האָט דער פּרעזידענט געזאָגט — איך בין שטאַרק באַזאָרגט צוליב דער קליפֿטאָן קאָמפּאַני. האָסטו בעדייע צו

„דאַמפּן" יענע אַקציעס? בעעמעס, מע מוז זיך עפּעס אַן אייצע געבן. זיי ווען אונדז רואינירן.

— יעס סער — האָט דער סעקרעטאַר געזאָגט רואיק — מאַרטינס איז געפאַלן אויף אַן אינטערעסאַנטן פּלאַן: די קליפּטאָן גרופּע מוז אויספאַרקויפן אירע אַקציעס אין דריי טעג צייט, אָדער זי וועט זיך מוזן האַלטן מיט זיי. מאַרטינס וויל, מיר זאָלן אַנאָנסירן, אַז מיר האָבן נאָר־וואָס געשלאָסן אַ גרויסן קאָנטראַקט מיט אַן אויס־לענדישער מעלוכע און אַז מיר שטעלן אַן צוויי טויזנט אַרבעטער און נעמען זיך גלייך צו דער אַרבעט.

— דענקסטו, הענרי, אַז עס איז אַ זיכער שטיקל אַרבעט? ס'קען דערפון קיין שלעכטס ניט אַרויסקומען?

— גאַנץ זיכער, מיסטער דזשעסאַפּ. איך וועל עס אַראַנזשירן.

— וועל — האָט דער פּרעזידענט געצויגן די ווערטער, אַריינ־ציענדיק די ווינקלען פון זיין מויל, גלייך ער וואָלט געסמאַקעט אַ לימענע — דער פּלאַן געפעלט מיר ניט אינגאַנצן, הענרי. עפּעס קוקט עס מיר אויס ניט רעכט.

באַ די ווערטער האָט זיך דער סעקרעטאַר פאַרנויגט. דער אייסעק איז געווען פאַרענדיקט. ווען מיסטער דזשעסאַפּ מאַכט אַ יענקישע מינע און זאָגט, אַז עפּעס אַ פּלאַן איז „ניט רעכט", מיינט עס, אַז געפעלן געפעלט עס אים שוין גראָד יאָ, נאָר ער וויל, אַז דער סעקרעטאַר זאָל נעמען אויף זיך די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט.

אָט אַזוי איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ באַשטימטע סיטואַציע אויף דער בערזע דורך פאַרשפּרייטן אַ קלאַנג, אַז נאָך דעם זעלביקן טאָג וועט מען אָנשטעלן צוויי טויזנט אַרבעטער. הענרי האָט טעלעפאָנירט דעם אָרטיקן רעדאַקטער, און ס'איז אַוועק אַ גאַנג.

3.

דער שפּערלינג פאַרלירט זיין נעסט

מעט בוירק, אַ יונגער מאַשיניסט, האָט געוואוינט אין עמערסאָן פּאַרק, איינע פון די בעסערע געגנטן אין דענפאָרד, וואו עס וואוינען קוואַליפיצירטע אַרבעטער. שוין זיבן כאַדאָשים ווי ער גייט אַרום אָן אַרבעט.

יענעם פרימאָרגן איז ער געזעסן אין קיך און געגעסן פרישטיק מיט זיין פרוי אידיט און מיטן קינד.

זיי האָבן געהערט ווי אַ גרויסער טראָק איז צוגעפאָרן מיט געפילדער צו זייער טיר. מעט האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און האָט דערזען דעם טראָק. זיינע ווענט האָבן אויף זיך געהאַט געמעלעכצן. אויף אים איז געווען אויסגעמאָלט וואַשינגטאָן ווי ער טוט טפילע אין וועלי פאָרדזש. אַז מעט האָט דערזען דעם טראָק איז אים געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן.

— אידיט, ענדלעך זיינען זיי טאַקע געקומען נאָכן מעבל.

די פרוי איז געוואָרן בלאַס. דאָס טעפל, וואָס זי האָט נאָר-וואָס אַראָפּגענומען פונעם גאַז-אויוועלע, האָט זיך באַ איר אַרויסגעגליטשט פון האַנט און די קאַשע האָט זיך צעגאָסן איבערן ריינעם דיל. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ בענקל און האָט אָנגעהויבן וויינען. מעט האָט געזאָגט:

— הער זיך איין, נעם דאָס קינד און גיי זיך אַ ביסל דורך אין פּאַרק. איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט זיך דאָ איצט אַרומדרייען.

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן איניקע קינדערשע זאַכן און איז אַרויס דורך דער הינטערשטער טיר. מעט האָט געזען ווי זי גייט דורכן גאָרטן: זיינע ליפּן האָבן אַ ציטער געטאָן און צוגעגעבן אַ ביטערן קנייטש צו זיין יונגן, קלייענדיקן, פּראָסטן פּאָנעם. דערנאָך האָט ער אויפגעעפנט די טיר פאַרן טראָקמאַן.

— איך בין געשיקט געוואָרן פון דעם קרעדיט-הויז אין אינדיאַן סיטי. איך דאַרף פאַרנעמען דאָס מעבל.

— ריכטיק. מיר האָבן ניט דערוואַרט, אַז איר וועט קומען אַזוי שנעל. אָבער אַלץ איז שוין איינגעפּאַקט. נעמט זיך צו דער אַרבעט.

דער טראָקמאַן, אַ שוואַרצער יונגער בער אין „אָוועראָלס", האָט אַ פייף געטאָן צו זיין העלפער, און ביידע האָבן זיך געשמאַק אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. קרעכצנדיק און פייפנדיק, האָבן זיי איינגע-פּאַקט בעטן, בענקלעך, טעפּיכער און עלעקטרישע לאָמפּן.

מעט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַן אַלטן קיך-שטול און גע-רויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן, אַרומטראַכטנדיק דעם איניען:

— אינסטאַלמענט פּלאַן! אַזוינע אויסוואורפן! זיי האָבן דיך ניט צורו געלאָזט, ביז דו האָסט אָנגעקויפט באַ זיי אַ וועלט מיט

יאַנגסטאַון   וו. גראָפּער

זאַכן! איצט נעמען זיי אַלץ אָפּ בײַ דיר! נאָכדעם ווי זיי האָבן בײַ מיר אָפּגענומען טויזנט דאָלער פון מיינע פערציק-דאָלערדיקע וועכנט-לעכע סכירעס. ס׳איז אַ שווינדל, אַ רויבעריי! לעבן אויפן אינסטאָל-מענט פּלאַן!

— הער זיך איין, לאַנדסמאַן — האָט געזאָגט דער טראָקמאַן — כ׳ווייס, ס׳איז פּאַסקודנע, נאָר וואָס קאָן איך טאָן! קאָן איך עפּשער נעמען דעם טיש, לעבן וועלכן דו זיצסט? ער איז פאַרשריבן אויפן צעטל.

— נעם דיר אים — האָט מעט מיט ביטערניש געזאָגט — ס׳איז דיינס.

דער טראָקמאַן האָט צונויפגעלייגט דעם טיש מיט די פיר בענק-לעך, האָט זיי אַרויסגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס, אויספייפנדיק אַן אַריע פון „ריגאָלעטאָ״. דער העלפער האָט זיך אַרויסגעוואַקלט פונעם זאַל, אָנגעלאָדענער מיטן עלעקטרישן זייגער, מיט דער ראַדיאָ און מיטן טעפּיך, וואָס אידיט האָט אַזוי האָלט געהאַט. מעט האָט מער ניט געקאָנט צוזען, ווי מען ברעכט זיין היים. ער איז אַוועק אויף דער הינטערשטער וועראַנדע, זיך אַנידערגעזעצט אויף די טרעפּ און געקוקט אויפן גאָרטן.

דער גאָרטן! דאָס ליבע גערטנדל! ווי ליב אידיט האָט עס! אָבער אָט האָבן זיי פאַרלוירן דאָס מעבל און וועלן אויך פאַרלירן דאָס הויז מיטן גאָרטן. זיי וועלן זיך מיסטאָמע אַריינציען אין אַ דירע פון צוויי צימערן אויף „האָג באָטאָם״, לעבן טייך, און אידיט וועט בענקען

נאָך איר גאָרטן, און דאָס קינד וועט זיך ניט האָבן וואו צו שפּילן, און . . .

מעט איז אויפגעשפּרונגען און איז ווידער אַמאָל אַריין אין הויז. די באַלעגאָלעס זיינען שוין געווען אַוועקגעפאָרן. דעם קליינעמס מעטס שפּילעכלעך זיינען נאָך אַלץ געווען צעוואָרפן איבערן זאַל, און אידיטס שיינע, בלויע פאָרהאַנגען זיינען געהאַנגען אויף די פענצטער, אָבער פון די טעפּיכער, לאָמפּן, טישן, דער ראַדיאָ, דער סאָפע, איז קיין שפּור ניט געווען. די דירע האָט איצט אויסגעזען, ווי אַ ביים־אוילעם, און מעט האָט זיך געפילט ווי אַ גייסט, וואָס דרייט זיך אַרום דעם פּלאַץ, וואו ער איז אַמאָל געווען אַזוי גליקלעך.

4.

מיסטער דזשעסאָפּס שפּיצל

שוין עטלעכע שטונדן, ווי מעט בוירק האָט זיך געוואַלגערט אין טאָמפּסאָנס קאַפעטעריע. ער האָט זיך אַ שטיקל צייט אַרומגעשלייעט אויף די גאַסן מיט נאָך אַרבעטלאָזע; ער האָט זיך אויך געגודיעט אין פּאַרק. עס איז נישט געווען וואָס צו טאָן. קיין פּלענער האָט ער ניט געהאַט. ער איז געזעסן אין דער קאַפעטעריע מיט נאָך אַ הונדערט דזשאָב־זוכער, ער האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון קאַפע־טעפּלעך און טאַסן, דאָס גערויש פון די געפּעס־וואַשער און דעם דאַמף, דאָס קלינגען פון דער קאַסע, די געשרייען צום קוכער.

דאַלעס אין אַ ליכטיקער, מאָדערנער קאַפעטעריע. דערנאָך האָט מעט דערזען ווי אַ באַקאַנטע פיגור האָט זיך אַריינגעכאַפּט פון דער גאַס. דאָס איז געווען דזשאַני, וועלכער האָט געאַרבעט אויף אַ „פּאָנטש־פּרעס" אין דער זעלביקער פאַבריק, וואו מעט איז געווען אַ מאַשיניסט.

דזשאַני איז געווען אַ קלאָון־טיפּ, אַ גוט־מוטיקער: אין פאַבריק פּלעגט מען האָבן שפּאַס מיט אים. ביינערדיק ווי אַן אָקס, האָט ער זיך גערוקט צווישן די בענקלעך צו מעטן, פאָכענדיק מיט אַ צייטונג.

— העי, רויטער, האָסט שוין געהערט די גוואַלדאָוונע נייעס?

אַ שמייכל האָט זיך צעשפּרייט איבער דזשאַנים פּאָנעם.

— וואָס פאַר אַ נייעס?

—דזשעסאָפּס פּאַבריק וועט אָנשטעלן צוויי טויזנט אַרבעטער — האָט ער אויסגעשריען, ווי אַ צייטונג־יינגל.

מעטס האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן.

— ווייז נאָר אַהער די צייטונג! דזשיזוס! קום שנעלער!

— אַנדערש ניט! — האָט דזשאַני געשמייכלט — איך וועל פריער אַ זשליאַק טאָן אַ גלעזל קאַווע.

5.

אָרעמקייט איז אַ פאַרברעכן

מעט בוירק און דזשאַני זיינען אַראָפּגעשפּרונגען פונעם טראַמוויי און האָבן זיך געלאָזט לויפן מיט נאָך פופציק מענטשן איבער דער גאַס צו דער פאַבריק. זיי האָבן געזען, אַז עפּעס איז ניט גלאַט. אַ פאַבריק שטעלט אָן אַזויפיל אַרבעטער, און באַם טויער איז שאַ־שטיל.

מיטאַמאָל אָבער איז דאָרט געוואָרן אַן אָנגעלאָף. געלע שטרויענע היט האָבן געכוואַליעט אַרויף און אַראָפּ איבער אַ טונקל־צעפלאָסענעם יאַם פון מענטשן. אַ שטילער געמורמל פון שטימען האָט זיך געהויבן און געפאַלן. דער הו־האַ האָט אָנגעוואָרפן אַ פּאַכעד.

— וואָס טוט זיך דאָ, ברודערקע? — האָט מעט אַ פרעג געטאָן באַ אַ יונגן, מאָרע־שכוירעדיקן ריז באַם ברעג פון דער געדיכטער מאַסע.

— זיי נעמען קיינעם ניט צו — האָט דער יאַט אין „אָוועראָלס" געזאָגט, אַרויסשפּייענדיק אַ גאַנצן פּאַק מיט פאַרביטערטקייט און טאַבאַק־זאַפט — איך בין געקומען אַהער פון וואָלדען, און די גאַנצע מייסע איז אַ ליגן.

דזשאַני האָט אַ פּאַך געטאָן מיט די הענט.

— מע שרייבט וועגן דעם אין דער צייטונג — האָט ער געזאָגט— און עס מוז זיין אַן עמעס.

— פּוסטע מייסעס! — האָט יענער זיך אָפּגערופן — עס איז אויך געווען אין אונדזער פּאַסקודנעם בלעטל.

— גיב זיך אַ ריר, מעט — האָט געדונערט דער גרויסער, רויט־פּאָנעמדיקער דזשאַני — לאָמיר זיך דורכשטופּן צום טויער און אַלץ אַליין אויסגעפינען.

ער האָט געאַקערט מיט זיינע אָקסענע פּלייצעס דורך דעם כוואַליענדיקן מענטשלעכן יאַם. מעט איז אים נאָכגעגאַנגען. פאָרויס און אויף צוריק, אַזוי ווי בלוט צו אַ מעכטיק האַרץ, האָבן געשטראָמט צוויי מענטשן-כוואַליעס, איינע איז געפלאָסן צום טויער, די אַנדערע — צוריק.

— ניטאָ קיין אַרבעט! ניטאָ! — האָבן זיך געהערט שטימען. אָבער יעדער ניי-געקומענער, פּונקט ווי דזשאַני, האָט אַליין געוואָלט זען, וואָס עס קומט פאָר.

מעט און דזשאַני האָבן זיך דורכגעשטופּט דורך דער מענטש-לעכער געדיכטעניש. ענדלעך זיינען זיי אָנגעקומען צום פּלויט פון שטעכיקן דראָט, וואָס האָט אַרומגערינגלט די פאַבריק. זיי זיינען גע-בליבן איבערראַשט: סעם קאָפּי, דער אַלטער וועכטער מיט דעם הילצערנעם פוס, איז ניט געשטאַנען באַם טויער. אַנשטאָט אים איז דאָרט געשטאַנען אַ סקוואַד פון סטייט-טרופּערס, געזונטע יונגע אַטלעטן אין קריג-אוניפאָרמען פון כאַקי, מיט גרויסע אויטאָמאַטישע רעוואָלווערן צוגעשפּיליעט באַ די זייטן.

דזשאַני האָט זיך דורכגעשטופּט צום שטעכיק-דראָטענעם פּלויט, האָט אַ מאַך געטאָן מיט זיינע הענט, און האָט וואַגיק אויסגעשריען:

— היי, קומט נאָר אַהער!

די ריי פּאָליציאַנטן האָט אויף אים קאַלט אַ קוק געטאָן. קיינער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. איינער, אַ רויט-האָריקער סאָלדאַט, האָט אַ דריי געטאָן די ביקס, אַ צווייטער האָט אויסגעשפּיגן, נאָך איינער האָט אַרויפגערוקט זיין מיליטערישן הוט און האָט אָפּגעווישט זיין פאַרשוויצט פּאָנעם.

— היי, איר דאָרטן! — האָט דזשאַני אויסגעשריען — פאַר-וואָס, כעווורע, ענטפערט איר ניט, ווען מען רעדט צו אייך? קומט, לאָמיר אַריין אין דעם „עמפּלאָימענט אָפיס"! וואָס טוט זיך דאָ?

עמעצער האָט דזשאַנין אַ צופּ געטאָן פאַרן אַרבל און אַ שעפּטשע געטאָן: — „ברענג זיי ניט אַריין אין קאַס! זיי וועלן דיך צעמיימעסן. זיי האָבן שוין צעמאַזיקט אַ סאַך יאַטן." דזשאַני האָט זיך אָבער געפילט געערעכט און באַליידיקט. ער האָט אַלץ געשריען: — „היי, יאַטן! היי, יאַטן!"

דער זאַמד-האָריקער טרופּער האָט זיך דאַן אָנגעשטייפט

אונטערן אוניפאָרם, ווי אַ טיגער, זיך אָפּגעטיילט פונעם סקוואָד און איז פּאַוואָלינקע צוגעקומען צום טויער. ער האָט זיך דורכגעשטופּט דורכן אוילעם צו דזשאַנין און האָט אים אַ ווײַלע באַטראַכט. דערנאָך האָט ער ניט־אײַלנדיק און אָן מערקבאַרער פּאַרביטערטקייט, ווי אַן עקספּערט, אומגעוואָרפן דזשאַנין מיט אַ שטאַרקן זעץ אין דער מאָרדע. דזשאַני, אַ פּריטשמעליעטער, האָט זיך קוים געשטעלט אויף די פיס מיט אַ קאָמישן אויסדרוק פון מוירע און דערשטוינונג אויפן פּאָנעם. דער אוילעם האָט אַ וואָרטשע געטאָן, ווען דער טרופּער האָט זיך פאַרמאָסטן ווידער אַמאָל אַ זעץ טאָן דזשאַנין. אַן אַלטער מאַן האָט אַרויסגענומען זײַן קאָרן־פּיפּקע פון מויל און האָט מילד און קלאָר געזאָגט:

— ניט שיין אַזוי, אָפיסער.

דער מיליציאַנט האָט זיך אַ קער געטאָן און האָט אָנגעכאַפּט דעם אַלטן פאַרן קאָלנער און האָט אים אַזוי לאַנג געטרייסלט, ביז דעם אַלטנס ברילן זײַנען אַרונטערגעפאַלן פון דער נאָז.

— שלאָג ניט דעם אַלטן — האָט געשריען אַ קורצוואָוקסיקער איטאַליענער אין „אָוועראָלס". דאָס האָט, ווײַזט אויס, צעבונדן די צינגער באַם אוילעם. יעדער איינער האָט אָנגעהויבן צו שרײַען:

— היי, שלאָג ניט דעם אַלטן!

מיטאַמאָל האָבן זיך די איבעריקע מיליציאַנטן אַ וואָרף געטאָן און גענומען שלאָגן, פּאַטשן, שטויסן, בריקען, רעכטס און לינקס, ווי וועלף, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט אין אַ טשערעדע און רײַסן שטיקער פלייש, וואו ס׳מאַכט זיך. דער אוילעם האָט געפּרוּווט אָפּ־טרעטן. פון הינטן האָט מען אָבער געהאַלטן אין איין שטופּן. יעדער איינער האָט געוואָלט צוקומען און זען וואָס ס׳האָט געטראָפן. אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעהויבן דער „רײַאָט".

די מיליציאַנטן האָבן זיך פאַרמאָסטן מיט זייערע „בלעקדזשעקס" אויף יעדן קאָפּ, וואָס איז זיי געקומען צו דער האַנט. מענטשן זײַנען געפאַלן אויף דער בלאָטיקער ערד. אַ געברומעריי, ווי פון לייבן אין אַ פּאַסטקע. אַ סך האָבן זיך פאַרטשעפּעט די פיס אין אַלטע אויטאָ־שינעס און פאַרזשאַווערטע רעדער און געפאַלן. מען איז געלאָפן איבער זיי.

פון הינטער אַ הייזל האָט אַ פּאָליציאַנט אַרויסגעשלעפּט אַ

וואַסער־קישקע און האָט זי אַנגעצילעוועט אויפן אוילעם. זעץ! דאָס וואַסער האָט אויסגעשאָסן, אומוואַרפנדיק מענטשן, ווי שפּיל־העלצלעך אין זאַמד. דער אוילעם האָט געשריען „בו" און געלאָפן צוריק, אָבער דער וואַסער־שטראָם האָט זיי נאָכגעפאָלגט, ביז עמעצער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ ציגל אויף דעם פּאָליציאַנט און אים צעמאַזיקט אַ באַק. דער פּאָליציאַנט האָט אָפּגעלאָזן די קישקע און האָט זיך גע־סטאַרעט צו פאַרהאַמעווען דאָס בלוט מיט אַ נאָז־טיכל. דערנאָך איז ער אַרויסגעלאָפן פונעם טויער מיט רעציכע און געפּאָכעט מיטן בלעקדזשעק, ווי אַ מאַניאַק.

מעט האָט זיך געפּרואווט אַרויסרייסן פון דעם אוילעם און גיין אַהיים. אָבער ער האָט דערזען ווי צוויי פאַרשוויצטע פּאָליציאַנטן מיט אַרויסגעסטאַרטשעטע אויגן יאָגן זיך נאָך דזשאַנין. דזשאַני האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז אומגעפאַלן. און די פּאָליציאַנטן האָבן אים געשלאָגן מיט „בלעקדזשעקס" איבערן פּאָנעם און איבערן קאָפּ, בעשאַס ער איז געלעגן אַ הילפלאָזער. זיי האָבן אים געזעצט אין די ריפּן און געקאָפּעט מיט די פיס אין פּאָנעם אַריין.

דאָס איז שוין געווען צופיל. מעט האָט אַלץ פאַרגעסן. ער האָט פאַרלוירן יעדן קאָנטראָל איבער זיך. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף די פּאָליציאַנטן מיט ביידע פויסטן, פאָכנדיק מיט זיי, ווי מיט האַמערס. און דאַן האָבן זיך די „בלעקדזשעקס" אַ הויב געטאָן און זיינען גע־פאַלן אויף זיין פּאָנעם און קאָפּ. קיין ווייטיק האָט ער אָבער ניט געפילט און ער האָט געקעמפט ביז ער איז אומגעפאַלן אויף דער ערד.

אַ פּאָליציאַנט האָט דריי מאָל אויסגעשאָסן. די מאַסע איז זיך צעלאָפן, ווי די הירשן. מיטאַמאָל איז געוואָרן שטיל. מעט און דזשאַני זיינען אָוועקגעשלעפּט געוואָרן הינטערן פלויט אַלס אַרעס־טירטע. ס'איז געווען, ווי אַ כאַלעם.

דזשאַני האָט געהאַלטן אַ נאָז־טיכל באַ זיין צעבלוטיקטן פּאָנעם, און ער האָט געקרעכצט:

— זעסט, מעט, וואָס זיי האָבן מיר געטאָן! צוואַנציק יאָר האָב איך אָפּגעהאָרעוועט אין דער פאַבריק, און אָט וואָס איך קריג דערפאַר.

פּאָרד רוזש פּלענט

● מוישע שיפרים

ס׳האָט פּאָרד צעשפּרייט זיינע קאָנווייערס,
ווי די אָרעמס דער אָקטאָפּוס.

ס׳ליגט דער „רוזש פּלענט" אויסגעשפּרייט
מיט שטאָלץ און גווירישן פּאַרנעם.
און דער גייער,
דער קאָנווייער,
האַלט לעבנס טויזנטער אין קלעם.

ברייטע טויערן צעעפענען זיך דריי מאָל א טאָג.
פאַרשלינגען נומערן מיט צוגעשפּיליעטע ראָבאָטן.
די שוועל פאַרזיגלט מויל און אויג
און וואָרנט: ס׳איז אַלץ דאָ שטרענג פאַרבאָטן.

א קלונג — און אַלע זיינען גרייט.
א האַנט אַראָפּ, א האַנט אַרויף.
דער איבערבייטער באַ דער זייט
האַלט שוין גרייט א נייע שרויף.

ס׳טראָגט דער קאָנווייער
ס׳האַרץ פון מאַשין —
נאָך וואַרעם, דאַכט זיך, דער מאָטאָר.
נאָך אים יאָגן טיילן
אין שפּינוועב־געשפּין —
נו, שנעלער, מאַכט פאַרטיק דעם אויטאָ.

האָרי—אָפּ—אָפּ—אָפּ.
ספּיד—אָפּ—אָפּ—אָפּ.
יאָג—יאָג—יאָג,
טראָג—טראָג—טראָג.

אַ האַנט גיט אַ דריי,
אַ האַנט גיט אַ שרויף,
אַ האַנט גייט אַראָפּ,
אַ האַנט גייט אַרויף.

אַ האַנט גיט אַ פּאָר
און אַ לויף באַלד צוריק.
צוויי אַקסלען אַ בויג
אין קלעם פון אַ בליק.

קאָנווייער יאָגט
און טראָגט —
מאָטאָרן,
רעדער
און שרויפן
און שלעפט מיט
הענט,
אויגן, קערפּערס
און האַפּענונגען פולע הויפן.

יאָג, קאָנווייער,
שנעלער, גייער.
הענט —
הענט —
הענט —
אין באַוועג
הענט —
הענט —
הענט —
אין מעשוגענעם געיעג.

אַט־אַ, אַט־אַ,
פּאַרטיק אַטאַ.
איינער אויבן
רעדל דרייט,

צווייטער פּאָרקעט
אינגעווייד.

אַקסן, „פּענדער",
גלייך פון אויבן.
איינער יאָגט זיך
נאָך די שויבן.

איינער דרייט שוין צו
די לאַמפּן.
אַט־אַ יאָגט מען „געז"
פון פּאָמפּן.
פון דער סטעליע פליט אַן אייזן.
פליט אַ סווישטשע דורך ציינער:

— העי, דזהער, באַדי —
היט די ביינער!
„סטראָו באָס" קאָעסט,
שפּייט מיט האָס:
— העי, ראָבאָט,
היט געבאָט!

אומגעפאַלן —
צוגענומען.
מוזן שווייגן,
מוזן שטומען.

אין דער מיט —
אַרומגעוויקלט פון קאָנווייער,
ווי דער קאָרבן פון דער קאַבראַ,
האַדעווען הענט —
מעשענע שפּייזן
אין מיילער פון אייזן.

פֿענעמער בלייכע,
פֿענעמער געלע.
אין דרויסן — אַ זון,
אַ הימל — אַ העלער.

אין דרויסן איז פֿעלד,
גראָז און אַ בוים.
דאָ צאַפּלען זיך לעבנס
אין קאָנווייערשן צוים.

דאָ זאַמלט זיך האַס און גליאיקער צאָרן,
דאָ ביילן זיך פֿויסטן, ווי שטאָלענע פֿרענט.
אַנטקעגן — דער רוף פֿון מערץ מאָנומענט
וואָרנט און דראָעט די בלוטיקע הענט.

א. רעדפילד

„6,000 אויטאָמאָבילן אַ טאָג! מיין גאָט, עלמער, פֿון וואַנען נעמט זיך צו דיר אַזויפֿיל קויעך?"

די געשיכטע פון צוויי קאַסעס

● אַווראַם רייזען

די צוויי כאַווערטעס און לאַנדסמיידלעך ראָזע און בערטע זיינען אַ לאַנגע צייט געווען אַרבעטלאָז. ענדלעך איז זיי געלונגען צו געפינען אַרבעט אין שאַפּ. באַקומענדיק די ערשטע „פּיי“ זיינען זיי געווען אַזוי גליקלעך, אַז גייענדיק פון שאַפּ האָבן זיי אַלע ווײַלע דאָס געלט אַרויסגענומען, עס געציילט און אַמוזירט זיך, ווי מיט אַלטע אָבער שוין לאַנג ניט-געזעענע פריינט.

אַזוי גייענדיק זיינען זיי צוגעקומען צו אַ סטיישאָנערי. דורכן שויפענצטער האָבן אַרויסגעקוקט פאַרשיידענע שפּילצייג.

זיי האָבן זיך געשטעלט באַם פענצטער און האָבן גענומען עס באַטראַכטן.

באַלד איז ראָזעס בליק געפאַלן אויף אַ קליין קאַסעלע, וואָס האָט געהאַט דעם אויפשריפט: „סייווינג-באַנק“, פרייז איין דאָלער.

— זעסט, בערטע, דאָס קאַסעלע, דאָ זאַמלט מען געלט... ווייסט, מיר וואָלטן געדאַרפט קויפן אַזוינע קאַסעלעך.

בערטע איז פון דעם קאַסעלע גאָר אַנטציקט געוואָרן. זי האָט גלייך געשלעפט ראָזען אין קראָם אַריין.

דער סטאָרקיפּער, אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ גוטן פאָטערלעכן אויסדרוק אויפן פּאָנעם, האָט דערזען די צוויי מיידלעך און זיך אויפגעשטעלט.

ראָזע האָט מיט פּראַקטישקייט אין טאָן זיך געווענדט צו אים:

— איך האָב געוואָלט איר זאָלט מיר געבן אַ קאַסעלע.

— און מיר אויך! — האָט בערטע ווי קינדיש נאָכגעפּלאַפּלט.

דעם סטאָרקיפּערס גוט פּאָנעם האָט זיך באַדעקט מיט אַ געדיכטער צופרידנקייט, זיינע אויגן האָבן אים גענומען לויכטן. ער האָט אַראָפּגענומען פון אַ פּאָליצע צוויי קאַסעלעך און זיי אַוועקגעשטעלט פאַר די מיידלעך.

ראָזע און בערטע האָבן באַטראַכט די קאַסעלעך פון אַלע זייטן, און דער קרעמער האָט זיי דערווייל געהאַלטן אַ לעקציע, ווי אַזוי מען זאַמלט:

— לאָמיר זאָגן, איר ווילט אין אָונטט גיין אין מואווינג-פּיקטשורס, אָבער וואָס וועט איר גיין ספּענדן אויף נאַרישקייטן צען סענט? בעסער — איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ טאָן פון אַ רעדנער — בעסער וועט איר דעם דיים אַריינוואַרפן אָט דאָ אויבן אין שפּאַלטעלע, איר פאַרשטייט? ווייסט איר, אַז איר האָט באַהאַלטן צען סענט, באַקומען צוריק קענט איר זיי שוין ניט... אַזוי ווי אין אַ קייוער... אָבער שרעקט זיך ניט, קינדערלעך, געשטאָרבן זיינען זיי ניט. גלייך נאָכן קלונג באַווייזט זיך, אָט דאָ, איר זעט, אַן אויפשריפט צען. מאָרגן וואַרפט איר ווידער אַריין צען סענט, פאַלן זיי ווידער אַריין ווי אין אַ קייוער... פאַרפאַלן, באַקומען צוריק קענט איר זיי ניט. אָבער דאָס קעסטעלע ווייזט אייך שוין 20. איצט האָט איר שוין צוואַנציק סענט. און אַז איר וועט וואַרפן און וואַרפן אַ צוויי הונדערט דיימס — ווען די אַלע דיימס אויפשטיין טכיעס-האַמיים. דאָס קאַסעלע הויבט אָן פריילעך קלינגען און עפנט זיך אויף און זיי פליען אַלע אַרויס.

— גאַנצע צוויי הונדערט דיימס! — האָט זיך בערטע קינדיש געוואונדערט.

— קיין איינער וועט ניט פעלן! — האָט דער סטאָרקיפּער פאַרזיכערט.

און די צוויי מיידלעך האָבן געקויפט די צוויי קאַסעלעך און מיט ראַזעווע פאַנטאַזיעס וועגן אַ רייכער צוקונפט זיינען זיי אַרויס פון סטאָר, יעדערע מיט איר קאַסעלע פעסט אונטערן אָרעם.

אין פאַרלויף פון צוויי וואָכן האָט זיך באַ ראָזען אין קאַסעלע אָנגעזאַמלט 60 סענט. באַ בערטען אָבער איז אין קאַסעלע געווען בלויז 40 סענט.

בערטע האָט אָבער געהאָפט, אַז איר קאַסעלע וועט ראָזעס איבעריאָגן. זי וועט בלויז אַ פּאָר טעג ניט גיין אין די מואווים, אָדער זי וועט עטלעכע טעג ניט עסן קיין געבאַקטע עפּל מיט קרים. טאַקע, וואָס דאַרף זי די געבאַקטע עפּל? און עפּשער וועט זי די געבאַקטע עפּל יאָ עסן, אָבער קרים, קרים איז אינגאַנצן איבעריק.

ווער ווייס, צי וואָלט בערטעס קאַסעלע ענדלעך טאַקע ניט איבערגעיאָגט ראָזעס, ווען פּלוצים וואָלט דער באָס פון שאָפּ ניט געמאָלדן, אַז עס איז ניטאָ מער קיין אַרבעט.

און די צוויי מיידלעך האָבן אויף אַן אומבאַשטימטער צייט גע־מוזט אויפגעבן דעם געדאַנק וועגן אָנזאַמלען צו צוואַנציק דאָלער.

טרויעריקע און פאַרשעמטע זיינען די צוויי קאַסעלעך געשטאַנען אויפן קאַסטן און די ציפערן 40 און 60 האָבן אויסגעזען ווי קורצע אויפשריפטן אויף אָרעמע קווערים.

איינמאָל, זיצנדיק אַזוי אָן אַ סענט געלט, האָט בערטע אָנגעקוקט די צוויי קאַסעלעך און זיך צעלאַכט:

— איך האָב מיך דערמאָנט אָן דעם סטאָרקיפּער, ווי אַזוי ער האָט אונדז דערקלערט, אַז אַלע דיימס וועלן אויפשטיין טכיעס־האַמייסים...

ראָזע האָט זיך אויך צעלאַכט, געקוקט אויף די קאַסעלעך און פּעסימיסטיש געברומט:

— איך גלויב שוין ניט אין טכיעס־האַמייסים!

אָבער בערטע, וועלכע איז געווען יינגער און אָפּטימיסטישער, האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו ראָזעס קאַסעלע מיטן שטאָלצן אויפשריפט 60 און געזאָגט:

— צו וואָס דאַרפן מיר צוויי קווערימלעך? לאָמיר איין קיווערל עפענען און זיך זען מיט די ליבע מייסימלעך.

ראָזע האָט ניט פאַרשטאַנען, האָט פאַרוואונדערט אָנגעקוקט בערטען און געפרעגט:

— ווי אַזוי? עס מוז זיך דאָך אָנזאַמלען צוואַנציק דאָלער.

— ווייס איך וואָס! — האָט בערטע געכויזעקט — צוואַנציק דאָלער איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. איך מיין, אַז מען דאַרף זען אַרויסבאַקומען די זעכציק סענט און גיין עסן סאַפּער.

— ווי אַזוי אָבער? — האָט ראָזע געפרעגט און אין האַרצן שוין מוידע געווען, אַז אַ גוטע זאַך וואָלט דאָס געווען.

— מיר וועלן דיין קאַסעלע צעברעכן — האָט בערטע קאַלט געמאָלדן.

— ביסט מעשוגע?

— ניין! איך בין הונגעריק — האָט בערטע זיך געוויצלט.

— נו, נו — האָט ראָזע מאַסקים געווען — אדראַבע, ווייז אַ קונץ.

— איך וואָלט איצט געקענט עמעסע קאָסעס ברעכן! — האָט בערטע בייז גערעדט.

זי האָט זיך גענומען צו דעם זעכציק סענטיקן קאָסעלע מיט אַלערליי געצייג: מיט אַ מעסער, מיט אַ שערעלע און אַפילע מיט אַ ניקלנעם לעפל.

דאָס קאָסעלע האָט זיך ניט געלאָזט... עס האָט זיינע זעקס קאָר־באָנעס, די זעקס דיימס, בעשום אופן ניט געוואָלט אַרויסגעבן...

אָבער בערטע איז אויף אַן עמעס בייז געוואָרן און האָט גע־ברומט:

— אַ, איך וועל אייך בייקומען!...

און האָט גענומען קלאַפן און ברעכן אויף וואָס די וועלט שטייט. אין צימער איז פאָרגעקומען אַ קאַמף אויף טויט און לעבן. דאָס קאָסעלע איז געוואָרן רויט פון בלוט...

— זע, דו האָסט זיך די פינגער צעשניטן — איז ראָזע צוגעלאָפן.

— עס שאַט נישט — האָט בערטע זיך ניט אונטערגעגעבן — דאָס איז בלוטיק געלט.

ראָזע איז גערירט געוואָרן, האָט זיך געווישט די אויגן; אָבער וועלנדיק צוגעבן מוט איר גוטער און ליבער כאַווערטע, האָט זי זיך צעלאַכט און איז איר געקומען צו הילף.

דאָס קאָסעלע איז צעריסן געוואָרן אויף צוויי.

זיי האָבן די דיימס אַרויסגעגראַבלט מיט די פינגער, ווי מען גראַבלט אַרוים געלט אין כאַלעם און מען זוכט נאָך...

אַז זיי האָבן שוין געהאַט די זעכציק סענט, האָבן זיי זיך פריילעך צעלאַכט און זיינען אַראָפּ אין גאַס.

אין צימער האָט זיך געוואַלגערט דאָס קאָסעלע און האָט אויס־געקוקט ווי אַ צעגראָבענער קייווער.

דאָס צווייטע קאָסעלע איז געשטאַנען אין ווינקל מיט דעם גרוי־זאַמען ציפער 40 און האָט ווי מיט שרעק געוואַרט אויף דעם זעלבן סאָף.



פון אַלע טעג

● ר. אייזלאַנד

דורך דעם פענצטער קוקט אַריין צו מיר אַ טריבער מאָרגן.
מיד, ניט אויסגעשלאָפן גייט אַרום די פרוי.
די פאַנטאָפל קלאַפּן וואַכעדיק און גרוי.
פון די ווענט און ווינקלען קריכן וואַכעדיקע זאָרגן.

— האָסטו דיר דיין פרישטיק. אין פאַפּירן זעקל
ליגן ברויט און עפּל. נעם זיי מיט.
זיי נאָר שטילער. וועק די קינדער ניט.
און אָט וואַרט, זע, מאַך צורעכט דיין רעקל.

— אַ גוטן טאָג!
— גיי געזונטערהייט און קום געזונט צוריק.

דרויסן רעגנט. גלאַנציק־שוואַרץ און נאַס
ציט אַ לאַנגע זיך פאַר מיר די גאַס.
מענטשן איילן, סאַפּענדיק, פון יידע זייטן.
ווי אַ לאַנגע, אויסגעדרייטע שלאַנג, פון ווייטן
לויפט אַ צוג פאַרביי דאָרט אויף אַ הויכער בריק.

כ'גיי אין שטראָם, און מענטשן, קראָמען — אַלץ אַזוי באַקאַנטע,
און דאָך פרעמד אַזוי, אַלץ בייטן זיך פאַר מיר.
גאַס נאָך גאַס. און אָט שוין דער פּלאַץ. און דאָרט אַרויף די טיר,
שילדן גאָלדענע. און פענצטער אַלץ אַזוי באַקאַנטע.

כ'שטיי באַם טיר און וואַרט. אַ מיידל קומט: — „גוט מאָרגן!"
ס'קומען יונגע, אַלטע לייט: — „גוט מאָרגן" און „גוט יאָר".
ס'עפנט זיך די טיר: אַ נעגער־יונג מיט קרייזלדיקע האָר
ציט אַרויף אונדז אין דער הויך. אַ זשום — אַ פלי!
באַלד, מיר זיצן שוין אין יאָך, ווי פי,
און ציען אויסגעמאַטערטע, געשפּאַנט אין שווערע זאָרגן...

דעטעקטיווס, אויף דער וואַך!

● י. א. ראַנטש

.1

דעטעקטיווס, אויף דער וואַך!
אַ ראַדיאָ־רוף צו שטאָט, צו שטאָט און לאַנד,
אַ, שמאַך און שאַנד!
מע האָט באַגאַנוועט דאָך די מיסעס בעלמאָנט!
פינף מינוטן נאָך פיר
האָט מען געפונען אַן אָפענע טיר
פון מאַדאַמס בודואַר.
אַ גרינע קאַר,
מיט רווישנדיקן מאָטאָר
און יונגעלייט אַ פּאָר,
געוואַרט האָט אונטן לעבן טראָטואַר.
ס׳איז נאָך ניט באַוואוסט,
ווי גרויס ס׳איז דער פאַרלוסט.
עס פעלט די וואונדערבאַרע
לעגענדאַרישע טיאַרע,
וואָס מע האָט נאָך גרויסער מי געקויפט
פון אַ קעניגלעכן הויף;
עס פעלן שנירלעך פּערל,
גרויס ווי קינדערישע טרערן,
און איידלשטיינער פיר:
שמאַראַגד, טאָפּאַז, רובין, סאַפיר.
מע שאַצט אין צוויי מאָל הונדערט טויזנט.
אַזאַ סקאַנדאַל!
זאָלן באַלד
די היטער פון יוישער און פון אָרדענונג
זיך מיען, זאָרגן —
די צירונגען געפינען און, לאָמיר האָפן,
די רויבער רעכט באַשטראָפן.
די מיסעס בעלמאָנט האָט פאַר צייטונגלייט דערקלערט,
אַז ס׳גייט איר ניט אין ווערט
פון צירונג,
נאָר די פּאַסירונג
ווייזט, ווי העפקער ס׳איז פאַרמעגן . . .
זי האָט זיך שמייכלדיק מיט דער פרעס געזעגנט:

זי פֿאָרט אַוועק
קיין פֿלאָרידע, צום ברעג.

די בעסטע מייסטער־קעפּ פֿון לאַנד
אַרבעטן באַזונדער און באַנאַנד
די צירונג צו געפֿינען;
געטריי זיי דינען.
עס זאָרגט דאָס לאַנד פֿאַר מיסעס בעלמאָנט,
וואָס רוט דערווייל דאָרט צווישן פּאַלמען.
עס מאָנט דורך לופֿט
דער ראַדיאָ־רוף,
אין פֿעסטער שפּראַך:
דעטעקטיווס, אויף דער וואַך!

2.

אין היימישן קוואַרטאַל
געטראָפֿן האָט אַן אַנדער פֿאַל.
אויף דער שוועל פֿון אַ פֿאַרלאָזטן הויז,
אויסגעצויגן אין דער גאַנצער גרויס,
איז אַ מענטש געלעגן.
פֿאַרכאַלעשט, שיקער?
איז דאָס דער איקער?
אַז פֿרעגן
איז ניטאָ באַ וועמען —
ס'וועט קיינעם ניט פֿאַרקלעמען.
מע קען אים ניט — און שוין.
ס'קומט ענדלעך צו אַ פּאָליציאַנט
און טוט אַ ברום: „נו, ווידער אַ פֿאַרשוין!"
און שאַרט מיטן פֿוס אים צו דער וואַנט.
„העי, וועק זיך, ריר, דו גאָט־פֿאַרדאַמט"...
נאָר אָרדענונג־היטער בליקט פֿאַרזאָרגט:
„יאָ, דער מענטש איז טויט מיסטאָם;
מ'וועט אים דאַרפֿן נעמען גלייך אין מאָרג."

אויף מאָרגן האָט אַ צייטונג, אין שורעס צוויי, פּעטיט,
געשריבן: אויף דער און דער סטריט,
געלעגן איז אַ מאַן אַ יונגער,
טויט פֿון הונגער...

.3

ווער איז באַגאַנגען אָט דעם מאָרד —
פריי, אָפן פאַר די אויגן פון דער וועלט?
וואָס איז געווען דעם קאָרבנס לעצטע וואָרט?
געווען אַ מענטש. ניטאָ. ניט פעלט.

דעטעקטיווס, אויף דער וואַך!
ווער איז דעם מאָרד באַגאַנגען?
אָ, רוט ניט טאָג און נאַכט,
איר מוזט דעם מערדער פאַנגען!

מיר אַלע וועלן די דעטעקטיווס זיין!
מיר קענען זיי, די מערדער.
מיר וועלן אָפּצאָלן פאַר נויט און הונגער־פּיין,
פאַר בלוט פאַרגאָסענעם אויף ערד דאָ.

אַ ראַדיאָ־רוף צו שטאָט, צו שטאַט, צו לאַנד,
צו אַלע האָרעפּאַשנע יונגען:
טוט אָפּ פון זיך די שמאַך און שאַנד,
אַז מענטש זאָל אומקומען פון הונגער!

קלאַפּט אָן אין טירן פון דער צירונג־וועלט,
אַ דין־וועכעזשבן מאַכט,
און רויבער־קלאַס צום מישפּט שטעלט —
פּראָלעטאַריער, אויף דער וואַך!



ווינטער אין ניו יאָרק — י. בײַל

דאָס טענעמענט-הויז

ל. קאָברין

אַ טענעמענט-הויז אויף סאַפאָלק סטריט, ווי די מערסטע טענעמענט-הייזער אין דעם ניו יאָרקער יידישן קוואַרטאַל. אַ טונקל-גרויע, אומגעלומפּערט-גרויסע, זעקס-שטאָקיקע געביידע. אין טייל פענצטער לופטערן זיך קישנס. פון אַנדערע הענגען אַרונטער דאָ אַ ווינטער-קאָלדרע און דאָרט אַ ווייס ליילעך, מענער-קליידער און פרויען-קליידער, צי גאָר קינדערשע ווינדעלעך. עס שטייט צווישן אַ ריי אַנדערע אַזוינע הייזער מיט קראָמען און קעלערס, און „סטענדס", מיט איין אַפּטייק פון איין זייט גאַס און אַ צווייטער פון דער אַנדערער... זעט אויס אַזוי גרוי און אומפריינטלעך, ווי עפּעס אַ טפיסע, אַזוי ווי אַ שווערער אומעט וואָלט אין אים פאַרמויערט געוועז...

עס פאַרשפּאַרט דעם וועג דער זון, און אירע שטראַלן קענען זיך ניט דורכברעכן דורך זיינע הויכע שטיינערנע ווענט. עס פאַרהאַלט די לופט, און זעלטן, זעלטן אַמאָל גאַנוועט זיך דורך אַ פריש ווינטעלע אין פענצטער אַריין.

שיינט די זון אין דרויסן, גיסט אַ רעגן, פאַלט אַ שניי — קיין אונטערשייד; דאָס אומגעלומפּערטע גרויסע טענעמענט-הויז ענדערט ניט דעם פאַרגליווערטן, אומפריינטלעכן, גרויען, שטיין-בלינדן אויס-דרוק. אַרום דעם גרינט ניט דער פרילינג, וואַקסט ניט דער זומער און וועלקט ניט, און פוילט ניט, און פרירט ניט דער האַרבסט און דער ווינטער.

הינטער די ווענט רוט קיינמאָל ניט. דאָס לעבן קאָכט דאָרט, טומלט און לאָזט זיך הערן. אַפילו אין די שפּעטסטע שטונדן פון דער נאַכט הערט זיך אויך דאָס דאָס קאָל פון לעבן. אַ קינד האָט זיך צעוויינט. אַ קוואַרטיראַנט האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ באַל, הערן זיך זיינע הילכנדיקע טריט איבער די טרעפּ, זיין קלאַפּ מיט דער טיר. אַ באַנדיט, וואָס לעבט פון מאָרד און רויב, און זיינע טריט הילכן מיט כוצפּע איבערן גאַנצן הויז. און אַמאָל גייט דאָרט אין מיטן נאַכט אַ פרוי צו-קינד, הערן זיך קוילעס. און אַמאָל שטאַרבט דאָרט אין מיטן נאַכט עמעצער, הערן זיך יעלאָלעס. אַ דאָקטער גייט אַרויף די

טרעפּ. אַ דאָקטער גייט אַרונטער די טרעפּ. אַ טיר טוט אַ קלאַפּ דאָ אויף דעם שטאָק, דאָ אויף אַן אַנדערן. און פון דער טיר אַנטקעגן טראָגט זיך אַ הייזעריק רוישן פון אַ מאַשין. דאָרט אַרבעט אַ בלייכע פרוי, אַ מאַמע פון עטלעכע קליינע קינדער, ווייל איר מאַן, דער ברויט־געבער, איז אין שפּיטאָל. זי האָט אַרויסגעקראָגן קינדערשע קליידלעך פון אַ שאַפּ און אַרבעט באַנאַכט, ווייל באַטאָג איז זי פאַרנומען מיטן הויז און מיט די קינדער.

און גאַנץ אויבן, אונטערן דאַך, אויפן זעקסטן שטאָק הערן זיך פון טיר אַנדערע טריט, לאַנגזאַמע, לאַנגזאַמע, אַזוי ווי עמעצער וואָלט דאָרט דעם דיל געמאָסטן מיט טריט... אַ יונגערמאַן גרייט זיך צו קאָלעדזש... באַטאָג אַרבעט ער, האָט ער קיין צייט ניט צו לערנען, גייט ער איצט אַרום איבערן צימער לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, טריט באַ טריט, מיטן בוך אין די הענט, די אויגן מיד, רויט און ציט די ווערטער מיט אַ פאַרשלאָפן קאָל...

און אין די הייסע זומערדיקע נעכט, ווען די איינוואוינער, די הונדערטער נעפאַשעס, פילן אַזוי ווי די אייזערנע ווענט וואָלטן זיי געשטיקט מיט זייער גאַנצער שווערער מאַסע, דאַן באַוועגט זיך דאָרט נאָך מער. די טירן קלאַפּן אָפטער. נאָכאַנאַנד הערן זיך טריט איבער די קאָרידאָרן. אַן אַכצן טראָגט זיך פון אויבן און פון אונטן. אַ שילטן, אַ זידלען... מען זוכט לופט און שלאָף אויפן דאַך, אויפן „פייער־עסקייפּ”, אונטן, אין דרויסן, לעבן הויז, לעבן די פּעסלעך מיסט, וואָס די טענעמענט־הייזער האָבן אַרויסגעשטעלט פאַר די מיסט־וואָגנס... זיצן די מענער לעבן די פענצטער. מען זוכט דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן, אַ טראָפּן לופט, דעם ברענענדיקן קערפּער צו קילן, מען ווערט דערשטיקט!...

פיר־און־צוואַנציק פאַמיליעס וואוינען דאָרט, צו פיר פאַמיליעס אויף אַ שטאָק, מיט זייערע קוואַרטיראַנטן און קוואַרטיראַנטקעס — צוזאַמען אַ 200 נעפאַשעס... די צימערן זיינען קליינע אָפּגעצוימטע קעסטלעך, לענגלעכע און פיר־עקיקע, צו פיר און פינף פאַר אַ פאַ־מיליע. די אייגענע ענגשאַפט און האַלב־טונקלקייט אין אַלע צימערן. די אייגענע בלינדע, גרויע ווענט פון אַ צווייטן טענעמענט־הויז אין די פענצטער פון די הינטערשטע צימערן...

יידישע אימיגראַנטן וואוינען דאָ. יידן פון ליטע, פון פוילן, פון

זיד־רוסלאַנד, פון גאַליציע און רומעניע. ס׳ראַוו אַרבעטער־מענער און אַרבעטער־פרויען, ס׳ראַוו ניט־אַרבעטער פון דער אַלטער היים... אויף יעדן שטאָק, הינטער יעדער טיר — אַן אַנדער פאַרגאַנגענהייט, אַ באַזונדערע קעגנוואַרט, אַן אַנדער לעבנס־פּאַסירונג.

פאַר זעקס אין דער פרי. דאָס טענעמענט־הויז האָט זיך איינגאַנצן אויפגעכאַפּט מיט אַ טומל... אויף יעדן שטאָק קלאַפּן טירן, הערן זיך טריט, שטימען... עס קומען מענטשן אַרויס פון דעם טענעמענט־הויז אויף דרויסן אַרויס מיטן דרימל נאָך פאַר די געזיכטער. מיט פעקלעך אונטערן אָרעם, איינציקווייז, פּאָרווייז און צו עטלעכע מיט אַ מאָל, אַלטע און יונגע, מענער און פרויען, באָכערים און מיידלעך. קומען אַרויס און מישן זיך אויס מיט די אַנדערע מענטשן, וואָס שטראָמען פון אַלע טירן, פון אַלע עקן גאַסן. און עס וואַקסן די לעבעדיקע שטראָמען און הויבן אַ טומל אין דער אינדערפריעדיקער לופט. פאַרפלייצן די טראָטוארן און די גאַסן און ציען זיך צווישן פערד און וועגעלעך, צווישן אָטאָמאָבילן, מישן זיך ווידער אויס מיט די טונקעלע, געדיכטע לעבעדיקע שטראָמען פאַר זיי, פילן אָן די טראַמווייען אויף די גאַסן, ציען זיך איבער די טרעפּ צו דער עלעווייטעד־באַן אין דער הויך, טראָגן זיך צו דער באַן אונטער דער ערד און ווערן פאַרלאָרן מיט אַ דומפּן אין די וויים־געמויערטע לעכער...

עס קלינגען די טראַמווייען, געפּאַקט מיט טענעמענט־הויז איינוואוינער. עס טראָגן זיך די וואַגאָנען אויבן, פול געפּאַקט מיט די זעלביקע מענטשן. עס פליען און הודזשען די וואַגאָנען אונטער דער ערד, געפּאַקט מיט די אייגענע פּאַסאַזשירן.

און שפּעטער וואַרפן אַרויס די טראַמווייען און די וואַגאָנען גרויסע כוואַליעס פון אָט די דאָזיקע מענטשן אויף די עקן גאַסן, אויף די סטאַנציעס... און די דאָזיקע מענטשן צעשפּרייטן זיך דאָן איבער די גאַסן, וואו די פאַבריקן שטייען, מישן זיך אויס מיט די כוואַליעס מענטשן פון אַנדערע געגנטן, פון אַנדערע נאַציעס...

די פאַבריקן שווייגן, די שוואַרצע טירן ברייט צעעפנט פאַר די לעבעדיקע כוואַליעס, וואָס טראָגן אַהין, טראָגן זיך און טראָגן און ווערן דאָרט פאַרלוירן.

ווערט אויף די גאַסן ליידיק, ווערן די שוואַרצע טירן געשלאָסן,

דערהערט זיך באַלד דער מעכטיקער און בייזער ליאַרעם פון די פאַבריקן. פון אַלע פענצטער טראָגט זיך דער דאָזיקער ליאַרעם, פון אַלע עטאַזשן, פון אויבן און פון אונטער דער ערד...

דאָס ליאַרעמען אַזוי די קויכעס פון די טענעמענט-הויז איינוואוינער, דאָס ליאַרעמט אַזוי זייער אַרבעט.

האַלב ניין אין דער פרי... עס ציען זיך די קינדער פון דעם טענעמענט-הויז אויף דרויסן אַרויס, מישן זיך אוים מיט די קינדער פון די אַנדערע טענעמענט-הייזער און די לופט הילכט פון זייערע געשרייען און שטיפערישן געלעכטער... זיי ציען זיך צו די גרויסע ליכטיקע געביידעס, וואָס שטייען מיט ברייט-צעעפנטע טירן. די קינדער גייען און גייען אין די ליכטיקע טירן אַריין און באַלד זיינען זייערע קינדערשע טריט פאַרלוירן הינטער די ווענט פון די דאָזיקע געביידעס — שטאָטישע שולן...

אַפילו דאָן איז אין דעם טענעמענט-הויז אויך ניט שטיל. די גאַס שרייט, אַן אויפעלע וויינט; עס איז אַרונטערגעפאַלן פון אַ שטול, שלאָגט עס נאָך די מאַמע און שרייט אויף דעם מיט טרערן אין קאָל. אַ שכיינע מיט אַ שכיינע האָבן זיך פאַר עפּעס צעקריגט, שטייט יעדע פון זיי אין איר אָפענער טיר, דעם קאָפּ מיט די צעפּאַטלטע האָר אַרויסגערוקט איינע קעגן דער אַנדערער, מאַכן מיט די הענט און שילטן זיך. אַ פרוי קומט אַרויף מיט אַ צינערנעם עמער און קלאַפּט מיט דעם אויף יעדן שטיינערנעם טרעפּ. און דאָ לויפט מיט אימפּעט אַ פרוי פון די טרעפּ. זי דאַרף עפּעס פון קראָם און אויפן גאַז-אייוועלע קאָכט זיך דאָרט עפּעס באַ איר... און דאָרט האָט זיך גאָר אַן אַרבעטלאָזער צעזונגען, הילכט זיין קאָל אַזוי אומעטיק איבערן גאַנצן טענעמענט-הויז...

אַזוי ביז פאַרנאַכט...

פאַרנאַכט ציט זיך צוריק דער מענטשן-שטראָם איבער די גאַסן, ציט זיך פון אויבן, פון די עלעוויטעד-סטאַנציעס, פון די וויסגעמויערטע לעכער, פון אונטער דער ערד, פון די טראַמווייען, ציט זיך פון אַלע און אין אַלע זייטן גלייך נאָך די האַלב-טונקעלע טירן פון די טענעמענט-הייזער... עס שרייט די גאַס מיט טויזנטער שטימען. עס בליצן די אויטאָמאָבילן מיט די גרויסע, פייערדיקע אויגן. עס באַוועגן זיך וואָגנס און וועגעלעך, פון פערד געשלעפּט, פון מענטשן.

עס קלינגען די קאַרס, די טראַמוויייען... און דער מענטשן־שטראָם טראָגט זיך, שטעלט זיך ניט אָפּ, קוקט זיך ניט אום, הערט זיך ניט איין און הונדערטער טויזנטער פּיס גייען און גייען אין די האַלב־טונקעלע טירן פון די טענעמענט־הייזער...

אויף די גאַסן צינדן זיך אָן די עלעקטרישע לאַמטערנעס. פון די קראָמען און רעסטאָראַנען ווינקען שוין פייערלעך, און דער מענטשן־שטראָם טראָגט זיך נאָך...

דאָס טענעמענט־הויז הילכט איצט. אויף יעדן שטאָק ברענט אין קאָרידאָר אַ גאַז־ברענער. פון יעדער טיר הערט זיך אַ טומל: דאָ אַ קלינגען פון געשיר, דאָרט אַ געשריי פון קינדער, דאָ אַ געלעכטער און דאָ אַ געוויין... הינטער יעדער טיר אַ באַזונדער וועלטל.

א. רעדפילד

„צו דער איסט־סייד, דזשיימס! עדגאַר וויל זען ווי די אָרעמע קינדער באָדן זיך אין גאַס.‟

אַ פּייער אויף קלינטאָן סטריט

● כאַווער פּאַווער

סאָף זומער־נאַכט. די שטיינער פון דער גאַס קילן זיך אָפּ. עס שטעלט זיך איין דער טומל פון אַ גאַנצן טאָג. דער שטויב, וואָס איז געהאַנגען די גאַנצע נאַכט אונטערן הימל, פאַלט־צו צו די ווענט. אויבן איבער די דעכער ווערט די לופט דורכזיכטיק. מען קאָן שוין זען אַלע שטערן, קלאָרע, קאַלטע און פינקלדיקע. עס פאַלט־צו דער שטויב צו די דעכער, צו די ווענט, צו די פאַרלאָזענע פושקאַרטס, צו די גליווערנדיקע שטיינער.

די קעץ פון קלינטאָן סטריט זיינען שוין מיד געוואָרן אַרומצוררייסן זיך. איינגעטונקענע אין אַש און אין שמוץ פון די מיסט־קעסטלעך, שלאָפן זיי אין די קעלערס, אין די ווינקלען פון די האָלס.

אַ בלאָק שלאָפט. עס אָטעמט די מענטשהייט פון דעם בלאָק דורך די האַלב־אָפענע פענצטער. מען זיפצט, מען שנאָרכעט און מען כראָפּעט. ווי פילשטאָקיקע שטייגן, קוקן אוים די טענעמענט־הייזער אין דער מוטנער ליכטיקייט פון די גאַסן־לאָמפּן. שטייגן מיט פענצטערלעך. און דורך די פענצטערלעך — באַשעפענישן אין ווייסע ליילעכער.

אַ גאַס שלאָפט זיך אַזוי־אָ אין אַ סאָף־זומער נאַכט. און אין קעלער פון איטשע מייער עפּראַס דעם בוכבינדער האָט אָנגעפאַנגען טאַנצן אַ רויט פלעמל.

אַ מייזל האָט אָנגעצונדן אָט דאָס פלעמל. אַ קעסטל מיט שוועבע־לעך איז געלעגן אויף אַ פּאָליצע. זיך געלעגן ווי שטענדיק, אויף דעם זעלביקן אָרט. אָבער דאָס מאָל האָט איטשע מייער פאַרגעסן צו פאַר־מאַכן דאָס קעסטל מיט שוועבעלעך. דעם מייזל איז נימעס געוואָרן צו גריזשען דעם פאַרדאַרטן פּאַפּ, האָט עס זיך אַוועקגעלאָזט זוכן עפּעס אַ נאַש. האָט עס געזוכט, דאָס מייזל, צווישן די ספאָרים און צווישן די קיילים און זיך פאַרקליבן אויף דער פּאָליצע. די געלע קעפּלעך פון די שוועבעלעך האָבן אויסגעקוקט דעם דאָזיקן באַשעפע־ניש, ווי עפּעס אַ זאַך וואָס מען קאָן דאָס אַ פּאַרזוך טאָן. עפּשער איז דאָס גוט צום עסן?

ס'האָט אַ בים געטאָן מיט די ציינדלעך — זויערלעך און ביטער־

לעך, אָבער נאָך אַלץ בעסער ווי דער דאָזיקער פֿאַרשאָלטענער פּאַפּ. האָט דאָס זיך געגומען גריזשען דאָס קעפּל פֿון שוועבעלע. גריזשעט דאָס מייזעלע דעם פּאַספּאָר און ריכט זיך גאָרניט אויף אַזאַ אויסער־געוויינלעכער דערשיינונג. עס הויבט אָן צו זידן און מיט אַ מאָל — אַ צונד, אָן אויפֿריים מיט אַ פֿייער. ס׳גאַנצע קעסטל מיט שוועבעלעך האָט זיך אָנגעכאַפּט און זיך צעברענט אין דער געדיכטער פֿינצטער־ניש. אויפֿגעגאַנגען מיט פֿלאַמען צו דער וואַנט, געסמאַליעט דאָס שפּינוועב אונטער דער סטעליע, געהוזשעט און געצישעט און זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ בלויען רויך.

איטשע־מייער איז זיך געשלאָפֿן מיט אַן ערלעכן שלאָף, אָפּגערוט די מידע ביינער. אינמיטן טיפֿן שלאָף עפֿענען זיך די אויגן פֿון זיך אַליין. זיינע אויגן, וואָס זיינען געוועזן געוואוינט צו אַ שטאָק פֿינצטער־ניש, האָבן פֿלוצלונג דערפֿילט אַז עפּעס איז ניט גלאַט. האָבן די אויגן דערזען די רויטקייט פֿון פֿייער. דערווייל האָבן די אויגן נאָך גאָרנישט ניט פֿאַרשטאַנען, ווייל די געדאַנקען זיינען נאָך געווען פֿאַרשלאָפֿן. באַלד אָבער זיינען די געדאַנקען וואַך געוואָרן און אַ גרויסער פּאַכעד איז באַפֿאַלן איטשע־מייערן.

ווען איטשע־מייער איז אַראָפּ פֿון בעט האָבן שוין די ווענט גע־קנאַקט פֿריילעך און לוסטיק. די סטעליע האָט זיך געהאַלטן אין אָנכאַפּן. דער אויבערשטער טייל פֿון טיר האָט געסמאַליעט מיט פֿייערדיקע צונגען. דער רויך האָט איטשע־מייערן באַלד בלינד גע־מאַכט די אויגן, פֿאַרשטיקט דעם האַלדז און אויפֿן וועג צו דער ברענענדיקער טיר איז ער געפֿאַלן.

קעץ לויפֿן פֿון האַל, מייז יאָגן זיך פֿון די ווינקעלעך. אויף דער ליידיקער גאַס טראָגן זיי זיך אַרויס, די קעץ מיט די מייז, און צעלויפֿן זיך אין די נאָענטע הייזער. אַ פֿייער רייסט זיך אַרויס פֿון קעלער צו די הילצערנע טרעפּ אויפֿן ערשטן שטאָק. די הילצערנע טרעפּ זיינען אַ מעכייעדיקער שטאָף פֿאַרן פֿייער. זיי כאַפּן זיך אָן ווי די שוועבעלעך און זיי צעפֿלאַקערן זיך מיט גרויס אימפּעט.

דאָס פֿייער שפּאַנט זיך פֿון דעם ערשטן שטאָק צום צווייטן, פֿון צווייטן צום דריטן, און אַזוי אַלץ העכער און העכער. טייכעלעך פֿייער טיילן זיך אָפּ פֿון דעם הויפּט־טייך, וואָס טראָגט זיך אַרויפֿצו־צו צו די אויבערשטע שטאָקן. די קליינע טייכלעך שטראָמען אַוועק צו די

טירן פון די וואוינונגען, צו די טירן פון די וואַש־צימערן, וואָס שטייען אין די האַלס. אומעטום איז דאָס האַלץ אויסגעטריקנט און עס צעפּלאַקערט זיך באַם ערשטן אַרומנעם פון פלאַם. די גאַז־רערן אונטער דער סטעליע ווערן אַנגעגליט, הויבן אָן ברענען, ווערן צעגאָסן און עס גיבן זיך אַ יאָג אַרוים די גאַזן און רייסן אויף מיט דונערן.

— פּיי־ע־ער! פּיי־ע־ער!

באַ די שלאָפנדיקע אין דעם טענעמענט־הויז ווערט פּאַראַליזירט דער מאַרך. איידער נאָך די אויגן רייסן זיך אויף פון שלאָף, האָט שוין דער געדאַנק געהערט אַ געשריי:

— פייער! פייער!

דער וועג צו די טרעפּ איז אָפּגעהאַקט. דער פייער־לייטער איז בלויז אַ כאַלעם: שוין לאַנג צעקראָכן געוואָרן פון זשאַווער. די שכיינעסדיקע וואַנט איז אַ בלינדע. אַראָפּצו־צו אין דער נידער — אַ פינצטערער אָפּגרונט.

— גע־וו־אַ־ל־ד! ס׳בר־ע־ע־נ־ט! — שפּאַלטן דעם הימל שניידנדיקע קוויטשן. אַ בלוטיקער אָפּשיין אויף אַלע ווענט, אויף אַלע דעכער. מענטשן אין ווייסן מיט אונטערגעהאַקטע פיס לויפן פון אַלע טירן.

אַ גאַנץ הויז פלאַקערט מיט כוואַליענדיקע פלאַמען פון אונטן ביז אַרויף. אַ ברענענדיקע פיל־שטאָקיקע שטייג. דורך די פענצטער כאַלעשן אויסגעשטרעקטע הענט.

— מיינע קי־י־נ־ד־ער! — יאָגט זיך אַרוים אַ שוידער פון אַ פענצטער פון פינפטן שטאָק — מיינע קי־נ־ד־ער!

— מ־ע־ע־נ־טשן! — רעוועט אַ מאַן אַרומגעכאַפּט אין פלאַמען.

אַ פרוי מיט גליענדיקע האַר האָט זיך אַרויסגעיאָגט און אַוועק־געכאַלעשט אויף די שטיינער, טייקעף וואָך געוואָרן און אויפגעריסן די לופט מיט אַ דורכגעלעכערט געשריי, פונקט ווי דער האַלדז וואָלט איר געוועזן איבערגעשניטן.

— פאַ־אַ־לי־קל! — פאַררייסט זי דעם קאָפּ.

זי רופט איר פאַליקלען פון דריטן שטאָק. דאָרט אינעווייניק האָט זי איבערגעלאָזט איר פאַליקלען, אַ קינד פון אַ יאָר אַכט.

— וויו־ו־ו! — קוויטשעט ווי אַ בייזער פויגל די פייער־מאַשין — וויו־ו־ו־ו!

די העלדן פון פייער מיט די ברייטע היטלען און צווייענדיקע דאַשיקעס גיבן אַ שפּרונג אַראָפּ פון די פייער-מאַשינען. אין איין אויגנבליק ציט זיך שוין די לאַנגע וואַסער-קישקע, לייטערס ווערן אויפגעשטעלט, און מען טראָגט פון די פענצטער פאַרכאַלעשטע, פאַר־שטיקטע קינדער און דערוואַקסענע. עס הודזשעט דאָס וואַסער מיט גרויסע שטראָמען, אָבער פאַרן פייער איז דאָס אַ שפּילעכל. דאָס פייער פרעסט אויף דאָס וואַסער.

— מיין פּאַ! — רעוועט מייק — מיין פּאַ!

ער זוכט זיין טאַטן צווישן די פאַרכאַלעשטע, צווישן די אַרויסגע־ראַטעוועטע. ניטאָ זיין פּאַ.

— מיין פּאַ! — רעוועט אַף אַ קאָל מייק עפראַם, איטשע-מייער דעם בוכבינדערס זון.

מייק שפּרינגט אַריין אין די פלאַמען, איידער די פייער-לעשער האָבן צייט אים צו פאַרכאַפּן. זיין טאַטע ליגט צעלייגט אויף דער ערד מיט דער באָרד צו דער פּאַדלאָגע. דאָס פייער האָט נאָך ניט גערירט איטשע-מייער עפראַסן. דאָס פייער איז, ווייזט אויס, ניט געווען פאַר־אינטערעסירט מיטן קעלער. בלויז איין וואַנט האָט דאָרטן געברענט, אַפילע די ספרים זיינען ניט אָנגערירט געוואָרן. דאָס גאַנצע הויז איז געווען אין פלאַמען, און דער קעלער, פון וואַנען דאָס פייער האָט זיך אָנגעהויבן, איז נאָך געווען קימאַט גאַנץ.

מייק גיט אַ כאַפּ דעם פאַרכאַלעשטן קערפּער פון זיין טאַטן אויף די פּלייצעס און לאָזט זיך מיט אים דורך די פלאַמען. מען האָט אַריינגעכאַפּט איטשע-מייערן אין אַן אַמבולאַנס, און איידער מייק האָט נאָך געהאַט צייט זיך אויך אַריינכאַפּן אינעווייניק, איז דער אַמבולאַנס געפלויגן און האָט געוואָיעט איבער אַלע גאַסן. יאָגט זיך מייק נאָך מיט פליענדיקע פיס און רעוועט אויף אַ קאָל:

— פּאַ, פּאַ, פּאַ!



מאָריס ווינטשעווסקי

מאָריס ווינטשעווסקי (עמעסער נאָמען: בענציען נאָוואָכאָוויטש) איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1856, אין יאַנאָווע, ליטע (וואָס האָט דאַן געהערט צום צאַרישן רוסלאַנד). די ערשטע יאָרן האָט ער געלערנט אין כיידער, דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסט-בילדונג.

אין דער יוגנט עמיגרירט מאָריס ווינטשעווסקי אין דייטשלאַנד. דאָרט ווערט ער אַ סאָציאַליסט. ער ווערט אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט פון דייטשלאַנד. ער פאָרט אין לאָנדאָן, וואו ער טרעט אַריין אַלס מיטגליד אין קאָמוניסטישן אַרבעטער-פאַרבאַנד, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון מאַרקסן און ענגעלסן. אין לאָנדאָן גיט ער אַרויס דעם ערשטן יידישן סאָציאַליסטישן זשורנאַל „דאָס פוילישע יידל". אין 1894 פאָרט ער קיין ניו יאָרק.

מאָריס ווינטשעווסקי איז געווען דער ערשטער יידישער אַרבעטער-פּאָעט און שרייבער. אין זיינע לידער באַזינגט ער די נויט און ליידן פון די אַרבעטער און וועקט און רופט זיי צום קאַמף. ווינטשעווסקיס לידער „אַ בעזעם און אַ קער", „דער פרייהייט-גייסט", „עס רירט זיך", „אַ קאַמף-געזאַנג" און אַנדערע פלעגט מען זינגען און דעקלאַמירן אויף אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען, דעמאָנסטראַציעס און אַרבעטער-יאָנטויווים אין אַמעריקע און אויף יענער זייט יאַם. פיל פון זיינע לידער זיינען נאָך איצט זייער פּאָפּולער און ווערן נאָך אָפט געזונגען.

מאָריס ווינטשעווסקי — „דער זיידע פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור" — איז געשטאָרבן אין ניו יאָרק, אין יאָר 1932.

אַ קאַמף-געזאַנג

● מ. ווינטשעווסקי

וויקלט פאַנאַנדער די פאָנען די רויטע,
שפּילט אויף אַ מאַרש און גיט זיך אַ ריר!
וועקט אויף די אָרעמע לעבעדיק-טויטע,
זאָגט צו זיי: ברידער, דאָ שטייען מיר,
דאָרטן — דער בלוטיקער פיינט.

דאָ איז די פרייהייט, דאָס ליכט, די גערעכטיקייט,
דאָרטן — דער יאָך און די נאַכט און די שלעכטיקייט —
ברידער, מאַרשירט מיט אונדז היינט!

ווישט אוים פון ארבעטער־אויגן די טרערן,
זאָגט זיי: צו וויינען איז איצט ניט קיין צייט;
זאָל היינט קיין קאָל פון געוויין זיך ניט הערן,
היינט, ווען מיר קומען ארוים אויף א שטרייט,
מיר און דער בלוטיקער פיינט.

מיר — וועלכע ווילן די מענטשהייט פאַרברידערן,
ער — וועלכער וויל אונדז דורך סינע צעגלידערן —
ברידער, מאַרשירט מיט אונדז היינט!

וויקלט פאַנאַנדער די פאָנען די רויטע,
וועקט די, וואָס שלאָפן, וואָס זיינען נאָך שוואַך,
איינציקווייז נעמט זיי צונויף, די צעשפּרייטע,
זאָגט זיי: אונדז רופט היינט די הייליקע זאַך —
קעגן דעם בלוטיקן פיינט.

אונדז, דעם האמוין פון געדריקטע, נאָר מוטיקע,
קעגן גאַזלאָנים פאַרווילדעטע, בלוטיקע —
ברידער, מאַרשירט מיט אונדז היינט!

וויקלט פאַנאַנדער די פאָנען די רויטע,
שפּילט אויף א מאַרש און גיט זיך א הייב!
האַלט פאַר די אויגן די העלדן די טויטע,
געדענקט די קאָרבאָנעס פון גאָלד און פון רויב!
היינט קעגן בלוטיקן פיינט!

גיט אריין קראַפט אַלע בלייך־אויסגעזויגענע,
גיט אריין מוט אַלע טיף־איינגעבויגענע,
זאָגט זיי: מאַרשירט מיט אונדז היינט!...

באָבע ראָדע

● א. מייזל

ווערט אַ טאָג געבוירן, צעקריכט זיך גלייך די מישפּאָכע: די מאַמע — אין שאָפּ, די עלטערע טאָכטער — אין אָפּיס, די צוויי קלענערע קינדער, פרעד און מאַשע, הייבן זיך אויף, ווי די וויכערס, שלינגען שטייענדיק דאָס אָנבייסן און לויפן אין סקול. באָבע ראָדע פאַרבלייבט אַליין אין שטוב.

איז איר אומעטיק: די קינדער, ווי טויבן צעפלויגן, ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. עפּשער מיט איר אַלטן, וועלכער הענגט אין אַ ראַם אויף דער וואַנט און זיינע ביינער שלאָפן שוין פינף־און־צוואַנציק יאָר אויף יענער זייט יאַם? עפּשער מיט איר איידעם, וועלכער הענגט קעגנאיבער אויף דער צווייטער זייט וואַנט און זיינע צעשאָטענע ביינער שלאָפן דאָ ערגעץ, אין ברוקלין, צייט ער איז פון דער פינף־שטאָקיקער רעשטאָוואַניע אַראָפּגעפאַלן? עפּשער מיטן פרעמדן, געדיכט־בערדיקן, מיט יונגע קוועלנדיקע אויגן, אין וועלכן אירע קינדער זיינען אַזוי פאַרקאָכט און די קלענערע צוציקעס רופן אים „זיידע”, אָדער „אַנקל מאַרקס”? באָבע ראָדע שטויסט זיך אָן, אַז ער האָט אַ שייכעס מיט זיי אַלעמען: מיט דער טאָכטער, וועלכע פּראַצעוועט אַוועק אַ לעבן אין שאָפּ; מיטן איינינקל, וועלכע קלאַפּט אויס אירע פינגער אויף דער מאַשינקע; מיט די קליינע וועוויריקעס, וועלכע האָדעווען זיך, ווי יאַסעמדיקע האָזן אויף אַ האַרבסטיק אויס־געטריקנט פעלד.

צוריק אַהיים קלייבט מען זיך אויף איינציקווייז: ווי אַריינ־געשאָסענע קוילן פליען אַריין די סקול־כעווערלייט, שליידערן אַוועק די רענצלעך און צעטומלען די באָבע ראָדע מיט זייערע אימפּעטיקע קלינגענדיקע קוילעס:

— באָבע, ע—ס—ן!

נאָכדעם קומט די עלטערע, בעסי, ברענגט מיט זיך אַ פאַר־מאַטערטן שמייכל פון אַ פאַרנאָכטיקער זון, וועלכע האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון פאַרכמורעטע וואָלקנס. די לעצטע איז די טאָכטער.

באַנאַכט הויבט זיך צוריק אָן די פונאַנדערוואַנדערונג. אַלע:

די טאַכטער, בעסי, די צוויי וועוריקעס. אַלץ אויף שטום-לאָשן אָפּ־געמאַכט און פּאַרטיק. דאַרף מען, איז אויפגעהויבן זיך און היידאַ...

האָט די באָבע פּאַראיבל אויף איר אוילעם. טרוקענע פּאַלדן אויפן פּאָנעם קנייטשן זיך, ווי שטרוי-קישעלעך. פרעגט זי זיך נאָך:

— וואוהין, קינדער? אָפּרוען דאַרף מען זיך. מאָרגן אַ טאָג אַרבעט...

עלטערע שמייכלען און פּאַרשווייגן. וועוריקעס שטעלן זיך אַוועק אויסטיינען:

— אַזאַ צייט, באָבע! מ'טאָר ניט רוען...

— וואָסי?

— אַ נייע וועלט דאַרף מען מאַכן; די אַלטע — „נאָ גוד". זי טויג אויף קאַפּאָרעס.

— וואָסי, צוציקעם? וואָס פּלאַפּלט איר? וואָס איז אייך דאָ ניט געפעלן?...

אויף צעקאַכט-ווערן איז מאַשקע די ערשטע. אַ פּאָר קעציש־ע בורשטין-אייגלעך ווערן גלאַנציק אויפגעקאָכט. עפּל-בעקלעך צינדן זיך אָן:

— באָבע, באַ דיר אַלץ גוט. זעסט ווי מאַמע, בעסי, אַ גאַנצע וועלט אַרבעטער ליידן און קעמפן — און מיר זאָלן זיצן אין דער היים?...

פרעד, מיטן פּאַרריסענעם נעזל, קאָכט זיך ניט, אָבער ער טיינעט ווי אַ גרויסער, די הענט אין די קעשענעס, און גיט דער באָבען צו פאַרשטיין:

— „שור" ניט געפעלן, באָבע, ניט גוט אַזוי! זיי האָבן אַלץ, מיר — גאָרנישט. זיי — ליידיק-גייער, אונדזערע עלטערן — אַרבעטן פּאַר זיי. מיר, אַרבעטער-קינדער, העלפן די אַרבעטער.

זיין ערנסט צעקיצלט באָבע ראָדען; כאָטש נישט אַלץ פּאַר־שטייט זי קלאָר. אַלטע אויגן גיסן זיך אָן מיט שפּילעוודיקער וואַרעמ־קייט, פּאַלד-קנייטשן ווערן פלינק און שטיפעריש. אַ שטיפערקע איז די באָבע ראָדע: ס'לעבן האָט זי נאָך ניט האַרט געמאַכט, כאָטש ס'פּעקל פון פינף-און-זיבעציק יאָר איז גאָר ניט קיין פעדערן-בעט...

— נו, גוט, גוט, קינדערלעך. גייט זשע! ווייזט, וואָס איר קענט...

פון דער מישפּאָכע האָט באָבע ראָדע אָפּט האַרצווייטיק, שרעק

און קלעמעניש: די טאָכטער, וואו נאָר אַ טומל, אַ סטרייק — זי איז די ערשטע. אָפט קומט זי אַהיים אַ צעביילטע, אַ צעשלאָגענע. „וואָס איז, עסטערקע? וואָס איז געשען?" „אַט גאָרנישט, מאַמע, גאָר־נישט. מיידלעך האָבן זיך מיט „שטאַרקע" פאַרמאָסטן." אָפט ווערט זי פאַרפאַלן אויף אַ צייט. „וואו ביסטו געווען, עסטערקע?" „אין פריזאָן." דער „דזשאַדזש" האָט זי אין פריזאָן אַוועקגעשיקט פאַר פיקעטן. אָפגערוט זיך אומזיסט!"

און דער טייוול, בעסי? געקומען פון דער אַרבעט, אַרויפגעכאַפּט אַ מאַנטעלע און אַוועק. אויף אַלץ אַן ענטפער איר קלינגענדיק געלעכטערל („גלעקל" — אַזוי האָט איר טאַטע באָבע ראָדע אַ צו־נעמעניש געגעבן): „ס'מאַכט ניט. אַ צייט אַזאַ: אַ נייע וועלט בויען מיר, וויל ניט די אַלטע ליידן, שלאָגט זי זיך..."

איינמאָל האָט די אַלטע די קינדער דערקלערט:

— קינדערלעך, כ'וויל ניט זיצן אין שטוב; נעמט מיך אויך מיט...

פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם איינפאַל איז דער טייוול בעסי. זי האָט זיך מיט דער באָבען צעשפּילט, קושנדיק זי און אַרומטאַנצנדיק מיט איר איבערן צימער. „גלעקל" האָט זיך צעקלונגען:

— גערעכט, באָבע! אָט אַזוי! איך נעם דיך אַרויס די ערשטע. לאָמיר אָקאָרשט הערן ווי ס'וועט קלינגען: „די באָבע בלור, די באָבע ראָדע..."

האָט מען זי גענומען צו אַ דעמאָנסטראַציע.

געגאַנגען איז מען זייער לאַנג, מענטשן־ווענט באַ דער זייט און זיי — אינמיטן. די קינדער האָבן געזונגען און זי מיט אַ פענדל אין האַנט האָט צום טאַקט געפאָכעט. פריילעך איז געווען, שטיפעריש: אַ שטיפערקע איז זי אויך, די באָבע ראָדע, און צווישן איר אוילעם פאַרגעסט זיך אַלץ: ס'שווערע פעקל יאָרן, ס'האַרצווייטיק פאַר די קינדער. מ'גייט, און ס'דוכט זיך איר, אַז אין די טריט הערט זי ס'אָנקומען פון דער „נייער וועלט", וועגן וועלכער אירע וועוויריקעס האָבן איר דערציילט...

שפּעטער, אין דער היים, האָט זי זיך צום „מאַנסביל" פרעדן צוגעזעצט, אויסגעפינען פון אים זאַכן, וואָס זי פאַרשטייט נאָך ניט...

— וואָס ווילט איר, קינדערלעך?

פרעד, מיטן פאַרריסענעם נעזל, לייגט די הענט אין די קעשענעס



בראָנקס א. מאַנעוויטש

און ערנסט גיט ער דער באָבען צו פאַרשטיין:

— „יו סי", באָבע: אַזוי „נאָ גוד"; מיר אַרבעטן, מיר ליידן, מיר הונגערן; און מיר אַליין געמאַכט, אַלץ אונדזערס. „פאָר אינ־סטענס" אונדזער הויז: ווער עס געבויט? ווער פון דאַך אַראָפּ־געפאַלן און געהאַרגעט געוואָרן? ווער עס „אויסגעפיינט"? און איצט — „לענדלאָרד" זאָגט ס'איז זיינס. נייִן, „נאָ גוד" אַזוי... אַלץ דאַרף באַלאַנגען צו די וואָס אַרבעטן..."

באָבע ראָדע הערט זיך צו צום אייניקל. ניט אַלץ פאַרשטייט זי; אָבער פון טומאַן גייט־אויף עפּעס אַ נייַ ליכט. אינעם ליכט ווערט קלערער דאָס האַוועץ פון דער אויסגעפּראַצעוועטער טאָכטער, בעסים געלעכטער, דער קינדערשער ערנסט, ס'פּאַכען פון איר אייגן פענדל צום טאַקט פון געזאַנג. זי שאָקלט מיטן קאָפּ און זאָגט נאָך, ווי אַמאָל אין דער ווייבערשער שול:

— אַזוי — „נאָ גוד"... אַלצדינג — צו די וואָס אַרבעטן...

:: :: ::

זונטיק פּאַרנאַכט קומט זיך צונויף די מישפּאָכע, ווי אַמאָל בּאַ באָבע ראָדען אין דער היים שאַבעס נאָכמיטיק.

די געשווילעכץ-קישעלעך בּאַ דער טאָכטער אונטער די אויגן, נאָך אַ טאָג רו, גייען אָפּ, ווערן בלאַסער און לויטערער. בּעסים גלעקל-קעלכל — זילבערדיקער. די קליינע כעוורע — אַרומגעוואַשן, איינגעשטילט, זעען אויס ווי זשוואַווע האָזן. באָבע ראָדע האַלט זייער טייער אָט-די היימישע עטלעכע שאָ.

צו בעסין קומען כאַווערטעס. מיידלשער געלעכטער צעגיסט זיך פריי איבערן הויז.

און אַז מ'צעזינגט זיך, קלייבט נאָכעס די באָבע ראָדע. און אַז כעוורע צעשפּאַסט זיך אויף איר כעזשבן, איז אויך ניט קיין בייז.

— די באָבע בלור!

— אונדזער באָבע ראָדע!... באָבע בלור...

פאַרפּוצט איז די אַלטע אין גערדיכט-שוואַרצן פּאַרוק. אירע אויגן אויך ווי אָף אַ יאָנטעוו אויסגעפּוצט, מילד און שטיפעריש, צו באַ־גענגען אירע קינדער, אייניקלעך און געסט.

און ס'פילט באָבע ראָדע: וואָכעדיקייט האָט זיך אין אַ ווינקל אַוועקגעשטעלט. די טאָכטער האָט אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן איר שאָפּ און פּראַצע, בעסי — די שרייב-מאַשין, די קינדער — זייער עלנט און יאָך. ניט פאַרגעסן איז אָבער די אָנקומענדיקע „נייע וועלט".

רעדן אייניקלעך אויף אַ פרעמד לאָשן — פאַרשטייט זי זיי, זינגען זיי — פילט זי ווי מיטצוזינגען, און אַז די ראַדיאָ צעשפּילט זיך און די קליינע האָזן לאָזן זיך אַוועק אין אַ טענצל, שלעפּן זיי אַריין די באָבע אין קאָן.

— קום מיט אונדז! קום...

פאַרשאַרצט באָבע ראָדע איר ברייט אַשיק-סאַטינען קליידל, הייבט אויף די ברעגן און לאָזט זיך אַוועק מיט פרעדן און מיט מאַשקען אין אַ טענצל.

דער אַלטער שטיפער מיט דער געדיכטער באָרד קוקט אַראָפּ פון דער וואַנט און שמייכלט...

טעניס

● ל. מילער

אַלע נעצן אָנגעצויגן,
וויים געפּאַסט דער געלער זאַמד.
שטייף אין שליידערער די סטרונעס,
ווי די אָדערן אין האַנט.

ווייסע קליידער פאַר די אויגן.
שלאַנקע בלויזע פרויען־הענט.
יונגע מענער שטאַרק און בויגיק,
און די פּענעמער פאַרברענט.

הענט און שליידערער ווי פליגל,
יעדער קערפּער ווי אַ שלאַנג.
טרייבט מען אום די באָלס אין לופטן
מיט אַ שנעלן ווייכן קלאַנג.

אויפן שטערן מאַרס

● יאָסל קאָטלער

איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט: גענוג! סע מוז נעמען אַ סוף צו די נודנע וואַקאַציעס, וואו איך קוילע מיינע יונגע, גרינע זומערס אַלע זומער.

דעריבער האָב איך דעם זומער באַשלאָסן אַרויפקריכן אויפן שטערן מאַרס און איבערזומערן ערגעץ אַרום די איינשטיין טעאָריעס. איך וויים שוין פון דערפאַרונג, אַז אויב אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער וויל עפּעס אויספירן, וועט ער.

אַרויף אויפן שטערן מאַרס בין איך זייער פּאַשעט: פריער האָב איך אַרויפגעוואָרפן מיין כאַראַקטער אויפן הימל. און איך האָב אַזאַ

כאַראַקטער (פון קליינוווייז אויף), אַז אָן דעם כאַראַקטער גיב איך זיך ניט אַ ריר. אַזאַ מענטש בין איך.

איך האָב אַ טאַנץ געטאָן זייער הויך, און איידער איך האָב באַוויזן צוריק אַראָפּצוטאַנצן האָב איך זיך גענומען אונטערפּעכערן די פּיאַטעס מיט אַ ברייטן פּעכער און זיך אַרויפגעוויכערט דערוויל אויף דער לעוואָנע.

איך בעט אייך, ליבע לעזער, כאַפּט מיך נישט באַ קיין ליגן. איך ווייס דאָך וואָס אייך באַמבלט זיך אין קאָפּ. איר טראַכט זיך אַוואַדע: אַ מענטש איז דאָך אַ שווערע זאַך, טאָ ווי אַזוי-זשע האָט ער עס געקענט טאָן? זאָלט איר דעם געדאַנק פאַרטרייבן פון זיך, ווייל איך אָנעם כאַראַקטער בין געווען גרינגער ווי אַ פּעדער. די גאַנצע שווערקייט פון אַ מענטשן ליגט נאָר אין זיין כאַראַקטער. דעריבער זאָלט איר זיך ניט כידעשן דערויף, וואָס איך זיץ שוין אויף דער לעוואָנע און רויכער אַ ציגאַרעטל.

שפּעטער, ווען דאָס ציגאַרעטל האָט מיר גענומען בריען אין די פינגער, האָב איך דאָס אַריינגעשטעקט מיטן פייער אַראָפּ אין דער לעוואָנע אַריין, אַזוי ווי אין אַ קאַרטאָפל. ווען דער זייגער איז געוואָרן צוועלף, האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז ס'איז שלעכט. וואָס איז? איך האָב פאַרגעסן מיטנעמען צאָן-פּודער. האָב איך שוין געמוזט איינרייבן דאָס צאָן-בערשטל אין דער לעוואָנע און זיך אויספּוצן די ציין.

אַריינגעלייגט דאָס צאָן-בערשטל אין דער קעשענע פון מיין סוועטער, צום לעצטן מאָל באַטראַכט די וואונדערלעכע ליבע לעוואָנע, אויסגעקריצט מיין נאָמען אויף איר אין יידיש און אין ענגליש, אַ פּאָך געטאָן מיטן פּעכערל, און וואו? ווער? איך פלי.

אַז איך פלי זייער שנעל האָב איך גוט געוואוסט, ווייל ווען איך האָב געוואָלט אַ קוק טאָן אויף זיך, האָב איך זיך שוין מער נישט אָנגעזען. דאָס איז געווען אַ סימען, אַז איך פלי גיכער פון מיין אויגנבליק, און אַן אויגנבליק האָב איך דאַפקע זייער אַ שנעלן.

איך האָב אַ פלי געטאָן זייער הויך, אַ פּאָר מייל העכער פון העכער, און האָבן דערזען עפּעס אַ באַקאַנטן הימל, וואָס איז מיר געהאַנגען אַזוי נאָענט איבערן קאָפּ, אַזוי ווי אַ רעגנשירעם.

אַז איך געפין זיך אויפן צענטער פון שטערן מאַרס איז באַ מיר קיין ספק ניט געווען, ווייל דאָ האָב איך מיט מיינע אייגענע אויגן

געזען זיך אַרומדרייען איינשטיינס טעאָריע. לעמאָשל: אַז איר האָט געקוקט אויף אַ קוימען, האָט איר געזען אַ טייבעלע. און אַז איר האָט עס גענומען אין די הענט אַריין, האָט איר געהאַלטן אַ רעדע. און אַז איר האָט עס אַוועקגעלייגט, האָט עס אָנגעהויבן מאַזלען. און ווען איר האָט געגומען דרייען דערמיט, איז עס געוואָרן אַ גראָבער פינגער. פון דאַנען איז געדרונגען, אַז איינשטיינס טעאָריע איז גרינג צו פאַרשטיין, אָבער שווער צו צעקייען. נאָר גיי קיי, אַז ס׳איז ניטאָ וואָס צו קייען. און איך בין אַזאַ מענטש, וואָס ווען איך ווער הונגעריק, מוז איך קייען. וועל איך אַנידערלייגן די טעאָריע אויף אַ פּאָר מינוט און גיין עסן.

אָבער וואו גייט מען עסן אין מיטן דער לופט? אַז דער ערד־מאַגנעט אויפן מאַרס ציט ניט, כאָטש גיב אים אַ קרענק, נישטאָ קיין טראָפּ גראַוויטור אויף אַ רעפּוע. איך נעם שטעלן אַ פוס, הויבט ער זיך אויף און בלייבט שטעקן אין דער לופטן. הויב איך שוין אויף דעם צווייטן פוס, בלייבט ער אויך שטעקן.

שטיי איך שוין מיט ביידע פיס אין דער לופטן. וויל איך מיט אַ מאָל אַ טאַנץ טאָן אַרונטער, רייסט זיך מיר אָפּ אַן אויער און פליט אַוועק קיין האָצעקלאָץ. לאָז איך זיך צו האָצע־זייט, פליט מיר אַרויס אַן אויג און פאַרפליט קיין קלאָצע־האָץ. גיב איך אַ ברום מיט די נאָזלעכער, קומט דער אויער צוריק און שטעלט זיך צו צום צווייטן אויער. האָב איך שוין אויף דער רעכטער זייט צוויי אויערן און אויף דער לינקער זייט בין איך טויב ווי אַ וואַנט. טו איך אַ פינטל מיטן איינציקן אויג, קומט צופליען ס׳צווייטע אויג און פּראַוועט זיך מיר איין אויפן שפּיץ נאָז. און געזען האָב איך מיט דער נאָז זייער פיין, ווייל אַלצדינג איז מיר געווען נענטער צו באַטראַכטן. אָבער צו קיין עסן קומט עס ניט. וואָס טוט מען? נאָר אָט האָט מיין נאָז געטאָן אַ פריילעכן פינטל מיטן אויג און דערזען אַ טייערן פעטן היימן רעסטאָראַן. נאָר פּלוצלונג דערפיל איך אַזאַ מין ווייש איבערן מויל: וואָס איז דאָס? איך טו אַ טאַפּ מיט דער האַנט — נישטאָ ס׳מויל. שלעכט!

און דאָ בין איך הונגעריק ווי אַ וואָלף און ס׳הייבט מיר אָן בייסן אונטערן פוס. איך גיב אַ קוק אונטן: ס׳מויל מיט די ציין מיטן צונג האָבן זיך איינגעפּראַוועט טיף אין דער פּיאַטע. האָב איך

פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז אַזאַ קלימאַט וואו מען עסט מיט דער פּיאַטע. איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. אַז איך בין אַזוי הונגעריק, זאָל זיין עסן מיט דער פּיאַטע, אַבי ס׳איז דאָ אַ מויל.

גיי איך מיר שוין אַריין אין רעסטאָראַן און זעץ זיך אַוועק. ס׳אַ זיצן, מאָלט איך, אַז איין פוס שטייט אויף דער סטעליע, און פון דעם צווייטן פוס באַמבלט זיך אַרויס אַ צונג. מיילע, ס׳האָט מיר גענומען אַ שיין ביסל צייט מיט אַ היפּש ביסל איינשטיין טעאָריע, ביז איך האָב אויסגעפאָרשט ווי אַזוי צו קוקן אין שפּייז קאַרטל און וואָס ס׳איז דער באַטייט פון די אויסיעס.

שטעלט איך פאָר, אַז צוויי צענפונטניקעס מיט אַ דרענגל אין מיטן איז באַ זיי אַן „א״. אַ פּאָר ביליקע הויזן איז באַ זיי אַ „ח״. אַ האַרבאַטע באָבע מיט אַ פלאָקן אויפן קאָפּ איז באַ זיי אַ „ל״. אַ הינעריש פיסל איז באַ זיי אַ „ש״. אַ שטיקל אַלט דאַמען־שיכל איז באַ זיי אַ גאַנצע „נ״. אַ שלענגל מיט אַ קאַפּעליוש איז באַ זיי אַ „ז״.

זיך אויסגעמוטשעט יעדעס פּיצל געהירן אין קאָפּ ביז איך האָב איינגעביסן די אַלפאַבעטישקייט פונעם אַלעפבייס.

אַקלאַל, אָפּגעגעסן מיטן פוס, זיך באַלעקט די פּיאַטע, באַצאָלט 65 סענט (איינס צום אַנדערן האָט נישט צו טאָן), בין איך אַוועק באַקוקן דעם מאַרס מיט רואיקע אויגן. איך הויב זיך אָן גוט צוקוקן: עפּעס גאָר היימיש, נאָר אַ ביסל אַנדערש. אָט זע איך אַן אַרבעט־ביוראָ, און אויף דער טיר זיינען געהאַנגען די דאָזיקע שילדלעך:

פאַרלאַנגט אַ פּרעסער צו פּרעסן זיין אייגענעם רוקן,
קעדיי ער זאָל נישט קענען אויפשטיין צו קיין סטרייק.

פאַרלאַנגט אַן אָפּגעשווירענעם יאָסעם מיט האַרטע
שאַרפע הערעלעך,
ער זאָל שלייפן קאָמאָדעס מיט זיין קעפּל.

פאַרלאַנגט אַ קעמער מיט 35 פינגער וואָס בויגן זיך ניט,
צו קעמען אַ רייך וואונדער קינד.

מען דאַרף, טראַכט איך, לויפן אַ קוק טאָן וואָס עס הערט זיך אויפן מאַרסיאַנער וואָל־סטריט. און איך שווער איך, אַז כאָטש איך זע די וואָל־סטריט צום ערשטן מאָל, פונדעסטוועגן האָב איך אָנגעהויבן ניסן.

ס׳זיינען געשטאַנען אויף דער ערד אַ גרופּע גלאַנציקע צילינדערס אָן מענטשן, און אויף יעדן צילינדער איז געשטאַנען אַ פּושקעלע טאַבעקע. פּלוצים האָבן זיך די צילינדערס גענומען הויבן העכער און העכער און ס׳האָבן זיך אַרויסגעהויבן פון דאָרט די מאַרסיאַנער קאַפּיטאַליקן.

איינער מיט אַ גרינער באָרד און ווינער וואָנצעס האָט זיך גענומען ס׳וואָרט מיט אַ גאָפּל, אַזוי ווי מען נעמט אַ שטיקל הערינג, און גערדאַרשנט:

מעגט איר זיין אַ ייד,
מעגט איר זיין אַ גוי,
מעגט איר זיין אַ מאַרסיאַנער,
מעגט איר זיין אַן אינדיאַנער,
מעגט איר זיין אַ ווענוסאַנער,
מעגט איר זיין אַ גאַליציאַנער.
דאַרפט איר, מוזט איר און וועט איר שטימען
פאַר אונדזער דירעקטאָר מיסטער הוסטער, פאַר מיניסטער.

פּלוצים האָט דערלאַנגט אַ גרויסער פייף. די לופט האָט אָנגעהויבן זידן. שטורעם־ווינטן, ווי קאַרליקעס פון אַלע קאָלירן, האָבן געוויִעט און געווירבלט אין אַ שווינדל געדריי. די קאַפּיטאַליסטן האָבן זיך אַריינגענורעט אין די צילינדערס ביז מע האָט זיי נישט אַרויסגעזען.

ס׳האָט געטאָן נאָך אַ פייף. די שטורעם־ווינטן האָבן זיך באַרואיקט, די זון האָט זיך געזעצט. ווי נאָר די זון האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָט זי זיך פון אַ פּאָר שטראַלן אויסגעפלאָכטן וועטשערע און גענומען לאָכן מיט אַזעלכע ליכטיקייטן, אַזוי ווי אַ קליין ייִנגעלע לאַכט ווען ער עסט אויף די גאַנצע קאַשע פונעם שיסעלע.

די ליכטיקייטן האָבן באַלויכטן אַ גרויסע קאַוואַדלע. איבער דער קאַוואַדלע האָט זיך געשאָקלט אַ ביליאַנפּודיקער האַמער. דער האַמער האָט מיט זיך אַליין אַ זעץ געטאָן אין דער קאַוואַדלע, און פון אַלע זייטן האָבן זיך אַ יאָג געטאָן טייערע עקיפּאַזשן און אויטאָמאָבילן

אויף ווייסע פליגלען, פול געפּאַקט מיט מענער, פרויען און קינדער, מיט פריילעכע אויגן, אויסגעפּוצט אין ווייבע זיידנס און גלאַנציקן סאַמעט. זיי האָבן גענומען אויסשרייען: וואו איז די שיף מיט קינדער?

און באַלד זיינען אָנגעפלויגן עפּשער טויזנט רייזיקע לופטשיפן, פול געפּאַקט מיט קינדער און אויף די שפּיצן פון די מאַסטבוימער זיינען געזעסן אַלטינקע באָבעטשעס און האָבן אַראָפּגעוואָרפן צו די קינדער גרינע לעקעכלעך מיט גלעקלעך. (בּאַ די מאַרסיאַנער קינדער איז דאָס אַזוי ווי באַ אונדז, לאָמיר זאָגן, „אייז־קרים".)

דער האַמער האָט דערלאַנגט דעם דריטן סיגנאַל. מיטן הענטל זיך אָנידערגעשטעלט אויף דער קאָוואַדלע אַזוי ווי מיט אַ פּוס. אַלע זיינען שטיל געוואָרן. דער האַמער האָט זיך אויסגעהוסט, געטאָן אַ זופּ סעלצער־וואַסער, נאָך אַ קליין הוסטעלע געטאָן, געמאַכט קכי־קכי און אָנגעהויבן רעדן אַזוי ווי אַן עמעסער מענטש.

— כּאַוויירים, היינט איז באַ אונדז אַ גרויסער יאָנטעוו! דער וואונדערלעכער טאָג, ווען מיר גרייטן זיך פּאָטער ווערן פון די אונטער־דריקער. פּייערן מיר דעם יאָנטעוו פון האַמערמאַן!

— ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך מיר אַ האַמער, מיין טאַטע איז געווען אַ האַמער, מיין זיידע איז געווען אַ האַמער, און מיין עלטער־זיידע איז געווען אַ ביסל אַ פּאַרזשאַווערטער האַמער. און דאָך זיינען מיינע קינדער אַלע מאַשינען, וואונדערבאַרע מאַשינען.

:: :: ::

ווען איך, יאָסל, וואָלט דאָ אין דעם ביכל איבערגעגעבן די אַפּלאָ־דיסמענטן וואָס די מאַסן האָבן מיט אַזוי פיל פרייד אַרויסגעשאָסן, וואָלט דער לעזער באַקומען אַ צעטראַסקעט ביכל. די בלעטלעך וואָלטן צעפּלאַצט געוואָרן אַזוי ווי צעפּאַטשטע לאָקשן. דערפאַר וועל איך עס טאַקע ניט איבערגעבן.

איך האָב אָנגעהויבן באַמערקן וואָיענדיקע ווינטן מיט ווייסע פאַרטעכער, וואָס האָבן זיך געלאָזט מיט פולע עמערס פאַרב, צו באַ־מאָלן די ביימער רויט און געל. דאָ האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיין וואַקאַציע אויפן שטערן מאַרס ענדיקט זיך. מיין מאַמע ריכט זיך שוין אויף מיר, זי קוקט שוין די אויגן אויס אויף מיר. ווייל זי ווייסט, אַז ווען די ביימער שאָקלען פון זיך די בלעטער אַראָפּ, דעמאָלט קומט

יאָסל אַהיים: אַ גאַסט אין שטעטל. האָט די מאַמע שוין מינעסטאָם אָפּגעקאָכט פּאַר מיר אַ טייערע וועטשערע.

פּלוצים האָט דער האַמער אויסגעשריען:

— איידער איך ענדיק וויל איך אַנאָנסירן, אַז עפּעס אַ כאַראַקטער האָט זיך צוגעכאַפּט צו מיין מאַגנעטישן שפּיץ, און איך וויים נישט וועמעס ער איז. כאַוויירים! ווער פון אייך האָט פאַרלאָרן דעם כאַראַקטער?

איך בין אונטערגעשפּרונגען און געזאָגט:

— גוט וואָס דו האָסט מיך דערמאָנט! איך בין שיר, שיר אַוועק אַהיים אָן אַ כאַראַקטער.

דער האַמער האָט זיך אויפגעהויבן די גרעסטע הויך, מיר געוואָלט דעם כאַראַקטער אַריינדויבען אין קאָפּ אַריין, האָב איך זיך דערשראָקן און בין אַנטלאָפן.

— האָב קיין מוירע נישט — שרייט דער האַמער — איך האָב דיין כאַראַקטער גאַנץ פיין „אויסגעפיקסט" („אויסגעפיקסט" אין מאַרס-לאָשן הייסט פאַרריכט, אַזוי ווי אין יידיש אויספּיקסן).

דער האַמער האָט מיר גענומען דויבען אין קאָפּ אַריין, איין זעץ נאָכן צווייטן, און איך האָב דערפילט אַז סע נעמט אַ סאָף צו מיין מאַרס. ס'איז מיר אַריין אַ נייער כאַראַקטער אין יאָסל אַריין, און איך בין שטיין געבליבן מיטביידע פיס אויף דער ערד.

איך טו אַ טופּע מיט די פיס. יאָ, ערד. עמעסער שטויב. ס'איז אַ הייסער טאָג אויף דער פּערצנטער גאַס. איך בויג זיך איין אָפּשטויבן די שיך מיטן נאָז-טיכל—איז מיך אַ טראַק שיר איבערגעפאָרן.

און דאָ ענדיקט זיך ס'אייסעק מיטן שטערן מאַרס. איצט, ליבע לייענער, וויל איך אַז איר זאָלט מיר גלויבן פונעם אָנהייב ביזן סאָף, אַניט עס איך נישט מיין מאַמעס וועטשערע.

כ'האָב ליב

● מ. א. סול

כ'האָב ליב דעם בוים געוואָרצלט טיף
אין שטורעמדיקסטן וועטער;
נאָר ליבער נאָך האָב איך דעם ווינט,
וואָס לויפט אום זאָרגלאָז ווי אַ קינד
און צופּט פון בוים די בלעטער.

כ'האָב ליב דעם טייך, וואָס רואיק פליסט
און שמייכלט מילד אַנטקעגן;
נאָר ליבער נאָך האָב איך דעם יאַם,
וואָס פּאַטשט אַקשאָנעסדיק דעם צאַם
פון אַלע זיינע ברעגן.

כ'האָב ליב די רו פון ווינטער-טעג,
פון דעכער שניי-באַדעקטע;
נאָר ליבער נאָך האָב איך די מי,
וואָס קומט מיט פרילינגדיקן בלי
אויף פעלדער אויפגעוועקטע.

אין קאַר

● י. אָפּאַטאָשו

די קאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט. פּאַסאַזשירן זיינען אַרויס, אַריינגעקומען, און אַז די קאַר האָט זיך גענומען רירן, זיינען עטלעכע לויפערס אַריינגעשפּרונגען מיט אַ געפּילדער, ווי אין אַ שענק אַריין, זיך וואוילעריש צעזעצט און פאַרנומען קימאַט אַ גאַנצע באַנק.

זיי האָבן גערעדט הויך, זיך געשטופּט, אָפּגעלאַכט פון אַ דאַרן יונג, וואָס איז געזעסן אין דער מיט. דער יונג האָט נאַריש געוואָרפן מיט די אויגן אין אַלע זייטן, נישט געקאָנט כאַפּן ווער עס טוט אים יעדע ווײַלע הינטערוויילעכץ אַ צופּ איבערן קאָפּ, אַז דאָס היטל פליט אים אַזש איבער די אויגן. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן, געוואָלט אַרויס פון דער מיט, האָבן זיי אים צוגעהאַלטן און גענומען צופּן פון אַלע

זייטן. דער אַרומיקער אוילעם האָט זיך אַמוזירט. דער יונג, אַן איינ־געבויגענער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי אַ געשלאָגענער הונט, וואָס קאָן זיך נישט ווערן, האָט באַוויזן מיט דער האַנט אויף אַ פּעדלער:

— שיני —

— קוקט, אַ „שיני״־באָרד!

קעגנאיבער איז געזעסן אַן אַלטער ייד, אַ פּעדלער, באַלאָדן מיט קוישלעך. די יונגען האָבן זיך איינגעקוקט אין פּעדלער, דערנאָך זיך איבערגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זיך איבערצייגט, אַז עס איז טאַקע אַ יידישע „שיני״־באָרד, און זיך צעלאַכט אַזוי פרעך, אַז דעם אַלטן יידן איז קאַלט געוואָרן.

דער דאַרער יונג האָט געוואָלט אויסנעמען באַ זיינע כאַווייריִם, איז אויפגעשפּרונגען, אָנגענומען דעם ייד פאַר דער באָרד און מיט אַ כריפּע פון אַ הונט, איידער ער נעמט בילן, האָט ער דורכגעזייט דורך די ציין:

— ווהיס—קער! ווהיסקער — — ר — — ר!

דער ייד האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער האַנט, און די יונגען האָבן אַזש פון סימכע פאַרריסן די פּיס:

— קים דהע שיני! קים הים, ביל! (קושט דעם ייד! קוש אים, ביל!)

אַ בלאַסער באָכער האָט זיך אויפגעשטעלט, אונטערגעגאַנגען צום יונג מיט אַ פּאָר צעעפנטע אויגן, ווי זיי וואָלטן געקראָכן פון קאָפּ:

— וואָס האָט דיר דער אַלטער ייד געטאָן?

דער לויפער האָט אָפּגעלאָזט דעם פּעדלערס באָרד, זיך עטוואָס פאַרלוירן, ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן פאַרן באָכערס צעעפנטע אויגן, שוין געוואָלט אַוועקגיין, האָט זיך איינער פון זיינע כאַווייריִם אָנ־גערופן:

— וואָס שטעקט ער אַריין די נאָז?

— ס'איז דאָך אויך אַ „שיני״!

— קלאַפּט מען אים אונטער אַן אויג!

— היי, ביל, פאַרפּאַר אים אין אויער!

— וואָס שטייסטו?!

— ער האָט מוירע!

— אַט אַזוי! אַט אַזוי! בעסער!

דער יונגערמאַן האָט געקראָגן אַ פּלאַם אין פּאָנעם, געפאַלן אויף דער באַנק. ער האָט זיך אַ הויב געטאָן, זיך געוואָלט אויפשטעלן, האָט דער יונג זיך איבערגעבויגן איבער אים, נישט געלאָזט; האָט דער באָכער אַן אומבאַהאָלפּענער אָנגעכאַפּט דעם יונגס אויער און ביידע האָבן זיך גענומען ראַנגלען.

דער דאַרער יונג האָט זיך דערוויל אַוועקגעזעצט דעם פּעדלער אויפן שוים און זיך אָנגעהאַלטן פאַר זיין באָרד. דער פּעדלער האָט זיך געוועהרט, געשטופּט דעם יונג פון זיך און גערעדט צו אים יידיש:

— וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס האָב איך דיר געטאָן? דו! רויצייעך!

די גאַנצע קאַר מיט קריסטן זיינען קאַלטבלוטיק געזעסן, זיך צו־געקוקט מיט אַ שמייכל, ווי זיי וואָלטן זיך צוגעקוקט צו אַ „פּייט" פון צוויי יינגלעך. די פּאָר יידן האָבן טיפער באַהאַלטן די קעפּ אין די צייטונגען, פון דער זייט יעדע ווײַלע געוואָרפן אַן אויג צום פּעדלער, געציטערט פאַר קאָעס און אויפרעגונג. דער שרעק פאַר קלעפּ איז בײַ זיי געווען אַזוי גרויס, אַז זיי זיינען געבליבן זיצן אויף זייערע ערטער.

אַ מיידל איז אויסגעוואַקסן צווישן די יונגען, זיך אַוועקגעזעצט לעבן פּעדלער און אָפּגעשטופּט דעם דאַרן יונג:

— שעם זיך, דו גראָביאַן! וואָס האָט דיר דער אַלטער מאַן גע־טאָן? פאַרוואָס רייסטו אים די באָרד? דערפאַר, וואָס ער קאָן זיך נישט ווערן? אַן אַמעריקאַנער ביסטו? ביסט אַ...

— נו, טאַקע, וואָס האָב איך אים געטאָן? — האָט דער ייד געשפּרייט די הענט און זיך געבעטן באַם מיידל.

— ביל — האָט איינער אַוועקגעשלעפּט דעם דאַרן יונג — אַז אַ לײדי בעט פאַרן „שיני", טשעפּע אים נישט מער!

— איך וועל אים מער נישט טשעפּען — האָט ביל זיך געריסן, אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ קוואָדער און זיך אויסגעדרייט צום מיידל:

— כ'וויל דער „שיני" זאָל נעמען אַ „שייוו"!

— איך בין אויך אַ „שיני" — האָט דאָס מיידל אויסגעשאָסן — און אַז עמעצער פון אייך וועט זיך וואַגן אונטערצוקומען, וועל איך אים צעפּאַטשן.

— האַ, האַ, אַ שיני לײדי! — האָבן זײ זיך געבױגן פון געלעכטער, אױפגעשפּרונגען און אַרומגערינגלט דאָס מײדל:

— צעפּאַטש גיכער!

דער דאַרער יונג האָט װידער געװאָלט אָנכאַפּן דעם פֿעדלער פֿאַר דער באָרד, האָט ס׳מײדל אים פֿאַרפּאָרן אין פּאָנעם, אַז יענער איז געפֿאַלן מיטן קאָפּ אױף אַ שױב, אַז ס׳האָט אַזש אַ קלימפּער געטאָן.

— טהרי טשירס פֿאַר דהי לײדי! (הורא פֿאַר דעם מײדל!) — האָבן די פּאַסאַזשירן אַפּלאָדירט.

אַ צװײטער יונג איז אונטערגעלאָפֿן צום מײדל מיט אַ פֿױסט.

— װאָג נישט זי אָנצורירן! — האָבן זיך געהערט קולעס און דער אױלעם האָט זיך געהױבן פֿון די פּלעצער.

— װאָג נישט, װאָג נישט! — האָבן די פּאָר יידן אַװעקגעװאָרפֿן די צײטונגען, װי די שרעק װאָלט פֿון זײ אינגאַנצן אַװעק, און מיט פֿאַרקװעטשטע פֿױסטן זיך אַ לאָז געטאָן צו די לױפֿערס.

עס האָט זיך אָנגעהױבן דאָס געשלעג.

א. רעדפילד

„איך האָב אַזױ ליב געהאַט מענדעלסאָנס מוזיק — געפֿין איך אױס, אַז ער איז געװען אַ ייד.״

אויף שליאַכן פון דזשאָרדזשיאַ

● י. גרינשפּאַן

אויף ביידע זייטן
פון דעם שלענגלדיקן וועג
כוואַליען פעלדער זיך,
באַלאָדענע
מיט ווייסער מאַזל-בראָכע.
אויף יעדן פעלד,
אַ באַהאַנגענע מיט זעק,
וואָגלט אָנגעבויגן אום
אַ נעגערשע מישפּאָכע.

פון באַגינען ביז אין אָוונט
שטייען הייזלעך דאָ פאַרלאָזטע —
זעקס פּענים פאַר אַ פונט
צאָלט דער האַר דער ווייסער
פאַרן באַוול קלייבן:
מוז גיין אין פעלד
דער טאַטע,
דאָס קינד,
די באַלעבאָסטע —
עלף פונט אַ דערוואַקסענער, אַ טאָג —
טאָר אין הויז דאָס קליינוואַרג ניט פאַרבלייבן.

פון באַגינען ביז אין אָוונט
האַלט די דאָרעמדיקע זון אין בראָטן.
זיינען אויסגעפּוצט דאָ פעלדער
אין זילבער און אין פייער.
איז דאָ יעדער נעגער
אַ וואָגלענדיקער שאָטן,
וואָס ציט זיך צו אַ „לינקאָלן" —
אַן עמעסער באַפרייער.

ליִנטשערײַ

י. אָפּאַטאָשו

1.

די אַנגעגליטע ערד האָט זיך געקילט, אַנגעפּילט די לופט מיט אַ וואַרעמקייט, וואָס האָט געטריקנט אין האַלדז, געקלעפּט די אויגן.

— מען קומט, דאַכט זיך, פון פעלד, האַ? — האָט דער אַלטער נעגער אַנגעשטעלט אַן אויער — זאָל דאָס זיין בוקערט?

— זיידע, דאָס איז ניט בוקערט — האָט דאָס אייניקל פרעד אַנגעכאַפּט דעם אַלטן פאַרן האַנט — דאָס קומט אַן דער שעריף מיט נאָך עטלעכע מענטשן.

— ווער, דער שעריף? — האָט דער אַלטער זיך אויפגעשטעלט מיט אַ קרעכץ און גענומען רופן די טאָכטער — קיטי, קיטי, וואָס זאָגסטו, וואָס דער שעריף קומט צו אונדז אַזוי שפּעט, האַ?

אַן איבערגעשראָקענע איז קיטי געשטאַנען. נאָכדעם איז זי מיטן אַלטן אַרוים פון שטוב.

פאַר דער שטוב איז געשטאַנען דער שעריף, ניט קיין הויכער יונגערמאַן, דאַר און ביינִיק; אויפן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ ביקס. מיט אים זיינען געשטאַנען דריי מיטליעריקע פאַרמער.

— גוד־איווּנינג, דזשים! — האָט דער שעריף וואָוילעריש באַגריסט דעם אַלטן.

— גוד־איווּנינג, קעפּטן! — האָט זיך דזשים פאַרנייגט און געוויזן אויף דער אָפענער טיר — אַנגעלייגטע געסט!

— הער זיך איין, דזשים! —איז דער שעריף צוגעגאַנגען נעענטער — מיר זיינען געקומען וועגן „ביזנעס". די זאַך איז די: אויב דו ווילסט ניט, דאָס דאַרף זאָל „לינטשן" דיין בוקערטן, טאָ גיב אים אונדז גלייך אַרויס; פאַרליר קיין צייט נישט! דאָס גאַנצע דאָרף קען יעדע מינוט אַנקומען.

די נעגערטע האָט זיך געציילעמט און געציטערט.

— טייערער, וואָס רעדט איר? וואָס האָט מיין בוקערט געטאָן?

אַזאַ שטילער, ער טשעפּעט קיין פליג נישט, מיין אָרעמער „באָי".

— בוקערט האָט מיט אַ שאָ צוריק באַליידיקט מעקלורס טאָכטער. מעקלור לויפט אַרום מיט אַ געלאָדענער ביקס, ווי אַ מעשוגענער, רופט יונג און אַלט, מ'זאָל אים העלפן נעמען דאָס גאָזעץ אין די

אייגענע הענט. איר ווייסט, וואָס דאָס הייסט?

די מוטער מיטן זיידן האָבן געוואוסט, וואָס דאָס הייסט.

— וואָס שוויינסטו, דזשים? — איז דער שעריף צוגעשטאַנען — זאָג מיר, וואו ער איז: כ׳גיב דיר מיין ערן־וואָרט, אַז נאָך היינט פיר איך אים אַוועק קיין אַטלאַנטאַ, ער זאָל קריגן גערעכטיקייט; אַז נישט וועלן זיי אים לינטשן.

— בוקערט איז נאָך נישט געקומען פון דער אַרבעט — האָט דער אַלטער געענטפערט — דו קענסט מיך, אַז איך זאָג ניט קיין ליגן.

די נעגערטע איז געפאַלן דעם שעריף צו די פיס און זיך צעוויינט:

— וואָס וויל מען פון אונדז, אומגליקלעכע? מעקלור האָט באַליידיקט מיין איינציקע טאָכטער, און ער גייט אַרום פראַנק און פריי; און מיין בוקערט, אַזאַ שטילער...

— וואָס וועט העלפן אייער געוויין? — האָט דער שעריף זיך אַרויסגעדרייט פון אירע הענט — געדענקט, גיט אים בעסער איבער אין מיינע הענט, אויב איר ווילט ניט, דער האַמוין זאָל אים לינטשן.

דזשים האָט אַרויסגעבראַכט די ביבל:

— איך שווער דיר באַ דער ביבל, אַז בוקערט איז נאָך היינט נישט אַהיימגעקומען, ווי איך בין אַ קריסט!

— כ׳גלויב דיר, כ׳גלויב דיר, דזשים — האָט דער שעריף זיך בעסער אָנגעטאָן די ביקס אויפן אָרעם — גוד־באַי!

— אַ גוטע נאַכט.

2.

אין די זומפּן, וואו אַ מענטשנס פוס איז זעלטן פאַרקראָכן, איז געלעגן צווישן קוסטעס אַ זעקס־פוסיקער נעגער. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז הינט בילן, און ער איז אויפגעשפּרונגען.

דאָס איז געווען בוקערט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער ביקס, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן קוסט, און אָפּגעמאַכט באַ זיך, אַז מ׳וועט אים קיין לעבעדיקן ניט כאַפּן. ביז דער לעצטער קויל וועט ער זיך פאַרטיידיקן.

עס האָט זיך דערהערט אַ הירזשען פון אַ פערד. בוקערט האָט גענומען די ביקס, זי אַוועקגעשטעלט צווישן די קוסטעס, אָנגעשפּיצט די אויערן און געוואַרט. עס האָבן זיך גענומען הערן קוילעס. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט געהערט דאָס וואָרט „נעגער”, נישט

געוואוסט, צי דער סוינע איז טאַקע אַזוי נאָענט. און מיטאַמאָל האָט ער פאַר זיך דערזען אַ הונט. דער הונט האָט זיך צוגעזעצט אויף די הינטערשטע פיס און זיך געקליבן אַ שפּרונג טאָן אויף אים. ער איז געווען גרייט אויסצושיסן; אינסטינקטיוו זיך אָבער געכאַפּט, אַז מיטן שיסן וועט ער זיך אַליין פאַרמאַסערן, אויסגעדרייט די ביקס און אָפּגעמאַסטן דעם הונט מיט דער הילצערנער זייט, אַז יענער האָט פאַרוואָרפן מיט די פיס און אַרויסגעלאָזט אַ כאָרכל. ס'איז געוואָרן שטיל, און בוקערט האָט געפילט, ווי ס'קלינגט בא אים אין די אויערן, אין מויעך. ער האָט דערהערט דעם שעריפס שטים:

— אויב דו פילסט, אַז דו ביסט אומשולדיק, וועט מען דיך באַפרייען... האַ, וואָס זאָגסטו?

בוקערט איז געלעגן, ווי אין היץ. די רייד פונעם שעריף האָבן אים צעמישט. ער האָט געפילט, אַז דאָס איז דער גלייכסטער וועג; אַז אויב דער שעריף וויל, קען ער אים אַוועקשיקן קיין אַטלאַנטאַ, און דאָרט איז מעגלעך, ער זאָל זיך דערשלאָגן צו „קריגן גערעכטיקייט".

— וועל, וואָס שווייגסטו? — האָט זיך ווידער געהערט דעם שעריפס שטימע — גיב זיך אונטער, איידער דער אוילעם קומט; דעמאָלט וועט זיין שפּעט.

— טאָ שווער מיר צו — האָט בוקערט זיך אויפגעשטעלט — אַז דו וועסט מיך ניט איבערגעבן אין זייערע הענט.

— כ'שווער — האָט דער שעריף אויפגעהויבן אַ האַנט — אַז נאָך היינט באַנאַכט וועל איך דיך אָפּשיקן קיין אַטלאַנטאַ.

בוקערט איז אַרויס פון די קוסטעס, ער האָט געלאָזט שטיין די ביקס און איז אונטערגעגאַנגען צום שעריף:

— אָט בין איך, אַרעסטירט מיך.

ער האָט באַמערקט, אַז דער שעריף האָט אָנגעגרייט אַ פּאָר „אייזערנע מאַנזשעטן", איז ער געוואָרן אָנגעברויגעזט און געפרעגט:

— דאָס גייט איר מיך שמידן?

— יאָ.

— כ'האָב זיך דאָך אַליין אונטערגעגעבן. צו וואָס דאַרפט איר מיך שמידן?

— אַזוי פירט זיך.

דער שעריף האָט פלינק אים געשלאָסן די הענט.

בוקערט האָט דערזען, אַז ס'קומען אָן רייטער, האָט ער אַ נער־ווען דריי געטאָן מיט די הענט, זיך דערפילט אומבאַהאָלפן און געליטן — צו וואָס האָט ער זיך אונטערגעגעבן? אַ מינוט צוריק איז ער נאָך געווען פריי, זיך געקענט אָפּרעכענען מיט יעדן פון זיי, און איצט קען אים יעדער באַליידיקן, שלאָגן...

— אָט איז דער נעגער, אָט שטייט ער! — זיינען די רייטער מיט געשרייען אַראָפּ פון די פערד, און איינער האָט פון גרויס פרייד אויסגעשאָסן: — הורראַ פאַרן שעריף!

איינציקווייז זיינען די רייטער אָנגעקומען, אַרומגערינגלט דעם נעגער, אים געוויזן די שטריק, אויף וועלכער זיי וועלן אים הענגען; געשלאָגן מיט די פויסטן אין פּאָנעם אַריין, און ער — אַ געשמידטער, אַ צעבלוטיקטער — האָט נאָך יעדן קלאַפּ געמרוקעט און געוואַרט, מען זאָל אים ווידער שלאָגן.

מעקלור איז אַרויפגעפאַלן אויפן שעריף, אים גענומען קושן, זיך צעוויינט. ער איז צוגעגאַנגען צום נעגער און אים אַ שפּיי געטאָן גלייך אין פּאָנעם אַריין:

— בעסטיע! איצט וועל איך זיך אָפּרעכענען מיט דיר!

ער האָט איינגעקוועטשט די פויסטן און ווי אַ צערייצטער ביק זיך אַ לאָז געטאָן צום נעגער. דער נעגער האָט אַ הייב געטאָן אַ פוס, און מעקלור האָט זיך איבערגעקייקלט.

— נעמט אים! נעמט אים! — האָט זיך געטראָגן פון אַלע זייטן.

דער שעריף איז אַריין אין דער מיט: בירגער, שכיינים! גע־דענקט, איר האָט מיר צוגעזאָגט; איר האָט מיר צוגעזאָגט העלפן אים איבערגעבן דעם געזעץ אין די הענט.

— מיר זיינען ס'געזעץ!

— אַ נעגער איז קיין מענטש ניט!

— אַ הונט!

— גערעכט, אַ הונט! און אַ מעשוגענעם הונט דערשיסט מען!

— איך אַפּעליר צו אייך אין נאָמען פון געזעץ! — האָט דער שעריף נאָך העכער געשריען — גייט אַריין אין מיין לאַגע. צו וואָס בין איך דאָ? פאַרוואָס צאָלט מיר די רעגירונג? ס'געזעץ זאָל אָפּגעהיט ווערן. גייט אַריין אין מיין לאַגע! איך אַפּעליר...

3.

אין דער אָרטיקער צייטונג איז געווען אָפּגעדרוקט אויף דער ערשטער זייט מיט גרויסע אויסיעס:

„היינט באַנאַכט, נאָך אַ גערעג פון פינף שאָ, האָט מען אין די זומפּן געכאַפּט דעם נעגער, וואָס האָט באַליידיקט מעקלורס טאָכטער. דער מישפּעט וועט פאָרקומען מאָרגן, זונטיק נאָכמיטאָג, באַם אינ־דיאַנער בערגל.

„מיר האָפן, אַז קיינער פון אונדזערע שכייגים וועט ניט פאַרפעלן צו זיין אָנוועזנד.—די קאָמיטע."

באַלד נאָכמיטאָג האָבן די פאַרמערס אָנגעהויבן צונויפצופאָרן זיך אַרום דעם אינדיאַנער בערגל. געקומען זיינען זיי מישפּאָכעסווייז.

מענטשן, וואָס האָבן זיך קימאַט ניט געקענט צונויפריידן, זיך אויסגעמיטן דאָס גאַנצע לעבן, זיך פיינט געהאַט, האָבן מיטאַמאָל אוועקגעוואָרפן אַלע קריגערייען.

— מען פירט אים! מען פירט אים! — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן.

דער אוילעם איז אויפגעשפּרונגען, זיך גענומען שטופּן נעענטער צום בערגל, זיך געשטעלט אויף די שפּיץ־פינגער.

בוקערט איז געגאַנגען גלייך, געקוקט פאַר זיך, ווי ער וואָלט קיינעם ניט געזען. ער האָט אויסגעזען צו זיין רואיק.

די מענטשן, וואָס האָבן בוקערטן געבראַכט, האָבן זיך געהאַלטן אין איין פאָרען. זיי האָבן אַראָפּגענומען פון אַן אָטאָמאָביל שטריק, אַן אייזערנע שטאַבע, בלעכן מיט נאַפט.

מען האָט גענומען קלאַפּן די שטאַבע טיף אין בערגל אַריין; די שטאַבע האָט מען אַרומגעלייגט מיט שטיינער, צעלייגט דאָס האָלץ, און אַ האַלב טוץ מענטשן זיינען אונטערגעגאַנגען צו בוקערטן.

— פאַרטיק?

בוקערט איז צוגעגאַנגען צום בערגל, זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָן דער אייזערנער שטאַבע און גלייכגילטיק געקוקט אויפן אוילעם, אויף די מענטשן, וואָס פאָרען זיך אַרום אים.

אַ האַלב טוץ מענטשן האָבן אים צוגעבונדן צו דער שטאַבע, געדרייט און געקניפּט שטריק און קייטן אַרום זיין קערפּער. מען האָט אים אַרומגעלייגט מיט שטיקער האָלץ, טרוקענע צווייגן און

אַלץ באַגאָסן מיט נאַפּט.

מעקלור, אַנגעטאָן יאַנטעוודיק, איז אונטערגעגאַנגען מיט ווירדע. ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און עס צוגעטראָגן צו די צווייגן.

— או־ה... — איז דורך אין דער לופט, ווי אַ ווינט וואָלט געוויינט און דער אוילעם האָט זיך נעענטער אַ שפּאַר געטאָן.

איבער אַ רעגע האָט זיך בלויז געזען אַ בלוי פלעמל; באַלד האָט זיך דער נאַפּט צעפלאַקערט, פונקען האָבן זיך געשאָטן, האָלץ האָט גענומען קנאַקן. אין איין אויגנבליק האָבן זיך בוקערטס הויזן אָנגע־כאַפּט, און ס׳האָט זיך געהערט אַ סמאַליע פון פלייש. ער האָט צומאָל קיין קרעכץ ניט געטאָן.

די פלאַמען זיינען פאַמעלעך געקראָכן איבער זיינע קליידער. פונקען האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן פון אַ געדיכטן, גרויען וואָלקן רויך. בוקערט האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ. מיטאַמאָל האָט ער זיך גע־נומען קאַרטשען הינטער די שטריק און צום ערשטן מאָל זיך צעשריען:

— אוי, מיין גאָט! מענטשן, לאָזט מיך אָפּ! כ׳בעט אייך, לאָזט מיך אָפּ!

מיט פאַרקוועטשטע פויסטן, די ציין איינגעביסן אין די ליפּן, האָט ער זיך געקאַרטשעט, באַוואויגן מיט יעדן גליד, מיט יעדן מוס־קול, געקרעכצט. ער האָט זיך צעשריען מיט אויפּטרייסלענדיקע קוילעס. זיינע געשרייען זיינען פאַרהילכט געוואָרן פון ווילדן האַמוין:

— מ׳דאַרף מיט אַלע אַזוי טאָן!

— מיט אַלע!

בוקערטס געשרייען זיינען געוואָרן שוואַכער, ווי די קויכעס וואָלטן אים פאַרלאָזן. ער האָט ניט געשאָלטן, בלויז געקרעכצט און זיך געבעטן:

— מענטשן, האָט ראַכמאָנעס, דערשיסט מיך! מענטשן . . .

קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט.

דער האַמוין איז זיך פונאַנדערגעפּאָרן. דאָ און דאָרט האָבן יונגען געשאַרט מיט שטעקנס אין אַש, געזוכט פּאָר אַ זייכער ווער אַ צאָן, ווער אַן אָפּגעברענטן ביין — די קומענדיקע דורעס זאָלן זען, אַז זייערע פאָטערס זיינען געווען בראַווע אַמעריקאַנער.

די זון האָט זיך גענומען זעצן.

אויך איך

● לענגסטאָן יוז

אויך איך זינג אַמעריקע.

איך בין דער טונקעלער ברודער.
מ׳שיקט מיך עסן אין קיך
ווען געסט קומען.
אָבער איך לאַך
און עס געשמאַק
און ווער שטאַרק.

מאָרגן —
וועל איך זיצן באַם טיש,
ווען געסט קומען אָן.
קיינער וועט דעמאָלט
ניט וואַגן זאָגן:
„עס אין קיך.“

און מער נאָך:
זיי וועלן דערזען
ווי שיין איך בין
— און זיך פאַרשעמען —

אויך איך בין אַמעריקע.

ברידער — הוגאָ געלערט

אייזערנע

● ה. לייוויק

אַן אייזערנער מענטש אויף אַן אייזערנעם פערד.
אוןביידע געבויגן די קעפּ צו דער ערד.
זיי שטייען זיך ביידע אַזוי זאַלבעצווייט,
פון אַלע פיר זייטן פאַרצאַמט מיט אַ קייט.

פון ווייטן די זיילן פון ברוקלינער בריק,
עס לויפן אום באַנען אַהין און צוריק,
און מאַסנווייז מענטשן — מען גייט און מען גייט
אַרום און פאַרביי דער פירעקיקער קייט...

ווערט פינצטער און שפּעט. שטייט אַ וועכטער און היט,
אַמאָל היט ער יאָ, און אַמאָל היט ער ניט.
דער מענטש מיטן פערד, איינגעשמידטע אין קייט,
זיי שטייען זיך רואיק און שטיל זאַלבעצווייט...

אויפן באַנקעט

● ב. גלאַזמאַן

1.

באַרבאַראַ איז געשטאַנען קעגן שפּיגל, זיך אָנגעמאָסטן אַ לופטיק-גרינג באַל-קלייד פון זאַפראַן-קאָלירטן זייד.

דאָס ערנסטע פּאָנעם איז געווען פייערלעך-רואיק. אי זי, אי רוטי האָבן געכאַפּט היינט אַ לאַנגן באַטאָגיקן דרעמל, זיי זאָלן באַנאַכט אויסקוקן גוט אויסגערוט, מען זאָל אָן זיי גאָרנישט דערקענען, זיי אין גאָרנישט פאַרדעכטיקן.

— מירן דאָך אויסזען ווי עמעסע פּרינצעסינס, ווי די עכטע מיליאָנערסקע טעכטערלעך — האָט רוטי שטיפעריש אָנגעקוואָלן, אַרויפציענדיק אויף זיך אַ טייער באַל-קלייד, וואָס ס'האָט זיך איר קיינמאָל אין לעבן ניט געכאָלעמט, אַז ס'וועט איר ווען אויסקומען אַזוינס אָנצוטאָן — גלויב מיר, מיר'ן ניט האָבן וואָס אַראָפּצופאַלן דאָרטן — קעגן ק י י נ ע ם ניט!

זי האָט אָבער פון דער זייט דערפילט אויף זיך באַרבאַראַס אַ ניט-צופרידענעם בליק. מ'האָט אים געקאָנט אויסטייטשן: „פאַרגעם

נאָר ניט צוליב װאָס מיר גייען היינט באַנאַכט אַהין... פאַר אָט־די־אָ טייערע שמאָכטעס, פאַר אָט־די באַל־קליידלעך מיט די פוטער־לעך, וועלכע מיר האָבן גענומען אויף פּראָקאַט — פאַר זיי ווערט באַצאָלט פונעם סטרייקערס פאָנד...״ רוטי האָט צו איר דעמאָלט שטיפעריש אַ וואונק געטאָן:

— אָ־קעי, באַרב... איך ווער באַלד פאַרטיק. וואו איז דער פּאַרפיום?

— פאַרגעס נאָר ניט די קייטעלעך מיטן שלעסעלע... — האָט זי אַריינגעקוקט טיף אינעם גרויסאַרטיקן באַל־טאַש פון געשטריקטע זילבער־פעדעס, וואו עס זיינען געלעגן א י ר ע קייטעלעך — און — איך דאַרף דאָך מיט דיר מער גאָרנישט איינשטודירן? מיר האָבן דאָך שוין אַ פּאָר מאָל געהאַט רעפּעטיציעס...

— פאַרלאָז זיך אויף מיר, מיין קינד, כ'וועל זיי דאָרט אָפּשפּילן די ריכטיקע כאַסענקע...

זיי האָבן ביידע באַטראַכט איינע די צווייטע צום לעצטן מאָל — פייערלעך, מיט שטיפערישע גלענצלעך אין די אויגן:

— ווייזט אויס, אַז אויך מיר קאָנען אויסקוקן שיין...

אָן היטעלעך, מיט פריש־געקרייזלטע פריזורן, מיט לופטיקע זיידענע שאַלעכלעך אַרום די העלדזער, האָבן זיי פריידיק זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. אין דרויסן האָט אויף זיי געוואַרט אַ טעקסי.

2.

אין איינעם פון די לוקסוס־צימערן פונעם פּילגאַרנדיקן האָטעל, אין דער ווענעציאַנער סוויטע, איז היינט פאַרגעקומען אַ באַנקעט פאַר מר. אייזעקס, דעם אייגנטימער פונעם גרויסן דעפּאַרטמענט־סטאָר אין צענטער־שטאָט.

דער „אייברעהעם און אייזעק״ יעסוימים־אַנשטאַלט האָט דעם דאָזיקן באַנקעט אַראַנזשירט. איז דאָס געווען בלויז אַ צופאַל, וואָס דער באַנקעט איז אַראַנזשירט געוואָרן לעקאָוועד אים פונקט איצט, ווען די צייטונגען זיינען געווען פול מיטן סטרייק פון די הונדערטער פאַרקויפער און פאַרקויפערינס באַ אים אין געשעפט? ווען טעגלעך פלעגן פאָליציי־וועגענער אָנפּאַקן די פּאַראַדירנדיקע פּיקעטס פאַר זיין געשעפט, און אַוועקפירן זיי אין טפיסע אַריין? יאָ, מעגלעך טאַקע, אַז גראָד איצט האָט זיך מר. אייזעקס גענויטיקט, אַז די „וועלט״ זאָל

זיך דערוויסן וועגן זיין ברייט האַרץ, וועגן דער צדאָקע זיינער, וועגן דעם „אייבערהעם און אייזעק" יעסוימים-אַנשטאַלט, וואו ער איז דער וויכטיקסטער דירעקטאָר.

אַ ראַדיאָ-טעקסי, מיט אַ באַלויכטענעם דרייעק אויפן דאַך, האָט צוגעפירט באַרבאַראַן און רוטין צום האָטעל.

לאַקייען אין בלוי-לאַנגע, גאָלד-געזוימטע ליווריען, האָבן גע־האָלפן די געסט אַרויסשטייגן. אויף ברייטע מירמלנע טרעפּ האָבן זיי לעבעדיק אַרויפגעטאַנצט צום מעזאַנין, וואו דער באַנקעט האָט גע־דאַרפט פאָרקומען. אומצייליקע ליכט, אין לעמפּלעך פון געפרוירענעם גלאָז, ווי הענגלעך ריזיקע וויינטרויבן; אַלט-סטיליקע קאַנדעליאַברעס אויף ווינקל-טישלעך און אויף ווענט; שפּיגלען פון דיל ביזן סופיט, רויטע און גאָלדענע פאַרבן פון ווענט און מעבל האָבן דעם פּאָרל אַנטקעגנגעלויכטן. באַרבאַראַ און רוטי האָבן זיך גרינג אויסגעמישט מיטן יאָנטעוודיק-שפּאַצירנדיקן אוילעם.

פּיס אין לאַקירטע שיכלעך, אין טייערע שיכלעך, באַגילדעטע, באַזילבערטע און באַפּערלטע, האָבן רוישלאָז געזונקען אין די טיפע רויטע טעפּיכער, וואָס האָבן אינגאַנצן באַדעקט די דילן פון דעם זאַל. מוזיק האָט געצימבלט, געפייקלט, געפייפלט. אין אַ זייטיקן צימער האָבן אויף אַ געוועקסלטן דיל, וואָס האָט געגלאַנצט ווי אַ געפרוירענע סאַזשלקע, זיך געגליטשט פּאָרלעך.

רוטי, אַ ביסל דערשראָקן, האָט זיך געטוליעט צו באַרבאַראַן. באַרבאַראַ האָט איר געדריקט דעם אָרעם, אונטערגעגעבן קוראַזש. „האָב קיין מוירע ניט, מיין זיס..." האָט זי איר איינגערוימט אין אויער. ניין, קיינעם האָבן זיי זיך דאָ ניט געוואָרפן אין די אויגן.

באַרבאַראַ האָט זיך דערווייל אַרומגעקוקט, פּאָרזיכטיק געוואָרפן אויספאָרשנדיקע בליקן אין אַלע זייטן. אירע אויגן זיינען געפאַלן אויפן באַלקאָן, וואָס האָט אַרומגעזוימט דאָס לאַנגע און הויכע צימער מיט די געפאַרבטע דיקע פענצטער ווי קירכן-שויבן.

— דאָרטן, רוט!... זעסט? דאָרט אַהין וועלן מיר זיך אַרויפ־קלייבן.

3.

אַ שטיל ווינטל איז פּלוצלונג דורכגעלאָפן איבער די קעפּ-פונעם פּייערלעך-פּאַרפּוצטן אוילעם. אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדט,

ווי אויף אַ קאָמאַנדע, צו די מירמלנע שטיגן. איבער זיי האָט זיך איצט אויפגעהויבן מר. אייזעקס — אַ נידעריקער, ברייטער ברונעט אין אַ פראַק מיט שפּיציקע פליגלען.

רוטי און באַרבאַראַ זיינען אַפילו ניט געווען זיכער, צי מר. אייזעקס קען זיי — הונדערטער אָנגעשטעלטע, מיידלעך, פאַר־קויפערינס... כּוץ דעם: וואָלט ער זיי אַפילו יאָ געווען געקענט — וואָלט ער זיי זיכער איצט ניט דערקענט. ס'איז שוין אָבער געווען איצט די העכסטע צייט. דער יאָנטעוודיקער אוילעם האָט זיך שוין אַ לאָז געטאָן דורך די ברייט־צעפּראַלטע טירן, וואָס האָבן געפירט צום באַנקעט־זאַל.

אין דער הויך, אויפן באַלקאָן, וואָס האָט אַריבערגעקוקט איבערן עס־זאַל, האָבן זיי זיך ביידע צוגעזעצט בײַ איינעם פון די פילע עלעגאַנטע שרייב־טישלעך, וואָס זיינען דאָ געווען אויסגעשטעלט פאַזע דער באַלוסטראַדע מיט די געפלאָכטענע בלימלעך פון באַגילטן אייזן. מיט פלינקע באַוועגונגען האָבן רוטי און באַרבאַראַ אַרויס־געשלעפּט פון די טאַשן די קייטעלעך, פאַרוואָרפן איין עק אַרום זייערע לינקע הענט, דעם צווייטן עק — אַרום די אייזערנע שטאַכעטן פון דעם פאַרענטש. שטייף אַרומגעצויגן, פעסט צוגעקלאַפּט די שלעסלעך.

— פאַרטיק? — באַרבאַראַס אויגן האָבן געשאָטן פונקען.

— פאַרטיק — האָט רוטי אינגאַנצן געברענט.

4.

און דאָס פייערלעכע מאָלצייט אונטן איז אָנגעגאַנגען — פון ווייַן צו וויין, פון איין גרויסאַרטיקן געריכט צום צווייטן. „באַלד, באַלד...“ — האָבן באַרבאַראַס ליפּן געשעפּטשעט.

פּלוצלונג איז דאָס פייערלעך־איינגעהאַלטענע קלאַפּערײַ פון מעסער־גאָפּל אינגאַנצן שטיל געוואָרן. דער טאָסטמייסטער האָט זיך אויפגעהויבן. ער האָט פאַרגעשטעלט דעם באַל־סימכע, דערציילט די הויכגעשטעלטע געסט וועגן זיין ברייט האַרץ — און נאָך ברייטערער האַנט. דאָ נישט לאַנג, טאַקע גאָר לעצטנס, אין אַזאַ ביטערער קריזיס־צייט, האָט ער אָוועקגעשענקט פּופּציק טויזנט דאָלער אויף אַ שול פאַר געניטע דעזיינערס.

— סאַראַ וואונדערלעכע געלעגנהייט פאַר הונדערטער, הונדער־

טער קינדער פונעם פאָלק... בלויז אָרעמע מיידלעך ווערן אַהין אַריינ־געגומען.

— קעדיי ער זאָל מיט זייער הילף שפּעטער קאָנען שניידן די סכירעס פון די העכער־באַצאָלטע דעזיינערס, וואָס אַרבעטן בא אים...

— האָט אין דער שטילקייט אַ דונער געטאָן פון דער הויך אַ שטים איבער אַלעמענס קעפּ.

— און ער וועט זיי אַרויסוואַרפן פון געשעפט, אויב זיי וועלן זיך דערוועגן פאָדערן נאָך צוויי דאָלער אַ וואָך, פּונקט ווי ער האָט עס געטאָן מיט אונדז... — האָט אַ שאָל געטאָן אַ צווייטע הויכע פרויען־שטים.

— א ו נ ד ז ע ר געלט גיט ער אויס אויפן יעסוימים־אַנשטאַלט! אויף א ו נ ד ז ע ר געלט אָרדנט ער איין אייערע גרויסאַרטיקע באַנקעטן!

פון דער הויך, פון באַלקאָן אַרונטער, האָבן רוטי און באַרבאַראַ אויסגעזעזן נאָך העכער, ווי זיי זיינען געווען אין דער עמעסן. זיי האָבן זיך געצויגן, געשטרעקט, אויסגעוואַקסן. אונטן האָט זיך אָנגעהויבן אַ גוואַלדיקע סומאַטאָכע. מען איז אויפגעשפּרונגען פון די שטולן, ווי געביסענע. העלדזער, אויגן, קעפּ האָבן זיך פאַרריסן אין דער הויך, דערשראָקן געשטאַרט, ניט פאַרשטאַנען צוערשט וואָס דאָ קומט פאָר.

— אַנטשולדיקט . . . איך האָב מיך נאָך פאַר אייך ניט פאָר־געשטעלט... — האָט באַרבאַראַס שטים געשאָלט פון דער הויך ווי אַ לויטערער האָרן — איך בין איינע פון די אייזעקס־סטרייקערינס . . . איך בין געקומען אַהער צו דערמאָנען מיין באָס, אַז „טשאַריטי בעגינס עט האָום"...

די האָטעל־דעטעקטיווס זיינען די ערשטע געקומען צו־זיך. פלינק האָבן זיי זיך באַוויזן אויפן באַלקאָן. זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אַרויסשליידערן די רו־שטערער. אין הילפלאָזיקייט האָבן זיי אָבער גלייך באַמערקט: די צוויי יונגע פרויען זיינען פעסט צוגעקייטלט צו זייערע ערטער...

— גיב אַהער די שליסלען — האָט אַ בולדאָג־מאָרדע ברומענדיק אַרויסגעוואָרפן ווערטער, ווי גאַל־שפּייעכץ.

— וואָס מיינסטו — האָט באַרבאַראַ איידל צוריקגעלאַכט — מיר

האָבן געדאַרפט פאַר דיר אהער ספּעציעל ברענגען שליסעלעך? האָסט באַ אונדז באַשטעלט?

מען האָט טעלעפאָנירט נאָך פּאָליציי, נאָך אַ שלאָסער, וועלכער זאָל קומען איבערזעגן די קייטעלעך... דאָס פייערלעכע מאָלצייט אונטן איז שוין אָבער געווען צעשטערט. איינער, אַ צווייטער באַם באַנקעט-טיש האָט נאָך געפּרוּאווט אָנהויבן אַ טאָסט; די פלאַמיקע אויפרופן פון די צוויי יונגע פרויען אין דער הויך האָבן אָבער נאָכאַנאַנד גע-קנאַלט און געבייטשט איבער זייערע קעפּ.

— ס'איז גרינג מר. אייזעקסן צו פיגורירן דאָ ווי אַ פילאַנטראָפּ... אויפן כעזשבן פונעם נישטיקן לוין, וואָס ער צאָלט אונדז!

— דאָ איז ער אַ גרויסער צדאָקע-מענטש... און קעגן אונדז האָט ער אַרויסגענומען אַן אינדזשאַנקשאַן... צענדליקער, הונדערטער פון אונדזערע פּיקעטס האָט ער שוין געלאָזט אַריינוואַרפן אין געפענגעניש אַריין!

5.

אין דער לופט איבער אַלעמענס קעפּ האָבן אָנגעהויבן פלוצלונג אַרומלויפן רויטע און ווייסע ליפלעטס; די דאָזיקע סטרייק-פּראָקלאַ-מאַציעס האָבן אַ ווײַלע רוישלאָז געפלאַטערט אין דער אָנגעלאָדענער לופט, זיינען געפאַלן, זיך געלייגט אויף קעפּ און אַקסלען...

קיינער האָט ניט געזען, ווי רוטי האָט זיי פון דער הויך אַ שליידער געטאָן — ס'איז געווען ווי דער באַגילטער סופיט אַליין האָט זיי אָנגעהויבן אַרונטערצורעגענען... דער צעטומלטער, פאַרשעמטער אוילעם האָט זיך אַ הויב געטאָן פון די טישן. עמעצער האָט געגעבן אַ צייכן דעם אָרקעסטער ער זאָל אויפשפּילן. דער אוילעם האָט זיך אַ לאָז געטאָן טאַנצן צו דער זיסלעכער וואַלץ-מעלאָדיע.

און אויפן באַלקאָן, באַוואַכט פון די בייזע בליקן פון די האָטעל-דעטעקטיוום מיט די פיר-קאַנטיקע בולדאָג-פּענעמער, אין דערוואַרטע-ניש פון דער אַרויסגערופענער פּאָליציי, האָבן זיך געהויבן, האָבן זיך געשטרעקט אין דער הויך די שטראַפנדיקע און מאַנענדיקע גע-שטאַלטן פון די צוויי סטרייקערינס, וואָס זיינען געווען איצט איינ-געהילט אין פרעמדן זיידנס און פוץ. נישט שענקענדיק די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט די שאַמרים, וועלכע האָבן הילפלאָז געצאַרנט האַלעמיי דאָס זיינען פרויען און ניט קיין מענער, ווען מען וואָלט

כאַטש דערוויל געקאָנט גוט אָנברעכן די ביינער — האָבן זיי נאָכ-אַנאַנד געשליידערט פון דער הויך אַרונטער ווערטער, ווי בליצן; ווערטלעך, ווי בייטשלעך פייער.

און די זים-צעקראַכענע וואַלץ-מעלאָדיע, דאָס צימבלען און דאָס פייפן און בלאָזן, האָבן ניט געקאָנט פאַרטומלען און פאַרשטילן דאָס, וואָס ס'איז פאָרגעקומען איצט אין דער הויך, אויפן באַלקאָן פונעם האַלב-אָפּגעליידיקטן באַנקעט-זאַל.

ס'איז די טאַנצנדיקע פּאָרלעך געוועזן אויפן האַרצן פונקט ווי די באַזויפענע געסט אין דעם פּאַלאַץ פון דעם אַלטן כאַלדייאישן קעניג אינעם אוראַלטן באָוול — אינעם פּאַלאַץ פון בעלשעצערן, ווען, לויט דער אוראַלטער לעגענדע, ס'האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן אַ האַנט אויף דער וואַנט — אַן איינציקע האַנט, וועלכע האָט אין מיטן פייערלעכן מאָלצייט אָנגעשריבן שרעק-ווערטער, וואָרנענדיקע ווערטער: „מעניי, מעניי, טקייל אופאַרסין"... *)

*) כאַלדייאיש: „דיין קעניגרייך איז געציילט און פאַרענדיקט; דו ביסט באַנקראָט; דו וועסט איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון דיינע געגנער..."



די דאַמע אין אויטאָמאָביל: „ווי אינטערעסאַנט!"   אַרט יאָנג

מאָרים ראָזנפעלד

מאָרים ראָזנפעלד איז געבוירן געוואָרן אין 1862 אין דאָרף באָקשאַ, לעבן סואוואַלק, ליטע (דעמאָלט רוסלאַנד).

מאָרים ראָזנפעלד האָט באַקומען אַ רעליגיעזע דערציאונג. ער האָט געקענט עטלעכע שפּראַכן, וועלכע ער האָט אַליין אויסגעלערנט.

אין 1882 פאַרלאָזט ער רוסלאַנד. ער אַרבעט אַ קורצע צייט אין אַמסטערדאַם (האָלאַנד) אַלס דימענטן-שלייפער, דערנאָך אין לאָנדאָן אַלס שניידער; אין 1886 קומט ער מיט זיין פאַמיליע אין ניו יאָרק, וואו ער אַרבעט יאָרן אין סוועט-שאַפּ אַלס שניידער. שפּעטער וואַרפט ער די שניידעריי און אַרבעט אַלס זשורנאַליסט אין די ניו-יאָרקער יידישע צייטונגען. אָנגעהויבן שרייבן לידער האָט מאָרים ראָזנפעלד צו 15 יאָר. זיינע לידער: „מיין ייִנגעלע", „דער סוועט-שאַפּ", „דער אַלטער שניידער", „דער בלייכער אַפּערייטאָר" און פיל אַנדערע באַזינגען די נויט און ליידן פון יידישן אַרבעטער-אימיגראַנט אין סוועט-שאַפּ. מאָרים ראָזנפעלדס שאַפּ-לידער און פרייהייט-לידער האָבן אים געמאַכט פּאָפּולער צווישן די יידישע מאַסן. מאָרים ראָזנפעלדס לידער זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש און אין אַנדערע שפּראַכן.

מאָרים ראָזנפעלד איז געשטאָרבן אין ניו-יאָרק, אין יאָר 1923.

מיין רועפּלאַץ

מאָרים ראָזנפעלד ●

ניט זוך מיך וואו די מירטן גרינען!
געפינסט מיך דאָרטן ניט, מיין שאַץ;
וואו לעבנס וועלקן בא מאַשינען —
דאָרטן איז מיין רועפּלאַץ.

ניט זוך מיך וואו די פייגל זינגען;
געפינסט מיך דאָרטן ניט, מיין שאַץ;
אַ שקלאַף בין איך; וואו קייטן קלינגען —
דאָרטן איז מיין רועפּלאַץ.

ניט זוך מיך וואו פאָנטאַנען שפּריצן;
געפינסט מיך דאָרטן ניט, מיין שאַץ;
וואו טרערן רינען, ציינער קריצן —
דאָרטן איז מיין רועפּלאַץ.

און ליבסטו מיך מיט עכטער ליבע,
טאָ קום צו מיר, מיין גוטער שאַץ;
און מונטער אויף מיין האַרץ, מיין טריבע
און מאַך מיר זיס מיין רוע-פּלאַץ.

אַ גע ז אַ נ ג

● וואָלט וויטמאַן

יידיש: ל. מילער

קום, איך וועל מאַכן דעם קאָנטינענט אומצעשטערבאַר.
איך וועל שאַפן די וואונדערלעכסטע ראַסע,
איבער וועלכער, די זון האָט ווען ניט איז, געשיינט.
איבער וועלכער די זון האָט ווען ניט איז געשיינט.
מיט דער ליבע פון כאַווערשאַפט,
מיט דער לעבנס-לאַנגער ליבע פון כאַווערשאַפט.

איך וועל פלאַנצן אַזאַ נאָענטע כאַווערשאַפט,
ווי די ביימער באַ די ברעגן פון אַלע אַמעריקאַנער טייכן,
אַלע גרויסע וואַסערן און פריירים;
איך וועל מאַכן אומצעשטערבאַרע שטעט,
מיט די אָרעמס פאַרוואָרפן איינער דעם צווייטן אויף די אַקסלען,
דורך דער ליבע פון כאַווערשאַפט.

פון מיר צו דיר, אָ, דעמאָקראַטיע,
צו דינען דיר, מיין טייערע,
פאַר דיר, פאַר דיר זינג איך דאָס געזאַנג,
אין דער ליבע פון כאַווערשאַפט,
אין דער הויך-טורעמדיקער ליבע פון כאַווערשאַפט.

איך וועל זינגען דאָס ליד פון כאַווערשאַפט
און איך וועל ווייזן, וואָס עס מוז זיי פאַרבינדן;
איך גלויב, אַז דורך מיר וועלן זיי באַגרייפן גרויסע ליבע.

איך וועל שרייבן דאָס בסורע-ליד פון קאַמעראַדן און פון ליבע,
ווייל ווער, אויב ניט איך, זאָל פאַרשטיין ליבע
מיט אַלע אירע ליידן און פריידן?
און ווער, אויב ניט איך, זאָל זיין דער דיכטער פון כאַווערשאַפט?

צום נייעם ברעג



„אויף דער שיף״ א. מ. ליליען

אַראָפּגעקומען

● קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

עס האָט די שיף געטאָן אַ ברומקע צו ניו־יאָרק,
ווי אַ קו פון פעלד מיט בסורעדיקער שטימע:
— געבראַכט צום פּאָרט
די קוזינע אייערע, די „גרינע".

איי, אַ הוילעך,
צאַצקעדיקער אומעט,
שוואַרצע לאַטשן
און אָפּצאַסן קרומע.

דערהערט האָט דער עליס־איילאַנד.
אַ גלאַנץ געטאָן מיט ווייסע שויבן,
און אַ צי־געטאָן די לאַפּעס
צו די אומשולדיקע טויבן.

איי, צאַפּלען זיך די פליגלען
אויפן „אינדזל פון די טרערן",
און קאָלאָמבוס מיט אַן אַרבל
ווישט די פענצטער אין די שטערן.

זיינען אָנגעקומען שוועסטערקינדער
מיט צעפּלאַמטע באַקן און מיט „סיטיזן פּאַפּירן",
מיט וואָלענע און סאַמעטענע קליידער
אין אַ זיבן, אַכט קאָלירן.

איי, אַ קלייניקייט, פון „יוראָפּ",
פון דער היים דער אַלטער,
און עס שמעלצן זיך געשרייען
אויף אַספּאַלטן קאַלטע.

האָט מען זיך גענומען קושן,
אַזש עס שטייען אויף די באַקן צייכנס.
זיינען איינגעפאַלן ווענט פון עליס־איילאַנד,
ווי אַמאָל די ווענט פון יעריכע.

איי, אַ סימכע,
צאַצקעדיקער אומעט.
ס'וויגן שיפן זיך אויף גרינע כמאַרעס,
און ניו־יאָרק אויף הונדערט־צוואַנציק אומעס.

אויף דער שיף

● י. קאַפּעלאָוו

אין אַ נעפּלדיקן, אומעטיקן יוני-נאָכמיטאָג האָבן מיר זיך געזעגנט אויף דער שיף, וואָס האָט אונדז געפירט קיין אַמעריקע.

די ערשטע פיר-פינף טעג אויפן יאַם האָבן מיר אַלע שרעקלעך געליטן. דער יאַם האָט געבושעוועט, ווי אַ צערייצטע, ווילדע כייע און האָט אַרומגעשליידערט אונדזער אָרעם שיפעלע, ווי אַ שפּענדל. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אים האָט זיך נישט אַנדערש געוואָלט ווי אונדז פאַרשלינגען.

אָט הויבט זיך די שיף אויף אַזוי הויך, אַז דער קאָפּ הויבט אָן שווינדלען, אין די אויגן ווערט פינצטער און ס'ווערט נודנע צו כאַלעשן... אָדער אָט הויבט זי גאָר אָן פאַלן אַרונטער, אַרונטער און דאָס האַרץ הויבט אָן זינקען, זינקען אַראָפּ, אַראָפּ, און ס'דאַכט זיך, אַז באַלד פאַלט עס גאָר אַרויס... אָט טוט זיך די שיף אַ קער אין איין זייט און מיר אַלע קייקלען זיך פון די געלעגערס מיט די שטרויענע מאַטראַצן, בלעכענע קיילים און פּעקלעך. עס ווערט אַ קלאַפּעריי, אַ יאָמערן פון קינדער, אַ געשריי פון טאַטעס און מאַמעס, און דאָס וואָיען פון די כוואַליעס שרייט אַלץ אַריבער; פּלוצלונג, מיט האַסט, גיט זיך אַלץ אַ דריי איבער אין דער אַנדערער זייט און די זעלבע געשיכטע כאַזערט זיך איבער. איצט זיינען שוין אַ סאַך צע-קלאַפּט, צעביילט און צעשלאָגן. שלעכט, ביטער ווי דער טויט זיינען געוועזן די ערשטע פּאָר טעג אויף דער שיף!

אָבער אָט האָט אָנגעהויבן ווערן גרינגער. דער יאַם איז געוואָרן רואיקער און אויפן האַרצן — פריילעכער. עס איז אַוועק אַ טאָג און מען האָט שוין געקאָנט עפּעס נעמען אין מויל. מען האָט אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פון די לעכער אויף דער פרייער לופט. די ליבע זון האָט געוואַרעמט, געטרייסט און געגלעט. איך האָב זיך דערפילט ווי אויפגעלעבט, ווי איך וואָלט פון אַ קרענק אויפגעשטאַנען. מיין אַפּעטיט האָט זיך צעשפּילט, ווי נאָך אַ קרענק.

פיל, פיל געדאַנקען האָבן זיך ווי אַ וויכער געדרייט אין קאָפּ. עס האָט זיך קעסיידער געטראַכט וועגן דער היים און, וויי, ווי עס האָט זיך געבענקט! דאָס האַרץ האָט פאַרקלעמט.

איך קוק זיך צו צו די פאַרשיידענע סצענעס און פּאַסירונגען,

אימיגראַנטן יאָסל קאָטלער

וואָס קומען פאַר צווישן מיינע שיף־ברידער און שיף־שוועסטער. פּאַסירונגען זיינען פאָרגעקומען אַלערליי — אי קאָמישע, אי טרויעריקע.

די גרויסע מאַסע פון אַלערליי וואַנדערער, די פאַרשיידענע קליידער, די אַלערליי שפּראַכן, דיאַלעקטן און אַקצענטן פּלאָנטערן זיך איינער איבער דעם אַנדערן. שמייכלענדיקע פּענעמער מישן זיך מיט פאַרקאַסטע, פריילעכע—מיט פאַריאָמערטע. עס איז זייער טשיקאַווע און אינטערעסאַנט.

נישט ווייט פון מיר זיצט אַ גאַנצע מישפּאָכע, קענטיק — פּאָגראָם־קאָרבאָנעס. קיין פרייע מינע זעט זיך נישט אויף קיינעם פון זיי. דער טאַטע זיפצט, ער זיפצט טיף און ביטער. די מאַמע וויינט און גיסט טרערן. אַ טאָכטער, שוין אַ קאַלע־מיידל, קרומט אַלע ווילע איר פאַראומערט פּאָנעם, ווי זי וואָלט געטרונקען עסיק. דער ברודער, אַ באָכערל פון אַ יאָר אַכצן, מיט זייער אַן ערנסט פּאָנעם, רייבט דעם שטערן און טוט אַלע ווילע מיט קאַעם אַ שפּיי.

אַ גרויסע פּאַמיליע פון איינעם אַ מענטשן — אַלטע און יונגע, מענער און פרויען, גרויסע און קליינע קינדער—האַלטן אין איין קריגן זיך, און דאַפּקע הויך אויפן קאָל, גאָר ווי באַ זיך אין דער היים. זייער שפּראַך איז געווען עפּעס אַזוי צעצויגן און מאָדנע אויסגעזונגען, אַז מיר איז שווער געווען צו פאַרשטיין זי. גאָר אַ יונג, שיין ווייבל, מיט אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר פינף, אַ זעלטן קלוג און סימפּאַטיש קינד, האָט קעסיידער געקלאָגט און געוויינט אויף איר ביטער מאַזל. דאָס קינד

פלעגט זי אַרומכאַפּן מיטביידע הענטלעך, קושן און טרייסטן: באַלד, באַלד וועלן זיי שוין זיין בײַ דעם טאַטן.

אַ סך פון די רייזנדע זיינען געווען זייער אָפּטימיסטיש. זיי זיינען געווען זיכער, אַז די גרעסטע גליקן זיינען פאַר זיי אָנגעגרייט אין אַמעריקע. זיי האָבן גאַנצע לופט־שלעסער געבויט; פּינקטלעך אויסגערעכנט, וויפיל טויזנטער זיי וועלן אין אַ פּאָר יאָר אַרום פירן צוריק און וואָס זיי וועלן טאָן מיט דעם געלט.

אַ סך זיינען געווען שטאַרק דערשלאָגן, געזיפצט, געקרעכצט און געהאַלטן אין איין טײַנען: „גאָט ווייסט, גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ גוטס קען מען שוין דערלעבן פון אַ לאַנד, וואו מען גייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, האַ?" די פּעסימיסטן זיינען געווען די עלטערע מענטשן. זיי פלעגן קלאָגן: „גיי הויב אָן אויף די עלטערע יאָרן זיך לערנען רעדן, ברעכן די צונג, גיין אויף אַ נייעם שטייגער."

די לעצטע פאָר טעג זיינען געווען זייער שיינע. אונדזער שיף איז געשוואומען איבערן וואַסער ווי אַן ענטל. דער אוילעם איז געוואָרן גוט אויפגעלייגט. די פריילעכע געלעכטערס פון די יינגערע האָבן פאַרטרונקען די אָפּגעריסענע אָכצן און קרעכצן פון די עלטערע.

אויפן פערצנטן טאָג האָבן מיר דערזען לאַנד! אַ געשריי פון פרייד און באַגייסטערונג האָט זיך אַרויסגעריסן פון די פאַרשמאַכטע הערצער. יונג און אַלט, מענער, פרויען, קינדער אויסגעפּוצט אין דעם שענסטן און בעסטן, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, זיינען צעפּלאָמטע, מיט יאָנטעוודיקע פּנים געשטאַנען אויפן „דעק" און געהיט ווי די שיף קומט אַלץ נעענטער און נעענטער צו דעם נייעם לאַנד, צו דעם נייעם לעבן און צו דעם נייעם מאַזל...

דער אוילעם האָט זיך אינגאַנצן פאַרענדערט. יונגוואַרג האָט געפייפט, געזונגען, געלאַכט און געטאַנצט. אַפילע אויף די אַלטע פּנים האָבן זיך אויך די קנייטשן אַ ביסל אויסגעגלייכט. זיי האָבן זיך אַלע געפרייט, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיכער געווען, אַז אויפן ברעג, צו וועלכן זיי דערנעענטערן זיך איצט, איז פאַר זיי אָנגעגרייט דאָס העכסטע גליק.

די שיף שווימט אַלץ נעענטער און מיר „שטופּן" זי אונטער מיט אונדזערע קלאַפּנדיקע הערצער.

אַט זעט מען שוין „האַבאַקען". „פּאַראַמען" אָדער „פּערים" אָנ־ געפּאַקטע מיט אַ סאַך מענטשן, שווימען זיך אַזוי עלעגאַנט איבערן וואַסער, און אונדזערע עמיגראַנטן דענקען נישט אַנדערש, אַז דאָס קומט מען אונדז באַגעגענען... מאַכן זיי דאָך מיט די טיכלעך, מאַכן מיט די הענט. שרייען צו אונדז און לאַכן!...

אַרום עלף אַזייגער זיינען מיר צוגעקומען צום ברעג אין האַבאַ־ קען. דער אוילעם האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן געזעגענען. פּיל באַקאַנט־ שאַפטן זיינען אויף דער שיף געמאַכט געוואָרן; פּיל פריינטשאַפטן געשלאָסן געוואָרן — און איצט דאַרף מען זיך צעשיידן. מען האָט זיך גענומען פאַרשרייבן אַדרעסן, דריקן זיך הענט און שרייען: „זע, פאַרגעס נישט!"

עס איז געוואָרן אַ טומל, מען האָט גענומען אַריבערזעצן דעם אוילעם אויף קלענערע שיפלעך און פירן די עמיגראַנטן צום „קעסל־ גאַרדן". (פון „אַמאָל אין אַמעריקע")

דער סטרייק פון די „גרינע"

● ב. ווײַנשטיין

איין שיינעם טאָג אין כוידעש יוני איז צום קעסל־גאַרדן צוגע־ שוואומען אַ גרויסע ווייסע שיף. אַז די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז פון איר אַרונטערגעקומען אַ שיין־געקליידטער יונגערמאַן. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ גרופּע אימיגראַנטן און האָט גענומען רעדן צו זיי אויף דייטש.

ער איז געקומען זוכן אַרבעטער. פינף הונדערט אַרבעטער וויל ער. און צאָלן וועט ער יעדן צוויי דאָלער אַ טאָג, און עסן וועט ער אויך געבן. יעדן אין דער פרי וועט ער קומען מיט דער שיף און אָפּנעמען מיטנעמען צו דער אַרבעט. עס איז נישט ווייט. מע דאַרף בלויז צופאָרן אַ שטיקל וועג מיט דער שיף. פאַרנאַכט וועט ער אַלעמען צוריקברענגען אין קעסל־גאַרדן.

די אַרבעט איז נישט קיין שווערע, האָט ער ווייטער דערקלערט. מע דאַרף אָנלאָדן און אויסלאָדן שיפן. די לאַסט דאַרף מען נישט שלעפּן אויף זיך, מע דאַרף זי בלויז פירן מיט אַזוינע וועגעלעך. ווער ס'וויל אַרבעטן — דעם וועט ער פאַרשרייבן.

יענעם אָוונט איז געווען פריילעך צווישן אוילעם. ענדלעך האָט זיך באַוויזן דאָס לאַנג-דערוואַרטע גליק. אַ נייע האָפענונג האָט אויפגעשיינט פאַר יעדן. מע וועט גיין אַרבעטן, פאַרדינען, און מען וועט קענען פאַרלאָזן דעם קעסל-גאַרדן און זיך באַזעצן אין דעם עמעסן אַמעריקע—אין די באַרימטע גאַסן: עלען, אָרטשאַרד, לודלאָו, עסעקס, קאַנאַל, העסטער, גרענד, און ברום, וואו אַלע יידן וואוינען.

אויפגעשטאַנען איז מען צו-מאָרגן אַ סאַך פריער. קוים באַגינען האָט אַ שטאַרקע פייפעריי און הוזשעריי אויפגעוועקט דעם אוילעם, וואָס איז געווען אויסגעלייגט אויף דער ערד. מע האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן און מע איז אַרויס אין דרויסן.

די שיף איז שוין געשטאַנען באַם ברעג. און נאָך איידער עס האָט געשלאָגן זעקס איז די שיף אָפּגעפאָרן מיט אַלעמען צו דער אַרבעט.

באַם פאַרלאָזן דעם ברעג האָט מען יעדן איינעם געגעבן אַ קענדל מילך מיט אַ ווייסן לאַבן ברויט. קיין טישן זיינען נישט געווען אויף דער שיף. דער אוילעם האָט זיך אויסגעזעצט אויפן דעק און האָט געגעסן דעם פרישטיק מיט גרוים אַפּעטיט.

די גאַנצע רייזע האָט געדויערט אַרום צוואַנציק מינוט. די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט באַ אַ „דאָק". די נייע אַרבעטער זיינען אַראָפּ אויף דער יאַבאָשע מיט די מילך-קענדלעך און איבערגעבליבענע שטיקלעך ברויט אין די הענט.

אויפן דאָק האָט מען אַלעמען אַריינגעטריבן אין אַ ריזיקער שאָפּע, וואָס איז געווען פול מיט קאַסטנס און מיט גרויסע פעק. גע־רעדט האָט מען צו די גרינע אַ ביסל אויף ענגליש און אַ ביסל אויף שטום-לאָשן. מע האָט דעם אוילעם געגעבן אייזערנע שטופּ-וועגעלעך און האַקנס און מע האָט אָנגעוויזן ווי אַזוי די קאַסטנס אַריינצושלעפּן אין די שיפן אַריין.

דעם עמעס געזאָגט, די אַרבעט האָט דעם אוילעם נישט גע־שמעקט זייער שטאַרק. נאָר אַ ברייטע האָט מען געהאַט? מע האָט געפּירט און געשלעפּט און געטאָן וואָס מע האָט געהייסן. אין האַרצן באַ זיך איז קיינער נישט געווען צופרידן. דער אוילעם איז נישט געווען צופרידן פון דער אַרבעט, און די פאַרלייט זיינען נישט געווען צופרידן מיט די אַרבעטער.

צוועלף אַזייגער האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער פייף. אַלע האָבן

אוועקגעלייגט די אַרבעט. מע האָט דעם אוילעם געהייסן נעמען די בלעכענע קענדלעך און מע האָט יעדן געגעבן קאַווע און ווידער אַמאָל צו לאַבנס ברויט.

נאָכן עסן האָט מען זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט, און אַז סע האָט זיך דערהערט אַ סיגנאַל, האָט מען זיך געשטעלט צוריק צו דער אַרבעט.

דער טאָג איז אַוועק. דער אוילעם איז געווען מיד און צעבראָכן. מע האָט אַפילע נישט קיין קויעך געהאַט צו עסן די לאַבנס ברויט, וואָס מע האָט אויסגעטיילט אויף דער שיף באַם צוריקפאָרן.

ווען די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם קעסל-גאַרדן, איז מען געוואָרן אַ ביסל פרייליכער. מע איז אָבער לאַנג נישט געזעסן. דער אוילעם איז אַוועקגעפאַלן אויף די געלעגערס אויף דער ערד ווי סנאָפּעס.

אַזוי זײַנען אַוועק דריי טעג.

אויפן פערטן טאָג, דאָס איז געווען פרײַטיק נאָכמיטאָג, איז איינער פון דעם אוילעם אַרויסגעגאַנגען פון שאַפּע אויף דער גאַס אַרויס. פּלוצים זײַנען אים באַפאַלן עטלעכע איירישע אין אַרבעט-הויזן און האָבן אים גוט אָנגעבראָכן די ביינער. עס זײַנען אָנגעקומען פּאָליסלייט און האָבן דעם צעשלאָגענעם אַרײַנגעפירט צוריק אין שאַפּע אַרײַן.

סע האָט נישט גענומען לאַנג און מען האָט אויסגעפונען פאַר-וואָס מען האָט דעם לאַנדסמאַן צעשלאָגן.

די דאַק-אַרבעטער, וואָס האָבן דאָ געאַרבעט, סטרייקן. אַלע ניו-יאָרקער דאַק-אַרבעטער, וואָס מע רופט „לאָנגשאָרמען”, עטלעכע טויזנט אין צאָל, זײַנען אַרויס אין סטרייק פאַר אַ העכערן לוין. זיי ווילן 25 סענט אַ שאָ, אָנשטאָט 20 סענט.

אין אָוונט, ווען דער אוילעם איז געקומען מיט דער שיף פון דער אַרבעט, האָט שוין באַם קעסל-גאַרדן געוואַרט אַ קאָמיטעט פון די סטרייקערס.

דעם זעלבן אָוונט איז אונטערן פרייען הימל אין קעסל-גאַרדן אַראַנזשירט געוואָרן אַ מיטינג. ביז שפּעט באַנאַכט איז אַרומגערעדט געוואָרן די פראַגע וועגן סטרייק, און עס זײַנען אויסגעאַרבעט געוואָרן פאַרשיידענע פּלענער ווי מע זאָל זיך פירן ווייטער.

יענעם אָוונט האָט מען זיך געלייגט שפּעט. דער מיטינג, די

פּלענער, און די אויפרעגונג, וואָס די פּאַסירונג האָט אַריינגעבראַכט צווישן אוילעם, האָט געמאַכט פאַרגעסן די ביטערע דייגעס וועגן אַרבעט און ברויט, וואָס האָבן שווער געדריקט יעדן איינעם.

די שיף איז אין דער פרי צוגעשוואומען צום דאָק, ווי געוויינלעך; דער אוילעם איז אַרונטער, נאָר קיינער האָט זיך נישט געשטעלט אַרבעטן. אַזוי איז געווען דער פּלאַן, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויפן מיטינג. דער אוילעם האָט פאַרלאַנגט, מע זאָל זיי אויסצאָלן פאַר זייער אַרבעט. אַ קאָמיטעט האָט דאָס דערקלערט דעם פאָרמאַן.

מע האָט דעם אוילעם אַרויפגעטריבן צוריק אויף דער שיף, און מע האָט זיי צוגעפירט נאָענט צו אַן אַנדערן דאָק. דאָרט זיינען געשטאַנען אַ סאַך שיפן. די שיף מיט די נייע סטרייקערס האָט מען צוגעבונדן צו איינער פון די שיפן, און זי איז אַזוי געשטאַנען אינמיטן וואַסער ביז נאָכמיטאָג.

ערשט אַרום דריי אַזייגער האָט מען אָפּגעבונדן די שיף און מע האָט די נייע סטרייקערס צוריקגעפירט צום דאָק, וואו מע האָט געאַרבעט. מע האָט אַלעמען אויסגעשטעלט אין אַ ריי און מע האָט אָנגעהויבן אויסצאָלן.

ווי נאָר די ערשטע עטלעכע אַרבעטער האָבן באַקומען אין פאַר־מאַכטע קאָנווערטן זייער פאַרדינסט האָבן זיי געמאַכט אַ גוואַלד, אַז מען האָט זיי באַשווינדלט. יעדערער האָט דערוואַרט צו באַקומען צו זעקס דאָלער פאַר די עטלעכע טעג אַרבעט — צום סאָף האָט יעדער איינער געפונען אין זיין קאָנווערט בלויז אַ דאָלער מיט זיבעציק סענט. אַן עמעסער שווינדל.

עס איז ווידער געוואָרן אַ ליאַרעם. דער אוילעם האָט געפאָדערט דאָס פולע פאַרדינסט. נאָר דאָ זיינען אָנגעקומען דעטעקטיווס און פּאָליסלייט און זיי האָבן גענומען שלאָגן רעכטס און לינקס.

דער אוילעם האָט זיך אָבער נישט באַרואיקט. דאָס איז דאָך פּאָשעטע רויבעריי אַראָפּצורעכענען אַזויפיל פאַר עטלעכע לאַבנס ברויט מיט מילך.

נאָך אַ סאַך ריידערייען איז געבליבן, אַז מע וועט רעכענען יעדן איינעם אַ דאָלער אַ טאָג פאַר די ברויטן מיט מילך. מע האָט יעדן דערלייגט דאָס איבעריקע און מע איז אַרויס אין גאַס צו גיין

שטילן דעם הונגער און דאָרשט. אַ קאָמיטעט פון די „לאָנגשאָרמען" האָט די אימיגראַנטן אָפּגעפירט אַהיים אין קעסל-גאַרדן.

אין אָוונט איז געווען אַ מיטינג. די לאָנגשאָרמען יוניאָן, וואָס האָט אָנגעפירט דעם סטרייק באַ די שיף-קאָמפּאַניעס, האָט איינגעלאַדן די גרינע אימיגראַנטן, זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין זייער דעמאָנסטראַציע, וואָס זיי אַראַנזשירן אויף מאָנטיק אין דער פרי. די איינלאַדונג איז מיט גרויס פרייד אָנגענומען געוואָרן.

מאָנטיק, צען אַזייגער אין דער פרי, האָט זיך די דעמאָנסטראַציע פון די לאָנגשאָרמען אָנגעהויבן באַם בעטערי פּאַרק. מע איז אַוועק איבער בראָדוויי ביז יוניאָן סקווער. דאָרטן האָט מען אַדרעסירט די סטרייקערס אין ענגליש און דייטש.

זעקס טויזנט מענטשן האָבן זיך יענעם טאָג באַטייליקט אין דעם פּאַראַד. צווישן זיי זיינען געווען אַרום טויזנט יידישע אימיגראַנטן, אָנגעטאָן אין זייערע „גרינע" קליידער.

אַזוי האָבן די יידישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן, צום ערשטן מאָל באַטייליקט זיך אין דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער-באַוועגונג.

(פון „בילדער פון יידישן אַרבעטער-לעבן אין אַמעריקע", באַאַרבעט פון נ. גראָס.)

„סוועט-שאַפּ"

● מ. ראָזנפעלד

עס רוישן אין שאַפּ אַזוי ווילד די מאַשינען,
און אָפטמאָל פאַרגעס איך אין רויש וואו איך בין;
איך ווער אין דעם שרעקלעכן טומל פאַרלאָרן,
מיין איך ווערט דאָרט באָטל — איך ווער אַ מאַשין.
איך אַרבעט, און אַרבעט, און אַרבעט אָן כעזשבן,
עס שאַפט זיך, און שאַפט זיך, און שאַפט זיך אָן צאָל.
פאַרוואָס? און פאַר וועמען? איך וויים ניט, איך פרעג ניט —
ווי קומט אַ מאַשין דען צו דענקען אַמאָל?
ניטאָ קיין געפיל, קיין געדאַנק, קיין פאַרשטאַנד גאָר:



דער שניידער — א. מ. ליליען

די ביטערע, בלוטיקע אַרבעט דערשלאָגט
דאָס איידלסטע, שענסטע און בעסטע, דאָס רייכסטע,
דאָס טיפסטע, דאָס העכסטע, וואָס לעבן פאַרמאָגט.
עס שווינדן סעקונדן, מינוטן און שטונדן,
גאָר זעגל-שנעל פליען די נעכט מיט די טעג;
איך טרייב די מאַשין, גלייך איך וויל זי דעריאָגן,
איך יאָג אָן אַ סייכל, איך יאָג אָן אַ ברעג.

נאָר דאַן, ווען ס'איז שטילער דער ווילדער געטומל,
אַוועק איז דער מייסטער אין מיטאָג-צייט-שטונד,
דאַן פאַנגט אָן אין קאָפּ בײַ מיר לאַנגזאַם צו טאָגן,
אין האַרצן צו ציען — איך פיל דאַן מיין וואונד.

און ביטערע טרערן, און זודיקע טרערן
צעווייקן מיין מאָגערן מיטאָג, מיין ברויט.
עס ווערגט מיך, איך קען ניט מער עסן, איך קען ניט...
אַ, שרעקלעכע פּראַצע! אָ, ביטערע נויט!

ניט דערקענט

● ז. ליבין

אַז רייזל האָט דערוואַרט איר מוטער פון אייראָפּע, האָב איך געוואוסט, נאָר די ריכטיקע צייט, ווען דער גאַסט דאַרף אָנקומען, איז מיר געווען אומבאַקאַנט.

אין איין שיינעם פרימאָרגן פאַלט צו מיר אין הויז אַריין טאַקע די רייזל און נאָך איר אויפגערעגט פּנים איז געווען לייכט צו מערקן, אַז דער גאַסט איז דאָ.

— געקומען די מאַמע? — האָב איך געפרעגט.

— געקומען — האָט רייזל געענטפערט און אירע אויגן האָבן געבלישטשעט.

— וואו איז זי?

— דאָס דאַרף איך גיין זי אַראָפּנעמען פון שיף — האָט רייזל געענטפערט און צוגעגעבן:

— איך בעט אייך, קומט מיט מיר, אויב איר האָט צייט.

צייט האָב איך געהאַט גענוג, בין איך אַוועק מיט רייזלען אַראָפּ־נעמען איר מוטער פון שיף.

ווער איז די רייזל?

זי קומט פון דער זעלבער שטאָט, פון וועלכער איך קום. דאָס הייסט: זי איז מיינע אַ לאַנדסמיידל און איך קען זי זייער גוט נאָך פון דער היים.

אין דער היים, אין אונדזער קליינעם פאַרוואָרפענעם שטעטל, האָט זי געהייסן רייזל, אַזוי ווי איך רוף זי איצט; דאָ אין ניו יאָרק

רופט מען זי מים גלעס, און נאָר איך רוף זי מיט איר היימישן נאָמען.

איר פאָטער האָט געהייסן כייעם דער גערטנער.

רייזל פלעגט איר טאָטן העלפן באַארבעטן די גערטנער און די מיידל פלעגט גאַנצע זומערס געפינען זיך אויף דער פרייער לופט, אונטער דער ברענענדיקער זון, אונטערן ווייסן, ברייטן, בלויען הימל.

רייזל איז געווען אַ שיינע און אַ געזונטע.

דאָס פּאָנעם פאַרברענט פון דער זון, דאָך פריש און געזונט, פול מיט לעבן, פול מיט בלוט. פון דער נאַטור זייער אַן איינפאַכע, אָבער זאַרגלאָז, פריילעך, לעבעדיק!

האָט זי זיך צעלאַכט, האָט איר געלעכטער געקלונגען; האָט זי גערעדט, האָט זי ניט אַנדערש ווי געשריען מיט אַ הילכיקער, פרייער שטימע.

כייעם-בער דער גערטנער איז אָבער געווען אַ גרויסער קאַפּצן. ער האָט געוואוסט, אַז פון רייזלען וועט גאָרנישט ווערן אין קליינעם שטעטל, געגנוג קיין ברויט איז אויך ניט געווען, האָט ער זיך מעיאַשעוו געווען און אַוועקגעשיקט רייזלען קיין אַמעריקע.

איז רייזל געקומען קיין ניו יאָרק און דאָ איז די מיידל געוואָרן אַ נייערין אין אַ יידישן סוועט-שאַפּ. רייזל איז געוואָרן אַ שאַפּ-מיידל און האָט בעשוטפעס מיט נאָך אַ מיידל געדונגען אַ וואוינונג אין אַ באַזונדערן צימער ערגעץ-וואו אין מאָנטגאָמערי סטריט, צום הויף צו.

אוים ברייטער פרייער גאָרטן, אוים גרינסן, אוים זון, אוים ליכט, אוים לופט, אוים פרייער טיפער שיינער הימל!

ווענט!

באַטאָג די ווענט פון דעם פינצטערן סוועט-שאַפּ, באַנאַכט די ווענט פון דעם צימער...

אוים ליכט!... אוים זון!... אין שאַפּ ברענט דער גאַז באַטאָג, אין צימער ברענט דער לאָמפּ באַנאַכט.

אוים הימל!... אין שאַפּ הענגט איבער דעם רעכטן פענצטער אַ שרעקלעכע פינצטערע וואַנט. און אין איר צימער הענגט איבער דעם איינציקן פענצטער די זעלבע שוידערלעכע וואַנט!

רייזל האָט גענומען ווערן דאַרער, בלאַסער...

שטילער איז געוואָרן איר פריי, הילכיק געלעכטער... שטילער און זעלטענער... ביז עס איז אינגאַנצן פאַרשטילט געוואָרן און עס

איז נאָר געבליבן אַ האַרצרייסנדיקער, אומעטיקער שמייכל אויף די ליפּן... אין איר קאָל שוין נישטאָ מער די הילכיקייט, די קלאָרקייט! נײַן, אַ שטימע וועלכע איז פול מיט אונטערטעניקייט, וועלכע איז געשמידט אין קייטן...

דורך דער צייט איז רייזלס פאָטער דאָרטן אין דער היים געשטאָרבן. און זיינע קינדער האָבן די מאַמען אַוועקגעשיקט צו דער שוועסטער קיין אַמעריקע.

און איצט בין איך דאָס געפאָרן מיט רייזלען אַרונטערנעמען די מוטער פון שיף.

מיר זיינען געקומען אויף עלים איילאַנד.

טרערן! טרערן! טרערן! איי, וואָס טרערן עס פליסן אויף דעם קליינעם אינדזל... וואָס טרערן, וואָס אומגליק, וואָס צאָרעס, וואָס פריידן, וואָס גליק. עס וויינען מוטערס; עס וויינען קינדער, כאַסאַנים, קאַלעס, פריינט.

אָט איז זי, רייזלס מאַמע... אַן עלטערע, אָבער גאַנץ געזונטע פרוי. זיכער געזינטער פון דער טאָכטער.

— מאַמעניו! — שרייט אויס רייזל...

און די מוטער בלייבט שטיין אַ דערשטוינטע... קוקט אַן איר טאָכטער מיט טעמפּע בליקן...

די מוטער דערקענט ניט איר קינד...

— מאַמעניו, דערקענסט מיך נישט?...

אין דער מוטערס אויגן באַווייזט זיך אַ שמערצלעכע שרעק. זי קוקט נאָך אַלץ אויף איר קינד אין שטומער איבערראַשונג...

— מאַמע!

— רייזעניו, מיין קינד... ווײַ... ווי דו זעסט אויס... ביסט קראַנק?

מיט אַ קרעכץ איז די מוטער געפאַלן דער טאָכטער אויפן האַלדז. ביידע האָבן געוויינט...

און פאַר מיינע אויגן האָט געשוועבט יענע רייזל, וועלכע איך האָב געקענט אין דער היים, יענע רייזל וועלכע די מוטער האָט וואַרשיינלעך געזוכט מיט אירע אויגן... פאַר מיינע אויגן האָט געשוועבט דער יידישער סוועט-שאָפּ...

איך האָב געפילט, אַז איך ווער דערשטיקט פון טרערן...

דאָוויד עדלשטאַט



דאָוויד עדלשטאַט איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1866 אין קאַלוגע (רוסלאַנד). דאָוויד עדלשטאַט האָט געקראָגן זיין דערציאונג אין דער רוסישער שפּראַך.

צוליב די שרעקלעכע צאַרישע פּאָגראָמען האָט עדלשטאַט אין יאָר 1882 עמיגרירט קיין אַמעריקע מיט אַ גרופּע אוטאָפּיסטן פון „אַם אוילעם" [עם-עולם—אייביק פאָלק], וואָס האָט דאָ געוואָלט גרינדן יידישע סאָציאַליסטישע קאָלאָניעס.

אין אַמעריקע אַרבעט עדלשטאַט עטלעכע יאָר אין „סוועט-שאַפּ", וואָס האָט רואינירט זיין געזונט. דאָ האָט ער זיך אויסגעלערנט שרייבן יידיש און אָנגעהויבן דרוקן זיינע לידער און דערציילונגען, וואָס זיינען געוואָרן זייער פּאָפּולער בא די יידישע מאַסן. אין 1890 ווערט עדלשטאַט דער רעדאַקטאָר פון אַנאַרכיסטישן יידישן וואָכנבלאַט „די פרייע אַרבעטער שטימע", וואָס איז דעמאָלט געווען אַ רעוואָלוציאָנערע וואָכן-צייטונג.

דאָוויד עדלשטאַט איז געווען איינער פון די ערשטע און באַליבטסטע יידישע אַרבעטער-פּאָעטן. מיט אַ טיף געפיל האָט ער געזונגען וועגן די ליידן פון די „באַרויבטע שקלאַפן", וואָס ליידן „אי הונגער, אי קעלט", און געוועקט זיי צום „פרייהייט-קאַמף" פאַר אַ לעבן פון „ליבע און גליק".

אין 1891 איז עדלשטאַט געפאָרן אין דענווער, קאָלאָראַדאָ, זיך היילן פון דער שרעקלעכער קראַנקהייט — שווינדזוכט. אין דענווער, אין האַרבסט 1892 — קוים 26 יאָר אַלט — איז עדלשטאַט געשטאָרבן.

מיין צוואָע

ד. עדלשטאַט

אָ, גוטע פריינט! ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט צו מיין קייווער אונדזער פאָן —
די פרייע פאָן מיט רויטע פאַרבן,
באַשפּריצט מיט בלוט פון אַרבעטס-מאַן!

און דאָרט אונטער דער פאָן דער רויטער
זינגט מיר מיין ליד, מיין פרייע ליד!
מיין ליד „אין קאַמף", וואָס קלינגט ווי קייטן
פון דעם פאַרשקלאַפטן קריסט און ייד.

אויך אין מיין קייווער וועל איך הערן
מיין פריי ליד, מיין שטורעם-ליד;

אויך דאָרט וועל איך פאַרגיסן טרערן
פאַר דעם פאַרשקלאַפטן קריסט און ייד!

און ווען איך הער די שווערדן קלינגען
אין לעצטן קאַמף פון בלוט און שמאַרץ —
צום פאָלק וועל איך פון קיוועך זינגען
און וועל באַגייסטערן זיין האַרץ!...

צום אָנדענק פון דאָוויד עדלשטאַט

י. באָושאָווער

דאָרטן, אין אַן אָרעם שטיבל,
ליגט פאַרגליווערט אויפן בעט
איצט דער קערפּער פון אַ מענטשן,
פון אַן אַרבעטער-פּאָעט.

צוגעקוקט האָט ער די פעלער
פון דער שלעכטער, פאַלשער וועלט,
און מיט ליבע צו דעם שוואַכן
האָט ער זיך אין קאַמף געשטעלט.

אויפגעאָפּפערט האָט ער אַלעס:
זיך, זיין גאַנץ הויזגעזינד.
רואיק זיצן פון דער וייטן
איז געווען באַ אים אַ זינד...

ניט געקוקט אויף פאַרגעניגן
האָט ער אין דער שלעכטער צייט,
פאַרגעניגן האָט געהייסן —
פאָרצווזעצן נאָך דעם שטרייט.

שפּעט באַנאַכט, ניט אויסגעשלאָפן,
דאָרשטיק, הונגעריק און מיד,

איז ער שטיל אַליין געזעסן,
שרייבנדיק זיין פרייהייטס-ליד.

יענעם ליד, וואָס יעדע שורע
איז אַ שטאַרקער קריגס-סיגנאַל,
אויפצואוועקן אַלע שקלאַפן,
קעמפן קעגן קאַפּיטאַל.

ביסט געשטאָרבן, דאָך איך טרייסט זיך,
ווייל עס לעבט דיין גרויסער גייסט.
ווען איך וועל דיין ליד נאָר זינגען,
וועט עס זיין פאַר מיר אַ טרייסט...

און איך ווייס — די צייט וועט קומען
מיט דעם פרייהייט-פולן גלאַנץ,
דאַן וועט יעדער איינער לייגן
אויף דיין גרוב אַ בלומען-קראַנץ.

וואוהין?

● מ. ראָזנפעלד

וואוהין, וואוהין, דו שיינעם קינד?
די וועלט איז נאָך ניט אָפן!
אָ, זע ווי שטיל דאָ איז אַרום!
פאַרטאָג, די גאַסן שטייען שטום —
וואוהין, וואוהין, אַזוי געשווינד?
איצט איז דאָך גוט צו שלאָפן:
די בלומען טרוימען דאָך נאָך — זעסט?
עס שווייגט נאָך יעדער פויגל-נעסט —
וואוהין פאָרט טרייבט עס דיך אַצינד?
וואו לויפסטו, זאָג, באַגינען?
„איך גיי פאַרדינען!“

שאָלעם אַש

שאָלעם אַש איז געבוירן געוואָרן אין קוטנע, פוילן, אין יאָר 1880. זיין ערשטע דערציילונג „מוישעלע" האָט ער אָנגעשריבן אין יאָר 1900. שאָלעם אַש האָט זייער פיל געשריבן — דערציילונגען, ראָמאַנען און דראַמעס. טייל פון זיינע באַרימטסטע ווערק זיינען — „אַ שטעטל", „מאָטקע גאַנעוו", „מערי", „אָנקל מאָזעס", „קידעש-האַשעם", „דריי שטעט" און אַנדערע. טייל פון זיינע באַרימטסטע דראַמעס: „גאָט פון נעקאָמע", „מאָשיעכס ציַיטן" און אַנדערע.

אַש איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ סאַך שפּראַכן און זיינע דראַמעס האָט מען געשפּילט אין פיל אייראָפּייאישע און אַמערי-קאַנישע טעאַטערס.

זינט 1938 האָט זיך ש. אַש באַזעצט אין אַמעריקע.

אָנקל מאָזעס

● שאָלעם אַש

א. באַם אָנקל אין סטאָר

אין סטאָר איז געשטאַנען דער אָנקל מאָזעס, אָן אַ ראָק, און האָט מיט אַ גרויסער שניידערשער שער זיך אָפּגעשאָרן די נעגל פון די פינגער. איבער דער גאַנצער לענג פון געוועלב זיינען געשטאַנען לאַנגע, ברייטע טישן, אויף וועלכע עס איז געווען אָנגעלייגט ביז אין האַלבן באַלקן אַריין קופּעס קליידער: רעק, הויזן און וועסטן.

באַ די טישן האָבן זיך אַרומגעדרייט שטאַרקע יונגען, ברייט-ביייניקע מיט שטייפע אַרויסגעשטעלטע ברוסטן, און האָבן געשוויגן פאַר איימע פאַרן אָנקל. עס איז נאָך געווען זייער פרי, און די שניידער-אַרבעטער זיינען ערשט אַריינגעקומען צו דער אַרבעט.

— קוזמין קריכט — קוקט נאָר, קוקט, ווי קוזמין קריכט — האָט דער אָנקל מאָזעס געוויזן מיט דער גרויסער שער אויף די יידן, אַ

טייל מיט בערד, אַ טייל אָן בערד, וועלכע זיינען אַריינגעקומען אין געוועלב אַריין און האָבן זיך געלאָזט גיין אַרויף אויף די טרעפּ, אויף די אויבערשטע שטאָקן, וואו עס זיינען געווען די געוועדק־שטעלן.

— העי, דו גרינער נאַטע! וואָס קריכסטו? וואָס מיינסטו, דאָ איז קוזמין? אין קוזמין איז מען געקראָכן, אין אַמעריקע לויפט מען. „האַרי־אַפּ”, פאַרשטאַנען? הויב די פיס, דו אוגערקע! —

די יונגען באַ די טישן מיט די קליידער האָבן אויפגעלאַכט, ווי געוואָלט צופרידנשטעלן דעם אָנקל — אָבער צו לאַכן האָבן זיי ניט געוואַגט. דער אָנקל האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, די שיטערע געלע ווייעס זיינען פאַרטרונקען געוואָרן אין דעם פעטס פון זיין פּאָנעם, און די יונגען זיינען פאַרשטומט געוואָרן.

אין דעם האָט זיך אין געוועלב באַוויזן אַ מיידל. אירע צוויי שוואַרצע צעפּ זיינען געווען ערשט געצוואָגענע און פאַרקעמטע און אַראָפּגעלאָזט זיך, מיט רויטע בענדלעך פאַרקניפּט, איבער אירע פּלייצעס. דאָס ברוינע זשאַקעטל, כאָטש אויסגעריבן, דאָך איז עס געווען ריין. מע האָט געשפּירט דערפון אַ שטאַרקן גערוך פון עסיק, מיט וועלכן דאָס מיידל האָט די פלעקן אַרויסגענומען.

— קען איך זען דעם אָנקל מאָזעס? — האָט דאָס מיידל געפרעגט דעם ערשטן אָנגעטראָפענעם מענטשן אויף דער שוועל פון טיר.

אַז דער אָנקל מאָזעס האָט דערהערט ווי דאָס מיידל פרעגט זיך אויף אים, האָט ער פון דער ווייטנס, ניט אויפהויבנדיק די אויגן, זיך אָפּגערופן:

— „ווהאַט איז די מעטער?”

אין דעם טאָן האָט דאָס מיידל דערקענט, אַז דאָס איז דער אָנקל מאָזעס. זי איז פלינק צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט אין אַ בעטנדיקן קינדישן טאָן:

— „פליז”, אָנקל מאָזעס, זיי גוט צו מיין פאָטער! דו קאָנסט אים העלפן. „פליז”, העלף אים.

— וועמעס ביסטו? — האָט דער אָנקל געפרעגט.

— מיין נאָמען איז מאַשע. איך בין אַרן מעלניקס טאָכטער. דו ביסט זיין אָנקל.

— דו ביסט יענעמס, אַ, איך ווייס שוין. „איי נאָו” — וואָס ווילסטו?

דאָס מיידל איז נאָך געשטאַנען פאַרן אָנקל, און אין טיר האָבן זיך באַוויזן איר פאָטער אַרן מיט דעם עלטסטן ברודער זיינעם בערל.

— אָט איז פאַ — האָט מאַשע אויסגערופן, דערזעענדיק דעם פאָטער.

— וואָס טוסטו דאָ? — אַהיים גיי, גיי אַהיים — האָט זיך אַרן פאַרשעמט פאַר די מענטשן איבער דעם, וואָס זיין קינד איז אַריינגעקומען בעטן פאַר אים.

מאַשע האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ ווינקל.

— וואָס איז דער מער? — האָט דער אָנקל זיך צעשריען נאָך פון דער ווייטנס, ווען ער האָט דערזען די יידן אַריינקומען.

סעם, אַ שטאַרקער יונג פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, איז צוגעלאָפן צו די יידן, זיי אָפּגעשטעלט און עפּעס גערעדט מיט זיי.

סעם איז געווען דעם אָנקל מאָזעס ליבלינג. ער איז געווען זיין שוועסטערקינד און ענלעך צו אים. ער, דער אָנקל, האָט אים אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע און גענומען צו זיך אין געשעפט אַריין. סעם איז געווען דעם אָנקל זייער געטריי און אָפּגעהיט דעם אָנקלס אינטערעסן. דער אָנקל האָט געוואוסט דערפון און ער האָט געהאַט צו דעם יונג מער צוטרוי ווי צו אַלעמען. סעם האָט געקענט באַם אָנקל אַלץ אויספירן. און אַלע לאַנדסלייט, וואָס האָבן באַדאַרפט עפּעס צום אָנקל, האָבן זיך צום ערשטן געווענדט צו סעמען.

— סעם, בעט פאַר אים, טו אַ טוויווע אַרענען — האָט בערל געבעטן באַ סעמען פאַר זיין ברודער.

סעם איז צוגעגאַנגען צום אָנקל און געזאָגט:

— אָנקל! אַרן מעלניק פון קוזמין איז צוריקגעקומען צו דער אַרבעט — אים צוריקנעמען?

— ס'הויבט זיך ניט אָן — האָט דער אָנקל זיך אָנגעהויבן באַשעפטיקן מיט דער שער, וואָס דאָס איז אַ צייכן, אַז „אַלע טירן זיינען צוגעשלאָסן" — זאָל ער גיין מיטן ברודער נאָך ברוקלין „שוירטס" נייען מיט איטאַליענישע שיקסעס. איך באַדאַרף אים ניט מער. פאַר מיר איז ער שוין צו אַלט.

— אָנקל, האָט ראַכמאָנעס אויף אים... — האָט דער עלטערער ברודער בערל געוואָגט צוטרעטן אַ טריט נעענטער פאַרן אָנקל — ער האָט דאָך אַ ווייב מיט קינדער. זאָל דער אָנקל ראַכמאָנעס האָבן

אויף זיין ווייב און קינדער. דער אָנקל וועט זיך אַ גרויסע מיצווע פאַרדינען.

— איך טו ניט קיין מיצוועס. איך האָב שוין גענוג געטאָן מיצוועס, מע זאָל מיך זידלען דערפאַר. סעם, וואָס האָט ער געזאָגט אויף מיר, אַז ער איז אַראָפּגעלאָפן פון דער הויך?

— מאַלע מע זאָגט, האָט ער געזאָגט — האָט זיך אָפּגערופן דער עלטערער ברודער בערל — עס איז אים שלעכט, רעדט ער. האָט ער גערעדט נאַרישקייטן. זאָל אים דער אָנקל . . .

— נאַרישקייטן, באַ מיר רעדט מען ניט קיין נאַרישקייטן; באַ מיר רעדט מען גאָרניט. באַ מיר שווייגט מען, געהערט? מע שווייגט!

— האָט דער אָנקל אויפגעהויבן די ברעמען.

— ווי האָט מען אים גערופן אין דער היים, סעם?

— אַרן גאָרגל.

— גאָרגל האָט מען אים גערופן — האָט דער אָנקל זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט — גאָרגל, גאָרגל איז גוט — נאָר דאָ אין אַמעריקע גאָרגלט מען ניט. אין קוזמין גאָרגלט מען, ניט דאָ אין אַמעריקע.

מאַשע איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און צוגעזען און צוגעהערט ווי מע שפּאָט און מע באַליידיקט איר פאָטער. אירע בעקלעך האָבן געברענט און אירע הענטלעך האָבן געציטערט.

— קום, פּאַ, אַהיים — איז זי צוגעגאַנגען צום פאָטער און אָנגענומען אים באַ דער האַנט — זיי ניט דאָ, פּאַ. זיי זיינען שלעכטע מענטשן... זאָרג ניט, פּאַ — מיר וועלן שוין לעבן. דו ביסט אַ שלעכטער מענטש — זאָגט זי צום אָנקל מאָזעס — אַ „ברוט", אַ כייע, דאָס ביסטו. „אַי העיט יו."

— מאַשע, וואָס טוסטו? דעם אָנקל בעט איבער. וואָס האָסטו געזאָגט?

— איך וועל ניט איבערבעטן דעם אָנקל. קום, פּאַ, אַהיים. קום, פּאַ, איך וויל ניט דו זאָלסט דאָ זיין.

דער אָנקל מאָזעס האָט אויפגעהויבן זיינע ברעמען, אַוועקגעלייגט די שער פון דער האַנט, פאַרלייגט די הענט זיך אויפן בויך, אַ מינוט געקוקט אויפן מיידל, אָנגענומען דאָס גאָלדענע קייטל פון זיין זייגער און דערמיט געבאָמבלט און אויסגערופן:

— סעם!

אין שניידער שאַפּ — וו. גראָפּער

— יעס, אַנקל! — איז דער יונג צוגעלאָפן.

— ווי האָט מען אים גערופן אין דער היים? — האָט ער אָנ־געוויזן אויף אַרענען.

— גאָרגל.

— נעם דעם גאָרגל אַרויף אין דער הויך און גיב אים אַרבעט.

מאַשע האָט געקוקט אויפן פּאָטער, וואָס וועט פּאַ טאָן. זי האָט געזען, ווי פּאַ איז מיט פרייד אַרויפגעשפּרונגען אויף די טרעפּ צו די ווערקשטעלן נאָך סעמען, און דער אָנקל האָט אים נאָכגעשריען:

— גיי, גאָרגל, גיי.

דאָס מיידל איז פלינק אַרויסגעלאָפן פון געוועלב און די טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער אירע צעגליטע בעקלעך.

ב. דער נייער „פּאַרע“

אויף די אויבערשטע שטאָקן איז געזעסן דאָס גאַנצע שטעטל קוזמין און האָט טריי געדינט דעם אָנקל „מאָזעס“. קוזמין איז געזעסן

באַ דער אַרבעט און האָט גענייט רעק, הויזן, וועסטן פאַר מענטשן, וואָס זיי האָבן ניט געוואוסט וואו זייער געביין געפינט זיך. און ווער איז אויף דער בויערי ניט געזעסן! די לאַמדאָנים פון שטעטל, די יאַכסאָנים צוזאַמען מיט באַלמעלאָכעס און גלאַט גראָבע יונגען פון דער היים — אַלע זיינען זיי געזעסן און גענייט. אָנקל מאָזעס האָט אויסגעגלייכט גאַנץ קוזמין. אַלע דינען זיי צו איין אָפּגאָט, אַלע טוען זיי איין זאַך — נייען הויזן. און די וואָס זיינען דאָרט אריינגעפאַלן — זיינען געבליבן אויפן לעבן-לאַנג. זיי האָבן מער ניט געוואוסט, ווי נאָר איין וועג: אין דער פרי צו דער בויערי און אין אָוונט פון דער בויערי אַהיים.

אין שאָפּ דרייט זיך אום דער אַלטער מעלניק, אָנקל מאָזעס פאָטער, וועלכן דער זון האָט אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע. ער דרייט זיך אום מיטן גאָלדענעם שטעקן, וואָס דער זון האָט אים געשאָנקען אַ מאַטאָנע, און דאָס שטייפע קאַפּעלוש׳ל, צו וועלכן ער איז ניט געוואוינט, פייניקט אים. פאַררוקט ער עס אָן אַ זייט. ער לאַנגווייליקט זיך דאָ אין אַמעריקע און בענקט. פאַר לאַנגווייליקייט האָט ער אָנגעהויבן צו טרינקען. קיין באַקאַנטע האָט ער ניט געהאַט. אַלע זיינע לאַנדסלייט האָבן געאַרבעט באַ זיין זון אין שאָפּ. האָט ער ליב געהאַט אַרויפצוקומען אין שאָפּ און פאַרברענגען מיט זיי און שמועסן וועגן קוזמין, פון ראָוו און כאַזן. אָפּטמאָל האָט זיך קוזמין אַזוי אַריינגעלאָזט אין די שמועסן פון דער היים, זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען אין אַלטן קוזמין און אויסגראָבן מייסעם פון פאַרצייטנס.

נאָר באַלד איז אַלץ פאַרשטומט געוואָרן. קוזמין איז פאַרציטערט געוואָרן, פאַרשטיינערט, פאַרגליווערט. קוזמין איז געוואָרן איין מאַשין, וואָס האָט געהאַלטן אַ נאָדל אין האַנט און האָט גענייט. אין געווערקשטעל האָט זיך באַוויזן אָנקל מאָזעס מיט דער גרויסער שער אין האַנט. ער האָט געשוויגן, נאָר אויפגעעפנט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט. קוזמין האָט געצויגן די קעפּ צו די הויזן און גענייט. אָנקל מאָזעס איז צוגעגאַנגען צום פאָטער און האָט אים אָנגענומען באַם אָרעם:

— טאַטע, קום אַראָפּ.

— איך וויל ניט, וואָס וועסטו מיר טאָן, וואָס? איך האָב ניט קיין מוירע פאַר דיר — האָט דער אַלטער מעלניק געשריען און גע-

קלאַפּט מיטן שטעקן מיט קוראַזש, וואָס ער האָט שטענדיק געקראָגן נאָך אַ שנעפּסל.

— טאַטע, דו שטערסט זיי צו אַרבעטן. זיי באַדאַרפן זיין אַליין, קום אַראָפּ מיט מיר.

— איך וויל ניט גיין, איך האָב ניט קיין מוירע פאַר דיר. וואָס פאַר אַ „פאַרע" ביסטו געוואָרן? ווער ביסטו, ווער? האָסט אַ פאָטער, אַ שיקער, וואָס איז מיט דיר דער ייכעס? — האָט דער פאָטער געזידלט דעם זון.

קוזמין האָט ניט געוואַגט צו הערן. אָנקל מאָזעס איז אַרומגעגאַנגען אַרום די ניי-מאַשינען און באַטראַכט די אַרבעט. ער איז זייער ערנסט געווען, און זיין ערנסטקייט האָט אַ שרעק אָנגעוואָרפן אויף די לאַנדסלייט, און עס האָט זיך זיי אַפילע ניט פאַרגלוסט צו פרייען זיך פון דעם אַלטנס זידלערייען.

— איך וויל ניט גיין — האָט דער אַלטער נאָכאַמאָל אָנגעהויבן צו שרייען — וואָס פאַר אַ „פאַרע" ביסטו געוואָרן אין אַמעריקע? איך האָב ניט קיין מוירע פאַר דיר. נאַ, זע דעם „פאַרע מעלעך מיצראַים"... ווער ביסטו, ווער?

ג. דער יוניע-מאַן

אָנקל מאָזעס שאָפּ איז געווען אוממעגלעך צו אָרגאַניזירן אין אַ יוניאָן-שאָפּ. וויפיל די יידישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַטאָרס האָבן ניט געפּרואווט צו יוניאָניזירן די לאַנדסלייט פון אָנקל מאָזעס שאָפּ, האָבן זיי זיך שטענדיק אָנגעשלאָגן ווי אין אַן אייזערנער וואַנט. די סיבע דערפון איז געווען, וואָס די באַציאונג צווישן אָנקל מאָזעס און זיינע אַרבעטער איז געווען אַ מישפּאָכע-באַציאונג. די קוזמינער לאַנדסלייט זיינען שטאָלץ געווען מיט אָנקל מאָזעס פאַרמעגנס. אַז זיי זיינען דורכגעגאַנגען פאַרביי אַ הויז, וואָס האָט געהערט צו אָנקל מאָזעס, האָבן זיי זיך דערמיט געגרויסט, ווי עס וואָלט געווען זייער הויז. אָנקל מאָזעס האָט זיך אַריינגעמישט אין זייערע פאַמיליע-אָנגעלעגנהייטן. זיי האָבן זיך געלאָדן פאַר אים, און אָנקל מאָזעס האָט אַרויסגעגעבן געריכט-שפּרוכן איבער זיי, ווי אַ פאַרצייטיקער פּאַטריאַרך איבער זיין מישפּאָכע. זיי זיינען געווען געטריי אָנקל מאָזעסן, און טאָמער האָט ווער געפּרואווט זיין אומצופרידן און דערמאָנען עפּעס אַ וואָרט

וועגן אַ יוניאָן, האָבן עס די לאַנדסלייט באַלד איבערגעגעבן אָנקל מאָזעס. דער אָנקל מאָזעס איז אַרויפגעקומען אין שאַפּ אַריין, אויס־געזוכט דעם „רעוואָלוציאָנער", אָפּגעשטעלט זיך לעבן אים און צום ערשטן לאַנג און גענוי אים באַטראַכט, אַזוי, אַז עס איז פון יענעם דאָס כיעס אַרויס.

— סעם, ווי האָט מען אים גערופן אין דער היים?

— מוישע גרויס — ענטפערט סעם קורץ אָפּ.

— אַזוי, דאָס ביסטו מוישע גרויס. דאָס ווילסטו האָבן אַ יוניע בײַ מיר. ניט בײַ מיר, גוטער ברודער! בײַ מיר אַרבעט מען ניט שאַבעס, ניט יאָנטעוו. בײַ מיר איז ניט קיין שאַפּ, וואָס מע זאָל אַריינלאָזן יוניע־לייט. בײַ מיר זיינען לאַנדסלייט, מישפּאָכע. וואָלטן בײַ מיר געווען אַרבעטער אין אַ שאַפּ, וואָלט מען בײַ מיר געווען געאַרבעט אי שאַבעס, אי יאָנטעוו און אַפילע ראָשאַשאָנע און יאָם־קיפּער, ווי אין יעדן שאַפּ. איך לייג געלט צו דערצו. איך האַלט נאָר דאָס אויף צוליב אייך, אַז מיינע לאַנדסלייט זאָלן קענען מאַכן אַ לעבן. וואָס וואָלט איר געטאָן אָן מיר? ווער וואָלט אייך געבראַכט אין אַמעריקע? צו ווּעמען זייט איר געקומען נאָך אַ שיפסקאַרטע, נאָך געלט, אַז איר האָט באַדאַרפט אייערע מישפּאָכעס אַהער־ברענגען? צו ווּעמען קומט איר, אַז ס'ווערט ווער פון אייך, כאָלילע, קראַנק? — האָט אָנקל מאָזעס זיך צעשריען הויך אויפן קאָל, אַז די לאַנדסלייט האָבן געציטערט — צו ווּעמען קומט איר? — אַלץ צום אָנקל מאָזעס, העי? איז עס אַזוי? און דער וויל בײַ מיר איינפירן אַ יוניע. ניט בײַ מיר, ברודער! קיינער וועט מיך ניט נויטן, אַז מע זאָל בײַ מיר אַרבעטן אין שאַבעס, אין יאָנטעוו. איך אַרבעט אַזוי שווער ווי איר, איר זעט עס אַליין. און פאַר ווּעמען? אַלץ נאָר פאַר אייך. איך וועל צושליסן מיין שאַפּ און זוכט אייך ערגעץ אַנדערשוואו אַר־בעט. אַז איר וועט באַדאַרפן אַ פּאָר דאָלער, וועל איך אייך סיי־ווי־סיי געבן. נאָר מער האָבן צו טאָן מיט אייך וויל איך ניט.

— וואָס רעדט דער אָנקל? וואָס הערט דער אָנקל זיך איין, וואָס אַ ליאַדע יונג זאָגט דאָרט? — הויבן זיך אָן די לאַנדסלייט בעטן באַם אָנקל מאָזעס.

— צוליב אים זאָלן מיר אַלע ליידן? — צעקאָכט זיך אַרן־מוישע, דעם אָנקלס אַ מישפּאָכע — לאָזט מיך נאָר צו צו אים, וועל איך אים

דערלאַנגען אַ יוניע! — שרייט דער ייד מיט דער האַנט אויס־געשטרעקט.

— ש־ש־טיי! באַ מיר שלאָגט מען ניט — האַלט אים דער אָנקל מאָזעס איין... — נאָר ווען מען עס געפעלט ניט באַ מיר, דער קאָן זיך שאַפן ערגעץ אַנדערשוואו בעסער. סעס, זע וואָס קומט אים און באַצאָל ביז אַ גראָשן. און נאַ, דאַ האָסטו דיר נאָך אַ פּאָר דאָלער מיט אויפן וועג.

— אָנקל מאָזעס גוטסקייט האָט אַלעמען גערירט.

— בעט איבער דעם אָנקל! די מינוט בעט איבער דעם אָנקל מאָזעס! — האָבן די קוזמינער לאַנדסלייט געשריען.

— קושן אין האַנט לאָז ער! קוש דעם אָנקל מאָזעס אין דער האַנט! — האָט אַרן־מוישע דער פּרעסער געשריען אויפן „רעוואָלו־ציאָנער".

דער סאָף איז געווען, אַז אָנקל מאָזעס האָט זיך ניט געלאָזט קושן אין האַנט. דעם לאַנדסמאַן האָט ער ניט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. דאָן, פאַר זיין נאַרישקייט, האָט מען אים אַ צונאָמען געגעבן דער „יוניע־מאַן".

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז מע האָט באַם אָנקל מאָזעס ניט גע־אַרבעט אין שאַבעס. פאַרקערט, שאַבעס איז אין געוועלב באַ אָנקל מאָזעס געווען דער מערסט־פאַרנומענער טאָג. די פרומע לאַנדסלייט האָבן דעם טאָג טאַקע פאַרבראַכט אין די קלויזן, אין דער היים מיט זייער מישפּאָכע. די ניט־פרומע, דעם יונגן עלעמענט, האָט אָנקל מאָזעס איינגעלאַדן שאַבעס, אַז זיי זאָלן קומען אין געוועלב אַריין העלפן פאַרקויפן אָדער „צופּיקסן", ווען מע דאַרף עפּעס צופּאַסן אַ „קאַסטימער". שאַבעס איז געווען דער טאָג, ווען מע האָט אַממערסטן געלייזט. און די לאַנדסלייט, דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט געקראָגן באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט, האָבן די קליינינקייטן ניט געהאַלטן פאַר קיין אַרבעט, נאָר פאַר אַ געטריישאַפט צום אָנקל.

ד. קוזמין סטרייקט

עס איז געשען אַ וואונדערלעכע זאַך — די לאַנדסלייט פון קוזמין, אָנקל מאָזעס מישפּאָכע, זיינען אַרויס אין סטרייק. צוערשט האָט אָנקל מאָזעס גאָרניט פאַרשטאַנען, וואָס איז געשען. געזען, ווי די

לאַנדסלייט הויבן זיך אויף אין מיטן טאָג און לייגן אַוועק די נאָדל און פאַרלאָזן דעם שאַפּ, האָט ער געמיינט עס איז אַן אומגליק געשען.

— וואָס איז געשען? וואוהין גייט איר? —

די לאַנדסלייט האָבן זיך אַרויסגעגאַנוועט פון שאַפּ, ווי זיי וואָלטן באַגאַנגען אַ גנייווע און געשעמט זיך צו קוקן דעם אַנקל אין די אויגן אַריין. איינציקווייז האָבן זיי זיך אַרויסגעשלייכט. האָט דער אַנקל אָפּגעשטעלט שלוימע דאַרפגייער, אַ גוטן באַקאַנטן פון דער היים.

— שלוימע, וואוהין גייסטו?

— איך ווייס ניט, מע האָט מיך געהייסן, גיי איך.

— וואָס בין איך, אַ פרעמדער? — האָט דער אַנקל געשריען — באַ מיר סטרייקט מען? פאַר מיין גוטס, וואָס איך האָב אייך אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע, האַלט איך אויס מיט ווייב און קינדער. די ביזנעס זיינען דאָך נאָר צוליב אייך — סטרייקט מען באַ מיר! גוט, גוט, איך וועל זיי שוין ווייזן סטרייקן.

די לאַנדסלייט האָבן גאָרניט געענטפערט. פאַרלאָזט דעם שאַפּ און צונויפגעקליבן זיך אין שול, פון וועלכער דער אַנקל איז געווען פרעזידענט.

לאַנג האָט געדויערט, ביז עס איז געלונגען דער יוניאָן פון די שניידער צו אָרגאַניזירן אַנקל מאָזעס שאַפּ. די לאַנדסלייט האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי זיי וועלן קאָנען דעם אַנקל שלעכטס טאָן. — ער איז דאָך אונדזער פאַרנאָסע-געבער — האָבן זיי אויף אַלע טיינעס אָפּגעענטפערט. נאָר פון זינט אַן דער אַנקל האָט כאַסענע געהאַט, און סעם האָט זיי געלאָזט פילן זיין האַנט, איז ביסלעכווייז געוואַקסן די אומצופרידנקייט צווישן די לאַנדסלייט מיטן אַנקל, און אייניקע אָרגאַניזאַטאָרס פון דער יוניאָן איז ענדלעך געלונגען צו אָרגאַניזירן דעם אַנקלס שאַפּ אין געהיים. ביז דער סטרייק איז אויסגעבראָכן אומגעריכט פאַרן אַנקל און אַלע זיינע באַהעלפערס.

אין אָנפאַנג איז קוזמין געווען זייער ענטוזיאַסטיש צו קעמפן. אַז מען האָט געדאַרפט גיין פּיקעטן פאַרן אַנקלס שאַפּ, האָבן זיך אַלע געריסן. אויסגעקליבן אָבער האָט מען שלוימע דאַרפגייער און יאָסל פורמאַן, יידן סעדער-האַלטערס און פישערס; יידן, וועלכע קאָנען געבן צוריק אַ קלאַפּ, ווען מע וועט דאַרפן. זיי האָבן גענומען ברויט און אָפּגעזאָדענע קאַרטאָפליעס אין די קעשענעס און האָבן זיך אַוועק-

געשטעלט אַזייגער זעקס אין דער פרי פאַרן אַנקלס שאַפּ, געשטאַנען און געהיט.

טיילמאָל איז דער אַנקל אַרויס צו זיי און פּרובירט מיט זיי רעדן:

— וואָס וועט זיין דער סאָף פון שטיין?

— מיר ווייסן ניט. געהייסן שטיין, שטייען מיר — האָבן די יידן אָפּגעענטפערט.

— אָבער וואָס ווילט איר?

— מיר ווייסן גאָרניט, טשאַרלי, אַלץ טשאַרלי, מיר זיינען פּראָסטע סאָלדאַטן, געהייסן שטייען, שטייען מיר — האָבן די יידן אָפּגעענטפערט מיט אַ זעלנערישן טאָן, דערמאָנענדיק זיך אָן זייער שטיין אויף דער וואַך אין סאָלדאַטן.

— וואָס, טשאַרלי האָט אייך געבראַכט קיין אַמעריקע? טשאַרלי האָט אייך געגעבן אַרבעט? פּאַרנאָסע געגעבן? אַ גאַנץ יאָר גייט איר אויך צו טשאַרלין? אַלרייט!

— אַזוי געהייסן.

— וואָס שטייט דער אַנקל און טיינעט זיך אוים מיט זיי? מיט וועמען איז דאָ צו רעדן? אַנקל, אַריין! — האָט סעם אים געצויגן באַם אַרבל מיט כוצפּע.

— לאָז מיך, איך וויל זיך מיט זיי דורכרעדן.

— אַנקל — האָט סעם געשריען — איך וויל, אַז דער אַנקל זאָל אַריין! מע דאַרף ניט רעדן מיט זיי. אוים מישפּאָכע, אוים לאַנדסמאַן. איך לאָז מער ניט קיין מישפּאָכע איבער דער שוועל אַרויף.

— אַלץ צו טשאַרלין. מיר ווייסן גאָרניט — האָבן די לאַנדסלייט אָפּגעענטפערט.

און טשאַרלי איז געקומען יעדן אָוונט אין „כעוורע אַנשע-קוזמין" און גערעדט צו די לאַנדסלייט; טשאַרלי האָט געבראַכט אַנדערע רעדנער; טשאַרלי איז אַרומגעלאָפן צו די צייטונגען; טשאַרלי האָט פון ערגעצוואו געלט געקראָגן; טשאַרלי איז געווען דער, וואָס איז געקומען אויסלייזן די לאַנדסלייט פון אַנקל מאָזעסן.

קוזמין האָט גערוט.

ניט קיין שאַבעס, ניט קיין יאָנטעוו — ס'איז אינדערוואָכנס, און מע אַרבעט ניט. און צו דעם איז קוזמין ניט צוגעוואוינט. שוין אַכט טעג ווי דער סטרייק האַלט אָן. דער ערשטער ענטוזיאַזם איז שוין

פאַרשוואונדן, און קוזמין האָט שוין געפילט אַ בענקשאַפט נאָכן שאָף, נאָך האָבן זיי ניט געפילט קיין הונגער. אַ ביסל האָט יעדער געהאַט אַליין אָפּגעשפּאַרט און באַהאַלטן פאַרן סטרייק, און אַ ביסל האָט די יוניאָן מיט מי צונויפגעשטעלט. נאָר קוזמין האָט ניט געקאָנט אַרומגיין לײדיק. דאָס „באַלעמוטשען" האָט זיי ניט געלאָזט רוען. דער „טאַכלעס" האָט געפּיקט און גענאָגט דאָס האַרץ, ווי אַ שלעכטער וואָרעם.

— וואָס וועט זיין דער טאַכלעס פון דעם באַלעמוטשען? — האָט איינער אין דער שטיל געפרעגט דעם אַנדערן.

— און וואָס פאַר אַ טאַכלעס האָסטו באַם אָנקל אין שאָפּ? פאַרן טרוקענעם שטיקל ברויט — דאָס איז דער טאַכלעס!

קוזמין האָט זיך אַרומגעדרייט פראַנק און פריי און האָט גאָרניט געטאָן. קוזמין האָט דערווייל באַקענט זיך מיט זייערע ווייבער און קינדער, אויף וואָס זיי האָבן קיין צייט ניט געהאַט, ווען זיי האָבן געאַרבעט; קוזמין האָט אָפּגעגעבן זיך מיט הויז־זאַכן, צורעכט געמאַכט זייערע אייגענע קליידער, אָבער קוזמין איז ניט צופרידן געווען.

— גוואַלד, טשאַרלי, וואָס ציט זיך עס אַזוי לאַנג? וואָס וועט זיין דער טאַכלעס?

און טשאַרלים פּאָפּולאַריטעט באַ די קוזמינער לאַנסלייט האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פאַלן. וואָס לענגער עס האָט זיך געצויגן דער סטרייק און מע האָט קיין רעזולטאַטן ניט געזען, האָבן די קוזמינער לאַנדסלייט, ווי אַמאָל זייערע עלטערן אין דעם מידבער, אָנגעהויבן צו „מורמלען" אויף טשאַרלין:

— וואָס וועט זיין דער סאָף? אַלטע יידן לאָזן זיך פירן פון אַ יינגל. הע, שיין זעען מיר אויס.

סעם איז דערווייל אויך ניט געשלאָפן. ער האָט צונויפגערופן די נאָענטסטע מישפּאָכע און בעסאָד אָוועקגעשיקט זיי צו די לאַנדסלייט אַהיים. צוערשט איז מען געגאַנגען צו די באַקאַנטע, וואָס מע קאָן פון דער היים, וועלכע דער אָנקל האָט אַממערסטן טויווס געטאָן, און געמאַכט מיט זיי אַ שמועס:

— וואָס זאָגט אייך צו טשאַרלי, ער וועט פאַר אייך אַ שאָפּ עפענען? וואָס לאָזט ער אייך הונגערן? אַז ער האָט אייך פון דער אַרבעט אַראָפּגענומען, פאַרוואָס גיט ער אייך ניט אַ לעבן צו מאַכן?

ער עסט, ער נעמט געהאַלט פון דער יוניאָן. פאַרוואָס סטרייקט ער ניט? ער סטרייקט ניט, אייך הייסט ער סטרייקן.

און די לעצטע ווערטער האָבן איבערצייגט. ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט, און סעמען איז געלונגען צו געווינען אַ טייל פון די לאַנדס־לייט צו דער אַרבעט. ניט דער הונגער, ניט די נויט האָט דאָ געזיגט, נאָר קוזמין איז ניט געוואוינט געווען אַרומצוגיין ליידיק און האָט געבענקט נאָך דעם שאָפּ.

צומאָרגנס אין דער פרי, אַז טשאַרלי איז אַריינגעקומען אין שול צו דער „כעוורע אַנשע־קוזמין", האָט ער דאָרט געטראָפן אויך די ווייבער פון די סטרייקנדיקע לאַנדסלייט. קוים האָבן זיי אים דערזען, זיינען זיי עס צו אים צו, און כאַנע־ראָזע, שלוימע דאַרפגייערס ווייב, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויסטיינען פאַר אַלעמען:

— ווער האָט דיך געבעטן, איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט זיך פאַר אונדז אָננעמען? וויפיל האָסטו גענומען דערפאַר?

— פאַרוואָס?

— אַז דו זאָלסט זיי, די אַלטע נאַראָנים, פון וועג אַראָפּפירן.

— ניין, דו פרעג בעסער, פאַרוואָס סטרייקט ער ניט? — האָט אַ צווייטע יידענע געשריען.

— באַ וואָס זאָל איך סטרייקן?

— באַ דער יוניע פאַרוואָס סטרייקסטו ניט? פאַרוואָס הייסטו אונדז סטרייקן?

— אָבער איך האָב דאָך ניט צו וואָס צו סטרייקן, איך אַרבעט דאָך ניט באַ קיינעם, באַ וועמען זאָל איך סטרייקן? — האָט טשאַרלי געלאַכט.

— דו הערסט, ער אַליין סטרייקט ניט, אונדז הייסט ער סטרייקן.

— וואָס רעדט איר מיט אים? ווער איז ער אינגאַנצן, וואָס ער וואָגט זיך אַנטקעגנצושטעלן קעגן דעם אָנקל? און מיר, אַלטע יידן, לאָזן זיך פאַרפירן פון אַזאַ שנעק, פון אַזאַ יינגל!

—קומט, יידן, קומט. די הענט דאַרפן מיר קושן דעם אָנקל, אַז ער זאָל אונדז צוריקנעמען. געהערט אַ מייסע?

און שוין האָבן זיך די קוזמינער לאַנדסלייט געוואָלט אַרויסלאָזן פון דער כעוורע.

טשאַרלי איז געשטאַנען אין מיטן אַ פרעמדער וועלט — און ער

האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס צו זאָגן זיי. ער האָט יאָ געפּרואווט עפּעס רעדן וועגן אויסהאַלטן, וועגן אַ בעסער לעבן, וועגן אַ גערעכטלעכער אָרדענונג, נאָר די יידן האָבן אים ניט געהערט, געלאַכט הינטער אים. און אַ יידענע האָט גערופן צו אים:

— דו באַזאָרג זיך צווערשט, אַז דו זאָלסט ניט גיין מיט אָפּגע־האַקטע אָפּצאַסן און מיט אַן אָפּגעריבענעם הינטן, דערנאָך וועסטו די וועלט פאַרזאָרגן. מיינע פאַרזאָרגער . . .

טשאַרלי איז געווען פאַרצווייפלט. ער האָט געהאַלטן פאַר זיין כויוו פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַלס קינד פון זיין פאָטער, וואָס איז געווען מיט זיין מישפּאָכע, מיט זיינע לאַנדסלייט פאַרשקלאַפט באַם אָנקל מאָזעס, צו אָרגאַניזירן אָנקל מאָזעס שאַפּ. און מיטאַמאָל האָט ער געזען זיין אַרבעט פון כאַדאָשים און יאָרן צונישט.

נאָר אין דעם האָט זיך אויפגעהויבן אַרן זשאָכלינער — טשאַרלים פאָטערס אַ כאַוועך. די קוזמינער לאַנדסלייט, וועלכע האָבן אים גע־קענט פון דער היים, האָבן פאַר אים דערעכערעץ געהאַט. דעריבער האָבן זיך אַלע איינגעשטילט און אויסגעהערט, וואָס רעב אַרן האָט צו זאָגן.

— יידן — האָט ער אָנגעהויבן — ס'איז דאָך פּונקט ווי אין מיצראַאים. קוים מיט צאָרעס און גרוים מאַטערניש זיינען מיר אַוועק פון „פּאַרען" און פון זיין גובערנאַטאָר סעם, וואָס אַרבעט מיט אונדז אַזוי שווער, ווי די יידן אין מיצראַאים, און קוים זיינען מיר שוין באַלד אויסגעלייזט, נאָך אַ ביסל איבערצוטראָגן דעם צאַר פון הונגער, פאַרבענקט איר זיך נאָך די טעפּ פליייש און זאָגט: „לאָמיר זיך צוריק־קערן צום אָנקל." איך זאָג אייך . . .

אַ שעמעוודיקייט האָט אַרומגענומען די יידן. עס איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן די שרעק פאַר פּאַרנאָסע; די קוזמינער לאַנדסלייט האָבן מיטאַמאָל דערפילט אַ גאַנץ אַנדערן טאַם אין קאַמף מיטן אָנקל מאָזעס, און שלוימע דאָרפגייער האָט זיך געגעבן אַ רוף אָן פאַר אַלע:

— יידן, קומט מיט מיר! מיר וועלן אַרויסטרייבן די לאַנדסלייט פון שאַפּ. אַז ניט אַרבעטן, זאָל קיינער ניט אַרבעטן!

און די לאַנדסלייט האָבן זיך אַרויסגעלאָזט באַלאַגערן דעם אָנקלס שאַפּ.

סעם האָט זיך געריכט אויף די לאַנדסלייט און האָט געמאַכט אַלע

פאַרבאַרייטונגען צו באַגעגענען זיי. און ווי שלוימע דאַרפגייער מיט די לאַנדסלייט זיינען אָנגעקומען פאַר דעם שאָפּ פונעם אָנקל, האָט זיי באַגעגנט אַ פרוי, וועלכע איז פון ערגעץ אַרויס און אַרומגענומען שלוימען.

שלוימע איז דערשראָקן געוואָרן. ער האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון דער פרוים אָרעמס און אַריין אין סטאָר אַראָפּצונעמען די אַר־בעטער, נאָר די פרוי האָט אים פעסט געהאַלטן באַם אַרבל און געשריען:

— פאָלים! ער האָט מיך באַליידיקט!

מיטאַמאָל זיינען אַרויס פאָלים מיט קלאָבס אין די הענט, ציוויל־געקליידטע דעטעקטיווס מיט פאַרדעכטיקע פרויען, וועלכע האָבן געריסן די אַלטע יידן באַ די בערד און פייעס.

— וואָס איז געשען? — האָט דער „קאָפּ" געפרעגט.

— ער האָט מיך באַליידיקט — האָט די פאַרדעכטיקע פרוי געשריען.

און דאָס איז געווען אַ סיגנאַל. באַלד זיינען שוין געפלויגן שטעקנס איבער די קעפּ פון די לאַנדסלייט. אַ טייל זיינען אָפּגעקומען מיט צעקלאַפּטע קעפּ, מיט ביילן אויפן פּנים; אַנדערע, מיט שלוימען אין דער שפּיץ, זיינען געוואָרן אָפּגעפירט צעבלוטיקטע אין פאָלים־סטיישאָן. די פאָלים האָבן זיי באַגלייט מיט זידלערייען און קלעפּ. אין אַ פערטל שאָ אַרום איז שוין קיין זייכער ניט געבליבן פון די לאַנדסלייט, און פאַר אָנקל מאָזעס שאָפּ איז געווען שטיל און רואיק.

אין די ווייבער פון די קוזמינער לאַנדסלייט האָט זיך געפילט אָן ענדערונג נאָכדעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען פאַרן אָנקלס שאָפּ. געזען זייערע מענער צוריק אַהיים קומענדיק, ווער מיט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ, ווער מיט אַן אויסגעפליקטער באָרד, האָט זיך אין זיי דערוועקט אַזאַ רעוואָלוציאָנערער גייסט, אַז זיי זיינען גרייט געווען די מינוט צו לויפן און באַפאַלן אָנקל מאָזעס שאָפּ. זיי האָבן שוין ניט געשיקט צוריק זייערע מענער צו דער אַרבעט. ניט געהייסן, אַז זיי זאָלן פאַרן אָנקלס פּים פאַלן, אַז זיי זאָלן סעמס הענט קושן. פאַרקערט, זיי האָבן געשראָקן זייערע מענער, אַז זיי וועלן גיסן איבער זייערע קעפּ מיט טעפּ זודיקע וואַסער, ווען זיי וועלן וואַגן דעם אָנקלס שוועל איבער־צוטרעטן.

— דו קאָנסט זיך שוין זוכן אַן אַנדער היים, אַן אַנדער ווייב, אַז דו וועסט מיר וואַגן צום אַנקל צו גיין — האָט אַ יידענע געמאַכט מיטן פינגער אויף דער נאָז צו איר מאַן.

— און אַלצדינג וואָס טשאַרלי וועט דיך הייסן, זאָלסטו טאָן — דו הערסט — טשאַרלי ווייס וואָס ער האָט צו טאָן, אוי ווייס ער, אַ געזונט אין זיין קאָפּ.

און טשאַרלי איז צוריק געוואָרן דער העלד, דער אויסלייזער, דער באַפרייער פון די קוזמינער לאַנדסלייט.

(פון „אַנקל מאָזעס")

די ווינטער נויט

● מאַני לייב

נאָך שלאָפט די גרויע גאַס אין קעלט און שניי געשמידט...
דער ווינט — אַ הימלאָזער — אים איינעם שלאָפט זיך ניט,
און ווי די גאַנצע נאַכט טרייבט ער אין גאַס זיך אום
און ווייעט מיט שניי און שטויב און וואָיעט בייז און שטום.

און אין די מויערן פון די מענטשן ווערן וואַך,
און קליינע פייערלעך אין פענצטער פינקלען שוואַך,
און אויף די מויערן צעציט זיך, ווי אַ שטריק,
אַ לאַנגער הייזעריקער פייף פון אַ פאַבריק.

ווער איז דאָס יענע ערשטע אין דעם נייעם טאָג,
וואָס איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע אויפן ראָג,
און קוקט זיך אום אַרום, מיט אויגן סאָם און האָס
און לאָזט אויך זיך שפּאַנען אין דער לענג פון גאַס?

דאָס איז די אַלטע, קאַלטע, גרויע ווינטער נויט,
זי כאַפּט זיך אויף די ערשטע שעלטנדיקערהייט.
זי קומט אין גאַס די ערשטע, שעלט אַזוי און שפּאַנט,
און טראָגט אַן עמער קוילן אין איר דאַרער האַנט.

ריווינגטאָן סטריט

● מוישע נאַדיר

שאַבעס פאַרנאַכט קומט מען זיך צונויף
באַ אַ לאַנדסמאַן אין שטוב אויף „עסיק" סטריט.

מ'שיקט אַרונטער דעם יינגסטן לאַנדסמאַן
נאָך עטלעכע פּיטשערס ביר,
אָנגעצילעט אויף אַ לאַנגן שטעקן.
דערנאָך לייענט מען זיך איינס ס'אַנדערע
די בריוו פון דער היים.
מ'דערמאָנט זיך אין ראָוו,
אין שויכעט,
אין ווייב,
אין די קינדער.
מ'ווייזט זיך איינס ס'אַנדערע
די געגלייזטע פּיקטשעס,
וואָס מ'האָט גענומען פון זיך
מיט אַ פינגער אין אַן אויפגעשטעלט ביכל
און מיט אַן אַרויסגעשטעלטער „וואַטשימטשעין".

און קיין זיסער וואָרט
ווי „יוראָפּ" איז ניט געווען
באַ די ריווינגטאָן סטריטער יידן.

אַך, יוראָפּ, יוראָפּ!...

ס'איז נישט יוראָפּ...

וואָס טויג מיר די זאַך, רעב הענעך,
יוראָפּ איז טאַקע יוראָפּ
און אַמעריקע איז טאַקע אַמעריקע...

ווי קענסטו פאַרגלייכן יוראָפּ?...

אין יוראָפּ,
אַז מ'מאַכט אויף ס'מויל און מ'גיט אַן אָטעם...

יוראָפּישע קאַלעס...
יוראָפּישע סימכעסטוירעס...
יוראָפּישע סטראָבערים...
יוראָפּישע טאַנייסים...

אין יוראָפּ אַז איר גיט אַ געשריי
„סי ברענט!"...

אין אַמעריקע איז נישטאָ וואוהין צו גיין...

אין יוראָפּ אַז אַ מענטש האָט נישט וואו צו גיין —
גייט ער נישט...

אין יוראָפּ אַז אַ סטודענט שטעלט זיך אַוועק
און רעדט דאַהטש...

אין יוראָפּ זאָגטן:
„ס'איז האַלב צוויי דער זייגער"
און דאָ זאָגטן:
„דער זייגער איז האַלב נאָך איינס"...

באַ אונדז קאַרשן איז קאַרשן
און ווײַנשל און מאַרעלן און האַלעוויי האָט מען נאָר אַזויפיל!
דאָ קאַרשן זיינען טשערים — דאַצאָל...
וואָס קען מען „עקספּעקטן" פון „טשערים", כ'בעט אייך?

... אין יוראָפּ אַז אַ מעלאַמעד גיט אַ פּאַטש.

אין יוראָפּ אַז מע פאָרט קיין לעמבעריק, צי קאַ ווין!

אין יוראָפּ אַ פּאָליסמאַן איז אַ זשאַנדאַר,
און ער טראָגט אַ ביקס און ער גייט אין אַ היטל
מיט האָנערישע פעדערן,
און אַז ער כאַפּט אַ גאַנעוו
טוט ער אים אָן קייטעלעך, טוט ער אים.
און דאָ אַ פּאָליסמאַן איז אַ פּאָליסמאַן. אַ „קאַפּ"...

אין יוראָפּ אַז מע גייט אַריין
אין אַן אַפּטייק — שמע־קט!
און דאָ אין אַ דראָג־סטאָר . . .

אין יוראָפּ אַז מ'גייט אַרויס אין דער פרי
אין דרויסן אַרויס און מ'גיט אַ קוק ס'איז נאָך פרי...

אין יוראָפּ אַז מע וויל ערגעץ פאָרן,
אָלרייט... פאָרטן קיין אַמעריקע...
אָבער אין אַמעריקע?...

אין יוראָפּ אַ שטיקעלע יוראָפּישע פיש,
און אַ טרונק ברונעם־וואַסער...

אין יוראָפּ אַז מע גייט אַרויס און מ'קומט אַריין
קריק אין שטוב אַריין...

אין יוראָפּ אַז מע גיט אַ מאַך אויף די אויגן גאַנץ פרי
און מ'זעט אַז סי יוראָפּ!...

גו, יו־ראָפּ! וואָס קענסטו פאַרגלייכן?!...

— — — — — — — — — — — — — — —

אָט אַזוי ווייגט זיך דער שאַבעסדיקער שמועס
פון יוראָפּישע לאַנדסלייט אויף „עסיק" סטריט.
מ'דערמאָנט זיך אין אַ פרישן גרעזל,
אין אַ ציג,
אינעם רעבן...
אין אַ בערגל מיסט...
מ'טרינקט ביר און מ'פאַרבייסט מיט „זאַלצשטאַנגען"
אין דער „עסיק" סטריטער בעדרום,
וואָס איז אַזוי שרעקלעך ווייט פון דער היים,
און מע רעדט יוראָפּישע רייד
און מ'שפינט יוראָפּישע כאַלוימעס,
און מע ווינטשט זיך: גאָט זאָל שוין העלפן
מ'זאָל שוין איבערקומען דאָס אַמעריקע...

אַזוי לאַנג, ביז עס דערהערט זיך
אַ קליין סוויסטשעלע פון געז־טיפ
און אַ שוואַך ציטערניש אין בלויען געזפלעמל,
און די געז גייט אויס,
און אַלע זוכן אין די קעשענעס,
צי מ'האָט אַן אַמעריקאַנישן קוואָדער
אויף אַריינצוואַרפן...
און מע ציט אָן דעם „מיטער"
און סע ווערט ווידער לעכטיק און באַנג...
און פרעמד — און ווייט,
אַזוי שרעקלעך ווייט פון דער היים,
אַזוי שרעקלעך ווייט פון יו־ראָפּ!

אַ צייכן פון זומער

● ז. ליבין

עס איז געווען אַ פרימאָרגן אין דעם שיינעם מאָנאַט מיי. אָבער דאָ, וואו איך האָב זיך געפונען, אין אָרטשאַרד סטריט, האָט זיך דער מיי ווייניק געפילט. פון די פעסלעך מיסט האָט זיך ניט געטראָגן קיין פרישקייט; די הויכע טענעמענט קאַזאַרמעס, די פייער־עסקייפּס, אויף וועלכע עס האָבן זיך געלופטערט מאַטראַצן, קאָלדרעס, קישעלעך, האָבן גאַנץ ווייניק דערמאָנט דעם שיינעם מאָנאַט מיי. די זעלבע בלאָטע, די זעלבע שווערע שטיקנדיקע לופט, דער זעלבער האַרצרייסנדיקער ראַש פון האַנדל און וואַנדל — פון דער אייביקער, אייביקער מילכאָמע פאַרן שטיקל ברויט... פּושקאַרטס, פּעדלערס, מענער, פרויען, צעריסענע, צעשליסענע. אַ טומל, אַ ראַש. מען לויפט, מען יאָגט זיך, מען שטופּט זיך, מען ווערגט זיך... מען זוכט פּאַרנאָסע...

און דאָ האָב איך די אַלטיטשקע באַגעגנט.

קליין, דאַר, געבויגן, מיט אַ שטעקל אין האַנט, אַנגעטאָן אין שמאַטעס, איז זי געשטאַנען און געקוקט אַרום זיך מיט צעשראָקענע אויגן. אויף איר צעקנייטשט פּאָנעם איז געלעגן אַ שווערע, שווערע זאָרג.

איך האָב זיך צו איר צוגעקוקט. זי האָט עס באַמערקט, אַ פּאָר מאָל אַ קוק געגעבן אויף מיר, נאָכדעם האָט זי זיך צו מיר געווענדט און געזאָגט:

— זאָלט איר געזונט זיין, זאָגט מיר, זייט איר אַ ייד?

— יע, באָבע — האָב איך געענטפערט — איך בין אַ ייד.

— האָט ראַכמאָנעס און באַווייזט מיר, וואו קען איך דאָ ערגעץ זען אַ בוים — האָט די אַלטע ווייטער געפרעגט.

— וואָס? אַ בוים?

— יע — האָט די יידענע געענטפערט — אַ בוים וואָס וואַקסט זומער, ווי בּאַ אונדז אין דער היים — און די אַלטע האָט אַ שווערן טיפן זיפץ געגעבן.

— אויף וואָס דאַרפט איר אַ בוים? — האָב איך געפרעגט, געקוקט אויף דער שוואַר־פאַרזאָרגטער אַלטער און נייגעריק דערוואַרט איר ענטפער.

— אויף וואָס? ווייל גאָט האָט מיך זייער ביטער געשטראָפֿט — האָט די פרוי געענטפערט, און אירע אויגן זיינען פאַרלאָפן מיט טרערן.

מיין האַרץ האָט צוזאַמענגעדריקט אַ ווייטיק. איך האָב ווייטער גאָרנישט געפרעגט. איך האָב זיך געאיילט צו באַרואיקן די אָרעמע אַלטיטשקע און האָב געזאָגט:

— יע, באָבע, איך וועל אייך באַווייזן אַ בוים.

— גאָט זאָל אייך בענטשן דערפאַר — האָט די יידענע געענטפערט מיט אַ טיפער ערנסטער דאַנקבאַרקייט.

איך האָב זיך גענומען אַרומקוקן. איך האָב זייער גוט געקאָנט די געגנט און האָב גענומען טראַכטן, וואו איך קען דאָ ערגעץ ניט ווייט געפינען אַ בוים פאַר דער אַלטער. איך האָב אָבער ניט געקענט דערמאָנען זיך, אַז איך זאָל האָבן דאָ ווען עס איז געזען אַ בליענדיקן בוים. איך וועל זיך מוזן, הייסט דאָס, אַוועקלאָזן מיט דער אַלטער צום דזשעקסאָן-סטריט-פּאַרק.

האָב איך אָבער אַ טראַכט געטאָן: עפּשער וועט עס זיין צו ווייט פאַר דער אַלטער? און איך האָב זי געפרעגט:

— וואו וואוינט איר, באָבע?

— באַ מיין קראַנקן זון — האָט די אַלטע געענטפערט.

— און וואו וואוינט אייער קראַנקער זון? — האָב איך ווייטער געפרעגט.

— אָט דאָ ניט ווייט, אין אַ הויף, לעבן אַ גרויסער שטאַל.

איך האָב ווייטער געפרעגט:

— באָבע, ווען מיר וועלן אָפּגיין עטלעכע גאַסן ווייטער, וועט איר קענען אַהיים טרעפן?

— איך וועל פרעגן — האָט די אַלטע מיך באַרואיקט..

— קומט, באָבע, איך וועל אייך באַווייזן אַ בוים.

מיר זיינען אַוועק צו דזשעקסאָן סטריט פּאַרק. גייענדיק האָט די אַלטע מיר דערציילט איר ביטער האַרץ, און איך האָב זיך דערוואוסט צו וואָס די אַלטע זוכט אַ בוים.

זי, די אַלטע, איז נאָך אַ „גרינע" אין אָרטשאַרד סטריט. ערשט מיט אַכט כאַדאָשים צוריק איז זי געקומען אַהער אין ניו יאָרק צו אירן אַ זון.

דער זון איז באַ איר איינער און מער ווי אים האָט זי קיינעם ניט

אויף דער וויסער וועלט. דער זון האָט אַ ווייב מיט דריי קליינע קינדערלעך. אין דער היים איז ער געווען אַ לערער און דאָ, אין ניו יאָרק, איז ער געוואָרן אַן אַרבעטער בײַ פּוטער. די לעצטע צײַט, שוין נאָך דער אַלטערס קומען, איז ער שטאַרק קראַנק געוואָרן, אַפּאָנעם אויף שווינדזוכט. ליגט ער אין דער היים און דאָס ווייב פאַרדינט דאָס שטיקל ברויט, אַרויסנעמענדיק פון שעפער הויזן צום נייען און וואַשנדיק וועש פאַר שכיינים.

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז אַ דאָקטער געווען בײַם קראַנקן און ער האָט געזאָגט, אַז אויב דער קראַנקער וועט אויסהאַלטן ביז זומער, וועט זײַן „גוט". די אַלטע, וועלכע האָט שוין געזען, אַז דאָ אין דער מעדינע איז עפּעס דער ווינטער קיין ווינטער ניט, האָט געפרעגט בײַם דאָקטער, ווען דאָ אין אַמעריקע ווערט זומער. און דער דאָקטער האָט איר געענטפערט, אַז ווען די ביימער הויבן אָן צו בליִען און ווערן גרין, איז דאָס אַ סימען, אַז עס איז זומער.

איצט, ווען עס איז שוין אַריבער דער פּייסעך און אין דער היים וואָלט שוין באַדאַרפט זײַן זומער, וויל די אַלטע וויסן אויב דאָ אין אַמעריקע איז שוין זומער, און אויב איר קראַנקער זון האָט אויסגע-האַלטן דעם ווינטער. עס איז אַפילע היים, אָבער דאָס איז בײַ דער אַלטער אַ קנאַפּער סימען: ווינטער פלעגן אויך אַמאָל זײַן הייסע טעג. וויל זי זען דעם דאָקטערס געגעבענעם צייכן — אַ גרין בלעטל — דאָס אַלץ!

:: :: ::

אָט איז דזשעקסאָן סטריט פּאַרק... אַ גרין ווינקעלע אין אַ שרעק-לעכן מידבער. גרינע ביימער, גרין גראָז...

— נו, אָט האָט איר ביימער וויפיל איר ווילט — זאָג איך צו דער אַלטער.

— איך זע שוין — ענטפערט זי — אַ דאַנק זײַן ליבן נאָמען.

און די אַלטע קוקט אויף די ביימער. איר פּאָנעם ווערט פרייער, ליכטיקער. אין אירע אויגן באַמערק איך אַ שטראַל פון האָפענונג און איך הער ווי זי שעפּטשעט שטילערהייט:

— עס איז שוין דער ליבער זומער, זונדעלע טײַערער. עפּשער וועט שוין דער פאָטער אין הימל אויף דיר ראַכמאָנעס האָבן און צושיקן דיר אַ רעפוע.

נאָכדעם האָט זי זיך צו מיר געווענדט און געזאָגט מיט אַ טיף געבעט:

— ווילט איר שוין נאָך עפּעס טאָן פאַר מיר?

— וואָס, באָבע?

— קריגט פאַר מיר דאָ אַ פּאָר גרינע בלעטלעך, עפּעס אַ וואָסערע עס איז; איך וועל אוועקטראָגן מיין זון, באַווייזן אים אַז דער זומער איז שוין אָנגעקומען.

איך האָב אויפגעזוכט אַ גרין צווייגל און האָב עס געגעבן דער אַלטער.

זי האָט עס גענומען מיט ציטערנדיקע הענט, אָנגעבענטשט מיך פון פולן הארצן און געפרעגט בא מיר ווי מען גייט אַהיים. איך האָב איר געוויזן דעם וועג, און די אַלטיטשקע איז אַוועק צום הויף, לעבן דער גרויסער שטאָל, אָנזאָגן איר קראַנקן זון, אַז עס איז שוין זומער אין אַמעריקע.

נ י י - ע ר ד

● י. י. שוואַרץ

פון דעם בלויען מיזרעך־האָריזאָנט,
און מיטן פּאָנעם צו דעם ברענענדיקן מייִרעוו —
איז מיט רויטן טראַקט דער וואַנדערער
געקומען מיטן פּאַק אויף זיינע פּלייצעס.
די הויכע ביינִיקע פיגור געבויגן —
טראַמפּ־טראַמפּ, טראַמפּ־טראַמפּ, אין ווייכן רויטן זאַמד,
פון קאָפּ ביז צו די פיס, פון אַלטן קעסלהוט —
און ביז די הארטע איינגעדאַרטע שטיוול —
פאַרבאַקן אין דעם מעליק־ווייסן שטויב,
דאָס געל און שפּיציק בערדל אָפּגעברענט פון זון,
די אויגן אָנגעשטרענגט, מיט בלוט פאַרלאָפן,
מיט גאָר דעם צאַר אין זייער ראָזער טיפקייט —
טראַמפּ־טראַמפּ, טראַמפּ־טראַמפּ, אין ווייכן רויטן זאַמד.

איז געקומען דער ייד פון דער ווייט אין דער פרעמד,
מיט די וואונדיקע פיס, מיטן הארצן וואָס קלעמט,
מיטן פּאַק אויפן פּלייצע, מיט שטעקן אין האנט,
אין דעם נייעם און פרייען און ריזיקן לאַנד.

בלוי, וואונדערלעך האָט זיך געזעצט די נאַכט —
צוערשט האָבן די פאַרבן זיך געלאָשן,
פיאָלעט האָט זיך געמישט מיט בלוי און רויט —
צולעצט, האָט איין קאָליר אַרומגעכאַפּט די וועלט:
אַ טיפער און געדיכטער בלוי. אין מיירעוו בלויז
האָט לאַנג געברענט אויף ווייטע שווארצע בערג
איין רויטער טיפער שטרייף. און ערשטע שטערן —
זיי האָבן נאָענט און רויט זיך דורכגעוואונקען.
און מיטן אָנקומען פון דאָרעמדיקער נאַכט
האָט זיך די גרויסע פרישקייט אויפגעהויבן:
עס האָט די ערד געהויכט פון זיך מיט זאַפטן,
געשטראָמט מיט ערדיקע צעהיצטע רייכעס
און זיך אין בלויער קילער לופט צעפלאָסן,
און ס'איז געווען ווי וואַסער פאַרן דאָרשטיקן,
ווי שטאַרקער וויין פאַר דעם פאַרמאַטערטן.

און דורך דעם רויטלעך־שווארצן נעפּל איז דער ייד
אַדורכגעגאַנגען מיטן שווערן פּאַק —
ביז ער איז דורך דעם רויטן ווילדנלאַגער
אַרום צום שווארצן פעלד, וואו ס'ציען זיך
די אַלטע נידעריקע פאַרמהייזער,
אַראָפּגעלאָזט דעם פּאַק פון זיינע פּלייצעס
און אָנגעקלאַפּט אין ערשטער בעסטער טיר.

האָט זיך פון הויז דערטראָגן אַ גערודער:
דער שווערער ריגל האָט זיך לויז געמאַכט,
די טיר האָט זיך געעפנט פאָרזיכטיק,
און אין דעם שווארצן כאָלעל פון דער טיר
האָט זיך אַ הויכע ווייסע מענערשע פיגור
באַוויזן, מיט שווארצן רער פון ביקס
פאָרויס אַרויסגעשטעלט, און ס'האָט אַ קאָל,
אַ הייזעריק פאַרשלאָפן קאָל געשיפּעט:
— ווער ביסטו? — האָט דער מאַן פון פּאַק געענטפערט:

„אַ ייד, וואָס זוכט וואו צושפּאָרן דעם קאָפּ.
כ'בין אויסגעמאַטערט פון דעם שווערן וועג."
— ווי קומסטו דאָ? — „איך טראָג מיין האַנדל מיט,
די נאַכט איז צוגעפאַלן, איך בין מיד,
די פיס זיינען אין וואונדן, לאָז אַריין,
וועל מאַכן אַ געשאַנק דיין וויב פון פּאַק."
האָט זיך די רער פון ביקס אַראָפּגעלאָזט,
דאָס קאָל האָט ווייטער אויסגעקלונגען: „וואַרט."
דערנאָך איז די פיגור אין וויים אַרויסגעקומען,
אין האַנט אַן אָנגעצונדענע לאַמטערן,
האָט ביז צום יידנס אויגן צוגעטראָגן
די ברענענדע לאַמטערן, אים באַקוקט
פון אויבן ביז אַראָפּ און צוגעוואָרפן: קום.
האָט ער אים אין דער שטאַל אַריינגעפירט,
אַ זאָג געטאָן מיט האַרץ: „דו זאָלסט ניט רויכערן,
וועסט נאָך אָוועקשיקן די שטאַל מיט פייער
צוזאַמען מיטן פּאַק און מיט די בעהיימעס.
גיב אַכטונג." — זיך אַרויסגעשלייכט פון שטאַל,
פאַרשליסנדיק דעם טויער הינטער זיך.

דער גוי האָט אויפגעפּראַלט די טויערן פון שטאַל,
און ס'האָט אַ שפּריץ געטאָן אין קילער שטאַל
מיט רויטן ליכט פון אויפגייענדער זון.
עס האָט אַ בליץ געטאָן אין פרעמדן אויג
די נייע אומבאַקאַנטע פרישע וועלט
מיט בלויע הימלען און געדיכטן גראָז,
מיט וויטן וואַלד מיט גרינער בלעטער־קרוין,
מיט נאָענטע פרוכט־ביימער באַדעקט מיט טוי,
מיט ווייסע אָפּגעקאַלכטע ווענט פון הויז,
וואָס באָדט זיך ביז די פענצטער טיף אין גרינס.

איז אָנגעקומען שטיל די באַלעבאָסטע
אין געלן שטרוי־הוט מיט די ברייטע ראַנדן,
האָט זי פריש־מאָרגנדיק באַגריסט דעם פרעמדן,
אַ בלישטש געטאָן אויף אים מיט גוטע אויגן,
מיט אָפענעם און זון־פאַרברענטן פּאָנעם,
מיט ווייסן לייוונט פון דעם שטוביק קלייד —
און זיך אַראָפּגעזעצט די קו צו מעלקן.

די ווייסע שוימענדיקע שטראָמלעך מילך —
זיי האָבן זינגענדיק און פלינק געקלאַפּט,
געטענצלט אָן דעם דעק פון גלאַנצנדיקן בלעך,
און ס׳האָט פאַרשמעקט מיט ווארעמקייט און זאַט.
דער גוי האָט אים אַרויסגעפירט צום ברונעם;
און אַז דער פרעמדער האָט זיך אָפּגעפרישט
מיט קאַלטן קלאָרן וואַסער — איז די טאָכטער
אַנטקעגן שוין געקומען מיטן האַנטעך,
פון היימיש גראָבן ווייסן לײַן געשפּונען.
דאָס קליינוואַרג מיטן פינגער אינעם מויל,
מיט שטעכיק־ווייסן האָר און בלויע אויגלעך —
זיי האָבן שרעקעדיק דעם פרעמדן נאָכגעקוקט,
געביטן זיך, ווי גענדז, אויף ברוינע פיסלעך,
געקניפּט איינס דאָס אַנדערע, געשטופּט זיך.
ביז ס׳האָט דער באַלעבאָס זיי אָפּגעיאָגט
און איינגעלאַדן דעם פרעמדן צונעם טיש.

דאַן האָבן זיך די מענטשן היימישער דערפילט.
דער גוי האָט ברייטלעך, אויפגעלייגט פאַררויכערט
די קורצע שוואַרצע ליולקע, און דער ייִד
האָט זיך צערעדט, אַראָפּגערעדט פון האַרצן.
„ער קומט", זאָגט ער, „פון געהענעם, פון אַ שטאָט,
וואו מענטשן לעבן ניט, נאָר פאַלן אינעם יאָך;
ער האָט געפּלאָגט זיך אין דעם ווילדן קראַך,
געשניידערט פּופּצן לאַנגע שאָ אין טאָג.
זיך אומגעוואַלגערט אין אַן ענגן לאָך —
קיין טראָפּן לופט, קיין פּיצל שיין געזען.
האָט אָנגעהויבן טריקענען זיין לייב
און איטלעך ביין זיינס האָט דערשפּירט דעם טויט.
האָט אין זיין האַרצן אָנגעהויבן וויינען
אויף זיך אַליין, אויף זיינע יונגע יאָר.
און זיין דערבאַרעמונג האָט זיך געוועקט
צו די יעסוימים זיינע לעבעדיקע,
וואָס ער האָט יאָרן לאַנג שוין ניט געזען
אין וואָגלעניש צו זוכן ס׳שטיקל ברויט.
האָט ער זיך מיט פּאַק געלאָזט אין וועג —
דאָ האָט ער כאָטש אַ הימל איבער זיך.
די וועלט איז ברייט, און מענטשן זיינען גוט,
אַ ייִד ווערט ניט פאַרפאַלן, ווי זיי זעען."

דער גוי האָט שטיל, געלאַסן אַלץ געפּיפּקעט,
זיך צוגעדעקט מיט פּאַרהאַנגען פון רויך,
אַריינגעשטעלט אַ ווערטל דאָ און דאָרט —
און ס'האָט די גויע זיך געווישט די אויגן.

דער גוי איז שטיל געזעסן און געטראַכט,
אַריינגעקוקט אין יידנס מידן פּאָנעם,
געלאַסן אויפגעשטעלט זיך פון זיין זיץ,
אַרויסגעקלאַפּט דאָס גרויע אַש פון ליולקע,
און אָנגעקלאַפּט דעם יידן אויפן פּלייצע:
„זאָלסט היינט פון דאַנען ניט אַוועקגיין, ייד,
איך וועל זיך היינט צונויפטרעפן מיט שכיינים,
מען וועט זיך דורכרעדן מיט זיי, מ'עט זען."
און צוגעשריגן פונעם שוועל צום ווייב:
„ניט לאָז דעם יידן רירן זיך פון פּלאַץ."

אַז ס'האָט דער טאָג דערנענטערט זיך צום סאָף
און שטראַלן זיינען ראָז און קרום געפאַלן —
דאַן זיינען זיך צונויפגעקומען שכיינים.
עס זיינען אָנגעקומען שווערע באַלעבאַטים
מיט די פאַרגרעבט-מעגושעמדיקע שווערע האַרטע הענט,
מיט רויט-פאַרפלאַמטע פּענעמער און קאַרקן.
און אַלע אין די ברייטע ווייסע פּלודערן,
מיט העמדער ברייט-צעקנעפּלטע באַם האַרצן,
מיט ברייטע הויכע שטרוי-היט אויף די קעפּ.

האָט מען זיך אויפן גאַניק אויסגעזעצט,
די מאַנסלייט פאַר זיך, און די ווייבער פאַר זיך;
און באַלד האָט אָנגעהויבן גיין אַ רויך,
פון וויפיל מענער אַזוי פיל רויכלעך,
(ס'האָט נאָר פון דינעם פּאַסטאָר ניט גערויכט).
די באַלעבאָסטע האָט געבראַכט פון קעלער
דעם שווערן קרוג מיט קאַלטן עפּלטרונק
וואָס האָט געבלעזלט ביז די שוואַרצע ראַנדן,
איז אומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן
באַדינענדיק די רויכנדיקע געסט.
דער ייד, דער פרעמדער וואָס ער איז, איז שטיל
און פרעמד געזעסן צווישן פרעמדן אוילעם,

דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, דעם קאַרק געבויגן
און ניט געוואַגט די אויגן אויפצוהויבן.

האָט אָנגעהויבן שטיל דער באַלעבאָס
צו רעדן: „שכנים" — האָט ער אָנגעהויבן —
„איך האָב אייך אַלעמען דערציילט פון יידן,
אָט זיצט ער דאָ א פרעמדער צווישן אונדז
וואָס קאָן מען פאַר אים טאָן?" — דאָ האָט דער פּאַסטאָר,
א שטילער, א געלאַסענער זיך אָנגערופן:
„צוערשט לאָמיר דעם יידן אויסהערן,
און נאָכדעם וועט מען זען." — איז דאָס געפעלן
און אַלע האָבן צוגעברומט: גערעכט, גערעכט.
האָט זיי דער ייד דערציילט זיין מייסע פון דאָס ניי.

און אַז דער ייד האָט אויפגעהערט צו רעדן,
איז מען א ווייל געזעסן שטיל: די קעפּ
געבויגן אין דעם רויטן אָוונטשיין,
און האַרץ האָט שטום גערעדט צו האַרץ: פאַרהאַרטעוועט,
פאַראייזנט ווי זיי האָבן אויסגעקוקט,
האָט דאָך געענטפערט זייער האַרץ אויף לייד,
ווייל זיי אַליין האָבן אין פריער קינדהייט
געוואוסט דעם טאַם פון עלנט און פון לייד.

האָט אָנגעהויבן איינער פון די שכנים,
דער אַלטער טאָמפּקינס מיטן פּאָנעם פון א לייב,
מיט גרויע האָר און גרויען ברעם און באָרד:
„מיין אַלטער שייער און דאָס הויז באַם וואַסער
שטייט ליידיק, אָפּגעלאָזט — זאָל זיך דער ייד
אַריינציען אַהין און טאָן געשעפט.
וועל אים דערפאַר ניט רעכענען קיין געלט —
אויב ער וועט שפּעטער קענען, זאָל ער אָפּקויפן,
איך וועל פאַרקויפן ביליק."

„וואויל, ס'איז וואויל" —
האָט זיך דער באַלעבאָס באַדאַנקט מיט האַרץ —
„וואָס טוט מען אָבער וואָס דער פּלאַץ איז אַלט,
און שטייט אין סאַקאָנע איינצופאַלן?
מיר וועלן דאָך דערהאַרגענען אונדזער ייד" —

האָט ער געוויצלט.
„איך וועל געבן האַלץ
וויפיל נאָר מען באַדאַרף צו אויפריכטן דאָס הויז" —
האָט אָנגערופן זיך דער סויכער פון געהילץ.

„און מיר וועלן דאָס הויז און שטאַל פאַרריכטן" —
האָט אָפּגערופן זיך פון יעדער זייט.
„מען דאַרף דאָך אָבער געלט צו פירן האנדל" —
האָט אַלץ דער באַלעבאָס ניט נאָכגעלאָזט.
„וועל איך אויספּאַרקויפן סכוירע פונעם פּאַק,
וועט זיין געננוג" — האָט איינגעשטעלט דער ייד.
„פיין, פיין, א גוטער פּלאַן, מען דאַרף ניט בעסער.
העי, מוטער, גיב אַקאָרשט אהער דעם פּאַק."

ס'איז טונקעלער געוואָרן. מיט דער זון
האָט אויך דער ברען און פריילעכקייט געזעצט זיך.
די פּענעמער זיינען געוואָרן ערנסט,
מען האָט זיך אויפגעהויבן, זיך צעגענעצט
און שווייגנדיק גענומען זיך צעקריכן.
די מאַנסלייט פּאַרוים מיט די ליולקעס רויך
און הינטער זיי די ווייבער מיטן ווייסצייג.
מען האָט געקלאַפּט דעם יידן אויפן פּלייצע:
„ווי רופט מען דיך?"
„דזשאָשואַ."
„פיינער נאָמען,
מיר וועלן פון היינט אָן דיך רופן: דזשאָש."
און מען איז זיך צעקראָכן אין דער נאַכט.

(פון „ניי-ערד")

ר. קענט

ברוכוואַרג

י. אַפּאַטאָשו

אין אַ קאָרידאָר, הינטער אַ טרעפּ, זיצט דער אַלטער לייזער איבער אַ באַרג צעבראָכענע שירעמס און פאַרריכט זיי באַם לעמפּל, וואָס הענגט איבער די בריווקעסטלעך. די קינדער פונעם פיר־שטאָקיקן הויז, יינגלעך און מיידלעך, קלייבן זיך אַרום דעם אַלטן. איינער טראָגט אים אונטער אַ צוועקל, אַ העמערל, אַן אַנדערער פּאָרעט זיך מיט אַ צעבראָכענעם שירעם־דראָט, מאַכט דערפון אַ פיילן־בויגן.

קינדער, קעץ, שירעמס — דעם אַלטן וואָלט גוט געווען, ווען נישט ס'האַרץ, וואָס נאָגט און האַלט אין איין זינקען. ער האָט פון אין דער פרי אָן נאָך גאָרנישט אין מויל געהאַט און איצט איז שוין לאַנג נאָך מיטאָג.

דער אַלטער האָט נישט קיין טיינעס, טרייבט קיינעם נישט — נית ס'קליינוואַרג, ניט די קעץ, וואָס רייבן זיך מיט די אויפגעשטעלטע רוקנס אָן די קינדער, אָן דעם אַלטנס פּלייצעס, ווילן זיין וואָס ווייטער פונעם רעגן, וואָס גיסט אין דרויסן, ווילן זיין וואָס ווייטער פון דער אָנגעטראָגענער נעץ.

שוין דער צווייטער מעסלעס ווי עס רעגנט, ווי דער ווינט בלאָזט, קערט איבער שירעמס מיט די בייכער אַרויף. דער ניו יאָרקער הימל איז צעווייקט, הענגט נידעריק איבער די דעכער, און די וואָלקנס, ווי איינגעווייקטע שטיקער וועש, גיסן, נעצן דורך מענטש, פערד, גאַסן. מען הערט נישט קראָען זאָלן קראַקען, מען זעט נישט בושעלס זאָלן אָפּפליען אין די וואַרעמע לענדער.

פון די ניו יאָרקער וואַסערן טראָגט זיך דאָס רעווען פון שיפן. איבער די פאַרפלייצטע גאַסן גליטשן זיך אויטאָמאָביל־רעדער, שפּריצן, קרעכצן, נעמען זיך דרייען אין אַ רעדל.

ס'איז האַרבסט.

די קינדער, וואָס קאָנען נישט אַרויס אויף דער גאַס, ווייל ס'צעבערט, ווייל דער רעגן שמייסט אין די נידעריקע פענצטער, קלאַפּט מיט דער בלעכענער טיר, וואָס פירט אויפן דאַך אַרויס — די

קינדער זיינען גליקלעך מיטן אלטן פאַראַסאָלניק. זיי שטייען און זיצן אַרום דעם זאָקן, טיינען זיך אוים:

— קאָנסט מאַכן אַ גאַנצן שירעם אויך?

— אַוואַדע קאָן איך — ציטערן די שטייפע פינגער, האַלטן קוים ס׳צוועגל, וואָס בייסט זיך אין דראָט — אין דער היים, אין וואַרשע, האָב איך ס׳געשטעל אויך געמאַכט. כ׳האָב אַליין אָפּגעטאָקט די הענטלעך, אַלץ.

— און דאָ?

— דאָ לוינט נישט, קינדער — הויבט דער אַלטער אויף זיינע שטייפע קנאָכן, וואָס פאַרמאַכן זיך נישט — ווייל פינגער ווען זיך קיינמאָל נישט קענען פאַרמעסטן מיט אַ מאַשין. איך זאָל גיין מאַכן אַזאַ שירעם, וועט ער דאַרפן קאָסטן אַ פיר, פינף דאָלער, און דאָ אין ניו יאָרק קריגט מען אים פאַר אַ דאָלער, פאַר פינף-און-זיבעציק סענט, אַפילע פאַר פופציק סענט.

— איז ניו יאָרק אַ בעסערע שטאָט ווי דיינע? — זאָגט אַ צען-יאָריק יינגל.

— ווי וואַרשע?

— יאָ.

— ניין, קינד — שמייכלט דאָס אַלטע צעקנייטשטע פּאָנעם, ווי צווישן פאַלדן און פעלדלעך קלייבט זיך זשאַווער — אין וואַרשע איז מיר בעסער געווען. אַז כ׳האָב זיך אָוועקגעשטעלט באַ דער טאָק-מאַשין, געמאַכט אַ הענטל, איז געווען עפּעס אַ קוק צו טאָן: קעצלעך, הינטלעך, פייגל, אַפילע מענטשלעכע פּענעמער האָב איך אויסגע-שניצט. היינט זיינען באַ מיר די פינגער שטייף, הויבן זיך נישט, און, דער איקער, איך האָב נישט קיין וואַרשטאַט, כ׳האָב גאָרנישט. און דאָ אין ניו יאָרק קאָסטן די אַלע הענטלעך אַ קליינקייט. בעסער געווען אין וואַרשע, בעסער. דאָ וואוין איך באַ אַ לאַנדסמאַן אין אַ פינצטערער קאַמער און שלעפּ זיך איבער די גאַסן. כ׳שלייף מעסערס, שערן, כ׳פאַרריכט שירעמס. און פון ביידע מלאָכעס האָב איך מאַרדעוואַניע.

— וואָס האָסטו? — פרעגן אים עטלעכע פּאָר נייגעריקע אויגן.

— כ׳האָב קוים אָפּצועסן.

— און קינדער האָסטו ניט? — רוקט זיך אונטער אַ מיידל.

— כ'האָב צוויי זין. מאַטערן זיי זיך מער פון מיר. באַם גילדענעם גוטן אַרבעטן זיי קוים אוים אַ לעבן. היינט איצט, אַז מען האַלט אין איין סטרייקן? שלעכטע צייטן, קינדער!

— ער דאַרף זיין גאָר אַן אַלטער — רוימט איין יינגל איין אַ צווייטן.

— ציטערט אינגאַנצן — זאָגט אַ דריטער.

— פרעג אים, ווי אַלט ער איז.

— פרעג דו.

— ווי אַלט ביסטו, זיידע?

— ווער קען איבערציילן, קינדער? — קוקט דער אַלטער פּאַראַ־סאַלניק אויפן קליינוואַרג. ס'איינגעפאַלענע מויל אָן ציין וויל אַ שמייכל טאָן און דאָס ווייסע בערדל טרייסלט זיך באַ אים אינגאַנצן.

— כ'וויים, עפּשער אַכציק, עפּשער מער. מיין ברים, קינדער, געדענק איך נישט, פאַרלוירן דעם כעזשבן.

— אויב אַכציק — פרעגט אַ יינגל — ווען איז ער געבוירן געוואָרן?

— אין 1850.

— מיינסט פאַר דער „סיוויל וואָר"? — כאַפּט זיך אַ צווייטער פאַרן קאָפּ.

— יאָ, יאָ, דזשעק! וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן?

די יינגלעך טוען זיך אַ דריי אוים צום אַלטן, פרעגן אים אַלע מיטאַמאָל:

— געדענקסטו די „סיוויל וואָר"?

— וואָס? — וויל דער זאָקן אָנשטעלן די אויערן.

— געדענקסטו ווען מען האָט באַפרייט די נעגערם?

— ווען איז עס געווען, קינדערלעך?

— אין 1863.

— אַוואַדע געדענק איך — אַרבעטן באַ אים די פינגער פון זיך אַליין — מיין טאַטע איז געזעסן אויפן בוידעם און באַהאַלטענערהייט גענייט פאַרן פּוילישן מיליטער פעלצלעך. צי כ'געדענק די „פּאָור־סטאַניע"? אַוואַדע געדענק איך.

— ווי קומט אַהער פּויליש מיליטער, זיידעשי? — לאַכן די קינדער — וועגן לינקאָלן, פּרעזידענט לינקאָלן, האָסטו געהערט?

— געהערט, געהערט.

באַם זאַקן זינקט ס'האַרץ. ס'ציט אים ערגעץ מיט, טיפער, טיפער, ווי אין אַ ריזיקער לייקע. און דאָס צעקנייטשט פּאָנעם, געל ווי וואַקס, בעט זיך:

— קינדערלעך, כ'האָב נאָך היינט גאָרנישט אין מויל געהאַט, ס'האַרץ איז באַ מיר אַוועק, קינדערלעך.

די קינדער קוקן זיך איבער, ווי דער אַלטער פאַרוואָרפט דעם קאָפּ אָן דער וואַנט, הערן אויף לאַכן און נעמען רעדן צווישן זיך:

— וואָס ברענגט מען אים?

— אַ היים גלאָז מילך?

— אַ היים גלאָז טיי?

— אַ היים גלאָז קאַווע?

— אַ ביסל קאָניאַק וואָלט אים געשטאַרקט!

— מיר האָבן גוטן שנאַפּס.

— טאָ וואָס שטייסטו, בען? ברענג!

די קינדער צעלויפן זיך איבער די טרעפּ, קלאַפּן מיט די פּיס, מיט די טירן, און אינעם קאָרידאָר ווערט די הוילקייט גרעסער, שאָטנס לויפן אָן פון די ווינקלען, מאַכן שווערער דעם קאָפּ, און שטיקלעך געדאַנקען, אָן אַ צוזאַמענהאַנג, הויבן אָן טרייבן איינס דאָס אַנדערע.

די דריי קעץ זיינען איצט דרייסטער, דרייען זיך מיט אויפגעטורעמטע רוקנס אַרום און אַרום דעם אַלטן, וואָרטשען פון הונגער.

טירן עפענען זיך. קינדער לויפן איבער די טרעפּ, טראָגן דעם אַלטן פּאַראַסאָלניק — ווער אַ היים גלאָז מילך, ווער אַ היים גלאָז קאַווע, ווער אַ היים גלאָז טיי. יונגע הערצער קלאַפּן פון פרייד... זיי ווייסן נישט, אַז אונטער דער טרעפּ ליגט דער טויט.

אין קאַמף

● ד. עדלשטאַט

מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פאַרפאָלגט —
און אַלץ נאָר דערפאַר, ווייל מיר ליבן
דאָס אָרעמע שמאַכטנדע פאָלק.

מיר ווערן דערשאָסן, געהאַנגען,
מען רויבט אונדזער לעבן און רעכט,
דערפאַר ווייל מיר עמעס פאַרלאַנגען
און פרייהייט פאַר אָרעמע קנעכט!

נאָר קיינמאָל וועט אונדז ניט דערשרעקן
געפענגעניש און טיראַניי;
מיר מוזן די מענטשהייט דערוועקן
און מאַכן זי גליקלעך און פריי.

שמידט אונדז אין אייזערנע קייטן,
ווי בלוטיקע כייעס אונדז רייסט;
איר וועט אונדזער קערפּער נאָר טויטן,
נאָר ניט אונדזער הייליקן גייסט!

איר קענט אונדז דערמאָרדן, טיראַנען!
נייע קעמפער וועט ברענגען די צייט —
און מיר קעמפן, מיר קעמפן ביזוואַנען
די וועלט וועט ווערן באַפרייט!...

א. ראַבאָי

א. ראַבאָי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1885 אין שטעטל זאַוואַליע, רוסלאַנד. זיין קינדהייט און יוגנט האָט ער פאַרבראַכט אין בעסאַראַביע, דעמאָלט רוסלאַנד, וואוהין זיינע עלטערן האָבן זיך אַריבערגעצויגן. זיין פאָטער, אַ כאָסיד, גיט אים אַ שטרענג־אָרטאָדאָקסישע דערציאונג: ביז צוועלף יאָר אין כיידער, דערנאָך לערנט א. ראַבאָי פאַר זיך אין בעסמעדרעש.

אין 1904 קומט א. ראַבאָי אין אַמעריקע. ער אַרבעט אין שאַפּ באַ דאַמענהיטלעך און באַ פּוטערוואַרג (אַלס „פּאָריער"). אין 1906 דרוקט ער זיין ערשטע זאַך „שטריכן" אין דער ניו יאָרקער ציַיטונג „וואַרהייט". אין 1908 טרעט ער אַריין אין דער באַראָן הירש אַגריקולטור־שול אין וואודביין, ניו דזשוירזי. אין 1910 פאָרט ער אָפּ אין נאָרט־דאַקאָטאַ, וואו ער אַרבעט אויף אַ גרויסן פערד־ראַנדזש. דערנאָך האָט ער געאַרבעט צוויי יאָר אויף אַ פאַרם אין קאָנעטיקוט, וואָס זיין פאָטער האָט געקויפט. אין 1913 האָט א. ראַבאָי זיך באַזעצט אין ניו יאָרק, געאַרבעט אין שאַפּ און זיך צוריק גענומען שרייבן.

א. ראַבאָיס באַרימטע ראָמאַנען — „הער גאָלדענבאַרג", „איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע" און די טרילאָגיע: „ניין ברידער", „דער יידישער קאַובאָי" און „אַ פאַרם אין קאָנעטיקוט" — שפּיגלען אָפּ דאָס לעבן פון יידישן פאַרמער און שאַפּ־אַרבעטער אין אַמעריקע, וועלכע ער שילדערט מיט אַ האַרציקער וואַרעמקייט.

א. ראַבאָי שטייט נאָענט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז אַ שטענדיקער מיט־אַרבעטער אין דער „מאָרגן־פרייהייט".

ניין ברידער • א. ראַבאָי

1.

צום ערשטן איז געקומען קיין אַמעריקע מאָריס. ער איז אַלט געווען זעכצן יאָר און אין שטעטל איז ניט געווען וואָס צו טאָן. האָט ער אָפּגעמאַכט באַ זיך אַנצוזאַמלען געלט אין דער שטיל אויף הוצאות, און אין איין שיינעם נאָך־פּייסעך איז ער אַנטלאָפן קיין אַמעריקע. געזונט און הויך איז ער געווען, האָט ער זיך אויסגעלערנט צו זיין אַן אָפּערייטאָר באַ „פּאַר" און אַנגעהויבן צו פאַרדינען. האָט ער אַהיים געשריבן, אַז עס איז אים דאָ אין אַמעריקע גוט און אַז דער טאַטע זאָל שיקן נאָך ברידער קיין אַמעריקע. עס זיינען געבליבן אין דער היים אַכט ברידער. זיינען די בריוו געגאַנגען פון אַמעריקע און צוריק אַזוי לאַנג, ביז נאָך צוויי ברידער זיינען אויך געקומען קיין אַמעריקע.

אייזיק, וואָס איז געווען עלטער פון מאָריסן, האָט זיך אין אַמע־ריקע אויסגעלערנט פלעכטן דאַמען־היטעלעך פון דראָט. און מאָטיע, דער דריטער ברודער, האָט זיך אויסגעלערנט צו זיין אַן אָפּערייטאָר בא „פּאַר“.

די פאַרדינסטן זיינען געווען זייער מיזערנע. מאָריס, וועלכער האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע אָפּערייטאָרס, האָט פאַרדינט אין סעזאָן דריי דאָלער אַ וואָך. מאָטיע האָט פאַרדינט אַ דאָלער מיט פופציק סענט אַ וואָך, ווייל ער האָט נאָך ניט געקענט אַזוי גוט די מלאָכע. אַזוי ווי דער סעזאָן בא דאַמען־היטעלעך איז געווען זייער אַ קורצער, האָט אייזיק פאַרדינט זייער ווינציק.

פונדעסטוועגן האָבן די דריי ברידער אָנגעזאַמלט געלט און גע־בראַכט קיין אַמעריקע נאָך צוויי ברידער—נאָכעמען און הוישיקעלען. זיינען זיי שוין געווען פינף ברידער אין אַמעריקע. זיי זיינען אַלע פינף געגאַנגען אַרבעטן און אָפּגעשפּאָרט דאָס לעצטע. אין צוויי יאָר אַרום האָבן זיי אַרויסגעשיקט געלט מיט שיפסקאַרטן פאַר דעם גאַנצן הויזגעזינט, וואָס איז באַשטאַנען פון טאַטע־מאַמע מיט נאָך פיר ברידערלעך.

און עס האָט גענומען אַ לאַנגע, לאַנגע צייט, ביז עס איז אָנ־געקומען דער בריוו פון טאַטע־מאַמע, אַז זיי זעצן זיך שוין אויף דער שיף. די שיף האָט געהייסן „ברעמען“ און זי האָט באַדאַרפט אָנקומען אין צוויי וואָכן קיין אַמעריקע. און אין די צוויי וואָכן האָבן די פינף ברידער ניט פאַרלוירן קיין איינציקע מינוט. זיי זיינען אַרומ־געגאַנגען זוכן אַ דירע, ביז זיי האָבן געפונען דאָס, וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט. און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ מייסע מיט קויפן באַלעבאַטישקייט.

צוביסלעך האָבן די ברידער איינגעקויפט דאָס באַלעבאַטישקייט און יעדן אָוונט זיינען זיי געקומען אין זייער נייער דירע און אַליין אויסגעשטעלט דאָס מעבל, אַליין געוואַשן די געפאַרבטע דילן און די שויבן פון די פענצטער. און אַז אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט איז אויך אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז די עלטערן זיינען דאָ אין עלים־איילאַנד.

האַ, פרייד! די פינף ברידער האָבן אַליין ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פון פרייד!

די ברידער זיינען אוועקגעפאָרן באַגעגענען די עלטערן. אין עליס־איילאַנד איז זיי אויסגעקומען אַ סאַך צו וואַרטן. דערנאָך האָט מען זיי אַלע פינף אַריינגערופן אין אַ צימער. באַ אַ טיש זיינען געזעסן עטלעכע לייט מיט פּליכעוואַטע קעפּ און מיט געשווירענע וואַנצעס. איינער פון די פּליכעוואַטע קעפּ האָט געפרעגט יעדן איינעם פון די ברידער באַ וואָס פאַר אַן אַרבעט ער אַרבעט און וויפיל ער פאַרדינט, און צי ער איז ניט קיין אַנאַרכיסט און צי ער גלויבט אין אַמעריקאַנישן פלאַג.

דערנאָך איז פאָרגעקומען די באַגעגעניש. די טיר האָט זיך געעפנט און טאַטע־מאַמע מיט די פיר קלענערע ברידער זיינען אַריין. און די פינף עלטערע ברידער האָבן אין אַ מינוט פאַרגעסן, אַז עס איז דאָ אַן ערד אונטער זייערע פיס. הענט האָבן זיך געפלאָכטן אַרום העלדזער, און די מאַמע האָט געוויינט פון פרייד. די קלענערע ברידערלעך זיינען געשפּרונגען אין דער לופטן און זיך געהאַנגען אויף די עלטערע ברידער מיט זייערע דינע, אויסגעמאָגערטע הענט.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז שוין די גאַנצע פאַמיליע אָפּגעפאָרן מיט דער הויכבאַן. זיי זיינען אַלע געזעסן אויף אַ לאַנגער באַנק פון דעם וואַגאָן און הויך און פריילעך געפּלאַפּלט. מען האָט זיך געפרייט מיט איין גרויסער פרייד פון אַ צוריק־אויפגעזוכטער היים. די מאַמע האָט זיך זיכער געפילט אַזוי ווי אַ קעניגין פון ערגעץ אַ מייסע־ביכל, וואָס האָט צוריק געפונען איר לאַנד.

צוגעקומען צו דעם שענסטן הויז אין אַטוירני סטריט, און דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען שטאָלץ מיט די קינדער זייערע.

— אָט דאָ? ! — פרעגט די מאַמע מיט אַ וויינענדיקער פרייד.

— דאָ !

— דאָ !

— דאָ ! — שרייען אַלע ברידער מיטאַמאָל.

די ברידער האָבן אַריינגעבראַכט זייערע עלטערן אין דער נייער היים. כאָטש עס איז נאָך אין שטוב געווען גענוג ליכטיק, פונדעסטוועגן האָט מען אָנגעצונדן אַלע גאַז־לאָמפּן. דאָס איז געטאָן געוואָרן אי לעקאָוועד די געסט און אויך קעדיי זיי צו באַווייזן דאָס וואונדער פון גאַז־באַלייכטונג.

מען איז באַלד אַריבערגעגאַנגען צום אויפפּאַקן די פּעק. דער

טשייניק איז געשטאַנען אויפֿן אויוון און געזאָטן. די קלענערע צוויי קינדער, פּיניע מיט שמולעקן, זיינען אַרומגעלאָפֿן איבער דער גאַנצער לענג פֿון שטוב און פֿון גרויס פֿרייד געקלאַפּט מיט די פֿיס אין דיל. די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען פֿון איין אָרט צום אַנדערן און זיך ניט געקענט אָפּוואָונדערן פֿון דעם גאַנצן באַלעבאַטישקייט.

עס איז בײַ איר געווען אין יעדער קלייניקייט נאָר וואונדער: אי אין דעם קיילעכדיקן טיש, וואָס אַז מען טוט אַ קוועטש אַ ספּרוזשינע, קען מען אים צערוקן און ער ווערט צוויי מאָל אַזוי לאַנג; אי אין די בעטן, וואָס אַז מען וויל זיינען זיי שמאָלע דיוואַניקלעך און אויף באַנאַכט גיט מען ווידער אַ קוועטש און עס ווערט פֿון זיי ברייטע בעטן; אויך אין דעם, וואָס מען דאַרף ניט האָבן קיין שוועבעלעך, נאָר אַז מען טוט אַ קוועטש אַ קנעפּל פֿון גאַז־אויוון צינדט זיך אַליין אָן דער גאַז; אָדער אין דעם מילעכל, וואָס מאָלט פֿלייש פֿאַר קאָט־לעטן; אָדער אין דעם זאַלצמעסטל מיט די לעכעלעך, פֿונוואַנען דאָס זאַלץ שיט זיך אַזוי דין און שיין; אָדער אין דעם שטריק צום הענגען אַ געוועש, וואָס דרייט זיך אויף אַ רעדל בײַם פֿענצטער — מיט איין וואָרט: אין יעדן ווינקעלע זיינען דאָ וואונדער איבער וואונדער.

דער מאַמעס האַרץ איז פֿול מיט פֿרייד איבער די ברעגן.

— גאָט געהאָלפֿן. פֿריער „ער" און דערנאָך איר.

אָבער זי האָט ניט געקאָנט קיין סאַך רעדן. בײַלד האָבן זיך פֿון אירע אויגן גענומען גיסן טרערן פֿון פֿרייד.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין יאָרן, אַז די גאַנצע פֿאַמיליע פֿון טאַטע־מאַמע מיט ניין זין זיינען געזעסן אַרום אַ טיש און געגעסן הערינג און מאַסלינעס און זעמל מיט פּוטער און פֿאַרטרונקען מיט שמעקנדיקן טיי.

2.

אויף מאָרגן זיינען די ברידער אויפֿגעשטאַנען פֿרי. אין שטוב איז געווען קאַלט, האָט הוישיקעלע געמאַכט דעם אויוון, און בײַלד צוגעשטעלט אַ טשייניק וואַסער. מאַטיע איז אַראָפּ אין גראָסערי איינקויפֿן זעמל מיט קעז און פּוטער און מילך.

דער טאַטע איז אויך אויפֿגעשטאַנען דאַווענען. ער איז אַריינ־געגאַנגען אין פֿראָנט־רום, כדי קיינער זאָל אים ניט שטערן.

די מאַמע איז נאָך אַ ביסל געלעגן אין בעט. זי האָט אין דער ליכטיקער שיין פון פרימאָרגן באַטראַכט דאָס צימער, אין וועלכן זי איז געלעגן.

גרינע ווענט. אַ ווייסער סופיט. אַ רויטע פּאָדלאָגע. דאָ אין צימער איז אויך געווען אַן איינגעמויערטע שאַפע פאַר מאַלבושים. די צוויי בעטן דאָ אין צימער — פּראָסטע דיוואַנען. אָבער אַלץ האָט פאַר איר אויסגעוויזן אַזוי ניי און געזונט. און זי האָט אין זיך דער־פילט נייע יונגע קויכעס. זי איז אַראָפּ פון בעט, אויף זיך געכאַפּט אַ קליידל און איז אַריין זען וואָס ס'טוט זיך דאָרטן אין קיך.

— וואָס זייט איר, קינדער, אויפגעשטאַנען אַזוי פרי? — האָט די מאַמע געפרעגט.

— צו דער אַרבעט, מאַמע — ענטפערן די קינדער.

— אָבער אַזוי פרי? — פרעגט די מאַמע.

— אָט אַזוי דאַרף מען דאָ אויפשטיין! — זאָגט הוישיקעלע.

די ברידער האָבן געטרונקען קאַווע און פאַרביסן זעמל מיט פּוטער און קעז. זיי זיינען אַוועק אין איילעניש. באַ אייזיקן איז איצט געווען אין סאַמע ברען פון סעזאָן. ער האָט געאַרבעט אין אַ שאַפּ אויף באַנד סטריט. געפלאָכטן דראָטענע היטעלעך אויף מאָדנע שטיינערנע בלאָקס. די פענצטער פון שאַפּ זיינען געגאַנגען צו דער בויערי און די הויך־באַן איז אַלע ווייל דורכגעפלויגן לעבן די פענצטער.

דער באַלעבאָס האָט אַליין אויך געאַרבעט אינאיינעם מיט די איבעריקע אַרבעטער באַם לאַנגן טיש, וואָס איז געלאָפן באַ די פענצטער. דער גאַנצער שאַפּ איז געווען אַ שמאָלער און אַ נידע־ריקער. די סטעליע איז געהאַנגען איבערן קאָפּ. און די איינציקע פרייד אינעווייניק אין שאַפּ איז געווען דאָס, וואָס די הויך־באַן איז אַלע מאָל דורכגעפלויגן. ווייטער איז אַלץ געווען מאָנאָטאָן און שווער. אַ גאַנצן טאָג פלעכטן דראָטן. דער דראָט האָט געשטאָכן ביז בלוט אין אייזיקס ווייכע הענט. פון די צווייגלעך איז די רעכטע האַנט פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, געשוואָלן געוואָרן, פאַרזשאַווערט געוואָרן. איז באַ אייזיקן געווען איין האַנט אַלעמאָל אַ געשוואָלענע און פול מיט מאָזאָליעס. אין שאַפּ איז קעסיידער געגאַנגען אַ געוועט, ווער עס קאָן שנעלער פלעכטן. דער באַלעבאָס אַליין האָט אָנגעפירט דאָס געוועט. און די אַרבעטער זיינען אים נאָכגעלאָפן. מען האָט קוים

געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם איידער מען איז דערלאָפֿן. דאָ האָט זיך דאָס דראָט פֿאַרפּלאָנטערט און באַ אַן אַנדער אַרבעטער האָט זיך דער בלאָק ניט געוואָלט עפֿענען אַזוי גיך. פֿון די פֿינגער איז גערונען בלוט, פֿון דעם דינעם דראָט מיט וועלכן מען האָט געבונדן די גרעבערע דראָטן — אָט אין אַזאַ שאַפּ האָט אייזיק געאַרבעט.

מאָטיע, נאָכעם און הוישיקלע האָבן געאַרבעט באַ פֿוטערוואַרג־שטיקלעך („פּאַר פּיסעס”). די לאַגע אין זייערע שעפּער אויף בליקער סטריט איז געווען נאָך אַן ערגערע ווי אייזיקס. באַ זיי אין די שעפּער איז געווען שרעקלעך אומריין און ענג. די שטיקלעך „פּאַר” זיינען געלעגן אויפֿן דיל, אַנגעוואָרפֿן אין בערג. דער באַלעבאָס האָט זיי געקליבן ליגנדיק אויף די קני און זיי געסאָרטירט. אין די בליקער־סטריטער שעפּער איז געווען פֿינצטער. זייער זעלטן איז אין אַזאַ שאַפּ געווען מער פֿון איין פֿענצטער. דער שטויב פֿון האָר און פֿאַר־טריקנטער פֿאַרב איז געקראָכן אין דער נאָז און אין מויל אַריין, אין די אויערן און אויך אין די אויגן. אָפּגעאַרבעט אַ טאָג אין אַזאַ שאַפּ, האָט אַן אַרבעטער דערנאָך מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ קוימענקערער. אַזוי אויסגעשמירט זיינען געווען די הענט און דאָס פּאָנעם.

נאָכדעם ווי די דאַזיקע פֿיר ברידער זיינען אַוועקגעגאַנגען צו דער אַרבעט איז מאָרים געבליבן מיט די גרינע אין דער היים. ערשטנס דערפֿאַר, וואָס ער האָט היינטיקע וואָך זיך גענומען וואַקאַציע. מאָרים האָט געאַרבעט באַ אַ גוטן סאָרט „פּאַר” — אין דעם רייכסטן שאַפּ אין שטאָט. און אַזוי ווי ער איז געווען אַ גוטער באַלמעלאָכע, האָט אים די פֿירמע געגעבן וואַקאַציע — אָבער באַצאָלט האָט זי אים ניט פֿאַר דער דאַזיקער וואָך. עס איז געווען שוין גענוג דאָס, וואָס די פֿירמע האָט אים דערלויבט זיך אָפּצורוען און ער זאָל ניט דאַרפֿן פֿאַרלירן די פּריווילעגיע צוריקצוקומען צו דער אַרבעט. מאָרים איז אויך געבליבן אין שטוב מיט די גרינע צוליב דעם, אַז ער זאָל די קליינע ברידערלעך אַריינגעבן אין פּאָבליק־סקול און פֿאַר אַלעמען איינקויפֿן אַמעריקאַנער מאַלבושים.

באַלד נאָך איבערבייסן איז מאָרים אַוועק מיטן טאַטן אין אַ קראָם און אים געקויפֿט אַ פּאָר שיך און אַ גאַרניטער מיט אַ מאַנטל, און אויך אַן אַמעריקאַנער הוט. דערנאָך האָט ער אים געבראַכט אַהיים.

מאָרים האָט געהאַט צאָרעס מיטן פֿאָטער. אין יעדער קראָם איז



דער מאַן

מיטן האַמער

מ. יאָנג

געווען דאָס אייגענע. עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ מייסע: פון וואַנען איז אַ ייד, א. אַז. וו.

אָבער אַז מאָרים האָט שוין דעם טאַטן געפירט אַן אויסגעפוצטן אין די אַמעריקאַנער קליידער — האָט ער דאָ גלייך אויפן וועג אַהיים געפּרואווט אַריינוואַרפן עטלעכע ווערטער און געפּרואווט מאַכן צו־נישט די איבעריקע ברידער און זיך אַליין שטעלן אין אַ שענער ליכט. דער איקער האָט ער געוואָלט קאַליע מאַכן די רעפּוטאַציע פון זיין עלטערן ברודער אייזיק.

— ס׳דען אַ מענטש ?... האָט זיך אַריינגענומען אַ שיגאָען אין קאָפּ... און אַז איך האָב אים געוואָלט אויסלערנען אַ גוטע מעלאָכע, האָט ער ניט געוואָלט. מאַכן שטייגעלעך פון דראָט איז בעסער...

דער טאַטע איז געגאַנגען לעבן זיין זון מאָרים און אַפילע גוט זיך ניט צוגעהערט. עס איז געווען אַזוי פיל נייע זאַכן דאָ אַרום און אַרום וועלכע כייעם האָט אין זיין גאַנץ לעבן ניט געזען. ער איז שוין געווען אין אַזאַ שטאָט ווי קיעוו, אָדער אין אַ שטאָט ווי אָדעס — אָבער דאָ איז עפּעס גאָר־גאָר אַנדערש. גרויס ווייזט זי אויס צו זיין, די שטאָט. אָבער די קויטיקע געסעלעך און די איינגעהויקערטע יידן

און ווייבער מיט זייערע קראַמען און געשטעלן שמעקן עפּעס מיט אַ קליין, גאַר קליין שטעטל. דאָס האָט קימאַט מער פאַרדראָסן כייעמען, ווי דאָס וואָס מאָרים האָט אָנגערעדט אויפן ברודער אייזיק.

מאָרים האָט אַהיימגעבראַכט דעם טאַטן אַזוי ווי אַן אויסגעפּוצטן כאָסן און גענומען די מאַמען און מיט איר געגאַנגען זי אויסקליידן. מיט איר איז געווען גרינגער. אַריין און אַרויס.

מאָרים האָט צוריקגעפירט די מאַמע אין די אַמעריקאַנער קליידער און גייענדיק איבער העסטער, עסעקס און גרענד סטריטס איר געוויזן די קראָמען, וואו מ'קאָן איינקויפן, און זי געלערנט ווי אַזוי אַהיים-צוטרעפן. די מאַמע האָט זיך געכידעשט פון יעדער קלייניקייט און געפרעגט בײַ מאָריסן צי עס לעבט זיך אים טאַקע בעעמעס אַזוי גרינג, ווי עס זעט אויס.

— אַלץ איז גוט — זאָגט מאָרים מיט שטאָלץ — אָבער...

— וואָס?

— אייזיק מיט דער איבעריקער כאָפּטע וויל מיך ניט פאָלגן.

— אַז איך בין דאָ, וועט שוין אַלץ זיין גוט — זאָגט די מאַמע, נעמענדיק מאָריסן בײַ דער האַנט — און איך האָב געמיינט, אַז צווישן אייך ברידער איז שאָלעם.

— שאָלעם. עס איז גוט, אַז איך פאַרדין מערער פון זיי. שוויַיג איך. אָבער ווען עס זאָל זיין פאַרקערט, ווען זיי פאַרדינען מערער?

דערביי האָט מאָרים צוגעבראַכט זיין מאַמען נאָענט פון הויז און צו איר געזאָגט, צולייגנדיק אַ פינגער צום מויל: — נאַר, שאַ שטיל!

אַרויפגעבראַכט די מאַמע אין שטוב אַריין, האָט זי זיך געטאָן אַ דריי פאַרן טאַטן און דער טאַטע האָט געשמייכלט: — אַ גאַנצע פריצע!

דערנאָך האָט מאָרים גענומען די פיר קלענערע ברידער און איז מיט זיי געגאַנגען אויסצוקליידן. די צוויי קלענערע האָט ער געהאַלטן בײַ די הענט און די גרעסערע זיינען נאָכגעגאַנגען פון הינטן.

און אַז ער האָט זיי געבראַכט אַהיים, זיינען זיי געווען אַזוי אַנדערש.

לעווע מיט כאַצקלען זיינען פּלוצים אויסגעוואַקסן, ווי צוויי גרויסע באָכערים. זיי האָבן פּאַשעט אַזוי ווי אַרויסגעשטעקט מיט זייערע לאַנגע פּיס פון די קורצע אַמעריקאַנער הויזן מיט די שוואַרצע זאָקן.

פיניע מיט שמולעקן האָבן אָנגעבראַכט שפּילעכלעך, וואָס מאָרים האָט פאַר זיי געקויפט — פייפלעך, וואָס מאַכן נאָך ווי אַ כאַזער קוויטשעט, און פערדלעך געמאַכט פון אייזן.

די קינדער האָבן באַהאַלטן די שפּילעכלעך און מאָרים האָט זיי אַוועקגעפירט אין פּאַבליק-סקול.

געבליבן זיינען טאַטע-מאַמע אַליין מיט לעוועז און כאַצקלען אין דער היים. מאָרים האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן קיינעם ניט אַריינלאָזן אין שטוב אַריין. זיינען די קינדער געשטאַנען באַם פענצטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. און טאַטע-מאַמע זיינען געווען אין שטוב. די מאַמע האָט צעשטעלט דאָס באַלעבאַטישקייט אויף איר שטייגער און דער טאַטע האָט געהאָלפן.

3.

און אַט אַזוי איז געגאַנגען אַ גאַנצן ווינטער: די פינף גרויסע ברידער האָבן געאַרבעט אַ גאַנצע וואָך פון מאַנטיק אין דער פרי ביז שאַבעס אָוונט. שאַבעס אויף דער נאַכט זיינען זיי אַהיימגעקומען און געבראַכט קאָנווערטלעך מיט דער „פּיידע" און אַוועקגעגעבן דעם טאַטן.

די קלענערע צוויי קינדער זיינען געגאַנגען אין פּאַבליק-סקול, און לעווע מיט כאַצקלען זיינען געזעסן אין דער היים.

דאָס הייסט, עס רעדט זיך נאָר אַזוי. זיי זיינען שוין גאָרניט געזעסן אין דער היים. די צוויי באָכערימלעך האָבן זיך שוין באַקאַנט מיט די אַטוירני-סטריטער קינדער. זיי האָבן זיך ביידע אויסגעלערנט דאָס ביסל גאַסן-ענגליש. און אין בלאָק האָט מען לעווען גערופן „רעד לואי", דערפאַר וואָס ער האָט געהאַט רויטע האָר. און כאַצקלען האָט מען גערופן „קיד אָסקאַר". זייער רעפּוטאַציע איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג — ערשטנס דערפאַר, וואָס זיי ביידע זיינען געווען געזונטע צוויי יינגלעך; אַ קלאַפּ האָבן זיי געקאָנט דערלאַנגען אויפן „גרינעם" שטייגער. און צווייטנס דערפאַר, וואָס עס האָט געקלונגען איבערן גאַנצן בלאָק, אַז זיי האָבן זיבן ברידער.

דער טאַטע האָט זיך אַרומגעדרייט אין דער היים און איז שיר ניט מעשוגע געוואָרן פון גאָרניט טאָן.

— פאַרוואָס זעסטו ניט עפּעס טאָן? — האָט די מאַמע געהאַלטן אין איין איינטיינען.

— וואָס זאָל איך טאָן?... עפּעס טאָן! — איז געווען דעם טאַטנס ענטפער — ווער קען מיך און ווער ווייס איך? עפּעס טאָן...

אַ גאַנצע וואָך האָט דער פאָטער ניט געקאָנט רעדן מיט זיינע קינדער.

באַטאָג האָבן זיי געאַרבעט, און אין אָוונט, אין מיטן וועטשערע, האָט כייעם ניט געקאָנט מיט זיי רעדן. אַז זיי עסן אָפּ וועטשערע צעלויפן זיי זיך פון שטוב. די פינף עלטערע זיינען טאָמיד פאַרנומען. זיי קומען אַהיים אַלעמאָל, ווען מען שלאָפט שוין אין שטוב.

די טעג לויפן, וואָכן יאָגן. דעם טאַטן דאַכט זיך, אַז ער ווערט עפּעס אָן זייער נויטיקס.

זיינע טעג פאַרברענגט ער מיט אַרומשפּאַצירן איבער אַטוירני סטריט. אַלע טאָג גייט ער אַראָפּ און גייט זיך דורך. אָבער אַזוי ווי ער קען דאָ קיינעם ניט, איז אים שוין נימעס דאָס שפּאַצירן.

כייעם איז געווען אַ ייד אין די פופציקער. ער האָט זיך געפילט יונג און בעקויעך איבערצוקערן וועלטן. באַ אים האָט געהייסן איבער־קערן וועלטן אַט־וואָס: לעמאָשל, באַ אים אין קעשענע ליגן עטלעכע שיינע אַמעריקאַנער דאָלאַרן. נו, וואָס וועט זיין דער טאַכלעס פון געלט, וואָס ליגט אַזוי אין קעשענע?

כייעם גייט אויף זיינע שפּאַצירן אַלע טאָג אין דער זעלבער שאָ — צווישן צוויי און דריי אַזייגער. אַלע טאָג זעט ער פאַר זיינע אויגן, ווי יידן פירן דאָ אין אַטוירני סטריט אַלערליי געשעפטן, און ער איז זיי מעקאַנע.

אָפּשטעלן אַזאַ יידן און מיט אים רעדן, קאָן כייעם ניט. ער האָט עפּעס ניט קיין מוט דערצו. בעעמעס פילט ער זיך שטאַרק געפאַלן. אַזאַ געזונטער ייד מיט אַזאַ קאָפּ אויף זיך זאָל אַרומגיין פּוסט און פּאַס.

מיט זיין זון אייזיק האָט ער ניט וואָס צו רעדן.

עס איז טאַקע גערעכט דער זון מאָרים: — „זיך אַריינגענומען אַ שיגאָען אין קאָפּ.”

ער איז אַלעמאָל פאַרמאַכט באַ זיך אין צימער. וואָס׳ ער טוט דאַרטן ווייסט קיינער ניט. די מאַמע האָט אים שוין נאָכגעקוקט און דערגאַנגען, אַז ער שרייבט.

— וואָס שרייבט ער, טפילן? — פרעגט כייעם באַ דער מאַמען.
— גיי פרעג אים — בייזערט זיך די מאַמע — ביסט מיט אים ניט ברויגעז.

מיט מאָריסן איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. פאַר דעם דאָזיקן זון האָט שוין דער טאַטע דערעכערעץ. פאָרט אַ זון, וואָס ברענגט אַריין מער געלט אין שטוב אַריין, ווי יעדער איינער.

כייעם זעצט זיך אַנידער מיט זיין קליינעם ביכעלע, אין וועלכן ער פאַרשרייבט די האַכנאָסע פון די קינדער.

דאָרטן איז פאַרשריבן אַלעמאָל, אַז מאָרים, לעמאָשל, ברענגט אַריין אַלע וואָך דריי מאָל אַזויפיל ווי אייזיק.

דאַרף מען האָבן דערעכערעץ פאַר אַזאַ קינד, צי ניין?

מאָרים כאַפּט אָפּטמאָל אַ שמועס מיטן טאַטן וועגן אַ טאַכלעס. עס הויבט זיך אָן:

— האָסט קיין צייט ניט? זיץ נאָך אַ ביסל און רו זיך אויס — זאָגט מאָרים.

— וויפיל איז דער שיר? — פרעגט דער טאַטע.

— האָסט גערעדט מיט די איבעריקע קינדער? — פרעגט מאָרים אין דער שטיל, און עס איז דאָ עפּעס אַ וואונק אין די ווערטער „מיט די איבעריקע קינדער". דער טאַטע פאַרשטייט שוין דעם וואונק.

— ס'איז נישטאָ מיט וועמען צו רעדן — ווערט דער טאַטע ברויגעז. אַ שווערער שטיין ליגט באַ אים אויפן האַרץ — מיט וועמען זאָל איך רעדן, מיט אייזיקן?...

— הער, טאַטע, ווי וואָלט געווען אַזאַ פּלאַן? — זאָגט פּלוצים מאָרים.

דער טאַטע ווערט אויפגעמונטערט. זיינע אויגן צינדן זיך אָן, און ער רוקט זיך צו נאָענט צו זיין זון מאָרים.

— וואָס איז דיין פּלאַן?

— דו זאָלסט עפענען אַ שאָפּ.

— פון וואָס?

— פון פאַר-בענדלעך — זאָגט מאָרים.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מין וואַרע?

— עס איז די זעלבע וואַרע, וואָס נאָכעם, מאָטיע און הוישיקעלע מאַכן.

— עס איז אַן אייסעק — גיט זיך דער טאַטע אַ קלאַפּ אין שטערן.
— יידן ווערן דערפון רייך — זאָגט מאָרים.
— הע, איך וויל דען רייך ווערן ? — זאָגט כייעם — איך וויל נאָר האָבן וואָס צו טאָן.
— אָלרייט, טאַטע, איך וועל איבערשמועסן מיט מאָטיען און נאָכעמען.
— ווען, מאָריסל, וועסטו מיט זיי רעדן ?
— זונטיק. עס איז נאָך סיי־ווי דאָ צייט. איך וועל דיך ניט לאָזן אָנהויבן ערשט ביז נאָך פּייסעך — זאָגט מאָרים.
— נאָך פּייסעך, זאָגסטו ?
— ווייל דעמאָלט הויבט זיך אָן דער סעזאָן. אָבער פאָלג מיך און רעד מיט אייזיקן ניט וועגן דעם.
— וואָס מיינסטו, אַז איך פאַרשטיי ניט ?
— און עפשער אויך ניט מיט הוישיקעלען.
— אָסער.
דערווייל איז דער דאָזיקער איניען געבליבן הענגען אין דער לופטן. דער טאַטע האָט וועגן דעם אַ סאַך געקלערט און איבער־געשמועסט אויך מיט דער מאַמען.
— קום נאָר אַהער, רייזי — האָט געזאָגט דער טאַטע צו דער מאַמען.
— וואָס איז ?
— קום אַהער, זעץ זיך אַנידער.
— איך האָב ניט קיין צייט.
— דיין אַרבעט וועט ניט אַנטלויפן. קום, זיץ און הער.
די מאַמע איז אַנגעטאָן אין אַ טשיפּעק. זי האַלט אַ בעזעם אין די הענט. קוקן קוקט זי ניט דירעקט צום טאַטן. זי הערט.
— ווייסט, אַז מען שלאָגט מיר אָן אַ מיסכער ?
— ווער ? — פרעגט די מאַמע און קוקט דורכן פענצטער.
— מאָריסל.
— אונדזער מאָריסל ?
— וועמעס דען ?
— וואָס פאַר אַ מיסכער ?
— אַ פאַבריק.

— אַ פאַבריק ?!

— יאָ. נאָר עס דאַרף זיין אַ סאָד. זאָלסט קיינעם ניט דערציילן. הערסט ?

— וועמען האָב איך צו דערציילן ? — פרעגט די מאַמע און הויבט זיך אויף פון אָרט. זי שפּאַרט זיך אָן אויפן בעזעם און קוקט אַראָפּ צום דיל.

— דו פרעגסט מיך אַפילו ניט וואָס פאַר אַ פאַבריק איך וויל עפענען.

— וואָס ווייס איך ? — ציט די מאַמע מיט אירע דאַרע אַקסלען.

— מאַריסל זאָגט, אַז מען ווערט רייך פון דעם מיסכער.

— דו מיט דיין מאַזל... — לאַכט די מאַמע.

— באַ לייט אַ ווייב ברענגט מאַזל... — כוויזעקט כייעם.

און אַזוי־אַ איז אַוועק אַ גאַנג ביז זיי האָבן זיך צעקריגט. דער טאַטע האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַראָפּ אין אַטוירני סטריט מיט אַ קלאַפּ אין דער טיר.

די מאַמע האָט ניט געקאָנט האַלטן קיין סוידעס. זי האָט יעדן זון באַזונדער אָפּגעגעבן שטילערהייט דעם רעפּאָרט: דער טאַטע וועט עפענען אַ פאַבריק.

אייזיק האָט זי אָנגעקוקט:

— ער וועט עפענען ? ווער וועט עם דערלאָזן ?

— וואָס אַרט דיך ? — פרעגט די מאַמע.

— איך וויל ניט, אַז מיין טאַטע זאָל האַלטן אַרבעטאָרער — זאָגט אייזיק.

— וועט ער ניט האַלטן קיין אַרבעטאָרער — זאָגט די מאַמע — אָבער אַ פאַבריק מעג ער האָבן ?

— אַ פאַבריק אָן אַרבעטער ? — שמייכלט אייזיק.

— מ׳קאָן ניט ? — פרעגט די מאַמע נאַאיוו.

4.

באַלד נאָך פּייסעך האָט מאָרים אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט די צוויי ברידער נאָכעם און מאָטיע און מיטן טאַטן. צו דער דאָזיקער באַראַטונג האָט מען די איבעריקע ברידער ניט גערופן. ס׳איז באַ־

שלאָסן געוואָרן, אַז דער טאַטע זאָל עפענען אַ שאַפּ פון „פּאַר־פּיסעס" אין בליקער סטריט. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז די צוויי קלענערע ברידער, לעווע און כאַצקל, זאָלן זיך אויסלערנען די מלאָכע און אָנהויבן צו אַרבעטן באַם טאַטן. מאָטיע און נאָכעם זאָלן פירן דעם שאַפּ, ווייל זיי ווייסן ווי אַזוי מען באַדאַרף מאַכן די „בענדס" פון „פּאַר־פּיסעס". דער טאַטע זאָל זיך דרייען אין דרויסן, פירן די געשעפטן, איינקויפן „פּיסעס" און פאַרקויפן די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן.

אין אַ שיינעם זונטיק אין דער פרי זיינען מאָריס, נאָכעם און מאָטיע, און מיט זיי דער טאַטע, אַוועקגעגאַנגען אין בליקער סטריט.

אַז כייעם איז געקומען צוגיין מיט זיינע קינדער אין בליקער סטריט האָבן די בליקער־סטריטער יידן באַלד דערשמעקט, אַז דאָ שטעקט עפּעס אַ מיסכערל.

יידן אין יאַרמולקעס מיט לאַנגע בערד האָבן באַלד אַרומגע־סטאָמפּעוועט דעם טאַטן מיט זיינע קינדער.

— שאָלעם אַליכעם! דאָס איז דער טאַטע דיינער? — האָבן יידן געפרעגט באַ נאָכעמען און מאָטיען. די צוויי ברידער האָט מען געקענט אין בליקער סטריט.

— פון וואַנען אַ לאַנדסמאַן?

— פון בעסאַראַביע — האָט כייעם געענטפערט. ער איז געווען אָנגעפילט מיט פרייד, וואָס ענדלעך איז ער אַריינגעפאַלן ניט אין אַמעריקע, נאָר אין אַ היימיש געסל.

— בעסאַראַביע! הער נאָר, הער, גאַנץ בליקער סטריט איז דאָך פאַרנומען מיט בעסאַראַביע! — האָבן יידן זיך געוויצלט.

איבער גאַנץ בליקער סטריט איז באַלד אַרוים אַ קלאַנג, אַז כייעם פּאָטשטאַר פון רישקאָן איז דאָ, דאָ אין בליקער סטריט, און ער האָט געבראַכט קיין אַמעריקע ניין זין.

עס זיינען זיך צונויפגעלאָפן די בליקער־סטריטער מעקלערלעך. כייעם האָט זיך פון זיי שוין ניט געקאָנט אַרויסרייסן. באַלד האָט מען אים געשלעפּט אויף שמאָלע טרעפּ, קרומע און אויסגעקייליעכטע, אַלטע, קרעכצנדיקע, עמעס־יידישע טרעפּ, באַדעקט מיט בלאָטע און מיט שפּינוועבס. אינמיטן העלן טאָג האָט מען דאָרט אויף די טרעפּ געדאַרפט טאַפּן אין דער פינצטער. פון די טרעפּ האָבן זיך געדרייט

קאָרידאָרן און לאַבירינטן, מיט האַלב־אויסגעזעצטע שויבן, אויסגע־שמירטע מיט שטויב, און אויף די טירן נעמען פון פירמעס, און בײַ די זייטן פון די טירן דינינקע גאַז־רערלעך מיט קליינע ליכטעלעך.

אָט דאָ האָבן די מעקלערלעך אַרומגעפירט כייעמען מיט זיינע דריי אויסגעפוצטע באַכערים. עס איז געווען זונטיק, און די באַכערים זיינען געווען אויסגעפוצט אין עסיק און אין האָניק.

זיי זיינען דערוויַיל אַריינגעפאַלן אין אַ בוידעם־שטיבל.

— אָט האָט איר אַ שאַפּ מיט ליכטיקייט — האָט דער מעקלער געזאָגט. דאָס גאַנצע צימער איז געווען גרויס ווי אַ גענעץ. און היים איז דאָרטן געווען ווי אין אַ שוויצבאָד.

— אויב עס איז שוין איצט אַזוי היים — זאָגט מאָטיע — וואָס וועט שוין זיין אַ שטייגער אין דזשולייַ?

— דאָס איז ניט קיין באַוויַיז — לויפט צו דער מעקלער און הויבט אָן דרייען עפּעס אַ שטיקל אייזן בײַ איינער פון די ווענט — אָט זעט ווי דער גאַנצער דאַך עפנט זיך אויף. האַ, ס'אַ מעכייע, וואָס פאַר אַ פרישע לופט!

די דאָזיקע מאַכינאַציע איז שטאַרק געפעלן די קינדער און ספּעציעל כייעמען.

— עס קאָן דאָך זיין אַ סוקע.

— דאַטס ראַיט! — כאַפּט אונטער דער מעקלער.

כייעם האָט דעם מעקלער אָנגעקוקט בייז, פאַרוואָס ער רעדט אַזוינע גראָבע רייד. „דאַטס ראַיט" האָט אין זיינע אויערן געקלונגען ווי עפּעס אַ גראָב וואָרט.

אָבער אַזוי ווי ער איז געקומען דינגען אַ שאַפּ, האָט דערפאַר כייעם געפרעגט מיט אַ ביסעלע כויזעק:

— און וויפיל קאָסט דאָ אַ כוידעש?

— מיר וועלן זיך שוין אויסגלייכן. גיין גייט עס פופצן דאָלער אַ כוידעש, אָבער זיי זיינען ניט קראַנק צו מאַכן ביליקער — זאָגט דער מעקלער.

כייעם האָט געדונגען אָט־דאָס בוידעם־שטיבל מיט דעם איינציקן דאַך־פענצטער, וואָס אַז מען האָט געוואָלט האָט זיך עס געעפנט און דער הימל מיט דער זון האָבן אַריינגעקוקט.

כייעם האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ היימישן קליינשטעטל־

דיקן בייטל מיט דעם אַלטמאָדישן שלאָס און באַצאָלט דירע־געלט.

און באַלד איז געקומען צולויפן אַ פאַרשמייעט נידעריק באַוואַקסן יידל, שוואַרץ ווי קויל, צי פון דעם וואָס זיינע האָר זיינען געווען שוואַרץ, צי פון דעם וואָס ער האָט זיך קיינמאָל ניט געוואַשן — און אַזוי ווי עס איז נאָר אַריינגעקומען האָט עס אַ געשריי געטאָן מיט אַ טיף־ליטווישן קוויטשיקל: „איך בין דער מאַסיניסט. באַ מיר באַקומט איר פאַר־מאַסינקעס" — און ער האָט דערלאַנגט כייעמען אַ געדרוקט קאַרטל. אָבער דאָס קאַרטל איז אויך געווען שוואַרץ־אויסגעשמירט און מען האָט עס ניט געקאָנט איבערלייענען.

כייעם האָט געקויפט 4 מאַשינען און דער מאַשיניסט האָט געבראַכט די מאַשינען. ווי קליין ער איז געווען, אַזוי שטאַרק איז ער, ווייזט אויס, געווען, ווייל ער האָט אַליין אויף זיינע אייגענע פּלייצעס אַרויפגעטראָגן די מאַשינען. גרויסע טראָפּנס שוויים זיינען געגרונען פון זיין פּאָנעם און שטערן.

כייעם מיט מאַטיען און נאָכעמען זיינען אַראָפּ אין גאַס קויפן „רויע סכוירע". די צוויי קינדער האָבן באַדאַרפט זיין די מעווינים און דער טאַטע האָט באַדאַרפט זיך לערנען.

און אָט אַזוי איז כייעם געוואָרן אַ באַלעבאָס פון אַ שאָפּ.

דער טאַטע מיט די קינדער זיינען געגאַנגען אַהיים טאַנצנדיקע.

5.

— רייזי, גיב אָפּ מאַזל־טאָוו. איך האָב שוין אַ שאָפּ מיט מאַשינען און רויע וואַרע — איז כייעם אַריין אין הויז מיט אַ סימכע.

— טאַקע? — פרעגט די מאַמע מיט נאַאיוויטעט.

עס איז באַלד אין שטוב געוואָרן אַ טומל. הוישיקעלע, וועלכער איז געזעסן אין „פראָנט־רום" און געלייענט אַ ציימונג, איז געווען הונגעריק און באַ אים האָט זיך געקליבן אַ רויגעז פאַרוואָס די מאַמע האָט ניט געגעבן קיין עסן. אַז ער האָט דערהערט אַז דער טאַטע האָט געדונגען אַ שאָפּ, איז ער געבליבן שטיין אַן אָנגעצונדענער. זיינע באָקן זיינען פאַרלאָפן מיט בלוט. ער האָט געטאָן אַ שמיץ מיט דער ציימונג, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיינע הענט.

— וואָס פאַר אַ מאַנקי־ביזנעס גייט דאָ פאָר?! — האָט הוישיקעלע אויסגעשריען.

— מ׳וועט באַ דיר ניט פרעגן — האָט מאָרים געענטפערט הוישיקעלען.

— עס וועט זיך איבערקערן די וועלט! — הוישיקעלע איז אַוועק צו אייזיקן אין צימער און געעפנט די טיר מיט אַ פראַל. אייזיק איז געזעסן באַ זיין טיש און געשריבן.

— אייזיק! — האָט הוישיקעלע געצאָרנט, ווייל עס האָט אים ווי געטאָן — אייזיק, קום, וועסטו הערן נייס. זיי האָבן שוין דעם טאַטן געמאַכט פאַר אַ באָס.

— ווער?! — פרעגט אייזיק אַ צעטומלטער, אויפהויבנדיק זיין קאָפּ פון די פאַרשריבענע פּאַפּירן.

— ווער? דיינע ברידער! — רייסט זיך הוישיקעלע אויף די העכסטע טענער.

אייזיק האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, אומוואַרפנדיק דאָס בענקל אונטער זיך. ער מיט הוישיקעלען זיינען אַריין אין עס־צימער.

— וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? — פאָדערט אייזיק און זיין טשוב שוואַרצע האָר גיט זיך אַ וואָרף אַריבער איבערן שטערן.

— גאָרניט! — זינגט מאָטיע אוים זיינע ווערטער — מיר ווילן שטעלן דעם טאַטן אויף זיינע אייגענע פיס. דאָס אַלץ.

— וויבאַלד אַזוי, וויל איך אָפּ מיין געלט — קלאַפּט הוישיקעלע מיט אַ קולאַק אין טיש.

— וואָס פאַר אַ געלט? שאַ! שריי ניט. אייגענע קינדער. וואָס קריגט איר זיך? — מישט זיך אַריין די מאַמע.

— דו, מאַמע, מיש זיך ניט — שטויסט הוישיקעלע אַוועק די מוטער — איך וויל אָפּ מיין שווער פאַרהאָרעוועט געלט. איך וויל ניט, אַז מיט מיין געלט זאָל מען ווערן אַ בלוטזויגער.

— העי, דו, פאַרמאַך דאָס טרייפענע מויל! — גיט מאָרים אַ געשריי צו הוישיקעלען און לויפט צו אים צו און גיט אים אַ וואָרף אַזוי, אַז הוישיקעלע פאַלט אַרויף אויפן בענקל.

הוישיקעלע גיט זיך צוריק אַ הויב אויף, פאַרפלעכט זיך אין געראַנגל מיט מאָריסן. מיטאַמאָל דערלאַנגט ער מאָריסן אַ פאַרפאָר אין פּאָנעם אַריין. מאָרים וואַרפט זיך אַרויף אויף הוישיקעלען, נעמט

אים אַן באַם קאָפּ און בויגט אים צו דער ערד.

אין דער מינוט זיינען אַלע קינדער געלעגן אין אַ בינט אויף דער פּאַדלאָגע און געדריגעט מיט די פיס און געוואָרפן קולאַקעס. עס איז ניט געווען קלאָר, ווער וועמען שלאָגט. ווער עס נעמט זיך אַן וועמענס קריוודע.

הוישיקעלע איז געלעגן אויף דער פּאַדלאָגע פון סאַמע אונטן און אויף אים אַ באַרג מיט זיינע אייגענע ברידער.

עס זיינען געגאַנגען קוילעס: „באַנדיט!" „אַלרייטניק!" „סקעב!"

כייעם האָט זיך דערשראָקן. ער האָט געפּרוואווט זיך אַנבויגן און דאָס קינדער-געשלעג צערייסן. אָבער גיי, רייס גראָבע וואָרצלען פון דער ערד — אַזוי איז געווען אוממעגלעך זיי צו צענעמען.

רייזי איז געלאָפן צו דער טיר, וואָס פירט אין דרויסנדיקן קאָרי-דאָר. צי זאָל זי עפענען די טיר און טאָן אַ געשריי?

זי קנייפּט זיך די באַקן פון ווייטיק. זי בויגט צו דעם אויער צו דער טיר. צי לויפן זיך ניט מענטשן צונויף? וואָס האָט מען געוואָלט פון איר לעבן?...

די צוויי קלענערע ברידערלעך, פיניע מיט שמולעקן, זיינען גע-שטאַנען אויף דער קאַנאַפּע און געקלאַפּט מיט די הענטלעך אין די קני:

— אַטאַבאָי!

זיי האָבן זיך שוין אויסגעלערנט אין אַטוירני סטריט אַלע „גוטע" אַמעריקאַנער זאַכן. און זיי האָבן געקוקט אויף דעם געשלעג פון די ברידער, ווי אויף אַ געוועט ווער עס וועט וועמען בייקומען.

דער מאַמע רייזין איז געגאַנגען אין לעבן, אַז מען זאָל זיך ניט צונויפלויפן. ס'איז איר געווען אַ גרויסע בושע. איז זי געשטאַנען באַ דער טיר און זיך צוגעהערט וואָס עס הערט זיך פון יענער זייט.

מאָריסן איז געווען שווער אָפּצורייסן פון הוישיקעלען. אָבער ענדלעך האָט זיי אייזיק צעריסן און פאַנאַנדערגעטיילט. דער טאַטע כייעם האָט אויף זיך גענומען מאָריסן און איז מיט אים אַוועק אין אַ באַזונדער צימער.

— איך וועל זען, אַז מען זאָל אים צוריקשיקן קיין רישקאָן — האָט מאָריס געשיפּעט מיט קאַעס — מען באַדאַרף דאָ ניט קיין אומ-געווינטשטע אימיגראַנטן!

הוישיקעלע האָט זיך געצאַפּלט אין אייזיקס הענט און זיך געריסן צו מאָריסן.

— און איך וועל דיר ווייזן, דו סקעבאַטש! — האָט הוישיקעלע געשריען מיט ווייסן שוים אויף זיינע ליפּן.

אייזיק האָט געגלעט הוישיקעלעס צעדראַפּעטן פּאָנעם.

די צוויי קלענערע ברידערלעך, פּיניע און שמולעק, האָבן געטאַנצט און געשפּרונגען אויפן דיוואַן. מיט יעדן שפּרונג, וואָס זיי האָבן געטאָן, האָבן די ספּרוזשינעס פון דיוואַן זיי צוריק אָפּגעשלאָגן, אַזוי ווי צוויי גומענע מענטשעלעך. זיי האָבן ביידע דערווייל זיך גענומען אימפּראָוויזירן אַ מאַסן-סצענע, וואָס זיי האָבן מיסטאָם געזען אויף אַטוירני סטריט. זיי האָבן פאַרקאַשערט די אַרבל פון זייערע העמדער און געפּאָרמירט פּויסטן פון זייערע יונגע ביינערדיקע הענט און גענומען שפּרינגען מיט די דאָזיקע פּויסטן איינער צום אַנדערן אין פּאָנעם אריין.

פּיני איז געווען אַ פּעטינקער און אַ שווערער, און שמולעק — אַ דאַרער און אַ רירעוודיקער. איז כאָטש פּיני איז געווען גרעסער פון שמולעקן, האָט פונדעסטוועגן שמולעק אים אַלעמאָל דערלאַנגט אַ במאָליע מיט זיינעם אַ קולאַק אין די אויגן אַריין, אָדער אין דער נאָז אַריין. ביז די צוויי יינגלעך האָבן זיך טאַקע אויף אַן עמעס דערהיצט און געוואָרן פול מיט רעציכע איינער אויף דעם אַנדערן. פּיני האָט דערלאַנגט אַ פּויסט שמולעקן אין די ציין אַריין. בלוט האָט באַ שמולעקן אָנגעהויבן צו רינען פון מויל.

— גוואַלט! וואָס איז דאָ געוואָרן פון מיין שטוב?! — איז די מאַמע רייזי צוגעלאָפן און קוים צעריסן די צוויי קלענערע ברידערלעך — קינדערלעך, וואָס איז דער מער מיט אייך?!

אייזיק האָט דערווייל צוגעפירט הוישיקעלען צום וואַש-קאַסטן און אָפּגעדרייט דעם קראַן פון קאַלטן וואַסער. הוישיקעלע האָט זיך געוואַשן דאָס פּאָנעם און אַלעמאָל אַריינגעשריען אין שטוב אַריין ענטפערס אויף די טייַנעס פון מאָריסן און דעם טאַטן.

— ניין, ער איז ניט קיין סקעבאַטש!... און אַרבעטן אין אַ ניט-יוניאָן שאַפּ איז באַ אים גאָרניט...

— איך קריג צוויי מאָל אַזויפיל אַ וואָך, וויפיל „ענֵי" יוניאָן-מאַן קריגט — שרייט צוריק מאָריס.

— אָבער וואָס הערט זיך מיט די איבעריקע אַרבעטאָרער ? ! — פרעגט הווישיקעלע אויפהויבנדיק זיין נאָס פאָנעם פון אונטערן קראַן

— פאַרוואָס זעט ער ניט, אַז די איבעריקע אַרבעטאָרער זאָלן אויך קאָנען עסן אַ שטיקל ברויט ?...

— דו ווילסט באַ אים קלאַסנקאַמף ? — זאָגט אייזיק צו הווישיקעלען. ער האָט געוואָלט געבן הווישיקעלען דערמוטיקונג און אים ווייזן, אַז ער איז מיט אים מיט לייב און לעבן. ער האָט איצט שטאַרק ליב געקראָגן אָט דעם פראָסטאַק הווישיקעלען. מאָרים, דער אינטעליגענט, אַרבעט אין אַ ניט-יוניאָן שאַפּ, קריגט פון באַלעבאָס די גרויסע, שיינע „פיידע", און אים, זעט אויס, אַרט ווייניק די לאַגע פון די איבעריקע אַרבעטער אין פאַך. און דאַפקע דער פראָסטאַק הווישיקעלע נעמט זיך אָן די קריוודע פון דעם אַרבעטער.

די מאַמע האָט געבראַכט הווישיקעלען אַ האַנטעך. הווישיקעלע האָט זיך געריבן דאָס פאָנעם.

אייזיק איז אַריינגעגאַנגען אינעווייניק אין שטוב.

— זעסט וואָס דו האָסט אָנגעאַרבעט — האָט אייזיק געזאָגט צום פאָטער — מיט דיין ווערן אַ באַלעבאָס.

— וואָס-זשע, דיר געפעלט עס אויך ניט ? — האָט זיך מאָרים געטאָן אַ קרום, אין דער אייגענער צייט צוריקבערענגענדיק זיין קאָלנער און שניפּס אין פּאַסאָן אַריין.

— אַוואַדע ניט ! — ענטפערט אייזיק.

— דיין שיף שטייט נאָך אויך אין האַפן — זאָגט מאָרים.

אויף דעם זאָג האָבן זיך די איבעריקע ברידער צעלאַכט. אייזיק איז געבליבן שטיין אַ צעמישטער. ער איז געקומען צו זיך און געזאָגט :

— איך בין אַזאַ „אַמעריקאַנעץ" פונקט ווי דו.

— ניין ! אַמעריקע באַדאַרף אייך ניט !

— ו ו ע ס ט ו אויפטאָן אַ סאַך פאַר אַמעריקע ! — גיט אייזיק אַ שטאָך מאָריסן מיט זיין ענטפער. מאָרים האָט פאַרשטאַנען, אַז אייזיק נעמט זיך איבער מיט זיין שרייבן ווי אַן אויפטו פאַר אַמעריקע, דערפאַר ענטפערט מאָרים :

— אַמעריקע האָט ליב א י ב ע ר צ ו צ י י ל ן — מאָרים קלאַפּט דערביי מיט איין האַנט אין דער אַנדערער.

אייזיק האָט מיט אַ קלאַפּ מיט דער טיר פון זיין צימער זיך פאַרמאַכט באַ זיך און לאַנג אַרומגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער הין און צוריק.

באַ יענעם אָנבייסן האָבן געפעלט באַם טיש אי אייזיק, אי הוישיקעלע. עס האָט ניט געהאָלפן דער מאַמעס בעטן און ניט דאָס אויסרעדן פונעם טאַטן.

אַ פּראָסטער ייִד

מאַלקע לי

איך בין דאָ אין לאַנד דאָס פופציקסטע יאָר.
פון שניידערשן ייִכעס, פון אַרבעטער-שטאַם.
איך אַרבעט אין ברוקלין, אין אַ קלינינג-סטאָר.
דורכגעגאַנגען אין לעבן דורך פייער און פלאַם.

אַן איידעס געווען, ווען דאָס לאַנד האָט געבליט,
מיט הימל-קראַצערס, מיט דער ברוקלין-בריק.
עס איז געוואַקסן דאָס לאַנד ווי נאָך אַ רעגן דער צווייט,
נאָר איך האָב געבענקט צוריק צו מיין וויג.

אַן איידעס געווען פון דער מענטשלעכער מי,
ווען בראָנקס איז געווען אַ דאָרפיש געצעלט,
וואו ס'שטייען היינט מויערן — פלעגן פּאַשען קי,
וואו געפלאַסטערטע וועגן — געווען איז דאַן פעלד...

אַן איידעס געווען ווען צוויי פערד אין געשפּאַן,
די גריוועס מיט פענער מיט רויטע באַצירט,
האָבן געשלעפּט אויף גאַסיקע שינעס די באַן:
די אַרבעטער צו די שעפּער געפירט.

אַן אײדעס געװעז, װען ניו יאָרק האָט געברענט
מיט רויכן פון קוימענס צעפלאָכטן אין װינט.
װי באַ פּאַרען די שקלאַפן, האָבן מענטשלעכע „הענט"
אין קעלערס געשקלאַפט מיטן גאַנצן געזינד...

װאו אַ זומפּ איז געװען, געװאָרן איז ערד.
מען האָט טײַכן געצאַמט און בריקן געבויט.
איך, דער ברוקלינער ייד, דורך נויט זיך גענערט,
דורך שװײס פון די הענט געגעסן מײַן ברויט.

און האָב געשקלאַפט אינעם סװעט פונעם שאַפּ,
געפּאָקט און געמאָזלט, װי יעדער אימיגראַנט.
װי הערצער געזונטע, האָבן האַמערס געקלאַפּט;
פאַר מײַנע אויגן געװאַקסן דאָס ריזיקע לאַנד.

קום, רעכענער, קום!

● ה. לייוויק

און עס װילט זיך אויפזאמלען אויך אונדזער שוידער
צוזאַמען מיטן װאװילזיין אויף אַמעריקעס הי,
צוזאַמענרעכענען די שטעך פון אַלע קליידער,
װאָס מיר האָבן אויפגענייט אין גרינער מי.
און אַלע שטופּן פונעם פּושקאַרט־פּעדלער,
און אַלע סליאַדן פונעם „ניוסבאָיס" טראָט,
און גאָר די טרערן פונעם גאַסן־בעטלער,
און גאָר די הייזעריקייט פון „איי קעש קלאָט".
און די נאָדלען אין פליש. עס זיינען דין די פינגער,
די נאָדלען אָבער זיינען מער נאָך דין,
עס ברענען נאָך װי װאָרענונגען די אויסיעס "Singer"
אויפן אויסגעצויגענעם האַלדז פון דער ניי־מאַשין.
און עס װילט זיך אויפרעכענען אויך אונדזער גװאורע —
אין אונדזער קאַמף מיט זיך און מיטן אָרום,
און אונטערציען אַן אַפּענע, אַ קלאָרע שורע —
די ביכער זיינען אָפן — קום, רעכענער, קום.

אויף יענער זייט יאַם

א זון פון אלטן פאָלק י. איזראַעלס

טרייסט

● י. ל. פּערעץ

טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
שטאַרקט דאָס האַרץ, מאַכט פעסט דעם גייסט.
זייט נישט דער ווינט, וואָס לעשט דעם פלאַם,
נאָר בלאָזט אים אויף, ווייל נאַכט איז סאַם!
נאָר בוימל גיסט און פּוצט די קנויט,
ווייל נאַכט איז גיפט און שלאָף איז טויט!
טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט!

מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט —
עס האָט געלייכט שוין נישט איין נאַכט,
עס האָט געזיגט שוין נישט איין שלאַכט,
און נישט געלאָזט די פאָן פון האַנט!
עס שטייט — אַן אייזן-פעסטע וואַנט
אין וויסטן, ווילד-פאַרקאָכטן יאַם.
אָ, שטאַרקט דאָס פאָלק! בלאָזט אויף דעם פלאַם!

אָ, שטאַרקט דאָס פאָלק! נישט אָפּגעשלאָפט!
זאָל שפּריצן העל די לעבנסקראַפט
אַלס פייערדיקע זייל באַנאַכט —
און שיקט דעם שטראַל — אַ גאָלדענע פייל —
אַלס גרוס דעם פייערדיקן זייל! —
אָ, טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט!

מענדעלע מוכר ספרים

מענדעלע מוכר ספרים (זיין עמעסער נאמען: שאלעם יאנקעוו אבראמאוויטש) איז געבוירן געווארן אין קאפוליע, לעבן מינסק, אין אמאליקן רוסלאנד, אין יאר 1836. זיין פאטער איז געוועזן איינער פון די אנגעזעענסטע באלעבאטים אין שטעטל.

אין 1863 האט מענדעלע אנגעשריבן זיין ערשטע דערציילונג „דאס קליינע מענטשעלע". מענדעלע האט א צייט געשריבן העברייאיש. קעדיי אבער „נוצלעך זיין זיין פאלק" (ווי מענדעלע אליין האט זיך אויסגעדריקט), האט ער אנגעפאנגען שרייבן אין דער שפראך פון פאלק — אין יידיש.

טייל פון זיינע בארימטסטע ווערק זיינען: „דאס ווינטשפינגערל", „די קליאטשע", „שלוימע רעב כיימס", „מאסאעס ביניאמין האשלישי", און א סאך, א סאך אנדערע.

מענדעלע האט זייער שטארק ליב געהאט דאס ארעמע פאלק. אין זיינע ווערק שילדערט ער דאס לעבן פון די ארעמע יידן אין אלטן רוסלאנד.

מענדעלע — „דער זיידע פון דער מאדערנער יידישער ליטעראטור" — איז געשטארבן דעם 8טן דעצעמבער, 1917.

הערשעלע

מענדעלע מוכר ספרים

1.

די קאפצאנסקער באלעבאטים זיינען, נישט פאר אייך געדאכט, גרויסע ארעמעלייט; האבן נישט, איר זאלט זאגן, א צעבראכענעם גראשן בא דער נעשאמע. אין קאפצאנסק אליין איז פאר זיי נישטא קיין שום פארנאסע, סיידן איינער צום אנדערן מיט א טארבע אין די הייזער ארומצוגיין. זאל פרואוון איינער מאכן עפעס א געשעפטל, א קלייטל, באלד טאקע טוט אים דער איבעריקער אוילעם נאך, און וויפיל יידן — אזויפיל קלייטלעך. קרעמער זיינען דא ווי מיסט, און א קוינע — נישט איינער. דאסגלייכן איז אין אנדערע זאכן. איטלעכער האט ליב אריינצושטופן זיך אין דער מיט, אנצוטרעטן יענעם אויפן פוס; וואו צוויי זאל ער זיין א דריטער, וואו דריי — א פערטער, און אזוי אלץ ווייטער, ווייטער, ביז אלע קאפצאנים אינאיינעם שטיקן זיך צונויף, כאפן זיך ארום גאר ברידערלעך און ווערן אזוי דערשטיקט, פארכאפט אלע אויף איין מאל.

הערשעלע האָט געהאַט דאָס גליק געבאָרן צו ווערן דאָ אין קאַפּצאַנסק.

הערשעלעס עלטערן איז ניט איינגעפאַלן אַפילו צו טראַכטן אַ ווײַלע: צו וואָס האָבן אַזעלכע קאַפּצאָנים, ווי זיי, געבראַכט אויף דער וועלט אַ לעבעדיק באַשעפעניש, אויף צאָרעס נאָר פאַר זיך און אויך פאַר אים.

אויף איין זאַך נאָר האָבן די עלטערן באַ זיין געבוירן זיך יאָ נעבעך פאַרטראַכט און שטאַרק געבראָכן זיך דעם קאָפּ: וואָס פאַר אַ נאָמען גיט מען דעם נייעם נפעש? די אַלע נעמען, וואָס זיינען אין דער מישפּאָכע געווען, האָט מען שוין פאַרטאָן אויף די אַלע קינדערלעך, וואָס האָבן זיך פאַרכאַפּט געבוירן צו ווערן פריער פאַר אים. מע האָט אָנגעהויבן פון די נאָענטע קרוויים און געגאַנגען קעסיידער ביז די ווייטסטע. באַ איטלעכס קינד האָבן זיך געמיט צוויי קרוויים: דער טאַטע האָט אויסגעקראַצט איינעם פון זיין מישפּאָכע, און די מאַמע איינעם פון איר מישפּאָכע; אַזוי איז צווישן זיי שוין געווען אָפּגעמאַכט, און דאָס קינד האָט געהייסן צוויי נעמען. עס האָט זיך געפּאָרט: כאַצקל-בענציען, ליפּע-טאָדרעס, דוואָסיע-קרוינע, פייסעך-זעליק, ציפּע-סאָסיע, סטיסע-הינדע, קאַרפּל-פּיוויש, כאַנע-לעמל, שמערל-אייזיק, קיילע-ריקל. אַזוי איז דאָס אַ לאַנגע צייט געגאַנגען ביז מע האָט זיך פּלוצלונג אַרומגעקוקט — די מישפּאָכע האָט זיך אויסגעלאָזט, נישטאָ קיין נעמען!... די עלטערן האָבן אַ היפּשע צייט זיך געדרייט די קעפּ טראַכטנדיק און גאָרנישט אויסגעטראַכט.

— הערסטו, לייזער-יאַנקל! — איז די קימפּעטאָרין צום סאָף אַרוים מיט דער שפּראַך, נאָכדעם אַז זי האָט פריער זיך אַ ביסל געקווענקלט — פאָלג מיך, מיין מאַן, און לאָז דאָס קינד הייסן גדאַליע-הערש, נאָך גדאַליע-הערשן, אָלעוו האַשאָלעם.

— שאַ, טיפּשע! — מאַכט דער טאַטע שטאַרק אויפגעבראַכט — לאָז מיר דיין גדאַליע-הערש מוחל זיין, דעם נאָמען זיינעם וויל איך נישט הערן, ניין, צען מאָל, הונדערט מאָל ניין.

גדאַליע-הערש איז געווען פון דער מאַמעס מישפּאָכע. ער האָט געשטשאָבעט הויזן, קאַפּאָטעס, היטלען, ווייבערשע קליידלעך, און אַמאָל אויך טאַקע געלאַטעט שיך. האַקלאַל — אַלצדינג, וואָס נאָר מע האָט אים געגעבן. אַ בעריע אויף לאַטעס לייגן איז אין גאַנץ קאַפּ-

צאַנסק זיין גלייכן נישט געווען. און ווייל לאַטעס גילטן אין ערגעץ נישט אַזוי ווי אין קאַפּצאַנסק, דעריבער איז גדליה-הערש שטאַרק אין דער מאָדע געווען דאָרט. באַ וועמען אַ ריס — באַלד צו גדליה-הערשן; באַ וועמען אַ שוך, נישט פאַר יידישע קינדער געדאַכט, האָט געפּייפּט — פאַרשטאָפּט אים גדליה-הערש דאָס מויל און זאָגט אים אָן מיטן האַרבן וואָרט, ער זאָל נישט פּייפן. איז דער אייגענער ריס ווידער טאַקע דאָ מאָרגן און דער שוך הערט אים נישט, האָט אַ האָזע באַלד ווידער צו עפענען אַ מויל, איז גדליה-הערש נישט פויל—לאַטעס און לאַטעס. און דער קאַפּצאַנסקער אוילעם פלעגט פון אים גאָר אָנקוועלן. נישט אָנגעקוואָלן דערפון האָט נאָר לייזער-יאַנקל אַליין: גדליה-הערש האָט אים מיט דער מלאָכה פאַרשוואַרצט די אויגן. אַ קאַטאָוועס עפּעס, ער, רעב לייזער-יאַנקל — אַ שיינער ייד, קוקט אַריין אין אַ סייפער און רייבט זיך אין בעסמעדרעש אונטערן אויוון — ער און דער באַלמלאָכה, דער אַמהאָרעץ, זאָלן זיין קרויווים! ער האָט גדליה-הערשן בעשומויפן נישט געוואָלט אָננעמען פאַר אַ קאָרעוו, זיך קעגן אים געבלאָזן און קיינמאָל אים נישט פאַרבעטן צו זיך אויף אַ סימכע.

האַגאַם לייזער-יאַנקעלעכע איז געוואוינט געווען צו דעם מאַנס זידלעריי און בייזקייט אויף גדליה-הערשן, האָט עס זי היינטיקס מאָל אָנגעכאַפּט באַם האַרצן און זי האָט זיך באַוואַשן מיט טרערן. דער מאַן האָט אויף איר געקוקט מיט ראַכמאָנעס און געמאַכט צו איר שוין ווייכער אַ ביסל:

— וויין נישט, דו טיפּשע איינע, זאָג איך דיר! אַ קאַשערע, ערלעכע יידענע באַדאַרף טאָן דעם מאַנס ווילן — אַז דער מאַן זאָגט ניין, באַדאַרף זיין ניין. באַרעכן זיך נאָר, נאַרעלע, ווער איז דיין מאַן, און ווער איז גדליה-הערש!...

— גדליה-הערש איז געווען אַן ערלעכער ייד, אַ גוטע נעשאָמע.

— אַן ערלעכער ייד — אַ באַלמלאָכע! נאָר אַ געלעכטער, כ'לעבן. קאַרג פאַרשוואַרצט האָט ער מיר די אויגן באַ זיין לעבן, זאָל איך אַצינד נאָך אים אַ נאָמען געבן מיינס אַ קינד און מיר אַליין אָנטאָן אַזאַ כאַרפּע! גיי שוין, נאַרעלע, גיי, רעד נישט קיין נאַריש-קייטן!

— אָבער אַ נאָמען, לייזער־יאַנקל! וואו האָסטו אַ נאָמען? אַ שיינער טאַטע, מישטיינס־געזאָגט!...

— אַ נאָמען... עט... נישקאָשע! — שטאַמלט דער טאַטע און פאַרטראַכט זיך אַ ביסל.

— אָבער . . . אַז איך האָב געהאַט אַ כאָלעם!

— וואָסער כאָלעם?! — מאַכט דער טאַטע, אויסשטעלנדיק אַ פּאָר אויגן אויף דער מאַמען.

— גדאַליע־הערש איז מיר נעכטן באַנאַכט געקומען צו כאָלעם. „מאַזלטאָוו דיר, מאַלקע־טויבע"— זאָגט ער, און טוט דערביי אַ קרעכץ. „איך ליג נישט רואיק אין קייווער, דערפאַר וואָס אויף דער וועלט איז נאָך נישטאָ מיין נאָמען. דערבאַרעם זיך, מאַלקע־טויבעניו!" — מאַכט ער מיט אַ געבעט, ווייזנדיק דערביי אויפן קינד אין די קישעלעך.

— נו, נו . . . — מאַכט דער טאַטע אָן ווערטער.

— נוקע נישט, לייזער־יאַנקל — זאָגט די מאַמע — אַזוי זאָל איך זען פיל נאַכעס, ווי איך האָב אים געזען... היינט באַנאַכט איז ער ווידער געקומען. אַלץ געקוקט אויף מיר און געוויזן אויפן קינד, געוויזן אויפן קינד און געקוקט אויף מיר, געוויזן, געקוקט פריער מיט אַ געבעט, דערנאָך... אוי, דערנאָך שטשירעט ער אויס אַ פּאָר אויגן און לאָזט זיך צו מיר מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווי ער וויל מיך שטיקן, טוט אַ זאָג בייז: „וועז נישט..."

— ווען נישט וואָס? — טוט זיך דער טאַטע אַ כאַפּ דערשראָקן.

— וואָס פרעגסטו, לייזער־יאַנקל? וויי איז מיר נישט. עפּעס שפּילט מען זיך מיט אַ מעס? וויי איז מיר, ווינד איז מיר...

— נו, נו, וואָס־זשע ווילסטו, טיפּשע איינע?

— האָב גאָט אין האַרצן, וויי איז מיר, לייזער־יאַנקל, און זיי נישט קיין אַקשן, ווינד איז מיר!

— שאַ...

ס'איז געבליבן, דאָס קינד זאָל הייסן הערשל נאָך דעם לעצטן נאָמען פון גדאַליע־הערש. די מאַמע, זייער אַ גוטע באַלעבאָסטע, האָט ליב אָפּצושפּאָרן אַלץ אויף שפּעטער, האָט באַ זיך געטראַכט: האַ, לאָז זיך וואַלגערן אין דער באַלעבאַטישקייט אַן איבעריקער נאָמען גדאַליע — ער וועט עפּשער צונוץ קומען אויף שפּעטער.

2.

אין שטוב איז הערשעלע געווען ווי אַ שטאַרק אָנגעבלאָזן פּוכערל, זיך איינגעהאַלטן, קיין פּאַרע זאָל מען פון אים ניט הערן; אינדרויסן אָבער האָט דאָס פּוכערל געפּלאַצט, און ס'איז אַרויס פריי אַלצדינג, וואָס אינעווייניק אין אים האָט זיך געשטיקט. דאָרט איז ער געווען אַ פּייער, אַ שפּירט, אַ קונדעס אין דער וועלט. ער האָט זיך איבער־געשלאָגן מיט אַלע יינגלעך און אַרויסגעוויזן זיין גרויס בעריעשאַפט. אין שטיינער וואַרפן, כאַפּן אַ ציג פּאַר די הערנער און זעצן זיך אויף איר רייטנדיק, אָננעמען פלוצלונג דעם קאַפּצאַנסקער קאַהאַלשן צאַפּ פּאַר דער באָרד און אַרויסרייסן אים אַ פולן הויפן האָר, נאָכלויפן אַ מעשוגענעם אויף דער גאַס, אונטערכאַפּן זיך הינטער אַ וואָגן — דער־צו איז ער געווען אַ בעריע טאַקע. ווייסע כעוורע האָט דעריבער פון אים שטאַרק געהאַלטן. אין די מילכאָמעס צווישן די שטיפערס איז ער געווען דער גענעראַל, מיט עפּעס אַ פּאַפּירן מיצל אויפן קאָפּ, אַרומ־געשטעקט מיט פעדערן. די גוואורע און דאָס גאַנצע גרויסקייט זיינס איז באַשטאַנען אין פּיטשקען; ער האָט געהייסן איטלעכן שמייסן גלאַט אַזוי זיך פון זיין קאָוועד וועגן. און אַז דער גענעראַל, הערשעלע לייזער־יאַנקלס, האָט באַפוילן — האָט איטלעכער, פון דעם קלענסטן ביז דעם עלטסטן, באַלד געמוזט פאָלגן. בעשאָס פרידן, נישט קיין מילכאָמע־צייט, פלעגט אונדזער הערשעלע מיט דעם גאַנצן פּעקל יינגלעך זיך אָפּגעבן מיט אַנדערע געשעפטן, און געשעפטן זיינען געווען פיל אין איטלעכער צייט.

זומער באַטאָג פלעגט ער פירן ווייסע כעוורע באָדן זיך אין קאַפּ־צאַנסקער טייך — אַ גרויסער רינשטאָק מיט אַ פאַרשימלטער בלאָטע באַם ברעג, וואו שטאָט־כאַזירים זיינען געלעגן איינגעזונקען טיף איבער די אויערן, אַרויסשטעקנדיק נאָר דאָס פּיסקל. דער גאַנג אַהין איז געווען לעבעדיק־ראַשיק, נישט אויסגעלאָזן איין זאַך אויפן וועג, מע זאָל עס נישט באַרירן. יונגע גענדזלעך צעלויפן זיך, אונטער־פליענדיק אַ ביסל מיט די קליינע, נאָך נישט גוט באַפעדערטע פליגעלעך; דער גאַנער סאָפּעט, סמאַרעט מיט די נאָזלעכער, אויס־קרימענדיק דעם האַלדז; דאָס קעלבל דאָרט איז זיך מאַטריעך אויפ־צושטיין פונעם גראָז, שטעלט אויס אַ פּאָר אויגן, רוקט זיך אָפּ עטלעכע טריט, וואַרפנדיק מיטן קאָפּ און אָנבייגנדיק דעם שטערן צו

דער ערד, פאַררייסט דערנאָך דעם ווידל, און אַוועק, אַוועק... כעוורע שפּיליעט זיך אָפּ, קנעפּלט זיך אָפּ נאָך גייענדיק, אין איילעניש, אַזוי אַז צוקומענדיק צום ברעג טייך, פאַלט פון איטלעכן דאָס אָנטאָן פּלוצים אַראָפּ — און פוס אין וואַסער אַריין, בול-בול-בול!

פאַרנאַכט איז ווייסע כעוורע זיך צונויפגעקומען אויפן יאַריד אין בעסמעדרעש, איטלעכער מיט זיין סכוירע, און מע האָט געהאַנדלט געשמאַק. איינער בייט אַ קרומען אַלטן טשוואָק אויף אַ מעשענעם קנאָפּ אָן אַן אויערל. דער אַנדערער טוט אַ וויז אַ ניסל, אַ סווישטש, און עס געפינען זיך דערויף צוויי שטאַרקע קוינים, מיט שטיקלעך שפּיגל-גלאָז, פאַרצעלייענע שערבלעך, פולע קעשענעס. יענער מיט אַ גרינער פאַטשערקע איז פאַרטיפט אין אייסעק מיט דעם כאַוור, וואָס באַרימט זיך מיט זיין נאָדל-טעשל און אַ צינערן אויער-לעפעלע. הערשעלע אונדזערער איז געווען דער שאַצער און געכאַפּט פון אויבן פאַר זיין מי. געוויינלעך לאָזט זיך דער יאַריד אויס מיט אַ קריג: קיינער איז נישט צופרידן, איטלעכער טיינעט, ער האָט זיך מיעס אָפּגענאַרט. עס האַלט שוין באַ פעטש: עפּעס אַ קונדעס מיט אַ פריש גענדזן גערגעלע טרומייטערט צו; אַ טאַראַראַם, אַ געפּילדער, ביז דער שאַמעס לויפט אין איין קאָס אַרוים מיט אַ היק: „שקאָצים!"
— און כעוורע צעלויפט זיך, ווי די מייז, איטלעכער אין זיין ווינקעלע.

צייט אויף צו האַנדלען איז געווען גענוג, ווייל דער מעלאַמעד פון דער טאַלמעדטוירע, וואו אונדזער הערשעלע האָט געלערנט, איז אַליין געווען שטענדיק פאַרנומען מיט זייער פיל געשעפטן; ער איז געווען אַ שטיקל שאַדכן, פול געווען אויף אַלע כאַסענעס און לעווייעס. כוץ דעם האָט ער באַדאַרפט פון אַלע מעלאָכעס אָפּרייסן צייט דאַנערשטיק און פרייטיק מיט אַ פּושקעלע אין די הייזער אַרומצוגיין. נאָר דעם לויב מעג מען אים נאָכזאָגן, אַז די שאָ צייט, וועלכע ער האָט זיך גענומען צום לערנען, האָט ער געאַרבעט געשמאַק מיט אַלע קיילים. די דאָזיקע קורצע צייט איז אים גאַנץ גענוג געווען אויף איבערצושמייסן אַלע קינדער, און ס'איז אים נאָך איבערגעבליבן עטלעכע ליידיקע מינוט צייט אויך אויף צושפּאַרן זיך מיטן קאָפּ צום טיש, אַ ביסל זיך אויסצורוען אָדער קראַצן די באָרד, קרעכצן, גענעצן און נאָך אַזעלכע מעלאָכעס. אויף הערשעלען פלעגט ער זאָגן: הערשעלע איז אַ גרויסער קונדעס, אָבער אַ וואויל יינגל מיט אַ גוט קעפּל.

3.

אַך, ווען נישט דאָס עסן, ווען נישט דאָס עסן, וואָלט דאָס לעבן אין קאַפּצאַנסק פאַר הערשעלען קינדערווייז געווען זייער אַ גליקלעכס, ווי אין גאַניידן! צייט אויף צו שטיפן, אַרומצולויפן פריי, האָט ער געהאַט, אַ שיינעם נאָמען באַ ווייסע כעוורע האָט ער געהאַט, איי־סאָקים אַלערליי האָט ער אויך געהאַט: ער איז געווען אַ גענעראַל, אַ סויכער, אַלצדינג, וואָס איר ווילט און וואָס מאַכט יינגלעך איבער־גליקלעך. נאָר איין קלייניקייט — אַט דאָס עסן, דאָס וואָס דאָס מעגנדל זיינס פלעגט מאַנען עסן, דאָס האָט אים גאָר צעדרייט, פאַר־שטערט די סימכע. ס'זיינען געווען צייטן, ווען ער איז געקומען אַהיים הונגעריק נאָך אַזויפיל מי און אָנטופען זיך, נעבעך, געכאַלעשט עסן, כאָטש וואָס ס'איז, און — גאָרנִיט, נישטאָ קיין לעק! ער פלעגט וויינען, זיך קראַצן, האַלטנדיק ביידע הענטלעך אין די האָר פונעם קאָפּ, און שרייען, ביז ער איז געבליבן ליגן אָן קויכעס און אַנטשלאָפן געוואָרן. שפּעטער איז ער שוין מיט אַזעלכע זאַכן געוואוינט געוואָרן און, אַז ער איז הונגעריק געווען, פלעגט ער מאַכן מיט די ליפּן און שווייגן.

הערשעלע איז געווען אַ פאַרשייט קינד, אַ לעבעדיקס, אַ רירעוו־דיקס. קוים האָט ער זיך געשטעלט אויף די פיסלעך, אַ בליק געטאָן אויף גאָטס וועלטעלע אַרום אים, איז דאָס וועלטעלע אים זייער שיין געפעלן און ער האָט כיישעק געהאַט ווי אַ העזעלע צו שפּרינגען, צו לעבן; נאָר דאָס לעבן האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ בייז פּאָנעם: דערעכערעץ, יינגעלע, לאָז זיך אַ קאַפּצן ניט גלוסטן... דאָס בייזע, פינצטערע לעבן האָט אים אָפּגעשטעלט באַלד טאַקע באַם צעפירן זיך די הענטלעך, אים געגעבן צו פאַרשטיין דעם טאַם פון נויט, פון הונגער; אים איינגעראַמט אַ סאַד, ווער, מישטיינס־געזאָגט, ער איז, פון וואַנען, מישטיינס־געזאָגט, ער שטאַמט: לויטער קאַפּצן, לויטער אומגליק... און אים געפרעגט די ערשטע קאַשע: הערשעלע, וואָס איז מיט דיר אַזוינס די סימכע?

הערשעלעס יוגנט איז פאַרגאַנגען געשווינד, אַפּגעבליט גיך, און ער איז קינדערווייז נאָך געוואָרן אַ קליין יידל: דערשלאָגן, פאַרטראַכט, מיט אַ פאַרזאָרגט פּאָנעם און אַלע געננג פון אַ גרויסן, באַוויבטן יידן; עס האָט אים נאָר געפעלט אַ בערדל. (פון „ווינטשפינגערל")



א שטעטל — מ. שאַגאַל

קאַסרילעווקע

• שאָלעם אַליכעם

קאַסרילעווקער טראַמוויי

אָנגעקומען בין איך קיין קאַסרילעווקע מיט דער באַן — עס גייט שוין דאַנקען גאָט אַהין אַ באַן! — האַרבסט צייט, אין דער פרי. אין דרויסן האָט געמראַקעט אַ קליין רעגנדל. אויפן וואָקזאַל האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַקעגן מיר אַ גאַנצע קאָמאַנדע הויז־מעשאָרסים מיט געלע בערד, מיט געלע קאַפּאָטעס און מיט געלע בלעכלעך אויף די געלע קאַשקעטלעך.

— פּעטער, גראַנד־האָטעל!

— פּעטער, פּאָרטוגאַליע!

— פּעטער, טערקאַליע!...

דורכגעלאָפן מיט גאָטס הילף דורך דער דאָזיקער קאָמעדיע הויז־מעשאָרסים בעשאָלעם, האָב איך מיך אַריינגעכאַפּט צווישן אַן אַנדער כעוורע — כעוורע באַלעגאָלעס מיט גרויסע שטיוול און מיט לאַנגע בייטשן. די דאָזיקע כעוורע לייט האָבן מיך שיר ניט צעריסן אויף

שטיקלעך. איינער אַ יונגאַטש מיט ביינער האָט באַ מיר אַרויסגעריסן מיין טשעמאָדאַנטשיק, האָב איך געמאַכט זייער אַ גרויסן גוואַלד: „מיינע קסאָווים!" — האָבן זיך צוויי אַנדערע באַלעגאָלעס אָנגענומען מיין קריוודע, מיך געוואָלט נעמען צו זיך, און ס׳איז געוואָרן צווישן זיי אַ געשלעג. האָב איך געכאַפּט מיין טשעמאָדאַנטשיק, אַרויסגע־גליטשט זיך פון זייערע הענט און האָב זיך געלאָזט גלייך צום טראַמוויי.

— אַהער ברידערלעך, אַהער! אַ פיטאַקל אַ פּאָר! אַ פיטאַקל אַ ייד! פון דאַנען ביזן עק בעליפיליר גאַס סאַכאַקל איין פיטאַקל! פינף קאָפּיקעס אַ ייד!

דאָס שרייט דער קאָנדוקטער אַליין, אַ יונגערמאַנטשיק מיט אַ געל בערדל, אויף אַ כאָרכלענדיקער שטימע. לעבן אים שטייט נאָך איינער, אַ ייד מיט אַ צעריסענער קאַפּאָטע און מיט אַ בייטש — דער קוטשער פונעם טראַמוויי. ביידע ווייזן מיר מיט די הענט אויף אַ מין ביידל, וואָס שטייט אָנגעבויגן אַ ביסל אויף אַ זייט, מיט אויסגעזיצטע שויבן, וואָס מען רופט דאָס „וואַגאָן"; באַ אַ לאַנגן דישל שטייט צוגעשפּאַנט אַ ווייס אויסגעדאַרט פערדל, האַלט אַראָפּגעלאָזט די מאָרדע און דרימלט.

— פּאַוואָליע נאָר — זאָגט צו מיר דער קאָנדוקטער — איר זאָלט זיך ניט פאַרטשעפּען דאָרט: עס פעלט אַ ברעטל אין דער פּאָדלאָגע.

איך זעץ מיך אַריין פּאַמעלעך אין וואַגאָן, לייג אַנידער לעבן זיך דעם טשעמאָדאַנטשיק און וואַרט. ס׳איז קילבלעך. איך קלאַפּ אַ פוס אָן אַ פוס.

— קאָנדוקטער! — זאָג איך צום יונגנמאַן — מיר וועלן אַמאָל פאָרן, צי ניין?

— מערצעשעם! מיט גאָטס הילף! — ענטפערט מיר דער קאָנדוקטער.

און דער קאָנדוקטער מיטן קוטשער פאַרדרייען צו פּאַפּיראָסן.

— ווען וועלן מיר פאָרן? — פרעג איך ווידער באַם קאָנדוקטער.

— היינט — ענטפערט ער מיר גאַנץ קאַלטבלוטיק און גיט דעם קוטשער פאַררויכערן.

איך וואַרט און וואַרט, ביז עס הויבן אָן ביסלעכווייז צונויפקלייבן

זיך פאַרשווינען. פריער קריכט אַריין אַ ייד מיט אַ צעריסענעם טולופּל. נאָך דעם ייד מיט דעם צעריסענעם טולופּל קריכט אַריין נאָך אַ ייד אַן אַ טולופּ, אַ געפרוירענער נעבעך, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן, זיפצט און זוכט אַן אָרט און זעצט זיך אַנידער באַ דער טיר אין אַ ווינקעלע. נאָך דעם געפרוירענעם יידן קריכט אַריין אַ קאָרב מיט עפּל, און טייקעף נאָכן קאָרב — אַ יידענע, איינגעוויקלט אין דריי שאַלן, און אַלע דריי זיינען צעפלאַכטן, אַז מע זעט אַז ס'איז איר נעבעך קאַלט.

— רעב קאַסריעל, געפאָרן! — רופט זיך אָן יאָסל דער קאָנדוקטער צו קאַסריעל דעם קוטשער, טוט אַ פייף, און דער טראַמוויי רירט זיך פונעם אָרט. ער גייט אָפּ עטלעכע טריט און שטעלט זיך באַלד אַנידער. עס עפנט זיך אויף דאָס טירל פונעם וואַגאָן און עס באַווייזט זיך אַ קאָפּ.

— נישט פאַראַן דאָ מוישע?

— וואָסער מוישע? — פרעגט יאָסל קאָנדוקטער.

— אַ באָכער מיט אַ קאַשקעט! — ענטפערט דער קאָפּ.

— ער דינט אין אַן אייזן־קראָם? — פרעגט אים יאָסל.

— אין אַן אייזן־קראָם — ענטפערט דער קאָפּ.

— איך קען אים! — מאַכט יאָסל קאָנדוקטער, טוט אַ פייף צום קוטשער: רעב קאַסריעל, געפאָרן!

און מיר פאָרן ווייטער.

— אַ בילעט — רופט זיך אָן צו מיר דער קאָנדוקטער — איר זענט מיר עפּעס ניט קענטלעך: אפשר, ניט קיין היגער? איר רעכנט דאָ שטיין לאַנג? קאָן איך אייך פאַרפירן אין אַ סטאַנציע, דאַפקע ניט קיין האָטעל, נאָר אַ ריינע, אַן וואַנצן...

איך דאַנק אים זייער און זאָג אים, אַז איך האָב דאָ באַקאַנטע. ער לאָזט מיך צורו און גייט צו צום יידן מיטן טולופּל און הייסט אים נעמען אַ בילעט. דער ייד מיטן טולופּל קנייטשט מיט די פּלייצעס:

— ווייס איך! איך האָב דען אַ גראָשן אַפילו באַ דער נעשאָמע?...

— שוין דאָס דריטע מאָל היינטיקע וואָך, אַז איר פאָרט אָן אַ בילעט! — זאָגט צו אים יאָסל קאָנדוקטער מיט פאַרדראָס.

— איז וואָס, זאָל איך גיין צו פוס? צי זאָל איך גיין ערגעץ גאַנווענען פון דיינעטוועגן? — ענטפערט אים דער ייד מיטן טולופּל אויך מיט פאַרדראָס.

יאָסל קאָנדוקטער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט און גייט אַוועק פון אים צו יענעם געפּרווירענעם יידן, וואָס אָן אַ טולוּפּ. יענער מאַכט זיך ווי ער דרעמלט.

— הערט נאָר, זייט זשע מויכל, אַ בילעט!

דער ייד האָט זיך קלוימערשט אויפגעכאַפּט פונעם שלאָף און רייבט אַ האַנט אָן אַ האַנט.

— אַ בילעט! — מאַכט צו אים נאָך אַ מאָל יאָסל קאָנדוקטער.

— געהערט! — ענטפערט אים דער ייד און הוקעט זיך אין די קולאַקעס אַריין.

— וואָס טויג מיר אייער „געהערט”? — זאָגט צו אים יאָסל קאָנדוקטער מיטן האַרבן וואָרט — נעמט אַרויס, זייט מויכל, אַ פּיטאַקל און נאַט אייך אַ בילעט.

— שאַ, שאַ — מאַכט צו אים דער געפּרווירענער — וואָס איז עפּעס מיט אַזאַ ברויגעז? קוקט אים אָן, אַ גאַנצער יאַכסן!

— מאַכט ניט קיין אָנשטעלן — מאַכט צו אים יאָסל קאָנדוקטער— און גיט אַהער דאָס פּיטאַקל!

— נו, נו — מאַכט דער ייד— מיר וועסטו נאָך עפּעס אָפּלאָזן.

— מיינע צאָרעס וועל איך אייך אָפּלאָזן! — זאָגט יאָסל קאָנ-דוקטער.

— האַלט זיך מיט זיי געזונטערהייט! — ענטפערט אים דער גע-פּרווירענער — איך האָב גענוג אייגענע צאָרעס.

— וועל איך אייך בעטן מעכילע, איר זאָלט זיך מאַטריעך זיין אַראָפּ פונעם וואַגאָן! (צום קוטשער) רעב קאַסריעל, סטאָפּ!

קאַסריעל דער קוטשער שטעלט אָפּ דעם טראַמווײַ און איז זיך מאַמעש מעכייע, און דאָס פערדל אַוואַדע.

— זייט זשע מויכל, מיטן רעכטן פוס! — זאָגט יאָסל קאָנדוקטער צום געפּרווירענעם. דער געפּרווירענער זיצט, טאַנצט מיט די פיס און רייבט זיך אין די הענט און רירט זיך ניט פונעם אָרט.

— איר וואַרט אויף קאָוועד? — מאַכט צו אים יאָסל קאָנדוקטער — איר ווילט איך זאָל אייך נעמען פאַרן קאָלנער און אַרויסוואַרפן אויף דריי שפּענדלעך? לאָז קומען וועלוול דער „קאָנטראָליאָר”, וועט איר האָבן אייער פּסאַק. רעב קאַסריעל, גופאָרן! — מאַכט ער צום קוטשער, און דער טראַמווײַ פאָרט ווייטער.

— נישטאָ קיין עמעס אויף דער וועלט! — רופט זיך אָן פּלוצים די יידענע פון די עפּל — מיט וואָס איז דער ייד ערגער פון יענעם יידן, וואָס יענער מעג פאָרן אָן אַ בילעט און דער טאָר ניט? ווייל יענער טראָגט אַ טולופּל און דער גייט נאַקעט? ער וועט דיר אָפּנוצן אַ שטיקל בענקל, וועט ער דיר?

— וועל בעט אייך, איר זאָלט זיך אַרויסשטעלן פאַר אַ פאַר־טיידיקער? — רופט זיך אָן צו איר יאָסל דער קאָנדוקטער — אַז מע פרעגט באַ אייך קיין אייצעס ניט. איר גיט בעסער אַהער אַ פּיטאַקל און נאָט אייך אַ בילעט!

— אוי, יידן! — כאַפּט זיך אויף די יידענע, טוט אַ פּאַטש איבער די קליידלעך — איך האָב אָבער געוואוסט, אַז ער וועט זיך טשעפּען צו מיר אויך! איך זאָל אַזוי האָבן אַלדאָס גוטס, ווי איך האָב געוואוסט!

— וואָס זשע דען האָט איר געמיינט? — זאָגט יאָסל דער קאָנ־דוקטער — איך וועל אייך פירן אומזיסט?

— וואָס הייסט דו וועסט מיך פירן? — מאַכט די יידענע — דער וואָגאָן פירט מיך, ניט דו פירסט מיך! ער האָט זיך אָנגעהאָנגען אַ מעשן קנעפּל און קאָמאַנדעוועט! איך געדענק דאָך נאָך, אַז דו ביסט געוועזן אַ באַהעלפער באַ לייזער־הערש דעם מעלאַמעד, ביסטו געוועזן, געטראָגן די קינדער אויף די פּלייצעס אין כיידער אַריין מיט אַ טעפּעלע אָנביסן, היינט וואָס דערציילסטו מייסעס, „בילעט, שמי־לעט”?

— וואָס זאָגט איר צו מיינע גליקן? — מאַכט צו מיר יאָסל און זעצט זיך צו צו מיר — אָט אַזוי ווי איר זעט, זיינען זיי דאָ אַלע אַזעלכע פּאַרשוינען. ווער עס האָט געלט און קאָן צאָלן, דער גייט צופוס, און ווער עס האָט ניט און קאָן ניט צאָלן — דער פאָרט מיטן טראַמוויי, און גיי לעב, האַלט אויס אָן אַלטע מאַמע מיט אַ שוועסטער אָן אַלמאָנע... איר זעט אַ פאַר שטיוול? (ער ווייזט מיר די שטיוול) זיי בעטן עסן...

פּלוצים הערט זיך אַ טראַסק, אַ קלאַפּ פון צוויי דישלס, אַ כראָפּען און אַ סאָפּען פון צוויי פערד. דאָס האָבן זיך באַגעגנט צוויי וואַגאָנעס אויף איין ליניע, דער אַהער און דער אַהין, און עס הערן זיך קלאָלעס.

— וואו זיינען דיינע אויגן, דו? זעסט, אַז איך פאָר רעכטס — נעמט מען זיך לינקס!

— וואו שטייט דאָס געשריבן, אַז דו באַדאַרפסט פאַרן רעכטס און איך לינקס? טאָמער איז גאָר איבערגעקערט דער פעלץ אויף דער אַנדער זייט, איך רעכטס און דו לינקס?

— בעהיימע, דערויף איז דאָך פאַראַן צוויי ליניעס, איך אַהער און דו אַהין!

— ביסט אַליין אַ פערד! וואו שטייט דאָס געשריבן, אַז איך אַהין און דו אַהער!

— וויסטו וואָס? כאַפּט זיי בעני מיט זייערע ליניעס, מיט זייערע וואַגאָנעס, מיט זייער גאַנצן טראַמוויי! גיב נאָר אַהער, קאַסריעל־סערדצע, אַ ציגאַר, טאָמער האָסטו. ברענען זאָלן זיי מיטן טראַמוויי אויף איין פייער! וואָס מאַכט עפּעס די אַלטע דיינע? שטילער געוואָרן אַ ביסל?

ביידע קוטשערס לאָזן זיך אַריין אין אַ לאַנגן שמועס אויף באַלע־גאָלע־לאָשן, ווי די גרעסטע גוטע ברידער. אויך ביידע קאָנדוקטערס פאַרבינדן צווישן זיך אַ שמועס גאָר פריינטלעך.

אַפּאָנעם, טראַכט איך מיר, אַז מע דאַרף נעמען די פיס אויף די פּלייצעס און גיין אין שטאָט אַריין.

איך נעם מיין טשעמאָדאַנטשיק אין די הענט אַריין און לאָז מיך גיין צופוס.

קאַסרילעווקער האָטעלן

איך קום צו צו אַ צוויי־גאָרנדיקער שטוב מיט אָפּגעקאַלופּעטע ווענט און איך לייען איבער אַן אויפשריפט מיט גרויסע אויסיעס: „האָטעל טערקאַליאַ“.

עפנט זיך די טיר און עס באַווייזט זיך אַ יידל, וואָס מען רופט אים נויעך, דער שווייצאַר פונעם האָטעל. ער כאַפּט מיין טשעמאָדאַנ־טשיק, פרעגט מיך ניט און טראָגט דאָס אַרויף אויף די טרעפּ, גלייך אויפן אויבערשטן גאָרן, און טוט מיך אַ פרעג:

— וואָס פאַר אַ צימער, לעמאַשל, ווילט איר? מיט געזאַנג, צי אָן געזאַנג?

— וואָס פאַר אַ געזאַנג? — זאָג איך.

— פון די אַקטעיורן. באַ אונדז שטייען די אַקטעיורן פונעם יידישן טעיאַטער, און אַקעגן שטייט באַ אונדז אַ כאַזן פון דער ליטע

מיט צוועלף זינגערלעך. געקומען צו פאָרן אויף שאַבעס. מע זאָגט, אַז ס'איז ניט קיין שלעכטער כאַזן. גאָר אַן אַנטיק פון אַ כאַזן!

— עס קאָן זיין — זאָג איך — אַז ער איז אַן אַנטיק פון אַ כאַזן, נאָר איך בין אייך מוחל. איר גיט מיר בעסער אַן געזאַנג.

— ווי איר ווילט אייך! — מאַכט צו מיר נויעך דער שווייצאַר — איך קאָן אייך געבן אַן אַנדער צימער, די ברייערע איז באַ אייך; נאָר אַז סע וועט אייך זיין דאָרט ניט אַזוי דאַסיק, זאָלט איר צו מיר נאָכדעם קיין טיינעס ניט האָבן.

— וואָס הייסט — זאָג איך — „ניט אַזוי דאַסיק"?

— לעמאָשל — זאָגט ער — טאָמער וועט מען אייך בייסן.

— ווער וועט מיך בייסן?

— ווער וועט אייך בייסן? — זאָגט ער — איך וועל אייך ניט בייסן; עס וועלן זיך שוין געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן אייך בייסן. מע האָט ניט-לאַנג, ערעוו-פייסעך, גערייניקט, נאָר עס העלפט ניט, קיין קעראָסין אויך ניט...

— אויב אַזוי — זאָג איך — לאָז שוין זיין מיט געזאַנג...

און נויעך דער שווייצאַר פירט מיך אַריין אין אַ פינצטער כיידער מיט אַ מעשונע-מאָדנעם רייעך.

— וואָס וועט איר זיך עפּעס הייסן געבן צו דער טיי? פריש געבעקס, אייערבייגל, אָדער גאָר קאַסרילעווקער פרענדזעלעך?

און נויעך דער שווייצאַר דרייט זיך אוים און ווערט פאַרשוואונדן.

עס עפנט זיך די טיר און עס שטעקט זיך אַריין אַ קאָפּ אָן אַ היטל און רעדט, מאָלט, אַז מ'פאַרשטייט אים קוים:

— זאָקן גוט! בעסטע וואַרע, וואָלוול. הענטשקעס? ניין? טאָ קויפט אייך זאָקן כאָטש אַ האַלבן טוץ... אַ שיינעם דאַנק. זאָל אייך גאָט דערפאַר געבן געזונט.

דער ייד כאַפּט דאָס היטל און גייט אַוועק. עס קומט אַריין אַן אַנדער ייד, שוין מיט אַ היטל.

— קויפט באַ מיר זאָקן, פעטער, גוטע זאָקן, וואָלוול!

— איך דאַרף ניט קיין זאָקן — זאָג איך — אַ דאַנק!

— וואָס הייסט — זאָגט ער — איר דאַרפט ניט קיין זאָקן? אָט האָט איר דאָך נאָר-וואָס געקויפט אַ האַלב טוץ זאָקן באַ יענעם! איך בין אויך אַן אָרעמאַן מיט קינדער, צוויי יינגלעך אין דער שולע,

איינער איז באַ אַ באַלמעלאָכע און די קלענערע אין קיידער... אַ דאַנק אייך. זייט געזונט. גאָט זאָל אייך באַגליקן!...

נאָך דעם יידן קומט אָן אַן אַנדער ייד. אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַן איבערגעשראָקן פּאָנעם.

— אויב איר ווילט פאַרדינען אַ מיצווע, נעמט צו באַ מיר אַ רעשטל אין גלייכן געלט. פאַרבליבן באַ מיר זאָקן אַ פּאָר טוץ.

— איך דאַרף ניט קיין זאָקן! — זאָג איך — איך האָב שוין גענוג זאָקן.

— איך גיב זיי אייך אָפּ ביליק — זאָגט ער — איך דינג מיך מיט אייך ניט. וויפיל איר וועט געבן, געבן זאָל אייך גאָט געזונט און לאַנגע יאָר!... בלייבט געזונט און זייט מאַצליעך!

נאָך דעם יידן קומט אַריין אַ יידענע מיט אַ טערקישער שאַל און רעדט מיט אַ ניגן:

— איך האָב געהערט זאָגן, אַז איר זייט געקומען קיין קאַס־רילעווקע קויפן זאָקן, האָב איך אייך געבראַכט עטלעכע פּאָר זאָקן אויף אַ מוסטער. באַ מיר איז אַ פאַבריקע פון זאָקן. שוין צען יאָר וואָס איך אַרבעט זאָקן...

— ווער האָט אייך געזאָגט — זאָג איך — אַז איך קויף זאָקן? איך בין ניט געקומען נאָך קיין זאָקן, איך דאַרף ניט קיין זאָקן!

נאָר די יידענע הערט ניט וואָס איך רעד און טוט זיך אירס: זי מאָלט, ווי אַ מיל.

— מיינע זאָקן האָבן אַ שעם אויף גאַנץ קאַסרילעווקע! קוקט אָן אַ זאָק!... וואָס זאָגט איר אויף דעם זאָק?

— אָבער אין גאָטעס ווילן! — שריי איך — איך קויף ניט קיין זאָקן! איך דאַרף ניט קיין זאָקן!

— אָט ליגן דאָ — זאָגט זי — באַ אייך זאָקן!

— דאָס האָב איך געבראַכט זאָקן אויף צו פאַרקויפן — זאָג איך און באַגלייט אַרויס די יידענע און פאַרשליס די טיר, טאָמער טראָגט מען מיר זאָקן.

קאַסרילעווקער סרייפעס

געלעגן אויף דער סטאַנציע אין „האָטעל טערקאַליאַ“, האָב איך אַ גאַנצע נאַכט מילכאָמע געהאַלטן מיט בייזע כייעס, וואָס זיינען מיך באַפאַלן, זיך נויקעם געווען אין מיר, דערפאַר וואָס איך האָב ניט



א סריפּע מ. שאַגאַל

געוואָלט זיך ליגן אין בעט און האָב זיך אויסגעבעט אויף דער קאַנאַפּע.

— וואָס האָסטו געפּויעלט ? — האָבן זיי זיך מיט מיר גערייצט — אי מיר וועלן דיך בייסן, אי עס וועט דיר זיין האַרט צוקאָפּנס, וועסט אויפשטיין פון דער קאַנאַפּע אָן אַ האַלדז־און־נאַקן...

פּלוצים דערהער איך אַ מעשונע־מאָדנע קלונג : באָם ! באָם ! ! באָם ! ! ! און טייקעף נאָך דעם לאָזט זיך הערן אַ לויפעריי פון מענטשן און אַ קאָל : „עס ברענט ! עס ברענט !” איך שטיי אויף. איך גיי צו צום פענצטער. איין האַלבער הימל איז רויט, ווי אַ פייער, דער אַנדערער האַלבער איז כוישעך ! איין האַלבע שטאָט איז מעשונע־מאָדנע באַלויכטן, די אַנדערע האַלבע שטאָט איז פאַרזונקען אין אַ מוירעדיק פינצטערניש. איך כאַפּ אויף זיך דאָס אָנטאָן און לויף אַרויס אין דרויסן.

ווי אַ ליכט ברענט אַ שטיבל, וואַרפט אַרויס עטלעכע שטאַרק־רויטע צונגען. דער דאַך איז שוין ניטאָ. עס קנאַקן די ברעטער, עס טרעשטשען די פענצטער, און אַ געדיכטער רויך מיט שוואַרצע קנוילן קייקלט זיך און ציט זיך ווייט, ווייט, איבער הייזער און הייזלעך. עס הערט זיך אַ קאָל פון ווייבער, וואָס באַקלאָגן זיך אויף דעם שלאַק, וואָס זיי האָט געטראָפן אין מיטן האַלבער נאַכט, און אַ געוויין פון קליינע נאַקעטע קינדער, וואָס ציטערן און וואַרעמען זיך באַם פייער. דאָרט זיצט אַ גאַנץ געזינדל אויף אַן איבערבעט מיט עטלעכע קישנס, וואָס זיי האָבן קוים אַרויסגעראַטעוועט פון דער סריפע, און דאָ שטייט אַ יידענע, מיט אַ טעפל אין האַנט און מיט אַ פלעדערוויש און דערציילט דער אַנדער יידענע, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן.

— אוי, אַן אומגליק! אוי, אַ שלאַק! — וויינט אַ ווייבל — וואָס וועל איך איצטער טאָן? נישט אַרויסגעראַטעוועט אַפילו קיין פאָדע־עם! וואו וועל איך נעמען אַ טאָג איבערצוקומע־ען? וואו וועל איך מיך אַהינטאָן מיט מיינע קליינע קינדע־ער?...

ווי שיידים, ווי רוכעס, לויפן אַרויס און אַריין יונגעלייט פון אָפּגעברענטן שטיבל, שפּרינגען אין פייער אַריין, ראַטעווען וואָס זיי קאָנען, כאַפּן אַרויס פון דאָרטן דער אַ פיסל פון אַ בענקל, דער אַן אומרו פון אַ זייגער, דער אַ בעזעם.

— וואו איז ערגעץ עליע מיט דער קישקע? — שרייט איינער פון דער כעוורע לעשערס און קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן.

— איך בין דאָ, איך בין דאָ! — רופט זיך אָן עליע, אַ קליין יידל, און באַרעט זיך באַ דער קישקע.

— וואָס טוסטו דאָרטן? וואָס באַרעסטו זיך אַזוי לאַנג?

— איך פאַרניי די קישקע, זי האָט זיך צעריסן! — זאָגט עליע.

— וואו איז ערגעץ פישל מיט די עמערס? — שרייט איינער אַ שוואַרצער ייד, מיט אַ פאַררויכערט פּאָנעם און מיט אַ הייזעריק קאָל.

— פישל! פישל!!! — העלפן אים שרייען אַלע איבעריקע.

— וואָס פישלט איר? — רופט זיך אָפּ איינער, אַפּאָנעם, פישל אַליין טאַקע — זע נאָר, ווי זיי האָבן זיך דאָס אַ ביסל צעפישלט! פישל־פישל!

— וואו זיינען די עמערס דיינע? — פרעגט מען אים.

— די עמערס זיינען דאָ — זאָגט פישל — נאָר וואָס וועט איר

מאכן מיט זיי, אז ס'איז נאָך נישטאָ גרוינעם מיטן פעסל?

— טאָמער וואָלסטו זיך מאַטריעך געווען, פישל, דערווײַלע כאַפּן ערגעץ אַ פּאָר עמער וואַסער צווישן די שכיינים?

— וואָס איז עפּעס איך? — זאָגט פישל — לאָז גיין עליע!

— עליע! כאַפּ אַן עמער און טו אַ שפּרונג נאָך וואַסער!

— ווי קאָן איך? זעסט דאָך, אַז איך בין פאַרנומען מיט דער קישקע! לאָז גיין מאָטל!

— מאָטל! גיי קריג ערגעץ אַן עמער וואַסער.

— וואוהין זאָל איך גיין, אַז איך קען דאָ קיינעם ניט? לאָז גיין אַנשל!

— אַנשל! אַנו, טו נאָר אַ לויף נאָך וואַסער!

— איך? איך ווייס ניט וואו אַ טיר עפנט זיך אַפילע! לאָז גיין דאַוויד!

— שאַ, שאַ! אַן פאָרט גרוינעם מיטן פעסל! ער פאָרט! ער פאָרט! — און אַלע טוען זיך אַ וואָרף צו גרוינעמען נאָך וואַסער, און פריער פון אַלעמען — עליע מיט דער קישקע. גרוינעם, אַ ייד מיט אַ גלאַנצנדיק פּאָנעם, וואָס סע שיילט זיך, גייט זיך גאַנץ רואיק, נישט געכאַפּט, די פּאָלעס אַרונטערגעשטעקט אַרונטער, און נאָך אים שלעפּט זיך נאָך אַן איינגעדאַרט פערדל, קוים וואָס סע שלעפּט די פיס פון דער בלאָטע. ביידע, אי גרוינעם, אי דאָס פערדל, זיינען שטאַרק פאַרשלאָפן.

— באָרעך-האַבאָ אַ ייד! און מיר האָבן געמיינט, אַז איר וועט שוין היינט ניט זיין כאָלילע.

— אַ שיינע מיסע, נאָר אַ קורצע! — זאָגט גרוינעם — ווער דען וועט זיין, אַז ניט איך? וואָס בין איך, עפּעס אַ יינגעלע? איך האָב דערהערט דעם ערשטן קלונג, בין איך שוין געווען באַם פערדל.

— לאַנג לעבן זאָלט איר, רעב גרוינעם! מיר גייען דאָ אויס פאַר אַ ביסל וואַסער — באַ אַלע שכיינים ניטאָ אַ לעק!

און די כעוורע לעשערס טוען זיך אַ לאָז מיט די ליידיקע עמערס צום פעסל, און פריער פון אַלע — עליע מיט דער קישקע. כעוורע נעמען זיך אָנפּאָמפּען וואַסער, צאַפּן אין די עמערס אַריין — עס צאַפּט זיך ניט.

— וואָס איז דאָס, רעב גרוינעם? איר זענט מעשוגע, צי כאָסער-

דייע? איר זענט געקומען מיט אַ לייִדיק פּעסל!

— וואָס הייסט מיט אַ לייִדיק פּעסל? — זאָגט גרוינעם — אַ פול פּעסל, ווי אַן אויג, זאָגט איר גאָר דאָס!

— גייט זעט! — רופט זיך אָן איינער — דאָס פּעסל איז לייִדיק ווי אַ פּויק!

— וואָס הייסט ס'איז לייִדיק? — זאָגט גרוינעם און באַטראַכט דאָס פּעסל — לאָז מיינע סאָנים זיין לייִדיק אין בויך און אין די קישקעס!

און גרוינעם קלינגט מיטן פינגער אין פּעסל אַריין, דרייט זיך אַרום פון אַלע זייטן און דערזעט, אַז ס'איז אָן אַ צאַפּן.

— יאָ, ווי איך בין אַ ייִד, אַ לייִדיק פּעסל! — און ער כאַפּט זיך באַם קאָפּ און הויבט אָן צו שעלטן — מע ווייס ניט וועמען:

— אַן אויסלויפעניש! אַן אויסטריקעניש! אַן איינשרומפּעניש! ווען האָט געקענט אַרויס דער צאַפּן, איינגעזונקען זאָל ער ווערן?

— וואַסער! וואַסער! — שרייען די וואָס ראַטעווען פון דער סרייפע — גיכער! טראָגט אַהער די עמערס! דאָס וואַסער!

— וואַסערע עמערס? וואַסער וואַסער? — ענטפערן זיי די לעשערס — איר זעט דאָך, אַז ס'איז נישטאָ קיין טראָפּן וואַסער!

— וואָס הייסט, עס איז ניטאָ קיין וואַסער?

— נישטאָ קיין וואַסער הייסט, אַז ס'איז נישטאָ קיין וואַסער!

— וואו איז אַהינגעקומען דאָס וואַסער?

— אויסגעלאָפן באַ גרוינעמען דאָס גאַנצע פּעסל וואַסער.

פּלוצים לאָזט זיך הערן ווידער אַ מאָל יענער מאָדנער קלונג: באָם! באָם! באָם!!! — און עס ווערט באַלייכט די אַנדערע האַלבע שטאָט.

— נאָך אַ סרייפע! אויף דער נייער שטאָט! — שרייען עטלעכע קוילעס מיטאַמאָל, און דער גאַנצער אוילעם מיט דער כעוורע לעשערס לאָזן זיך לויפן אויף דער נייער שטאָט.

— צוויי סרייפעס אין איין נאַכט — זאָגט גרוינעם צו זיך אַליין — בין איך שוין ניט מעכויעוו! איך האָב אַליין אַ ווייב און קינדער! קיין געצאָלט דערפאַר נעם איך ניט.

— קום, ברודער — זאָגט ער צום פערדל — לאָמיר פאָרן אַהיים.

(פון „אַלט־ניי קאַסרילעווקע").

סאָרקע לייענט „יאַסעלע"

● י. אָפּאַטאָשו

די אַלטע ברײנע איז געזעסן אויף אַ פּוס-בענקל, געשטריקט אַ זאָק און צוגעוואָרפן העלצער אין אויוון אַריין. די ווייסע קאָרע האָט זיך געקאָרטשעט, געקנאַקט, און דער אויוון האָט היימלעך געברענט, געפּלאַצט פון היץ. אַ פלאַם האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט אויף דער שטוב און אָפּגעגאָסן אַלץ מיט אַ קופּערנעם שיין.

מאָרדכע איז געלעגן אויף דער קאַנאַפּע, געפּיפּקעט אַ ציביק, זיך איינגעהערט, ווי סאָרקע, שוין אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף, מיט גאָלדענע פּעדעמלעך אין די בלאַסע באַקן, לייענט דינעזאָנס „יאָסעלע".

סאָרקע האָט געלייענט פּאַמעלעך, אירע בלייכע באַקן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ בלאַסער רויטקייט, די אויגן האָבן געגלאַנצט.

ברײנע האָט זיך איינגעהערט און געטראַכט:

— אַ שוואַרצע גוואורע זיי האָבן דאָס! ווי זיי שרייבן דאָס אַלץ ריכטיק אָפּ! אַ!!?

סאָרקע האָט געלייענט, ווי דער רעבע שלאָגט יאָסעלען, ווי דער קאַנטשיק פאַלט טאָמעד אויף יאָסעלעס דאַרער פּלייצע. זי האָט דער-פילט ווי עס פאַרקלעמט איר אונטערן הערצל און גרויסע דורכזיכטיקע טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן.

ברײנע האָט זיך געווישט די נאָז מיטן פאַרטעך:

— יאָ, יאָ, אַן אָרעם קינד, ס'האָט נישט ווער עס זאָל זיך פאַר אים אָננעמען, שלאָגן אַלע, ווער עס וויל!

סאָרקע האָט אויפגעהערט לייענען, אויסגעווישט די אויגן:

— טאַטעשי, פאַרוואָס איז דער רעבע אַזאַ שלעכטער? וואָס האָט ער געוואָלט פון יאָסעלען? פאַר וואָס האָט ער די רייכע קינדער נישט געשלאָגן? אָ, כ'וואָלט אַזאַ רעבן די אויגן אויסגעדראַפּעט! — האָט סאָרקע אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסטל אין טיש.

— ע, נאַריש קינד, ס'איז דאָך אַ מייסע! און דו נעמסט דיר צום האַרצן! — האָט מאָרדכע געשמייכלט.

— און דאָס טראַכט אַלץ דער שרייבער אויס פון אייגענעם קאָפּ? — האָט סאָרקע זיך געפרעגט.

— דאָס האָט שוין איינמאָל אַ קאָפּ! — האָט די אַלטע אָפּ-געזיפצט.

סאָרקע האָט ווייטער געלייענט.

מאָרדכע האָט עטלעכע מאָל געוואָלט צונעמען דאָס ביכל:

— טישע־באָוו ווילסטו מיר מאַכן, נאַריש קינד? אַ שרייבער טראַכט אוים אַ מייסע, און זי נעמט זיך צום האַרצן! — און בעשאַס מייסע האָט מאָרדכע געפילט ווי טרערן וואָרגן אים אין האַלדז.

סאָרקע האָט געלייענט מיט אַ ציטערדיקער שטימע:

„... יאָסעלע איז געגאַנגען עטלעכע טריט אַליין. באַלד האָבן זיך די פיסלעך אונטערגעבראָכן און ער האָט זיך מיט די לעצטע קויכעס קוים צום פאַרקן צוגעשלעפּט. דאָ האָט ער זיך פאַרגעסן, וואו ער איז. פייערדיקע רעדער האָבן זיך געדרייט אין זיינע אייגעלעך און, דאַכט זיך, אַזוי פינצטער אַרום אים, פונדעסטוועגן זעט ער עפּעס מענטשן, אַזעלכע מאָדנע, הויכע מענטשן, מיט דריי נעזער, מיט פינף נעזער — — מיט אַ סאַך קעפּ... ער שרעקט זיך פאַר זיי, ער ציטערט, זיי ווילן אים איינשלינגען, נאָר אָט, דאַכט זיך, שטייט די מאַמע זיינע, זי וויינט און גלעט אים. זי לייגט אים אין בעט, טוליעט אים, נישטאָ מער קיין מענטשן, די מאַמע אויך נישטאָ...“

דאָ האָט סאָרקע אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ היסטעריש געוויין. מאָרדכע איז אויפגעשפּרונגען, געכאַפּט סאָרקען אויף זיין שוים, זי גענומען באַרואיקן, און טרערן האָבן געקאַפּעט אויף זיין לאַנגער באָרד. ברײנע האָט זיך אַריינגעשאַרט אין קיך מיט פאַרשוואָלענע אויגן. סאָרקע האָט אַרומגעכאַפּט דעם פאָטער מיט דער האַנט אַרום האַלדז:

— טאַטעשי, פאַרוואָס איז דער שרייבער אַזאַ שלעכטער?

— וואָס מיינסטו, סאָרקע?

— כ׳מיין, טאַטעשי, דער שרייבער האָט דאָך געקענט ענדיקן אַנדערש! ווען איך וואָלט אויסגעטראַכט אַזאַ מייסע, וואָלט איך יאָסעלען געמאַכט פאַר אַ גיבער, אויף מיין וואָרט, איך וואָלט זיין טאַטן געזונט געמאַכט און זיין גוטע מאַמע נישט געלאָזט שטאַרבן. גלויבסט נישט? דערנאָך וואָלט יאָסעלע גענומען נעקאָמע פון אַלע, פון אַלע, צומייסטן פון דער גראָבער, רייכער שיינדל! אַזאַ פּאַסקודסטווע!

מאָרדכע האָט געשמייכלט און אויסגעקושט סאָרקען די אויגן.

(פון „אַליין“).



י. ל. פּערעץ

י. ל. (ייצכאָק-לייבוש) פּערעץ איז געבוירן געוואָרן אין זאַמאָשטש, פּוילן, דעם 6טן יאַנואַר, 1851.

אין 1888 יאָר שרייבט פּערעץ זיין גרויסע פּאָעמע „מאָניש״.

אין די ניינציקער יאָרן גיט פּערעץ אַרויס די „יאָנטעוו-בלעטלעך״, אין וועלכע ער האָט געדרוקט אַ סאַך פון זיינע סאָציאַלע דערציילונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער יונגער יידישער אַרבעטער באַוועגונג. פּערעץ פלעגט אויך טיילמאָל אַרויסטרעטן אויף אַרבעטער-מיטינגען. ער האָט אָרגאַניזירט אַ פאָלק-אוניווערזיטעט פאַר אַרבעטער און בכלל זייער פיל געטאָן צו העלפן דערציען די מאַסן.

אין צייט פון דער וועלט-מילכאָמע האָט פּערעץ אַוועקגעגעבן זיין גאַנצע ענערגיע צו העלפן די מילכאָמע-פליכטלינגען, און ספּעציעל (צוזאַמען מיט יאַנקעוו דינעזאָן) צו אָרגאַניזירן קינדער-היימען פאַר די קינדער פון די פליכטלינגען.

טייל פון פּערעצעס באַרימטסטע ווערק: די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״, „כסידיש״, און אַנדערע. טייל פון זיינע באַרימטסטע דראַמעס: „באַנאַכט אויפן אַלטן מאַרק״, „די גאָלדענע קייט״, און אַנדערע.

דעם 7טן אַפּריל, 1915, איז פּערעץ פּלוצלונג געשטאָרבן, בעשאַס ער איז געזעסן באַם שרייבטיש און געשריבן אַ ניי קינדער-לידל פאַר די קינדער-היימען.

באַם פרעמדן כופּע-קלייד

● י. ל. פּערעץ

פּערזאָנען: מאַדאַם, 2 מאָדיסטקעס און האַנט-מיידלעך.

מ א ד א ם.

היינט ווערט געשטעפּט און גענייט,
היינט וועט מען לײדיק ניט זיצן!

טוריי—טוריי—טוריי!

זעט נאָר די גאָזן, די שפּיצן!
זעט, ווי דאָס זיידנס וועט בליצן!

אַ שלעפּע וועט זיין גאָר אַ מוירע!
אוואַדע צען איילן די שלעפּ!

היינט נאָך — בריליאַנטענע קנעפּ!
זעט — מען געטרויט אַזאַ סכוירע!

האנט־מיידלעך

אָט האָט איר אַ וואונדער,
כ׳לעבן, קיין שפּאַס!
צי הייסט דען נישט „פּאווע" —
יאָ פּאווע — די גאַס,

וואו ס׳שטייט זיך אַ מויער
גאַנץ געלבלעך און בלייך,
דאָך פעסט ווי אַ פעלדז
דריי שטאָק אין דער הייך!

די פענצטער — אין אייזן,
די טויערן — פאַרמאַכט...
עס גייט נאָר אַ זעלנער
אַרום אויף דער וואַך!

איי! דאָרט צו וואוינען
איז טרויעריק און באַנג!
עס שלאָגט דורך די מויערן
דאָס קייטן־געקלאַנג...

עס קלינגט אַזוי טרויעריק
דין־דאָן און דין־דאָם!
אָ, רירט נישט דאָס זיידנס,
ניט טשעפּעט, מאַדאַם!

די צווייטע מאָדיסטקע.

בלאַס איז דאָס זיידנציייג, פּונקט ווי מיין פּענעמל,
דורכזיכטיק־דין, ווי מיין הויט...
רירט מען עס, קרעכצט עס „אוי!", פּונקט מיינעביינדעלעך — — —
דאָס הייסט אַ גליקלעכע מויד!

היינט וועלן קומען בריליאַנטענע קנעפּלעך,
גרויסע, ווי אָרעמע טרערן!
נו, אייל זיך, רעדעלע, אייל זיך, טרעקאַטשע,
כ׳זאָל מיינע ביינדלעך נישט הערן!

טראַך, טראַך, טראַך,ביינדעלע! טור, טור, טור, רעדעלע!
שלאָגט מיר דאָך גלייך מיטן זייגער...
טראַך, טראַך, טראַך, ביינדעלע! טור, טור, טור, רעדעלע!
ווען וועלן מיר רוען א שטייגער?

האַנט־מיידלעך

עס איז פאַראַן אַ שטיבעלע
אויף אַ שטילער גאַס!
ס'האָט קיין טיר, קיין פענצטערל —
אייביק שטיל און נאַס!

כאָטש מען צאָלט קיין דירה־געלט,
וואַרפט מען נישט אַרויס!
דאָרטן רוען אויף אייביק שוין
די ביינדעלעך זיך אויס!

פון קיין שטעפּן וויים מען נישט,
עס ווערט שוין נישט גענייט.
צום שטיבעלע קומט איטלעכער
אויף אייביק שוין באַקליידט!

מאַדאַם.

שטילער, שטילער, שטילער,
שטיל איין אויגנבליק!
טוריי—טוריי—טוריי!
אָט דאָס הייסט מוזיק!

וואָס האָט איר פון די לידער?
דריקעניש, נישט מער!
עס ציטערן די ברעמען,
אָט, אָט פאַלט אַ טרער...

און אַז טרערן פאַלן
פון דער שווערער נויט
אויף די ווייסע קליידער,
ווערט אַ פלעק אויף טויט.

טוריי—טוריי—טוריי!
אַט דאָס הייסט מוזיק!
האָט איר ניט קיין אייגנס,
זינגט פון פרעמדן גליק!

די ערשטע מאַדיסטקע.

אַמאָל איז געווען, נאָר וואו? מינאַסטאַם
דאָרט ערגעץ אין בויבעריק, אויף יענער זייט יאַם!
נאָר — צי איז געווען? איר פרעגט נאָך, איר קלערט?
איך האָב עס אַליין פון מיין באָבען געהערט!

די מאַמע איז געשטאָרבן — דער טאַטע ז'אוועק;
די טרויעריקע ווינטער־נאַכט האָט גאָר קיין עק!
די פענצטער — פאַרקאָוועט, די טיר איז פאַרשנייט,
און ס'רייסט זיך דער ווינט, ווי אַ הונט אויף דער קייט!

הורורו — הורורו — וואָיעט און קלאָגט.
דאָס האַרץ איז דערשראָקן, עס ציטערט, עס נאָגט...
„באָבע!" — זי הערט נישט, נאָר „דיאַם־דיאַם־דיאַם!"
די טויבע דערציילט מיר פון יענער זייט יאַם!

אַלע (באָר).

געגוג שוין האַקדאַמעס,
נישט פלוידער, נישט קוועל;
פאַרגעס אין דער באָבען,
די מייסע פאַרצייל!

די ערשטע מאַדיסטקע.

אויף יענער זייט יאַם איז געשטאַנען אַמאָל
אויף הינערשע פיסלעך אַ הייזל אין טאָל.
געשטאַנען זיך פראָסט, אָן אַזעס, אָן שטאָלץ,
אָן פוצעכץ, אָן צירונג — פון ליים און פון האָלץ.
אַ פענצטער אַ קליינטשיקס, נאָר ביינעוודיק האָלט;
די זון — זי באַשיט עס מיט טאָג־טעגלעך מיט גאָלד!
לעוואָנע און שטערן
פאַרהאַלטן זיך גערן
און מאָלן מיט זילבער די שויבן!

דאָס האָט דער הימל די ליבע באַלוינט!
עס האָבן אין הייזל צוויי ברידער געוואוינט.
עס האַלטן צוויי הערצער צוזאַמען געטריי;
שווער איז די אַרבעט, נאָר ס׳אַרבעט זיך פריי!
ווייס איז דאָס מעבל, מיט קלייען דאָס ברויט,
נאָר אַלץ איז בעשותפעס — די פרייד און די נויט!
עס האָט זיך געלעבט,
די צייט האָט געוועבט
איר לאַנגן, איר קאָשערן פאָדעם!

נאָר איינמאָל באַווייזט זיך אַ גאַסט אויף דער שוועל,
פול גינגאָלד, שמאַראַגדן, עס פינקלט זיין פעל:
די שלאַנג איז געקומען מיט גלאַנץ און מיט פראַכט!
דער עלטערער ברודער דערזעט זי און טראַכט:
עס איז אויף דער וועלט דאָך אַשירעס פאַראַן!
ווען איך האָב אַ שמאַראַגד, איך, אָרעמער מאַן,
כ׳פאַרקויף אים, וואָס ניט?
כ׳וואָלט אויפן יאַריד
געקויפט מיר צו מעלקן אַ קו!

די שלאַנגען — זיי וויסן וואָס ס׳טראַכט זיך בא לייט,
זי ווינקט אים און רופט אים אַוועק אין אַ זייט
און זאָגט אים: „איי, ברודער! וואָלסטו נאָר געוואָלט,
וואָלסטו געהאַט שוין פול פעסער מיט גאָלד,
קרעלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן אַ וועלט
און אַלץ, וואָס מען קאָן נאָר באַקומען פאַר געלט!
איך מאַך נישט קיין שפּאָט,
איך ווייס שוין דעם סאָד,
איך קאָן דיר אים זאָגן אין וואַלד!"

די שלאַנג איז אַוועק, און דער יינגערער קלערט:
„ווי גאָט האָט זיך יעדן זיין שיינקייט באַשערט!
גיי, פרעג אים: דער גלאַנץ און די שיינקייט וואָס טויג?"
באַם עלטערן פלאַמט שוין די טייוועס אין אויג:
קרעלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן — אַך, גאָט!
ער קוקט אויפן וואַלד,
און גאַנוועט זיך באַלד
פון ב ר ו ד ע ר אַרויס צו דער ש ל אַ נ ג!

די זון גייט שוין אונטער, פאַרגאָלדט נאָך די זוים
פון וואָלקן אין הימל; און אונטער אַ בוים

זיצן שויןביידע — דער מענטש און די שלאַנג;
זיי זיצן צוזאַמען און שמועסן שוין לאַנג.
ער ציטערט און וויסט נישט — פאַר פרייד, צי פאַר שרעק?
זי וויקלט דאָס האַרץ אים אַרום מיטן עק
און רעדט פון דיאַמאַנטן,
קרעלן, בריליאַנטן:
„אַלץ וועסטו האָבן גאָר גרינג!"

„באַטראַכט נאָר דיין ברודער: דאָס איז אַ פאַבריק
פון קרעלן, בריליאַנטן, דיאַמאַנטן און גליק!
עס טרעפט זיך, ער אַרבעט, און וואונדערלעך הייס
ווערט אים, דער שטערן באַדעקט זיך מיט שווייס.
עס טריפן די טראָפּן... ער ווישט מיט דער האַנט.
לאָז נישט! דער טראָפּן דאָס איז אַ דיאַמאַנט!
נאָר אַרבעטן הייס!
קלויב אויף דעם שווייס!
שיטסטו אָן פעסער דיאַמאַנטן!"

„עס טרעפט — און אים פאַלט פון די ברעמען אַ טרער;
דו, שויטע, דו מיינסט, עס איז וואַסער, נישט מער,
און טרייסט אים, און האַלדזסט אים; דו האַלסט עס נישט אויס
און קושסט אים די טרערן פון ד'אויגן אַרויס!
פאַרשווענדסט דיין פאַרמעגן, דו נאַרישער קאָפּ!
לאָז וויינען, לאָז וויינען! און קלויב יעדן טראָפּ!
אַ טראָפּ, האָב פאַרשטאַנד,
דאָס איז אַ בריליאַנט!
רייך וועסטו זיין ווי אַ קעניג!"

„דערנאָך — האָט דיין ברודער אַן איידעלע פעל:
אַ שטאָך מיט אַ נאָדל — דו האָסט שוין אַ קרעל!
בלוט — זאָגסטו — איז עס, בלוט — זאָגסטו — אַ קאַפּ.
דו נאַר! עס איז קרעלן, דו צאַפּ נאָר און צאַפּ!
זאָל ער נאָר בלוטן און בלוטן נישט קאַרג!
אָנשיטן וועסטו שוין קרעלן אַ באַרג!
דו האָסט אַ פאַבריק
און מאַך דיר דיין גליק;
ביסט ש ט אַ ר ק ע ר און ו ו י י ס ט שוין דעם סאָד!"

די ליפּן פאַרביסן, די פויסטן געבײַלט,
גייט שוין דער עלטערער ברודער פון וואַלד.

די אויגן — זיי ברענען און זוימען זיך שוואַרץ;
דאָך צאַפּלט די ליבע צום ברודער אין האַרץ.
ער טרייסט זיך: „איך וועל דאָך נאָר מאַכן אַ פּרואוו,
אַ שטאָך וועל איך געבן אַ קליינעם, נישט טיף.
מיין ברודער? איך ווייס!
נאָר טרערן און שווייס —
הערסטו דאָך — זיינען בריליאַנטן!"

:: :: ::

עס הערט די לעוואָנע נאָך די אייגענע נאַכט,
ווי ס'האָט אינעם שטיבל געוויינט און געלאַכט.
עס קוקן די שטערן אין פענצטער אַריין:
ווי לאַכט עס אַ ברודער באַם ברודערס געוויין?!
די זון האָט צומאָרגנס געוואונדערט זיך שטאַרק:
ווי שלאָגט עס אַ ברודער דעם צווייטן אין קאַרק?
עס וואונדערט צוגלייך
דעם וואַלד און דעם טייך:
וואָס איז עס אין שטיבל געשען?

:: :: ::

און עס איז געקומען אויף ביידע גאָטס שטראָף!
דאָס גליק איז פאַרשוואונדן, עס וועקט זיי דער שלאָף;
אוועק איז די ליבע, דער פרידן אוועק! —
דער שלאָפט נישט פאַר ווייטיק, דער צווייטער — פאַר שרעק.
דער שרייט: ס'איז מיין אַשירעס, מיין רייכטום, מיין גוט!
און יענער: ס'איז טרערן, מיין שווייס און מיין בלוט!
דיאַם, דיאַם, דיאַם, דיאַם!
אויף יענער זייט יאַם
רייסט מען זיך שוין באַ די האָר!

אַ ל ע

מען שלאָגט זיך, מען רייסט זיך,
טראַך־טראַך, טראַך־טראַך! —
נאָר וואָס איז געוועזן
דער סאָף פון דער זאַך?

דער סאָף פון די ברידער
פון שרעקלעכן הויז?

פאַרצייל שוין און צי נישט
די הערצער אַרוים!

די ערשטע מאַדיסטקע.

אוי, ס'איז געוועזן אַ שרעקלעכע נאַכט!
איך ליג בײַ דער באָבען אין שוים און איך טראַכט:
„וואָס לייגט זיך דער שאָטן אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט?
וואָס רייסט זיך דער ווינט, ווי אַ הונט אויף דער קייט?
וואָס ברעכן די מויערן, וואָס רייסט זיך דער דאַך?
צי הער איך די באָבען, צי בין איך נאָך וואַך?"

איך ליג בײַ דער באָבען אין שוים און איך טראַכט:
„צי זע איך אין כאָלעם די שרעקלעכע נאַכט?
צי הער איך אַ מייסע? צי בין איך דען וואַך?
וואו ברעכן די מויערן? וואו רייסט זיך דער דאַך?
וואו רייסט זיך דאָס הייזל אַוועק פון זיין אָרט?
הורורו — הורורו — דאָ אָדער דאָרט?"
שטענדיק געקלערט
און קיינמאָל געהערט
דעם סאָף פון דער שרעקלעכער זאַך!

אַלע אויסער מאַדאַם.

דער זייגער שלאָגט, איי, צען שוין שלאָגט!
געענדיקט שוין די מי!
אַהיים, ווער נאָר אַ היים פאַרמאָגט,
אַהיים ביז אין דער פרי!

אין בעט אַריין, אַ בעט ווער ס'האָט,
נאָר שלאָפן גייט, געדענקט אָן גאָט!
שלאָפן דאַרף די נויט!
שלאָפן איז אַ פיין געשעפט:
מען רוט זיך אויס! און טייל מאָל טרעפט,
עס כאָלעמט זיך — אַ ברויט!

אַך, צענע שלאָגט! צום עק די מי!
גוט-נאַכט, מאַדאַם!

מאַדאַם.

קומט מאָרגן פרי!

מאָטקע

ש. אַש ●

א. מאָטקע וויל ניט זויגן די שמאַטקע

אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג, אין אַ זונען־טאָג איז מאָטקע געלעגן אין אַלטן קויש. דער מאַמעס אַן אַלט טוך, אויסגעגנוצעוועט פון ווינט און רעגן, האָט מאָטקעס יונג לייבל אַרומגעהילט. דאָס מיילעכל זיינס איז געווען פאַרשטאָפּט מיט אַ שטיקל נאָס לייוונט, אין וועלכן עס איז געווען איינגעבונדן אַ שטיקעלע צוקער, און מאָטקע האָט דערפון אָן אויפהער גענאָגט, געזויגן. די ענערגישע אָדערן באַ דעם קינדערשן מיילעכל האָבן זיך צונויפגעצויגן אַרום דעם שטיקל לייוונט און געזויגן דערפון דעם „כיעס".

זיינע שוואַרצע אייגעלעך זיינען האַלב געווען פאַרשלאָסן, דאָך געשלאָפן איז מאָטקע ניט. פון צייט צו צייט איז ער אַרוים מיט אַ קווימש, מיט אַ געוויין און געשריען אַזוי לאַנג, ביז דאָס קליינע שוועסטערל, וואָס איז טיילמאָל געזעסן לעבן אים און טיילמאָל זיך געשפּילט מיט די קינדער אין געסל, איז צוגעקומען צום וויגל און מאָטקען צוריק אַריינגעשטעקט דאָס שטיקל לייוונט אין מויל אַריין.

אַמאָל פלעגט דער אַלטער רעב מייער זיך אויפהויבן פון זיין אָרט באַ די פענצטערלעך, צוקומען צום קויש און אַריינשטעקן אים דאָס הענטל אין מיילעכל אַריין, און מאָטקע האָט זיך ווידער גענומען נאָגן, זויגן פון די הענטלעך אָדער פון שטיקל לייוונט, אַקוראַט ווי מען וואָלט אים אַ קוואַל פון מילך צום מויל צוגעלייגט. באַלד אָבער איז ער אַרוים מיט אַזאַ געוואַלד, מיט אַזאַ געשריי, אַז דער גאַנצער קעלער האָט זיך אויפגעשטעלט קאַפּויער. מאָטקע האָט דערפילט, אַז עפּעס איז געשען. צוערשט האָט דער קעלער געשוויגן. דער קעלער האָט זיך רואיק פאַרהאַלטן צו מאָטקעס געשרייען, ווייל מ'איז דאָרט געוואוינט געווען, אַז קינדער זאָלן וויינען און שרייען, און דאָס האָט אויף קיינעם קיין איינדרוק ניט געמאַכט. אָבער מאָטקע איז געווען אַן אויסנאַם. מאָטקע האָט געלאָזט הערן דער וועלט, אַז עס איז אים געשען אַן אומרעכט. מאָטקעס גוואַלדן האָבן קיין ענדע ניט גענומען.

דער אַלטער מייער איז אַרוים אין געסל אויפזוכן הינדעלען,

מאַטקעס עלטערע שוועסטערל, ווען די מאַמע האָט אָנפּאַרטרויט מאַטקעס דערציאונג.

הינדעלע איז אינגאַנצן אַלט געווען אַכט-ניין יאָר. זינט זי איז פיר יאָר אַלט געוואָרן, ניאַנטשעט זי די קינדער. ווען די מאַמע גייט אַוועק אין די הייזער אַלס אַן אַם, לאָזט זי דאָס קליינע קינד אויף הינדעלעס הענט, אַז זי זאָל עס אויפציען מיטן פּלעשל און מיט דער שמאַטקע. הינדעלע איז אָבער נאָך אַליין געווען אַ קינד, און אַכוץ דעם, דאַרף זי זיך אַליין דערנערן: פאַר רעשטלעך ברויט, כאַלע, פליייש, וואָס זיינען איבעריק אין אַ באַלעבאַטישער שטוב—אַ שליכעס גיין, געפעס וואַשן אָדער אַזוי עפּעס פאַלגן. לאַנג האָט זי דער אַלטער מייער געזוכט אין געסל ביז ער האָט זי געפונען בא בלימעלען דער שניידערקע, וואו זי האָט דאָס געפעס געוואַשן פאַר אַ שטיקל ברויט מיט אַ טעפּל באָרשטש.

הינדעלע האָט איבערגעלאָזט בלימעלעס געפעס און איז אַהיים געלאָפן. זי האָט געפּרואווט דאָס קינד באַרואיקן מיט די אַלטע באַ-קענטע מיטלען, וועלכע זי האָט אָנגעווענדט דורך דער לאַנגער צייט פון איר אַלטער פּראַקטיק בא קינדער-דערציען: דאָס הענטל אין מויל אַריין, דאָס שטיקל שמאַטקע מיט צוקער, און צום סאָף דאָס ראַדיקאַלסטע מיטל — דאָס פלעשעלע וואַסער מיט מילך, צונויפ-געגאָסן פון דעם, וואָס איז איבערגעבליבן אין די טעפּלעך אין קיך. אַז דאָס פלעשעלע האָט אָבער אויך ניט געהאָלפן, און מאַטקע האָט גאָרניט געפּרואווט נעמען אין מויל אַריין, נאָר אַראָפּגעוואָרפן פון זיך מיט ביידע פיסלעך דער מאַמעס טוך און געשריען, אַז דער באַלקן האָט זיך געשפּאָלטן, איז הינדעלע געבליבן אַ דערשראָקענע. זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זי האָט אים גענומען אויף די הענט; זי האָט אים געוויגט; זי האָט געזונגען וויג-לידלעך — דאָס קינד האַלט אין איין שרייען. האָט זי אויך אָנגעהויבן צו שרייען און צו וויינען אינאיינעם מיטן קינד. עס זעט אויס, אַז זי האָט זיך אויף אַ מינוט פאַרגעסן און געמיינט, אַז זי איז נאָך אויך אַ קינד און האָט אויך דאָס רעכט צו וויינען. אָבער דער אַלטער מייער האָט איר באַלד דערמאָנט, ווער זי איז אַזעלכע.

— וואָס שטייסטו ווי אַ גוילעם און שרייסט? הינדעלע, וואָס טוט זיך מיט דיר? ביסט דאָך עפּעס אַ דערוואַקסן מיידל! די מאַמע

וועט דיך דאָך הארגענען... וואָס האָסטו דיך גאָר אַוועקגעשטעלט שרייען?

— איך ווייס ניט וואָס איך זאָל טאָן. דאָס קינד וויל ניט דאָס פלעשל — האָט הינדעלע געהאַלטן אין איין כליפּען.

— גיי נאָך דער מאַמען; דאָס קינד איז קראַנק — זאָגט דער אַלטער רעב מייער.

הינדעלע האָט עפּעס מוירע געהאַט צו רופן די מאַמע צום קינד: זי האָט שוין געוואוסט, אַז די מאַמע איז פאַרקויפט פאַר אַ צווייט קינד. נאָר דאָך האָט זי געפאָלגט דעם אַלטן רעב מייער, געכאַפּט אַ טיכל און געלאָפן צו דער זשאַבלינערין נאָך דער מאַמען.

לאַנג איז הינדעלע געשטאַנען אין קיך און געוואַרט אויף דער מאַמען. מע האָט זי ניט צוגעלאָזט — די מאַמע האָט פּונקט געזויגן דאָס קינד, דער זשאַבלינערינס אייניקל — אַ מיידעלע אין מאַטקעס יאָרן.

אַז די מאַמע איז אַרויסגעקומען פון שלאָפצימער מיט דער ווייסער הויב אויפן קאָפּ, אָנגעטאָן אין אַ ריין ווייס קאַפּטנדל מיט אַ ריינער ווייסער שירץ, האָט הינדעלע פאַר דער מאַמען מוירע געקראָגן און דערעכערעץ געהאַט, און געשעמט זיך צו זאָגן, נאָך וואָס זי איז געקומען.

— וואָס איז געשען? — פרעגט זלאַטקע אַ דערשראָקענע.

אַ מינוט האָט הינדעלע געשוויגן. באַלד איז זי אַרוים מיט אַ געוויין, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן מיטן געוויין, אַז זי איז ניט שולדיק:

— דאָס קינד וויינט, עס וויל ניט נעמען דאָס פלעשעלע, עס איז קראַנק, מאַמע.

אַז זלאַטקע האָט דערהערט, אַז איר קינד איז קראַנק, האָט זי פאַרגעסן, אַז זי איז אַ פאַרקויפטע, געכאַפּט דאָס טוך איבערן קאָפּ און געלאָפן אַהיים.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט שוין מאַטקע מיט זיין ענערגיש מיילעכל געצויגן דער מאַמעס ברוסט, אין זיך קוואַלן פון לעבן אַריינגעזויגן.

אָבער לאַנג איז מאַטקען דאָס גליק ניט באַשערט געווען. אין קעלער האָט זיך באַלד געוויזן די אַלטע זשאַבלינערין, אין איר רייך

באַפּוצטער הויב מיט בענדער, מיט דער גאָלדענער קייט אויפן פעטן האַלדז. זי האָט מיט אַ פרום מינעלע, פאַרגלאָצנדיק די קליינע, קורצזיכטיקע אויגן, מיט אַ פעטן שמייכעלע אויף די שמאַלצעדיקע ליפּן זיך געווענדט צו זלאַטקען:

— וואָס איז דעם קינד? ער איז ניט געזונט?

און זי איז נעענטער צוגעגאַנגען און געטאַפּט מאַטקעס בייכעלע מיט אירע פעטע קורצע פינגער:

— וואָס איז אים? ער איז קראַנק? — האָט זי איבערגעכאַזערט די פראַגע מיט איר פעטן געלעכטערל.

זלאַטקע איז פאַרשעמט געוואָרן פאַר דער אַלטער נעגידעסטע און געענטפערט, ווי זי וואָלט זיך וועלן פאַרענטפערן:

— עס איז אַ קינד, עס קאָן זיך ניט צוגעוואוינען צום פלעשל.

די אַלטע זשאַבלינערין האָט אַרויסגענומען קליין־געלט און צעטיילט צווישן זלאַטקעס קינדערלעך, וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן פון אַלע עקן גאַס, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז די מאַמע איז געקומען. הינדעלען האָט זי געגעבן גאַנצע פינף קאָפּיקעס און געזאָגט צו איר:

— קום אַמאָל מיטן קינד אַהין צו דער מאַמען. ס'שאַדט ניט, קום אין קיך אַריין. די דינסט וועט דיר עפּעס געבן.

מאַטקע קריגט ציין

שלעכט איז געוועזן מאַטקען ווען ער איז געלעגן אין קויש און געמוזט וואַרטן ביז דאָס שוועסטערל אָדער דער אַלטער רעב מייער וועט געדענקען און אים צוטראָגן דאָס פלעשעלע.

ער האָט געמוזט יעדעס מאָל דערמאָנען מיט זיין שרייען, אַז ער לעבט און באַדאַרף זיין כאַיונע. קוים אָבער האָט זיך מאַטקע אַרויסגעקראָגן פון קויש און געקאָנט אַליין קריכן אויף אַלע פיר, האָט ער שוין באַזאָרגט אַליין זיין כאַיונע.

ער האָט אָנגעהויבן צו עסן אַלץ, וואָס ער האָט געפונען אונטער זיין האַנט: פון שטיקלעך איבערגעבליבענע ברויט ביז אַן אַלטן שוך, אַ קויש, אַ זאַק — אַלץ האָט ער געגעסן, וואָס האָט זיך געפונען אין קעלער.

דאָס איז אַלץ געוועזן, ווען דער ווינטער האָט געהערשט אין

דער בלינדער
פידלער

מ. שאַגאַל

דרויסן און מאַטקע איז געווען אַנגעוויזן אויפֿן בלויזן קעלער. אָבער באַלד איז פֿרילינג געוואָרן. די זון האָט גענומען אַריינקומען אין קעלער אַריין, געשטעלט זיך אויף די טרעפּלעך און אַריינגעקוקט מיט איר שיין אין שטיבל אַריין. אין קעלער האָט מען זיך אָנגעהויבן צו ריכטן אויף פּייסעך. זלאַטקע האָט אָנגעהויבן אַרויסשטעלן פֿון קעלער באַלעבאַטישקייט אין גאַס אַריין, אָפּשייערן און אָפּרייניקן אויף פּייסעך. צוזאַמען מיט די אַלטע שטוב-זאַכן פֿון קעלער האָט אויך מאַטקע געוואַגט אויף אַלע פֿיר צום ערשטן מאָל זיך אַרויסרוטשן פֿון קעלער אַרויס. ער איז אויף די טרעפּלעך אַרויף און אַרויסגעקוקט אין גאַס אַריין.

אַ פּאָר מינוט איז ער נאָך געשטאַנען אויף די טרעפּלעך, די זון האָט אים געוואַרעמט, און אים איז גוט געווען.

אין געסל האָבן זיך געשפּילט קליינע קינדער. ווייבער האָבן געוואַשן, געריייניקט די טישן מיט די בענק און דאָס ווייסע געהילץ אויף פּייסעך. אין פֿיל שטיבער האָט מען געווייסט אויף יאָנטעוו, און דאָס באַלעבאַטישקייט מיט די קינדערלעך זיינען געווען אויף דער גאַס. ער

איז געקראָכן צווישן די אָנגעשטעלטע זאַכן, צווישן די קינדער. אָפּט־מאָל האָט מען אים אָנגעטראָטן. ער איז אומעטום געווען. ער האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די פיס און אומעטום דאָס נעזל אַריינגעשטעלט.

באַלד דערזעט ער: אויף דער שוועל פון אַ הויז זיצט אַ קליין מיידעלע און האַלט אַ טעלערל אין האַנט און עסט געשמאַק די קליסקעלעך מיט מילך פון טעלערל אַרויס.

מאַטקען האָט עס אָנגעשמעקט. ער האָט זיך אויף אַלע פיר צוגערוקט צו דער שוועל, אויף וועלכער דאָס מיידעלע איז געזעסן.

אַ מינוט האָט ער נאָך נאָכגעקלערט און געקוקט מיט קינע אויף דעם מיידעלע, וואָס עסט די קליסקעלעך. באַלד אָבער רוקט ער זיך אַליין צו צום טעלערל און שטעקט אַריין דאָס נעזל און הויבט אָן מיטצולעקן פון טעלערל, ווי אַ הינטל.

דאָס מיידל קוקט אים צוערשט אָן פאַרוואונדערט, פאַרשטייט ניט וואָס ער טוט. באַלד פאַנגט זי אָן וויינען. די מוטער קומט אַרויס פון שטיבל און דערזעט, ווי מאַטקע לעקט זיך רואיק פון איר קינדס טעלערל אַרויס, און איר קינד זיצט מיט דעם לעפל אין האַנט און וויינט.

פאַלט זי אַרויס מיט אַ געשריי:

— ווער איז דאָס? וועמעס איז דאָס? אַוועק פון דאַנען!

מאַטקע לאָזט זיך ניט אָפּשרעקן פון געשרייען, און לאָזט ניט פריער אָפּ דאָס טעלערל ביז די יידענע רייסט עס ניט אַרויס מיט גוואַלד.

— אַ בייזע נאַכט אויף מיינע סאָנימס קעפּ! וועמעס איז דאָס?

— עס איז דאָך זלאַטקעס, דער יינגסטער — זאָגט אַ שכיינע, וואָס איז אויף די גוואַלדן פון שטיבל אַרויסגעקומען.

— אַוועק פון דאַנען! — שאַרט אים די יידענע אָפּ.

מאַטקע האָט זיך אַוועקגערוקט פון דער שוועל.

די זון האָט געשיינט אין געסל. ס'איז וואַרעם און גוט געווען, האָט ער געפּרוואווט ווייטער זיך רוטשן אויף אַלע פיר.

אויף אַ צווייטער שוועל האָט ער אָנגעטראָפן קליינע קינדער, פון זיין גרויס, זיצן צווישן אַרויסגעשטעלטע זאַכן, בעטגעוואַנט און האַלטן בייגל מיט פוטער אין דער האַנט. איינס פון זיי, גאָר אַ יונגס,

לאָזט אַרום דעם בייגל פון דער האַנט און וויינט.
קיינער פאַרנעמט ניט דעם קינדס וויינען.

אַ מינוט איז מאַטקע ווידער געשטאַנען און אָנגעקוקט מיט פאַר־וואונדערונג די קינדער, דערנאָך האָט ער גאַנץ רואיק דעם בייגל אויפגעהויבן פון דער ערד און אָנגעהויבן עסן.

אַז דאָס וויינענדיקע קינד האָט דערזען, אַז מאַטקע עסט זיין בייגל, איז עס אַרום מיט אַזאַ ליאַרעם, מיט אַזאַ געשריי, אַז מע האָט געמיינט, עס ברענט.

אויף דער שוועל האָט זיך באַלד געוויזן דעם קינדס מאַמע. מאַטקע האָט אָבער דאָס מאָל אָנגעטראָפן אויף שפּרינצעלען די נייטערקע. דאָס איז אַ יידענע מיט אַ געשליפן מיילעכל, און אַז עס געשעט אַן אַוולע, דערהערט מען עס שוין אין גאַנצן געסל. זי האָט אָנ־גענומען מאַטקען באַם הענטל און צוריק געבראַכט אין קעלער און אָנגעהויבן צו שרייען, וואַרפנדיק מאַטקען אין קעלער אַריין:

— האַלט אייך אים דאָרט! אַרויסגעשיקט אַ רויבער אין גאַס אַריין, קינדער צו באַפאַלן אין מיטן העלן טאָג.

זלאַטקע האָט אַרויסגענומען מאַטקען פון שפּרינצעס הענט.

— וואָס שרייט זי אַזוי אויפן קינד? נאַ זע, דאָס קינד ציטערט דאָך אינגאַנצן. וואָס האָט ער געטאָן אַזעלכעס? — און האָט אים אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל לעבן זיך.

נאָר קוים איז דורכגעגאַנגען אַ פּאָר מינוט און די מאַמע איז געווען פאַרנומען, איז שוין מאַטקע ווידער געווען אויף אַלע פיר אין געסל.

ער האָט דערשמעקט וואו זיין כאַיונע איז. פון דעמאָלט אָן זוכט מאַטקע זיין פּאַרנאָסע אין געסל. אַלץ איז פאַר אים גוט געווען. וואָס ער האָט געפונען, דאָס האָט ער גענומען. זיך אַריינגעגליטשט אין אָפענע טירן, געפונען עסן אויפן טיש — אָפּגעגעסן; דערזען אַ קינד אין געסל מיט אַ בייגל — אַוועקגעכאַפּט און אויפגעגעסן. איז גע־שטאַנען אַ יידענע מיט אַ קויש עפּל אין גאַס — צוגערוקט זיך צום קויש און אַרויסגעגעסן.

ניט איין כאַרפּע איז זלאַטקע אויסגעשטאַנען צוליב אים, ניט איין יידענע האָט אים געבראַכט צוריק צו שלעפּן באַ די אויערן אין קעלער אַריין.

(פון „מאַטקע גאַנעוו").

וויג-ליד

שלאָף, מיין קינד, שלאָף קעסיידער,
זינגען וועל איך דיר אַ ליד
אַז דו, מיין קינד, וועסט עלטער ווערן,
וועסטו וויסן אַן אונטערשיד.

אַז דו, מיין קינד, וועסט עלטער ווערן,
וועסטו ווערן מיט לייטן גליך,
דעמאָלט וועסטו געוואויר ווערן,
וואָס הייסט אָרעם און וואָס הייסט רייך.

די טייערסטע פּאַלאַצן, די רייכסטע הייזער—
דאָס אַלץ מאַכט דער אָרעמאַן;
נאָר ווייסטו, ווער עס טוט אין זיי וואוינען?
גאָר ניט דער, נאָר דער רייכער מאַן.

דער אָרעמאַן, ער וואוינט אין קעלער,
דאָס וואַסער רינט אים פון די ווענט,
דערפון באַקומט ער רעמאַטעס-פעלער
אין די פיס און אין די הענט.

(פאָלקליד)

פורים-שפיל

מוישע נאַדיר

דאָס פורים-שפיל איז געווען אַ גרויס דערקוויקעניש אין שטעטל עס איז געווען ווי אַ שאָטן פון אַ גייענדיקער זון אויף אַ באַרג.

פאַר פורים האָט זיך די בלאָטע געטריקנט... די וואַרעמע זון האָט קליינע סטעזשקעס אויסגעקושט. די שייבלעך פונעם לאַמטערן, וועלכער איז געשטאַנען פאַר דער שול, אויף אַ שוואַרצן סטויב, זיינען געוואָרן אויסגעפוצט און האָבן אַנטקעגנגעשפילט דעם הימל אַ „סקאָצל קומט".

דער פרילינג איז אָנגעקומען און אויסגעהיילט די געפּלאַצטע אייז-וואונדן אויף די קליינע זומפּ-וואַסערלעך, אויסגעקושט די פענצטער-אויגן פון די בלינדע שטיבלעך, זיי געגלעט מיט אַ ליכטיקער

האַנט, און אַ גרויסע האָפענונג איז געריטן אויף אַ פערד, וואָס האָט געהאַט זילבערנע פּאָדקאָוועס...

די פּורים-שפּילער לערנען זיך דאָס שפּיל — טאַקע בײַ יאָשע שניידער אין װערקשטאַט. מ'טוט זיך אָן די פּאַפּירענע קרוינען און מ'האַלט די הילצערנע שווערדלעך בײַ דער זייט, און מ'פּלאַמט און מ'היצט זיך.

זאַנוול, דער יונג וואָס איז נאָך אויף דער לערע, איז האָמען. ער טראָגט אַ „קראַפּ" מיט דריי שפּיצן, האָט הויכע וואָנצעס און ער איז קעסיידער בייז און שלעכט... לייבטשע איז „מאָנדעכיי" מיט אַ נאַטירלעכן הויקער און ער רעדט צווישן די ציין. דער לאַנגער בעניע איז עסטער המלכה און ער שטופּט זיך אָן מיט קישעלעך און טראָגט אַ שייטל... מיין שוועסטערקינד כייעם-אַבל איז קעניג אַכאַש-ווײַרעש, אויך זייער אַ בייזער, אָבער אַזוי ווי ער רעדט אַ ביסל אונטער דער נאָז און פאַרבייט אַ „מעם" פאַר אַ „בייז" — קומט אויס, אַז ער איז גאָרנישט אַזאַ שלעכטער, ווי מען מיינט. איך אַליין האָב זיך קוים איינגעבעטן מען זאָל מיך אַריינגעמען צווישן דער כעוורע — כ'זאָל שפּילן דעם „לאַופער". מען לערנט מיך, אַז ווען קעניגין וואַשטי וועט זינגען:

„אָך לאַופער, לאַופער,
דו געטרייער, דו געטרייסטער דינער דו מיין!
אַך, לאַופען זאָלסט דו צום פאָטער קעניג אין זיין זאָל היניין,
אַך, זאָגן זאָלסטו אים ער זאָל יאָ זאָ דום ניכט זיין,
אַך, נאַקונט און נאַקונט וועל איך ניכט קומען אַריינצוגיין."
טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ!

זאָל איך אַרויסציען די שווערד פון דער שייד און ענטפערן:

וויוואַט, וויוואַט, וויוואַט!
אָט דאָס איז אַקוראַט!"

דערנאָך וועט קעניגין וואַשטי געבן אַ פאַל אַוועק און מאָנדעכיי וועט זינגען:

„כאַפּטס, כאַפּטס, גוטע ברידערלעך,
עסיק און שפּיריטלעך

און רייבט דער מאַלקע די גלידערלעך,
און וואָס איר וועט זי בעסער רייבן —
עפּשער וועט זי לעבן בלייבן..."

שפּעטער וועט מען פירן וואַשטין צום טויט, וועלן אַלע שטיין מיט די בלויזע שווערדן אַרום איר און זי וועט זינגען:

„קיין דרייסיק יאָהר
זינד נאָך ניכט פערפלאָסען
זייט איך קיניגין בין,
ווייניק פריידע האָב איך גענאָסען,
יעצט איז מיר שוין זאָ שלעכט און זאָ שלים..."

צום סאָף וועט מען פירן האַמענען צו דער טליע. ער וועט טראָגן ס'היטל פאַרקערט — מיט די „קראַפּן" אַרויף. אַלע וועלן אַריבער־לייגן די שווערדן איבער זיין קאָפּ אַזוי ווי אַ כופּע און ער וועט זינגען מיט אַ ביטער האַרץ:

„אוי באַרענבוים, אוי באַרענבוים,
גיב מיר פון דיינע צווייגן...
אַ טליע פאַר מיין מידן קאָפּ
מוז איך באַ דיר בעטן."

און ער וועט מאַכן ווי דער באַרנבוים ענטפערט (אויף אַ באַס — מיר אַלע זיינען דאָס דער באַרנבוים):

„ניין, אַ ניין...
נישט פון מיינע צווייגן
קען איך דיר טין געבן
אַפילע פאַר אַ טליע..."

דערנאָך בעט ער זיך באַם עפּלבוים און באַם באָקסערבוים, אָבער קיינער וויל ניט געבן פון זיינע צווייגן. ביז סע קומט צום דאָרנבוים. יענער ענטפערט (אויך אויף אַ באַס):

„יאָ, יאָ, יאָ, יאָ....
פון מיינע צווייגן מעגסטו דיר
אַ טליע טין אויסבויען."

יאָשע דער שניידער לערנט מיט אַלעמען דאָס שפּיל, ווייזט ווי מען דאַרף טאָן און וואָס פאַר אַ מינעס מ׳דאַרף מאַכן און ווייזט דעם קעניג אַכאַשווייראָש ווי אַזוי ער זאָל טראָגן די שווערד זי זאָל זיך נישט טאָלעפּען צווישן די פיס. לייבטשע — דער ערשטער געזעל — זאָגט אָן, אַז מיר זאָלן רעדן וואָס מער „דייטש", ווייל ס׳איז נישט שיין צו שפּילן אויף זשאַרגאָן...

איך בין צעטומלט און פאַרפיבערט. גאַנצע טעג ליג איך אויפן בוידעם, צווישן פייסעכדיקן געשיר. און מעסט זיך אָן דאָס פּאַפּירענע היטל... און ס׳האַרץ רייסט זיך ערגעץ. און באַנאַכט פון שלאָף מורמל איך:

„וויוואַט, וויוואַט, וויוואַט!
אַט דאָס איז אַקוראַט!"

איך מוטשע זיך אָן, מוטשע זיך אויס. איך שעפּ מיך אויס ביז צום לעצטן טראָפּן... די מאַמע פרעגט, וואָס איז מיר? און ווער איז דער וויוואַט, וואָס איך רעד וועגן אים פון שלאָף — שוין אַ ניי כּאַווערל?...

אַז סע קומט די נאַכט פון פּורים בין איך אַזוי אויסגעמאַטערט און צעשרויפט און אָנגעשיקערט מיט זיך אַליין, אַז איך פאַל אַוועק אויפן בעט אַ מידער און ווער אַנטשלאָפן און פאַרשפּעטיק דאָס גאַנצע וואונדערלעכע אַכאַשווייראָש-שפּיל...

עסטער ווישניצער

אַן אָוונט אין קאַפּצאַנסק

• מענדעלע מוכר ספֿרים

אין די הייזער ברענט נישט קיין ליכט. טיר און טויער זיינען אָפֿן. מע עסט וועטשערע פֿאַר דער לעוואָנע. נאָך דער וועטשערע שיטן זיך, ווי די מוראַשקעס, אַרויס פֿון די הייזער: מאַנצבילן אָן קאַפּאָטעס, ווייבער צעשפּיליעטע, נאַר אין די אונטערשטע קליידלעך, קינדער אויסגעטאָן האַלב-נאַקעט; שכיינים אַ גאַנצע קופּע לייגן זיך אויס אין דרויסן יונג און אַלט, קינד און קייט, אַלע אינאיינעם. גילדענע פּאַסן פֿון דער לעוואָנע שלאָגן זיך דורך ערגעץ צווישן דעכלעך, ציען זיך איבער קעפּ, איבער פּים אין דער קופּע מענטשן, קריכן ווייטער, ווייטער, טאַנצנדיק אויף ווענט, אויף פּלויטן און ווייזן אָן דאָ אַ קאַץ, וואָס דראַפּעט זיך, נישטערט אויף אַ דאַך, דאָרט קי, אויסגעשטרעקט אויף דער גאַס, מאַלעגיירען, אונטערשמייסנדיק זיך פּאַמעלעך מיט די ווידלען, און קייכן, זיפּצן מיט אַ כריפּ, עפּעס ווי פֿונעם בויך. די ערשטע עטלעכע מינוט איז איטלעכער באַשעפֿטיקט מיט זיך: מע גענעצט, שלוקערצט, מע טרייבט פֿליי און מע קראַצט זיך. ווייבער הייבן דערווייל אָן דעם שמועס וועגן דער היינטיקער וועטשערע, איטלעכע מיט אירס: באַ איינער איז דער אַרבעס צעקאָכט געוואָרן ווייך ווי מאַרך, אַז מע האָט געלעקט די פֿינגער. איינע דערציילט דאָס גרויסע גליק, וואָס האָט זי געטראָפֿן: פֿאַר אַ גראָשן האָט זי געהאַנדלט אין מאַרק אַ מעציע — אַ רעטעך, גרויס ווי דער קאָפּ, פֿון וועלכן מע האָט גענוג געגעסן אין דער פֿרי, אויך אַצינד אויף דער נאַכט, און ס'איז נאָך איבערגעבליבן אַ היפּשער שטיק אויף מאָרגן, מע זאָל לעבן און געזונט זיין! אַלע רעדן הויך אויף אַלערליי דינע, קוויטשעדיקע קולעס. די מאַנען ברומען לעסאַטע אונטער, מישן זיך אַריין נאַר גלאַט אַזוי מיט אַ וואָרט, זיי לייגן זיך דערנאָך מיט דעם בויך אַרויף, און פֿאַרקוקנדיק זיך אויפֿן אויסגעשטערנטן בלויען הימל, נעמט מען זיך געשמאַק שמועסן, וואָס טוט זיך אַזוינס דאָרט אויבן. די לעוואָנע ווייזט זיך אויפֿן אָרט, וואו דער אוילעם ליגט.

— איי, איי! — צעשרייט זיך שטאַרק פֿאַרוואונדערט אַ ייד — עפּעס אַזויפֿיל שטערן דאָרט, דאָרט אין די געפּלעקטע, ווייסלעכע

אין שטעטל — ש. יודאָווין

פֿאַסן, אָנגעזעצט ווי מאָן! אַזויפֿיל רענדלעך ווינטש איך מיר צו האָבן...

— גייט שוין, גייט — מאַכט דער אַנדערער — איך לאָז פֿאַר ביליקער — פֿאַר איטלעכס שטערנדל אַ קאָפּיקע.

עס געפֿינען זיך באַלאָנים אויף נאָך וועלוועלער: צוויי, פֿינף, צען פֿאַר אַ גראָשן; און בעשאַס יידן דינגען זיך דאָ אַזוי, רעכענען, ציילן, לאָזן אַראָפּ די פּרייזן, זיצט דאָרט אין דער זייט איינער עפּעס אַ לעץ, דאַרשנט און זאָגט גלייכע ווערטלעך... קינדער זיצן אויך נישט ליידיק, קיצלען זיך, דערלאַנגען איינער דעם אַנדערן אַ קלאַפּ, אַ שנאָל אין דער נאָז הינטן אַרום. דער פֿון דער נאָז טוט אַ קוויטש, יענער פֿון שנאָל מאַכט זיך צום טאַם, נעבעך, און בייזערט זיך קלאָמפּערשט: שאַ, שאַ! מאַמעס שעלטן די קינדער, באַנומען זאָלן זיי האַלעוויי ווערן, און מען איז זיי, אַגעוו, טאַקע מעכאַבעד מיט אַ קניפּ. די טאַטעס פֿאַלן פּלוצים פֿון הימל אַראָפּ אויף דער ערד. דעם האָט אַ זשוק זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין באָרד, יענעם אין די פּייעס, דעם דריטן קריכט עפּעס אונטערן העמד דאָרט אויפֿן רוקן. אַ רויטע

קו אַ פּרעסעריין, פֿון װעלכער עס האָט זיך אָפּגעטאָן דער שלאָף, פֿאַר־קריכט, באַם שטשיפּען גראָז, אין דער זייט גאָס ביז צו דער גאַנצער איידעו יידן, דרייט זיך צו זיי אוים מיט דעם הינטן, מעכילע, און פּירט זיך עפּעס אויף — פּע, נישט מיט דערעכערעץ. אַלע זידלען זי מיעס אָפּ, טרייבן זי און שרייען: הײדאַ! — אין איין קאָל. זי דרייט זיך געשווינד אוים פֿון יידישע הענט און לויפֿט אַהין אין איר רו אַריין. דערפֿון שפּינט זיך עפּעס אַ לאַנגער שמועס: װעמעס קו איז דאָס? װיפֿיל מילך גיט די קו? װיפֿיל איז די קו װערט? „שאַ, װיפֿיל, מיינט איר, יידן" — טוט פּלוצים איינער אַ פֿרעג — „זאָל װערט זיין די גאַנצע קאָפּצאַנסקער טשערעדע, שוין מיט די ציגן אינאיינעם?" איינער שאַצט עס אַזױפֿיל, דער דריטער װינטשט זיך דאָס צו האָבן, װיפֿיל ס'איז װערט מער. איטלעכן באַזונדער כאַפּט אָן אַ װינטשעניש און מע װינטשט, ביז די צונג װערט מיד רעדנדיק און מע הערט פֿונדערװייטנס, װי איינער כראָפּעט שוין קאַנאַהאָרע געשמאַק. פֿון עפּעס אַ װינקעלע שפּרינגט פּלוצלונג אַרוים אַ ציג, װעלכע אַ פּאָר װייסע־כעװורעניקעס האָבן איבערגעשראָקן, אונטערגאַנװענדיק זיך שטילערהייט צו איר; זיי נאָך איר, און זי אין גרוים איילעניש, יאָגעניש, פּוץ אַריין צװישן דער קופּע יידן. עס װערט אַ מעהומע, אַ קאָכעניש, מע גיט זיך אַ הייב אויף גיך, און מען צעלויפֿט זיך געשװינד, איינער נאָך דעם אַנדערן, נישט צו זאָגן אַפֿילע אַ גוטע נאַכט!

(פֿון „דאָס װינטשפֿינגערל").

כ ײ ד ע ר ־ י אָ ר ן

(זיכרױנעס)

● י. קאָטיק

1.

קינדער־דערציער זיינען געװיינלעך געװען די מעלאַמדים. דער ערשטער איז געװען יאַנקעװ־בער דער מעלאַמעד, װאָס קימאַט די גאַנצע שטאָט קינדער האָט זיך צום ערשטן געלערנט באַ אים. אַ קינד פֿון דריי יאָר אָדער נאָך װייניקער האָט שוין באַ אים אָנגעהויבן לערנען אַלעף־ביים, געלערנט באַ אים ביז עס האָט שוין גוט און גיך געדאַװנט. דאָס האָט געדויערט אָן ערעך אַ צװיי יאָר צייט. דערנאָך

זיינען די קינדער אַריבער צו די מעלאַמדים פון כומעש און שפּעטער פון געמאָרע. פון אַזוינע מעלאַמדים איז מען אַריבערגעגאַנגען צו גרעסערע און נאָך גרעסערע, ביז מען איז אָנגעקומען צו די גרויסע לאַמדים, באַ וועלכע עס האָבן געלערנט דערוואַקסענע באָכערים און באַלעבעסלעך. אָבער די גרויסע מעלאַמדים זיינען געווען גרויסע קייסאָנים.

פון די גרויסע מעלאַמדים זיינען געווען צוויי אין שטאָט, וואָס פלעגן שלאָגן די קינדער מאַקעס-רעצעך און שמייסן און שטעלן אין פּעקל. דאָס איז געווען די ערגסטע שטראָף. דער מעלאַמעד פלעגט דעם יינגל אַראָפּלאָזן די הייזלעך און פאַרקאַטשען דאָס העמד מיט דעם קאַפּטל אַרויף, מאַכנדיק דערפון אַ פּעקל. בעאיים מייסע האָט דער רעבע געהאַלטן אַ גוטע רוט אין האַנט אָדער גאָר אַ געמאָרע, און ווען דער יינגל האָט נישט געוואוסט אַ וואָרט, האָט דער רעבע געגעבן אַ שמיץ מיט קויעך, אַזוי, אַז דאָס לייב איז באַלד פאַרלאָפן מיט אַ בלויען צייכן. אַזוי האָט ער געלערנט אַ שאָ נאָכאַנאַנד. דאָס איז געווען דאָנערשטיק: דעמאָלט האָבן די יינגלעך געמוזט אַליין זאָגן די געמאָרע, וואָס דער רעבע האָט מיט זיי געלערנט די גאַנצע וואָך, וואָרעם שאַבעס פלעגט דער מעלאַמעד מוזן קומען מיט יעדן יינגל צו זיין פאָטער ער זאָל אים פאַרהערן די געמאָרע. און ווען דאָס יינגל האָט נישט געקענט, האָט דער פאָטער באַשולדיקט דעם מעלאַמעד. געוויינלעך האָט דאָס נישט געשמעקט דעם מעלאַמעד, האָט ער אויסגעלאָזן דעם גאַנצן קאַס צום יינגל.

.2

אַז איך בין אַלט געוואָרן צוויי און אַ האַלב יאָר, האָט מיך די מאַמע אָפּגעגעבן צו יאַנקעוו-בער דעם מעלאַמעד. זי האָט קיין צייט ניט געהאַט צו וואַרטן ביז זומער, ווען איך וועל אַלט ווערן דריי יאָר און אָפּגעגעבן מיך אין כיידער נאָך סוקעס. איך האָב פון קינדווייז אָן געהאַט כיישעק צום לערנען און האָב פון יאַנקעוו-בערן דעם מעלאַמעד ניט געוואָלט אָפּטרעטן, אַפילע גיין אַהיים האָב איך ניט געוואָלט. איך פלעג זיצן באַ אים אויפן אויוון. עס איז געווען וואַרעם, אנגענעם. געלערנט האָבן באַ אים עפּשער אַ הונדערט יינגלעך, און

ווען די גווירישע קינדער האָבן ניט געוואָלט מער לערנען, זיינען זיי געזעסן אויפן גרויסן אויוון און מען האָט זיך דאָרט געשפּילט.

מיר איז געווען אויפן אויוון אַזוי גוט, אַז איך האָב ניט געוואָלט אַראָפּגיין, נאָר אַז מען האָט אַראָפּגענומען אַלע יינגלעך, האָב איך שוין ניט געקענט אַליין בלייבן, פלעג איך גיין מיטן באַהעלפער אַהיים.

נאָר יאַנקעוו-בער דער מעלאַמעד איז פון מיר ניט געווען צופרידן. איך האָב געהאַט פון קינדוויז אַן דעם פעלער, וואָס איך פלעג קעסיידער פרעגן קאַשעס. און יאַנקעוו-בער נעבעך האָט מיר ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. צום ביישפּיל, אַז ער האָט אַנגעהויבן לערנען מיט מיר אַלעף-בייס, האָט ער מיך געלערנט: קאָמעץ אַלעף — „אָ", קאָמעץ ביים — „באָ", קאָמעץ וויים — „וואָ", און קאָמעץ וואָוו — „וואָ". פרעג איך: נאָך וואָס דאַרף מען צוויי מאָל קאָמעץ „וויים"— וואָ, און קאָמעץ „וואָוו" — וואָ?

— אַז דו וועסט עלטער ווערן — האָט געזאָגט דער רעבע ניט צופרידן — וועסטו וויסן.

אַן אַנדערש מאָל פרעג איך דעם רעבן:

— ווער מאַכט אַ טיש?

— אַ סטאָליער.

— און ווער האָט געמאַכט דעם סטאָליער?

— גאָט.

— און ווער האָט געמאַכט גאָט?

— גאָט! — האָט ער מיט קאַס אַ געשריי געטאָן — גאָט איז פון אייביק אָן און קיינער האָט אים ניט געמאַכט.

— גאָט האָט זיך אַליין געמאַכט? — פרעג איך, און קוק דעם רעבן אין די אויגן אַריין.

— דו ביסט נאָך אַ קליינער יינגל און אַ נאַר! — האָט ער מיט רעציכע אויסגעשריען.

דער רעבע האָט דערציילט דעם טאַטן, אַז איך דערגיי אים די יאָרן מיט מיינע קאַשעס. האָט אים דער טאַטע געראַטן, אַז ער זאָל זיך אויף מיר אָנבייזערן, ווען איך וועל עפּעס פרעגן.

— זאָלסט אים זאָגן — האָט דער טאַטע געראַטן — אַז אַ יינגעלע טאָר גאָרניט פרעגן, אַז אַ יינגעלע דאַרף נאָר לערנען און שווייגן.

(פון „מיינע זיכרוינעס").

די פאָן

ש. פרוג

ניט פון גאָלד-שטאָף, ניט פון זיידנס
איז די פאָן געמאַכט;
אין אַ שרעקלעכן געוויטער,
אין אַ שטורעם-נאַכט

האָט גערוישט דאָס אַלטע שפּינראָד;
און די בלייכע נויט,
אין אַ פייכטן קעלער-ווינקל,
באַ אַ כיילעוו-קנויט,

האָט געוועבט די גרויע פּעדעם
ריין און שטייף און גוט,
און געפאַרבט זיי מיט די לעצטע
טראָפּן אייגן בלוט.

אַלע ווייטיקן און ליידן,
יעדע פרישע וואונד
פון די טיפע טפיסע-גריבער,
פונעם שוואַרצן גרונט,

פון די הונגעריקע דערפער,
פון די ענגע שטעט,
וואו עס איז פאַרבלענדט דאָס לעבן
ווי פון הינערפלעט —

האָט די פאָלקס-נויט אין די רויטע
פּעדעם איינגעוועבט...
זעסט? די פאָן — זי ווייעט, זי פלאַטערט
און צום הימל שטרעבט,

און די שאָטנס ווערן בלייכער,
און עס קרייט דער האָן —
און עס שיינט דער מאָרגנשטערן
אויף דער רויטער פאָן!...

שאָלעם אַלייכעם

שאָלעם אַלייכעם (זיין עמעסער נאָמען: שאָלעם ראַבינאָוויטש) איז געבאָרן געוואָרן דעם 18טן פעברואַר 1858, אין שטעטל פּערע־יאַסלאַוו, אין אַמאָליקן רוסלאַנד.

„דאָס מעסערל" איז געווען איינע פון די ערשטע זאַכן, וואָס שאָלעם אַלייכעם האָט אָנגעשריבן און וואָס האָט אים גלייך באַליבט געמאַכט באַ די יידישע פאָלק־מאַסן.

צווישן זיינע באַרימטסטע ווערק זיינען: „מענאַכעם מענדל", „טעוויע דער מילכיקער", „דער מאַבל", זיין אויטאָביאָגראַפיע „פונעם יאַריד" און זיינע פּראַכטפולע „מייסעס פאַר יידישע קינדער".

ספּעציעל דאַרף מען געדענקען שאָלעם־אַלייכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" — איינס פון די רירנדיקסטע ביכער אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור.

שאָלעם־אַלייכעם איז געווען דער גרעסטער יידישער הומאָריסט. ער האָט טיף ליב געהאַט די יידישע פאָלק־מאַסן, און די מאַסן האָבן געליבט און געשעצט זייער שרייבער. מיט זיין גאָלדענעם הומאָר האָט שאָלעם־אַלייכעם געהאָלפן דעם אָרעמען יידן זיך באַפרייען פון דעם קליינעם שטעטל און זיך צופּאַסן צו דער ניי־געקומענער קאַפּיטאַליסטישער וועלט; מיט זיין ליבע האָט שאָלעם־אַלייכעם צוגעגעבן דעם אָרעמען פאָלק מוט און גלויבן, אַז ס'וועט אויסהאַלטן און איבערלעבן אַלע פאַרפאָלגונגען און אונטערדריקונגען.

שאָלעם אַלייכעם איז געשטאָרבן אין ניו יאָרק, אין יאָר 1916.

בוזי • שאָלעם אַלייכעם

1.

בוזי איז אַ נאָמען, פאַרצויגן פון עסטער ליבע: ליבוזי — בוזי. זי איז עלטער פון מיר מיט אַ יאָר און עפּשער מיט צוויי, און ביידע אינאיינעם זיינען מיר נישט אַלט קיין צוואַנציק יאָר. היינט זעצט אייך אַוועק, זייט מויכל, און רעכנט אויס, וויפיל בין איך אַלט און וויפיל זי? נאָר דאָס, מיין איך, איז נישט וויכטיק. איך וועל אייך בעסער דערציילן איר ביאָגראַפיע אין קורצן.

מיין עלטערער ברודער בעני איז געזעסן אין אַ דאָרף, געהאַלטן אַ מיל, געקאָנט שיסן פון אַ ביקס, פאָרן רייטנדיק אויף אַ פערד און שווימען ווי אַ מאַזיק. איינמאָל זומער האָט ער זיך געבאָדן אין טייך און איז דערטרונקען געוואָרן. נאָך אים איז געבליבן אַ מיל, צוויי פערדלעך, אַ יונגע אַלמאָנע מיט איין קינד. די מיל האָט מען אָפּגעלאָזט, די פערדלעך האָט מען פאַרקויפט, די יונגע אַלמאָנע האָט

כאַסענע געהאַט און איז אַוועקגעפֿאָרן ערגעץ ווייט, און דאָס קינד האָט מען געבראַכט צו אונדז.

דאָס איז געווען בוזי.

2.

אַז דער טאַטע האָט ליב בוזין, ווי אַן אייגן קינד, און אַז די מאַמע ציטערט איבער איר, ווי איבער אַ באָס-יעכידע — דאָס איז גרינג צו פֿאַרשטיין. זיי האָבן געפֿונען אין איר אַ טרייסט נאָך דעם גרויסן בראָך. אָבער איך? פֿאַרוואָס, אַז איך קום פֿון כיידער און טרעף נישט בוזין, קריכט מיר נישט דאָס עסן אין האַלדז אַריין? און אַז בוזי איז געקומען, ווערט ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך? און אַז בוזי רעדט צו מיר, לאָז איך אַראָפּ די אויגן? און אַז בוזי לאַכט פֿון מיר, וויין איך?

און אַז בוזי . . .

3.

איך האָב לאַנג אַרויסגעקוקט אויף דעם ליבן יאָנטעוו פּייסעך. דעמאָלט וועל איך זיין פֿריי. איך וועל שפּילן מיט בוזין אין נים, אַרומלויפֿן אין דרויסן, גיין באַרג-אַראָפּ צום טייך. דאָרט וועל איך איר ווייזן, ווי מע לאָזט קאַטשקעלעך אויפֿן וואַסער. אַז איך זאָג איר, גלויבט זי מיר נישט, זי לאַכט. בעכלאַל גלויבט מיר בוזי נישט פֿון דאַנען אַהין. דאָס הייסט, זאָגן זאָגט זי מיר גאָרנישט ניט, נאָר זי לאַכט. און איך האָב פֿיינט, אַז מען לאַכט פֿון מיר. בוזי גלויבט נישט, אַז איך קאָן זיך אַרויפֿדראַפּען אויפֿן העכסטן בוים (איך זאָל נאָר וועלן!). בוזי גלויבט נישט, אַז איך קאָן שיסן (איך זאָל נאָר האָבן מיט וואָס!). לאָז נאָר קומען פּייסעך, דער ליבער גוטער פּייסעך, וועט מען קאָן שוין זיין אין דרויסן, אויף דער פֿרייער לופֿט, נישט פֿאַר טאַטע-מאַמע אין די אויגן — וועל איך איר באַווייזן אַזעלכע קונצן, אַז זי וועט אַרויס פֿון די קיילים.

4.

געקומען דער ליבער גוטער יאָנטעוו.

מען האָט אונדז ביידן אויסגעקליידט אויף יאָנטעוו. אַלץ, וואָס אויף אונדז איז געווען, האָט געגלאַנצט, געשיינט און געקנאַקט.

און געווען איז אַ זעלטענער ערעוו-פּייסעך. אַ ליכטיקער טאָג. אַ וואַרעמער אין-דרויסן.

— גייען מיר ?
אַזוי זאָגט צו מיר בוזי, און איך פיל, אַז איך ברען. די מאַמע האָט אונדז ניט געזשאַלעוועט קיין נים. פולע קעשענעס מיט נים. מיר לאָזן זיך גיין. די נים לאָזן זיך הערן. אין דרויסן איז גוט. אין דרויסן איז וואויל. די זון האַלט שוין ווייט אין הימל, קוקט שוין אַראָפּ אויף יענער זייט שטאָט. ס'איז ברייט און גראָם און ווייך און פריי אַרום און אַרום.

5.

פון שטאָט לאָזט זיך הערן אַ מאָדנער הילך. עס רוישט. עס קאָכט. עס זידט. ס'איז ערעוו־פּייסעך !
איך גיי, די הענט אין די קעשענעס, טרייסל מיט די נים. די נים קלינגען. בוזי גייט מיט מיר טריט באַ טריט. איך קאָן נישט גיין פּאַוואָליע, עס טראָגט מיך אין דער לופטן. מיר ווילט זיך פליען, שוועבן, טראָגן זיך ווי אַן אָדלער. איך לאָז מיך לויפן. בוזי לויפט מיט מיר. איך שפּרינג אויף די צונויפגעלייגטע קלעצער, פון איין קלאָץ אויפן אַנדערן. בוזי שפּרינגט מיט מיר. איך אַרויף, זי אַרויף. איך אַראָפּ, זי אַראָפּ. ווער וועט זיך פריער איינמידן ? איך האָב געטראָפן.
— ביז וואַנען איז דער שיר ?
אַזוי זאָגט צו מיר בוזי. און איך ענטפער איר :
— כאַ־כאַ־כאַ ! דו האָסט זיך איינגעמידט, און איך נישט !

6.

איך פיל מיך גליקלעך, וואָס בוזי קאָן נישט דאָס, וואָס איך. און אין דער זעלבער צייט האָב איך אויף איר ראַכמאָנעס. עס טוט מיר ווייי דאָס האַרץ. עס דאַכט זיך מיר, אַז זי איז פאַרזאָרגט. בוזי האָט שוין אַזאַ טעווע : פריילעך־פריילעך — פלוצים זאָל זי זיך אַוועקזעצן אין אַ ווינקעלע און וויינען שטילערהייט. וויפיל די מאַמע זאָל זי דעמאָלט נישט טרייסטן, וויפיל דער טאַטע זאָל זי דעמאָלט ניט קושן — עס העלפט קיין זאַך נישט. בוזי מוז זיך אויסוויינען. נאָך וועמען ? נאָכן טאַטן, וואָס איז אַזוי פרי געשטאָרבן ? צי נאָך דער מאַמע, וואָס האָט כאַסענע געהאַט, אַוועקגעפאָרן און פאַרגעסן דעם זיי־געזונט ? אַך, איר מאַמע, איר מאַמע ! אַז מע דערמאָנט איר די

מאַמע, ווערט זי אַלערליי קאַלירן. זי האַלט נישט פון איר מאַמע. זי רעדט נישט קיין שלעכט וואָרט אויף דער מאַמע, נאָר זי האַלט נישט פון איר. איך ווייס דאָס פאַר געווים. איך קאָן נישט ליידן, אַז בווזי זיצט פאַרזאָרגט. איך זעץ מיך אַוועק לעבן איר אויף די קלעצער און וויל איר צעשלאָגן די געדאַנקען.

7.

איך האַלט די הענט אין די קעשענעס, קלינג מיט די ניס און זאָג צו איר:

— טרעף, וואָס איך קען טאָן, אַז איך וויל?

— וואָס קענסטו טאָן?

— אַז איך וויל, גייען איבער אַלע דיינע ניס צו מיר.

— וועסט זיי באַ מיר אָפּגעווינען?

— מיר וועלן אַפילו נישט אָנהויבן שפּילן.

— וואָס־זשע, וועסט זיי באַ מיר אַוועקנעמען מיט גוואַלד?

— ניין. זיי גייען אַליין אַריבער צו מיר.

זי הויבט אויף אירע שיינע אויגן אויף מיר. אירע שיינע בלויע אויגן.

איך זאָג צו איר:

— דו מיינסט, אַפּאַנעס, אַז איך טרייב קאַטאָוועס? איך האָב, נאַרעלע, אַזאַ שפּרוך... איך זאָג אַ פּאָסעק...

זי עפנט אויף די אויגן נאָך שטאַרקער. איך פיל מיך גרויס. איך גיב איר צו פאַרשטיין, ווי אַ גרויסער, ווי אַ העלד:

— מיר, יינגלעך, קענען אַלצדינג. באַ אונדז אין כיידער איז דאָ אַ כאַווער, שייקע דער בלינדער רופט מען אים (ער איז אַ בלינדער אויף איין אויג), ווייסט ער אַלצדינג. ס'איז גאָר נישטאָ אַזאַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס שייקע זאָל נישט וויסן. אַפילו קאַבאָלע. ווייסטו, וואָס הייסט קאַבאָלע?

ניין. פון וואַנען זאָל זי וויסן? איך פיל מיך אויפן זיבעטן הימל, וואָס איך קען איר געבן אַ לעקציע וועגן קאַבאָלע.

— קאַבאָלע, נאַרעלע, איז אַזאַ זאַך, וואָס קומט צונוץ. מיט קאַבאָלע קען איך מאַכן אַזוי, אַז איך זאָל דיך זען, און דו מיך נישט. מיט קאַבאָלע קען איך צאַפּן ווייַן פון אַ שטיין און גאָלד פון

דער האַנט. מיט קאַבאַלע קען איך מאַכן אַזוי, אַז מירביידע, אַזוי ווי מיר זיצן אָט־אָ, זאָלן מיר זיך אויפהויבן ביז צו דער כמאַרע. און נאָך העכער פון דער כמאַרע!...

— נאָך העכער פון דער כמאַרע? נו?

אַזוי האָט מיר אַמאָל אַ זאָג געטאָן בוזי, אַז איך האָב איר דערציילט פון די קאַרליקעס.

— דו גלויבסט נישט?

— און דו גלויבסט?

— פאַרוואָס נישט?

— וואו האָסטו דאָס געהערט?

— וואָס הייסט, וואו? אין כיידער.

— אַך! אין כיידער?...

8.

מיר ווילט זיך זייער, אַז בוזי זאָל ניספּאָעל ווערן פון די קונצן, וואָס איך קען מאַכן מיט קאַבאַלע. בוזי אָבער הויבט נישט אָן ניספּאָעל צו ווערן. אַדראַבע, עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז זי לאַכט. וואָס דען באַווייזט זי מיר אַלע אירע פּערלדיקע ציינדלעך? עס הויבט מיך אָן פאַרדריסן און איך זאָג צו איר:

— דו גלויבסט מיר עפּשער נישט?

בוזי לאַכט.

— דו מיינסט עפּשער, אַז איך באַרים זיך? אַז איך טראַכט אויס פון קאָפּ ליגנס?

בוזי לאַכט נאָך שטאַרקער. ע! ווי באַלד אַזוי, דאַרף מען זיך מיט איר אָפּרעכענען! איך ווייס שוין מיט וואָס. איך זאָג צו איר:

— דער כיסאָרן איז, וואָס דו ווייסט נישט, וואָס הייסט קאַבאַלע. דו זאָלסט וויסן וואָס קאַבאַלע איז, וואָלסטו אַזוי נישט געלאַכט. מיט קאַבאַלע, אַז איך וויל, קען איך אַראָפּברענגען אַהער דיין מאַמע. יאָ־יאָ. און אַז דו וועסט מיך שטאַרק בעטן, ברענג איך דיר זי נאָך היינטיקע נאַכט, רייטנדיק אויף אַ שטעקן.

מיטאַמאָל הערט זי אויף צו לאַכן. אַ וואָלקנדל איז איבערגעלאָפן איבער איר שיין ליכטיק פּאָנעם, און עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז די זון איז פּלוצים פאַרפאַלן געוואָרן. אויס זון. אויס טאָג. איך האָב

מוירע, אַז איך האָב אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. איך האָב נישט באַדאַרפט אָנרירן איר וויטיק — די מאַמע אירע. איך האָב כאַראַטע אויף דער מייסע, מע דאַרף עס פאַרגלעטן. מע דאַרף זיך מיט איר איבערבעטן. איך רוק מיך צו צו איר. זי קערט זיך אָפּ פון מיר. איך וויל זי נעמען בײַ דער האַנט. פּלוצים הערט זיך אַ קאָל פון שטוב אַרויס:

— שימעק! שימעק!

שימעק — דאָס בין איך. דאָס רופט מיך מיין מאַמע, איך זאָל גיין מיטן טאַטן אין שול אַריין.

9.

די מאַמע מיינע האָט קיין צייט נישט. „איך וועל גיין, איך וועל באַלד גיין, אָט־אַ גיי איך! איך וויל נאָר זאָגן בוזין צוויי ווערטער. מער נישט ווי צוויי ווערטער...“

און איך זאָג איר צוויי ווערטער. איך בין זיך מוידע פאַר איר, אַז דאָס, וואָס איך האָב איר אָט ערשט געזאָגט, איז נישט עמעס. מאַכן מיט קאַבאָלע אַזוי, אַז יענער זאָל פליען — דאָס קען מען נישט. אַליין — יאָ, איך אַליין זאָל פליען — דאָס קען איך און דאָס וועל איך איר ווייזן. לאָז נאָר איבערגיין דער יאָנטעוו, אַזוי מאַך איך דעם ערשטן פּרואוו. איך וועל זיך אויפהויבן פאַר איר אין די אויגן, אָט־דאָ אויף דעם אָרט, וואו די קלעצער ליגן, און וועל אין איין מינוט זיין שוין אויף יענער זייט כמאַרע. פון דאָרט וועל איך זיך נעמען רעכטס, אַהינצו־אַ — זעסטו? — דאָרט ענדיקט זיך אַלצדינג און עס הויבט זיך שוין אָן דער פאַרגליווערטער יאַם.

10.

בוזי הערט זיך צו מיט קאָפּ. די זון שיקט אירע לעצטע שטראַלן, צעקושט זיך מיט דער ערד.

— וואָס הייסט דאָס פאַרגליווערטער יאַם? — פרעגט מיך בוזי.

— פאַרגליווערטער יאַם ווייסטו נישט? דאָס וואַסער איז גע־דיכט אַזוי ווי לעבער און געזאַלצן אַזוי ווי ליאַק. קיין שיפן גייען נישט אויף אים און מענטשן, אַז זיי כאַפּן זיך אַהין אַריין, קענען זיי שוין צוריק נישט קומען קיינמאָל.

בוזי קוקט אויף מיר מיט גרויסע אויגן.

— נאָך וואָס זאָלסטו גיין אַהין ?

— איך גיי דען, נאַרעלע ? איך פלי דאָך. איך פלי פון אויבן אַזוי ווי אַן אָדלער. אין עטלעכע מינוט בין איך דאָך שוין ווידער אויף דער יאַבלאָשע. דאָרט הויבן זיך אָן די צוועלף הויכע בערג, וואָס שפּריצן מיט פייער, און אויפן צוועלפטן באַרג, סאַמע באַם שפּיץ, שטעל איך זיך אָפּ און גיי צו־פוס זיבן מייל, ביז איך קום צו אַ געדיכטן וואַלד. נאָכדעם גיי איך וואַלד־איין, וואַלד־אויס, ביז איך קום צו אַ קליין וואַסערל. דאָס וואַסערל שווים איך אַריבער און צייל אָפּ זיבן מאָל זיבן, וואַקסט אויס פאַר מיר אַן אַלטיטשקער מיט אַ לאַנגער באָרד און פרעגט מיך: „וואָס איז דיין באַגער ?" זאָג איך אים: „פיר מיך אָפּ צו דער באַם־מאַלקע."

— וואָסער באַם־מאַלקע ?

אַזוי זאָגט צו מיר בוזי, און עס דוכט זיך מיר, אַז זי איז דער־שראָקן.

— די באַם־מאַלקע — דאָס איז די שיינע פּרינצעסין, וואָס מע האָט זי אויפגעכאַפּט פון אונטער דער כופּע און מען האָט זי פאַר־קישעפט און אַוועקגעפירט און אַריינגעזעצט אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ, שוין זיבן יאָר...

— וואָס־זשע געהער זיך עס אָן מיט דיר ?

— וואָס הייסט, וואָס געהער זיך עס אָן מיט מיר ? איך דאַרף דאָך זי באַפרייען.

— דו דאַרפסט זי באַפרייען ?

— ווער דען ?

— מע דאַרף נישט פליען אַזוי ווייט. פאָלג מיך, מע דאַרף ניט !...

11.

און בוזי נעמט מיך אָן באַ דער האַנט, און איך פיל, ווי איר קליין ווייס הענטל איז קאַלט. איך קוק איר אין די אויגן אַריין און איך זע, ווי עס שיינט זיך אָפּ אין זיי די גין־גאָלדענע זון, וואָס געזעגנט זיך מיטן טאָג, מיטן ערשטן ליכטיקן וואַרעמען ערעוו־פּייסעך טאָג. ביסלעכווייז שטאַרבט אָפּ דער דאָזיקער טאָג. ווי אַ ליכט ווערט אויסגעלאָשן די זון. דער הילך, וואָס איז געשטאַנען דעם גאַנצן טאָג,

ווערט פאַרשטאַרבן. מע זעט שוין ניט קימאַט קיין לעבעדיקן מענטשן אויף דער גאַס. אין די פענצטער פון די הייזלעך באַווייזן זיך פייערלעך פון די יאָנטעוו־ליכט. אַ מאָדנע שטילקייט רינגלט אונדז אַרום, מיך מיט בוזין.

— שימעק! שימעק?!

12.

דאָס דריטע מאָל שוין, אַז די מאַמע רופט מיך, איך זאָל גיין מיטן טאַטן אין שול אַריין. ווייס איך דען אַליין נישט, אַז מע דאַרף גיין אין שול אַריין? איך וועל דאָ זיצן נאָך אַ מינוט, איין מינוט, נישט מער. דערהערט בוזי, אַז מע רופט מיך, כאַפּט זי זיך אויף און טרייבט מיך:

— שימעק, דיך רופט מען דאָס. דיך. גיי־גיי. שוין צייט. גיי־גיי.

איך קלייב מיך גיין. אויסגעבלאָזן האָט דער טאָג. אויסגעלאָשן האָט די זון. פונעם גאָלד איז געוואָרן בלוט. אַ ווינטעלע האָט אַ בלאָז געטאָן, אַ גרינגס, אַ קילס. בוזי טרייבט מיך, איך זאָל גיין. איך וואַרף אויף איר דעם לעצטן בליק. גאָר נישט די בוזי וואָס פריער. אָן אַנדער פּאָנעם מיט אַן אַנדער כיין באַקומט זי אין מיינע אויגן אינעם דאָזיקן פאַרקישעפטן אָוונט. „די פאַרקישעפטע פרינצעסין"— פליט מיר דורך אַ געדאַנק אין קאָפּ. בוזי לאָזט מיך אָבער נישט לאַנג מיט מיינע געדאַנקען. זי טרייבט מיך, זי טרייבט מיך, איך זאָל גיין איך לאָז מיך גיין און קוק מיך אום צוריק אויף דער פאַרקישעפטער פרינצעסין, וואָס האָט זיך אינגאַנצן צונויפגעגאָסן מיטן דאָזיקן פאַר־קישעפטן פייסעך־אָוונט. .

צ ו ו י י ט ע ר   ט י י ל

1.

אין דער דאָזיקער נאַכט

„צו מיין טייערן זון, זאָל לעבן און געזונט זיין!

„איך בעט דיך, מיין זון, זאָלסט מיר טאָן צוליב און קומען צו־פאָרן אַהיים אויף פייסעך. עס איז מיר אַ ביזאַיען פאַר דער וועלט אויף מיינע עלטערע יאָרן. מע האָט איין שטיקל זון אַ בען־יאָכעד, און

מען זעט אים ניט. אויך די מאַמע בעט דיך, אַז דו זאָלסט קומען צו־פאָרן אויף פּייסעך. און זיי ווייסן, אַז בוזין קומט אַ מאַזל־טאָוו. זי איז אַ קאַלע געוואָרן. שאַבעס נאָך שוואועס איז די כאַסענע.

פון מיר, דיין פאָטער . . .״

אָט דאָס שרייבט צו מיר מיין טאַטע — דאָס ערשטע מאָל אַזוי שאַרף. דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צייט, פון זינט מיר זיינען זיך צעגאַנגען. און צעגאַנגען זיינען מיר זיך מיטן טאַטן שטיל, נישט געקריגט זיך. איך האָב ווידערשפּעניקט זיין געבאָט. נישט געוואָלט גיין אין זיינע וועגן. געגאַנגען מיין אייגענעם וועג—זיך אָוועקגעלאָזט לערנען. פריער איז ער געווען ברויגעז, געזאָגט, אַז ער וועט מיר קיינ־מאָל ניט מויכל זיין, סיידן ער וועט ליגן אויפן טויטן־בעט. דערנאָך האָט ער מיר מויכל געווען. דערנאָך האָט ער מיר אָנגעהויבן שיקן געלט און קורצע, טרוקענע בריוו. אויך מיינע בריוו צו אים זיינען געווען קורצע, טרוקענע.

קאַלט, מוירעדיק קאַלט זיינען געווען אונדזערע ביידנס בריוולעך. ווער האָט צייט געהאַט דאָס צו באַמערקן אין דער וועלט פון כאַ־לוימעס, וואו איך האָב מיך געפונען? נאָר דעם טאַטנס בריוו אַצינד האָט מיך אויפגעוועקט. ניט אַזוי דעם טאַטנס קלאָגן זיך, וואָס ס׳איז אים אַ ביזאָיען פאַר דער וועלט (איך בין מיך מוידע), און ניט אַזוי דער מאַמעס באַקאָשע, וואָס זי בעט ראַכמים — קיין זאַך האָט מיך אַזוי ניט צענומען (איך בין מיך מוידע), ווי די עטלעכע ווערטער: „און זיי ווייסן, אַז בוזין קומט מאַזל־טאָוו״...

בוזי — אָט די בוזי, וואָס איר גלייכן איז ניטאָ אין ערגעץ, אָט די בוזי, וואָס איז איינגעקניפּט און אויסגעבונדן מיט מיינע יונגע יאָרן. אָט די בוזי, וואָס איז אַלע מאָל געווען די פאַרקישעפטע באָס־מאַלקע פון אַלע מיינע וואונדערלעכע באָבע־מייסעס, די שענסטע פּרינצעסין פון מיינע גאָלדענע כאַלוימעס — אָט די בוזי איז איצט אַ קאַלע? אימעצנס, ניט מיינע?!...

2.

דעם זעלבן טאָג, וואָס איך האָב באַקומען פונעם טאַטן דעם דאָזיקן בריוו, האָב איך אים געענטפערט מיט אַ בריוו, מיך אויפ־געזעצט און בין געפלויגן אַהיים און בין געקומען צו פליען פונקט דעם

טאָג, וואָס ערעוו־יאָנטעוו. אין אַ וואַרעמען ליכטיקן ערעוו־פּייסעכ־דיקן טאָג.

3.

איך האָב געטראָפן מיין היים פּונקט אַזוי, ווי איך האָב זי איבער־געלאָזט מיט יאָרן צוריק. נישט פאַרענדערט אַ האָר, נישט געמינערט אַ טראָפּן. דער טאַטע — ווי געוועזן. נאָר זיין זילבער־באָרד איז געוואָרן עטוואָס נאָך מער געזילבערט. זיין ברייטער ווייסער געֿקנייטשטער שטערן — נאָך עטוואָס מער געקנייטשט. אַפּאָנעם פון דייגעס...

אויך די מאַמע — ווי געוועזן. נאָר דאָס רויטע פּאָנעם איז געוואָרן געלבלעך. און, דוכט זיך מיר, אַז קלענער איז זי געוואָרן אין וואוקס. און עפּשער ווייזט זיך מיר אויס, דערפאַר ווייל זי האָט זיך אַ ביסל איינגעבויגן, איינגעבויגן צו דער ערד? און די אויגן זיינען איר רויטלעך און מיט קישעלעך, ווי אונטערגעשוואָלן. שוין זשע פון געוויין?...

אויף וואָס האָט געוויינט מיין מאַמע? אויף וועמען? אויף מיר, איר בען־יאָכעד, וואָס איך האָב ניט געוואָלט פאָלגן דעם טאַטן און האָב ווידערשפּעניקט זיין געבאָט, נישט געוואָלט גיין אין זיינע וועגן, געגאַנגען מיין אייגענעם וועג, זיך אַוועקגעלאָזט לערנען און אַזוי לאַנג אין דער היים נישט געוועזן? צי אויף בוזין וויינט מיין מאַמע, וואָס האָט כאַסענע שאַבעס נאָך שוואועס?...

אָך, בוזי! אויך זי האָט זיך אויף קיין האָר ניט פאַרענדערט. ניט געמינערט אַ טראָפּן. אויסגעוואַקסן איז זי נאָר. אויסגעוואַקסן און שענער געוואָרן. נאָך שענער, ווי ווען ס'ניט איז אַמאָל. הויך און שלאַנק און מאָלע כיין. אויגן — די זעלבע שיינע בלויע אויגן. נאָר מער פאַרטראַכטע, פאַרטיפטע און פאַרזאָרגטע. און אַ שמייכל אויף די ליפּן. און פריינטלעך, און ליב, און היימיש און צוגעלאָזט, און שטיל, ווי אַ טויב.

קוק איך אויף בוזין, דערמאָן איך מיך אָן יענער בוזי, וואָס אַמאָל. דערמאָן איך מיך אָן אירע נאָר־וואָס אויפגענייטע יאָנטעוודיקע קליידלעך, וואָס די מאַמע האָט איר דעמאָלט אויפגענייט אויף פּייסעך. דערמאָן איך מיך אָן אירע נייע קליינע יאָנטעוודיקע שיכלעך, וואָס דער טאַטע האָט איר דעמאָלט געקויפט אויף פּייסעך.

4.

— בוזי, דיר קומט מאַזל-טאָוו ?

זי הערט ניט. וואָס זשע האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן ? וואָס זשע זיינען רויט געוואָרן אירע בעקלעך ? ניין. איך מוז איר אָפּגעבן מאַזל-טאָוו.

— מאַזל-טאָוו דיר, בוזי !

— מיט מאַזל זאָלסטו לעבן.

און מער ניט. פרעגן זי — קען מען ניט. רעדן מיט איר — איז ניטאָ וואו. עס לאָזט מיך ניט דער טאַטע. עס לאָזט מיך ניט די מאַמע. עס לאָזן מיך ניט די קרויווים, די מישפּאָכע, די שכיינים, וואָס קומען אַריין מיך מעקאַבל-פּאָנעם זיין. דער אַריין, דער אַרויס. אַלע שטייען אַרום מיר. אַלע באַטראַכטן מיך, ווי אַ בער, ווי אַ מאָדנע באַשעפעניש פון אַן אַנדער וועלט. אַלע ווילן מיך זען און הערן. וואָס איך מאַך און וואָס איך טו — אַזאַ צייט ניט געזען זיך !

— דערצייל-זשע אונדז עפּעס נייעס : וואָס האָסטו געזען, וואָס האָסטו געהערט ?

און איך דערצייל זיי נייעס, וואָס איך האָב געזען און וואָס איך האָב געהערט. און איך קוק בעאַיים מייסע אויף בוזין. איך זוך אירע אויגן און באַגעגן מיך מיט אירע אויגן. מיט אירע גרויסע, טיפע, פאַרזאָרגטע, שיינע, בלויע אויגן. נאָר אירע אויגן זיינען שטום, ווי אירע ליפּן, ווי זי אַליין. גאָרניט זאָגן מיר אירע אויגן. איך קוק אויף איר און איך לייען אירע אויגן און קען ניט איבערלייענען גאָרנישט ניט. גאָרנישט ניט.

— דערצייל-זשע, וואָס ביסטו אַנטשוויגן געוואָרן ? — מאַכט צו מיר דער טאַטע.

— לאָז אים צורו ! האָסטו געזען אַ ביסל ? — טוט זיך אַ כאַפּ די מאַמע — דאָס קינד איז מיד, דאָס קינד איז הונגעריק. און ער : דערצייל און דערצייל ! דערצייל און דערצייל !

נאָר וואָס איז מיט בוזין ? איר פּאָנעם איז אויסגעלאָשן, ווי די זון, וואָס האַלט באַם זעצן זיך, ווי דער טאָג, וואָס האַלט באַם אונטער-גיין. נאָר שיין איז זי און כיינעוודיק ווי קיינמאָל ניט. און טיף-

טרויעריק זיינען אירע שיינע בלויע אויגן. און פאַרטראַכט זיינען אירע אויגן.

פון וואָס טראַכט איצט בוזי? פון דעם ליבן גאַסט, וואָס זי האָט אויף אים אַזוי אַרויסגעקוקט און וואָס איז געקומען צו פליען אַזוי אומגעריכט, נאָכדעם ווי ער איז אַזאַ צייט אין דער היים ניט געווען?... אָדער פון איר מאַמען, וואָס האָט כאַסענע געהאַט דאָס אַנדערע מאָל און אַוועקגעפאָרן ערגעץ ווייט און פאַרגעסן. אַז זי האָט אַ טאָכטער, וואָס הייסט בוזי? אָדער פון איר כאָסן טראַכט איצט בוזי, פון איר כאָסן, וואָס טאַטע-מאַמע האָבן איר אַוואַדע אָנגעהאַנגען קעגן איר ווילן? און פון איר כאַסענע, וואָס דאַרף זיין שאַבעס נאָך שוואועס מיט אַ מענטשן, וואָס זי קען אים ניט און ווייסט אים ניט, ווער ער איז און וואָס ער איז?...

5.

און וואָס איז געשען מיט דער פרינצעסין פון מיין יוגנט-ראָמאַן? וואָס איז מיט בוזין? וואָס איז דער שלום? וואָס איז דער סאָף?

צווינגט מיך ניט, איך זאָל אייך דערציילן דעם סאָף פון מיין ראָמאַן. דער סאָף, ער מעג זיך זיין דער בעסטער, איז ער אַ טרויעריקער אַקאָרד. דער אַנהויב, דער ערגסטער אָנהויב, איז בעסער פונעם בעסטן סאָף. עס איז מיר דעריבער אַ סאַך גרינגער און אַ סאַך מער אָנגענעם צו דערציילן אייך די דאָזיקע געשיכטע נאָך אַ מאָל פונעם אָנהויב. נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל און נאָך הונדערט מאָל. און מיטן אייגענעם לאָשן, וואָס אַלע מאָל:

איך האָב געהאַט אַ ברודער בעני. איז ער דערטרונקען געוואָרן אין טייך. האָט ער איבערגעלאָזט אַ יעסוימעלע. האָט מען זי גערופן בוזי. פאַרצויגן פון עסטער-ליבע: ליבוזי — בוזי. און שיין איז געווען די בוזי, ווי די באַס-מאַלקע פון מיינע קינדערשע כאַלוימעס. און מיר זיינען געוואַקסן, איך און בוזי, ווי אַ שוועסטער מיט אַ ברודער. און מיר האָבן זיך ליב געהאַט, איך און בוזי, ווי אַ שוועסטער מיט אַ ברודער.

און אַזוי ווייטער.

דער אַנהויב, דער ערגסטער אָנהויב, איז בעסער פונעם שענסטן סאָף.

דער טאָנעם

י. ל. פּערעץ ●

אַ ווינטער־נאַכט. סאָרע זיצט באַם לעמפּל און פאַרריכט אַן אַלטן זאַק. די אַרבעט מיט געפּרוּווירעגע הענט גייט נישט זייער גע־שווינד; פאַר קעלט זיינען איר אויך ברוין און בלוי געוואָרן די ליפּן. אָפּט לייגט זי אַוועק די אַרבעט און צעלויפט זיך איבער דער שטוב, צו דערוואַרעמען די געפּרווירענע פיס.

אין אַ בעט אויף אַ גאַנץ שטרוי־זאַק שלאָפן פיר קינדער: אין יעדער זייט צו צוויי קעפּ, איבערגעדעקט אין דער מיט מיט עטלעכע אַלטע קליידער.

וואָס אַמאָל כאַפּט זיך אויף אַן אַנדער קינד, עס הויבט זיך אויף אַן אַנדער קעפּל און רופט: עסן!

— וואַרט, וואַרט, קינדערלעך — טרייסט זיי סאָרע — אָט, באַלד וועט קומען דער טאַטע, ברענגען וועטשערע; איך וועל אייך אַלע אויפוועקן!

— און מיטאָג? — פרעגן די קינדער וויינענדיק — מיר האָבן דאָך נאָך קיין מיטאָג נישט געגעסן!

— מיטאָג אויך!

זי גלויבט דאָך אַליין נישט אין דעם, וואָס זי זאָגט; זי זוכט מיט די אויגן אין אַלע זייטן, טאָמער וועט זי נאָך עפּעס געפינען צו פאַרזעצן... נישטאָ!

ליידיקע, נאַסע פיר ווענט! אַ צעשפּאַלטענער אויוון! אַלץ איז נאַס און קאַלט!... אויפן קוימען שטייען אַ פּאָר צעבראָכענע טעפּ, אויפן אויוון — אַן אַלט, אויסגעבויגן, בלעכן כאַנוקע־לעמפּל; צוויי ליידיקע בעטן אַן אַ קישן... גאָרנישט, גאָרנישט מער!

עס האָט לאַנג געדויערט איידער די קינדער זיינען רעכט איינ־געשלאָפן. סאָרע קוקט אויף זיי מיט האַרצווייטיק, מיט ראַכמאָנעס, און טראָגט איבער די פאַרוויינטע אויגן צו דער טיר. זי האָט דער־הערט טריט; שווערע טריט אויף די טרעפּ, קאַנען קלאַפּן. אַ שטראַל פון האָפענונג באַלייכט איר איינגעשרומפּן פּאָנעם. זי קלאַפּט אַ פּאָר

מאָל אַ פוס אָן אַ פוס, הויבט זיך שווער אויף און גייט צו צו דער טיר. זי עפנט. עס קומט אַריין אַ בלאַסער, איינגעבויגענער ייד מיט ליידיקע קאַנען.

— נו? — פרעגט סאָרע שטיל.

ער שטעלט אַוועק די קאַנען, לייגט אָפּ דעם יאָך, זיפצט אָפּ און ענטפערט נאָך שטילער:

— גאָרנישט! גאָרנישט! מ'האָט אין ערגעץ נישט באַצאָלט... מאָרגן, זאָגט מען.. יעדער זאָגט אַלץ — מאָרגן... איבערמאָרגן...

— די קינדער האָבן קימאַט אין מויל נישט געהאַט — מאַכט סאָרע — כאָטש גוט — זיי שלאָפן... אָרעמע קינדער מיינע! — זי קאָן זיך נישט איינהאַלטן און הויבט אָן שטיל צו וויינען.

— וואָס וויינסטו, נאַרעלע? — פרעגט דער מאַן.

— אַך, מענדל, מענדל... די קינדער זיינען אַזוי הונגעריק!... מיט געוואַלד וויל זי איינהאַלטן די טרערן.

— און וואָס וועט זיין אונדזער סאָף? — קלאָגט זי זיך — מיט יעדן טאָג ווערט ערגער!

— ערגער? ניין, סאָרע! פאַראַיאָרן איז ערגער געווען. ערגער! אויך אָן ברויט און דערצו נאָך אָן אַ דירע! די קינדער האָבן זיך באַטאָג געוואַלגערט אין גאַס, באַנאַכט — אין די הויפן... היינט כאָטש אויף אַ שטרוי־זאַק, כאָטש אונטער אַ דאַך!

סאָרע האָט זיך שטאַרקער צעוויינט.

— האָב אויף דיר ראַכמאָנעס, לאָז דיר נישט צו אַזוי צום האַרצן! זע ווי דו זעעסט אויס! היינט צען יאָר איז געוועזן אונדזער כופּע... קוק אָן דיין פּאָנעם... ווײ און ווינד! דו ביסט דאָך געוועזן די שענסטע אין שטאָט!

— און דו?! דו האָסט דאָך געהייסן, געדענקסט, מענדל גיבער... היינט ביסטו געבויגן אין דרייען, קראַנק... כאָטש דו האַלטסט עס פאַר מיר בעסאָד.

— אַך, גאָט! גאָט! — רייסט זיך איר אַרויס אַ געשריי.

די קינדער כאַפּן זיך אויף און בעטן: עסן, ברויט!

— ווער עסט היינט? — האָט זיך מענדל פּלוצלונג אָנגערופן.

די קינדער זעצן זיך אויף דערשראָקן.

— היינט איז אַ טאָנעס — זאָגט מענדל מיט אַ פינצטער פּאָנעם.

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, איידער די קינדער האָבן פאַר־שטאַנען, וואָס מען רעדט צו זיי.

— וואָס פאַר אַ טאָנעס? וואָס פאַר אַ טאָנעס? — פרעגן זיי, ווײנענדיק.

און מענדל דערציילט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אַז היינט איז געשען אַן אומגליק אין שטעטל.

— דעריבער — זאָגט ער — האָט מען אויף מאָרגן אַרויסגערופן אַ טאָנעס, אַפילו פאַר זייגעדיקע קינדער!

די קינדער שווייגן און ער פירט ווייטער.

— אַזאַ טאָנעס ווי יאָמקיפּער, פון היינט פאַרנאַכט אָן!

די פיר קינדער שפּרינגען פלינק אַרויס פון בעט און הויבן אָן באַרוועס, אין די צעריסענע העמדלעך, צו טאַנצן איבער דער שטוב און צו רופן:

— מיר וועלן פאַסטן! פאַסטן!

מענדל פאַרשטעלט מיט די פלייצעס דאָס לעמפּל, זיי זאָלן נישט זען, ווי די מוטער גיסט מיט טרערן.

— נו, גענוג! — באַרואיקט ער די קינדער — גענוג! אין אַ טאָנעס טאָר מען נישט טאַנצן...

די קינדער זיינען צוריק אין בעט אַריין.

פאַרגעסן דעם הונגער!

אַ מיידעלע הויבט אָן זינגען... אַ קעלט לויפט מענדלען דורך אַלע גלידער...

— זינגען טאָר מען אויך נישט — מאַכט ער מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע.

די קינדער ווערן שטיל און שלאָפן איין, מיד פון טאַנצן און זינגען. איינער דאָך, דער עלטערער, וואַגט זיך נאָך און זאָגט:

— טאַטע, אַז איכ'ל ווערן גרויס, וועל איך פאַסטן אַלע טאַנייסים.

— יאָ, יאָ, כייעמל... אַלע טאַנייסים...

שטיל האָט ער צוגעגעבן:

— נאָר נישט אַזוינע, ווי היינט!...

אַ דאָר פאַרגייט, אַ דאָר קומט
("דור הולך ודור בא")

● י. מ. ווייסנבערג

אַן אויסגעשטערנטע נאַכט. שטילע פינקלענדיקע שטערנדלעך קוקן אַראָפּ פון בלויען הימל אויפן האַלב־איינגעשלאָפענעם שטעטל. האַלב־איינגעשלאָפענעם, ווייל אין טייל הייזער איז מען נאָך וואַך. באַ זעליק שוסטער איז נאָך אָפן טיר און טויער, און זיינע געזעלן זיינען אַזוי פאַרטיפט אין דער אַרבעט, אַז זיי באַמערקן ניט די ליכטיקע אייגעלעך פון הימל, וואָס ווינקען צו זיי דורך די אָפענע פענצטער. די בליצלאָמפּן אין שטוב בלענדן זיי די מידע אויגן, און זיי לאָזן זיי וויליק אַראָפּ צו דער אַרבעט.

פאַרנומענער פון אַלע איז דער לאַנגער נאַטע. ער וויל זיך פאַר־שלאָגן מיטן האַמער די געדאַנקען, זיי לאָזן זיך אָבער ניט.

— סע גייען אַזעלכע טעג. אַן אויצער געלט דאַרף מען... און פון וואַנען? זומער האָט ער ניט פאַראיבעריקט קיין רובל... פאַר זיך עפּעס צו קויפן אויף יאָנטעוו, איז קיין רייד ניט.

און ער הויבט און לאָזט אַראָפּ אַלץ האַסטיקער און האַסטיקער דעם האַמער אויף דער האַרטער זויל, אַרומפאַרנדיק מיט אים איבערן שטיין, וואָס איז געלעגן אויף זיינע אויסגעדאַרטע קני. כייעמל, זיין אַכט־יאָריקער ייִנגל, וואָס העלפט אים אונטער און גרייט אים צו אַרבעט, זיצט אין דער זייט, קימאַט הינטער דעם פאָטערס אַקסל, און באַשלאָגט אַ שטיוול, קלאַפּנדיק שוואַך און לאַנגזאַם מיטן העמערל. די מידקייט באַפאַלט אים פון צייט צו צייט, דעמאָלט טוט ער זיך אַ וויג, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ צו דער שויס; נאָר דער־שפירנדיק דאָס קאַלטע אייזערנע העמערל באַם שטערן, כאַפּט ער זיך אויף, קוקט זיך אום מיט צוויי אָפענע דערשראָקענע אויגן, צי לאַכן פון אים ניט די געזעלן. מע האָט עס גראָד ניט באַמערקט, נאָר ער בייזערט זיך אויף זיך אַליין: "סע איז קיין טאַכלעס ניט צו שלאָפן." ער ווייסט, אַז דער פאָטער וועט וואַרטן אָפן שטיוול. "פע, אַ מיעסע זאַך דאָס שלאָפן!"

קעדיי מער ניט איינצושלאָפן, לייגט ער אַוועק דעם שטיוול און גייט צו צום עמער וואַסער, דערפרישט זיך מיטן קאַלטן וואַסער דאָס פּאָנעם מיט די אויגן, און גייט שטאָלץ צוריק צו דער אַרבעט.

אויפֿן וועג וואַרפֿט ער אַ דרייסטן בליק צום וואַנט-זייגער: „אַ־וואַ, שוין האַלב צוועלף! מע דאַרף זיך צורירן.״

ער אײַלט זיך צו, און פֿון אונטערן העמערל שיטן זיך לעבעדיקע קלעפּ איבער די קעפּלעך פֿון די אומרואיקע שטיפֿטן. ווי אַ האַגל שיטן זיי זיך די קלעפּ און קלינגען אָפּ פֿון די גרויסע פֿעסער, וואָס שטייען אין דרויסן באַם אָפֿענעם פֿענצטער.

:: :: ::

עלקע, אַ דיקלעך ווײַבל, ווי סע פּאַסט פֿאַר אַ באַלעבאָסטע, איז געשטאַנען באַם קוימען און געפּרעגלט פֿעטס. דערבײַ האָט זי פֿון דער וועטשערע אויך ניט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג. זעליק, דער מאַן, דאַרף באַלד צוריקקומען פֿון גאַס און זי רירט זיך צו, ער זאָל טרעפֿן דאָס עסן פֿאַרטיק. געשיקט טוט זי פֿלוצלונג אַ גאָס עטלעכע לעפֿל פֿעטס. דער זאַד פֿון צאַפּלדיקן פֿעטס וועקט דעם לאַנגן נאָטע פֿון זײַנע יאָנטעוודיקע דייגעס. אָט אַזוי איז אַ טײַנעג! — טראַכט ער, אָן אויג וואַרפֿנדיק צום קוימען — גרויסער באָב מיט ברייטע קלאָרע פֿאַרפֿל, מיט אַ יויך פֿאַרגאָסן, דערנאָך מיט פֿעטס... אַ מייכל!... דאָס מעג שוין ראָטשילד עסן! דאָס וואַסער קומט אים אין מויל אַריין... דערבײַ דערפֿילט ער אָבער, אַז דאָס האַרץ ווערט אים וואַסערדיק, אַז דער געשמאַק פֿון „ראָטשילדס מייכל״, וואָס צעגייט זיך אין שטוב, שוואַכט אים וואָס אַמאָל אָפּ.

ער קען לענגער שוין ניט זיצן און ער דרייט זיך איבער צו כּייעמקען און זאָגט: ווי האַלטסטו מיט דער אַרבעט? שוין צײַט צו גיין אַהיים.

— באַלד, טאַטע — ענטפֿערט כּייעמקע דערפֿרייט. און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי שוין ביידע אַוועקגעלייגט די אַרבעט, אָנגעטאָן די כאַלאַטלעך און געוואונטשן דער באַלעבאָסטע אַ גוטע נאַכט. דערבײַ האָט נאָטע אַ פֿרעג געטאָן, וואו ער, איר מאַן, קאָן זיך איצט געפֿינען. זי פֿרעגט: צו וואָס? און ער ענטפֿערט, אַז ער דאַרף אַ ביסל געלט. עלקע גיט אַ צי מיט די אַקסלען, אַז זי ווייסט ניט, און נאָטע מיטן יינגל האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, זאָגנדיק נאָכאַמאָל „אַ גוטע נאַכט״ צו דער באַלעבאָסטע און די איבעריקע געזעלן.

:: :: ::

מיריעם איז נאָך ניט געשלאָפן, כאָטש זי איז געלעגן אין בעט. כייעמקע האָט איר איבערגעגעבן, אַז דער טאַטע איז געגאַנגען אויפ־זוכן זעליקן, און זי האָט וואַכנדיק געוואַרט אויפן מאַן מיטן געלט.

אין קליינעם נידעריקן שטיבל האָבן געאָטעמט אַכט נעפאַשעס: מיריעם מיט צוויי קינדער זיינען געלעגן אין איין בעט. כייעמקע — אין אַ העלפט פון דער צווייטער; די צווייטע העלפט האָט ער איבער־געלאָזט פאַר דעם טאַטן. צופוסנס אויף אַ שלאָפבאַנק שלאָפן צוויי קינדער איבערגעדעקט מיטן פאַטערס אַן אַלטער קאַפּאָטע. נאָך איינס ליגט קעגנאיבער דער שלאָפבאַנק, אויף אַן אַלטמאָדישן פלאַכן קאַסטן צוגעדעקט מיט דער מוטערס פאַטשיילע, ניט ווייט פון איר בעט. דאָס בלאַסע פּענעמל אויפן טונקעלן קליינעם קישעלע, וואָס איז אָנ־געשפּאַרט אין קוימען, שימערט פאַר בלאַסקייט; איבערן קוימען שיינט אַ קליין לעמפּעלע און וואַרפט זיינע דינע טרויעריקע שטראַלן.

סע הערן זיך טריט אונטערן פענצטער. מיריעם דערקענט דעם גאַנג, און שטעלט אָן די מאַטע אויגן צו דער טיר, אין וועלכער דער „לאַנגער נאָטע" האָט זיך באַלד באַוויזן. שטיל ווי אַ גאַנעוו איז ער אַריינגעקומען און געהיט זיך, די טיר זאָל באַם עפענען און פאַרמאַכן קיין סקריפּ ניט טאָן. אויף די שפּיץ נעגל איז ער צוגעגאַנגען צום טישל. מיריעם קוקט אויף אים, באַטראַכט זיין אויסגעדאַרט פּאָנעם, זיין בלאַס געזיכט, און פּלוצלונג דערפילט זי צו אים אַזאַ האַרציקן מיטלייד. זי ווייסט, אַז נאָר צוליב איר און די קינדער ווערט ער אַזוי פאַרשוואַרצט און געפּייניקט. זי שטאַרקט זיך און פרעגט שטיל: „נאָטע, האָסט אים געפונען?" ער שאָקלט מיטן קאָפּ: „ניין!" זי פאַרשטיקט אַ זיפץ און זאָגט אים: „נעם דיר דאָרט וועטשערע פון אויפן אויוון." ער ווענדט זיך צום קוימען, נעמט אַרויס אַ טעפּל פון קאַלטן אַש און צוריקגייענדיק צום טיש, נעמט ער מיט דאָס לעמפּל מיט דער צווייטער האַנט. פיל עסן קאָן ער ניט: ס'איז קאַלט געוואָרן, און מער נאָך — פאַר מידקייט. ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס טעפּל און ווערט אַנטשלאָפן אין די קליידער.

:: :: ::

פון דער פינצטער אין עק גאַס שווימט אַרויס דער לאַנגער נאָטע. ער גייט האַסטיק, זיין שווערער אָטעם הערט זיך פונווייטנס. ער איילט זיך צו דער אַרבעט.

ער האָט שוין געטראָפֿן איייניקע געזעלן בײַ די וואַרשטאַטן. נאָטע זעצט זיך צו, און ניט פֿיל שפּעטער איז אים כּייעמקע געקומען צו הילף. אַ שווערער אומעט ליגט אויף נאָטעס געזיכט. „וואָס זיצסטו עפּעס היינט אַזוי?" — האָט פּייוול געפֿרעגט. „עט, גאָר־ניט!... וואָס? טאַנצן זאָל איך?" ענטפֿערט נאָטע און קוקט ניט אויפֿן פּרעגער. דערווייל איז זעליק אָנגעקומען פֿון גאַס. נאָטע האָט געפּאַסט מוט און געבעטן עטלעכע רובל. זעליק האָט אים געגעבן דריי רובל. כּייעמקעס אויגן האָבן אָנגעהויבן שטראַלן פֿאַר פֿרייד, ווען דער פֿאָטער האָט אים דערלאַנגט דאָס געלט אַהיים צו טראָגן דער מוטער. נאָטע וויל זיך אויך פֿרייען, נאָר ער קאָן ניט. עפּעס פֿילט ער זיך ניט גוט. ער האָט דערפֿילט ווי אַ קנויל אונטערן האַרצן און באַקומען אַ שרעקלעכן ווייטיק. פֿאַר די אויגן איז אים פֿינצטער געוואָרן, און די הענט האָבן אים אָנגעהויבן שטאַרק צו ציטערן. סע מאַכן זיך אים די אויגן צו, און דער שטיוול פֿאַלט אים אַרויס פֿון דער האַנט: סע ווערט אים היים אין אַלע גלידער. מיט אַלע קויכעס עפֿנט ער די אויגן און וויל זיך אויפֿהויבן און אַרויסגיין זיך אָפּקילן אויף דער לופֿט, דאָרט וועט אים גרינגער זיין צו אָטעמען, נאָר ער קאָן ניט. ער פֿילט, אַז ער וועט אומפֿאַלן, ווי ער וועט זיך נאָר רירן פֿון אָרט. פּייוול האָט עס באַמערקט און פֿרעגט וואָס אים איז. „ס'איז מיר ניט גוט" — ענטפֿערט ער אים מיט אַ קורצן, שטילן אָטעם און ווייזט אים, אַז סע קלעמט אים אונטערן האַרצן. די כאַווירים לויפֿן צו אים צו, מע האָט אים געוואָלט אַוועקלייגן אויף זעליקס בעט, נאָר נאָטע גיט אַ צייכן, מע זאָל אים אַרויספֿירן אין דרויסן. מע טוט זיין ווילן. פּייוול נעמט אים אָן בײַ איין האַנט, נאָך אַ געזעל בײַ דער צווייטער האַנט און מע פֿירט אים לאַנגזאַם אַרויס פֿאַר דער טיר. זיי האָבן אים אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין, וואָס איז דאָרט געלעגן, און ער האָט אָנמעכטיק אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין דער האַנט מיט אַ פּאָר־שטיקטן ברומען פֿון אַ פּרעסנדיקן ווייטיק. „ס'איז דיר בעסער?" — פֿרעגן די כאַווירים. ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין"... און קאָן קוים אַרויסברענגען אַ שטיל געבעט, מע זאָל אים אָפּפֿירן אַהיים. זיי האָבן אים אַהיים געפֿירט אונטער די הענט. נאָטע פֿילט זיך אַלץ שווערער און שווערער. די פֿיס האָבן זיך אים גאָר אָנמעכטיק נאָכ־געשלעפּט.



אין שוסטער־ווארשטאַט — מ. ליבערמאַן

מע פירט נאַטען אין שטוב אַריין, מע לייגט אים אויפן בעט און פּייוול לויפט נאָך אַ דאָקטער. אין דער לופט פון קליינעם שטיבל, וואָס איז אָנגעפּילט געוואָרן נאָך מיט מענטשן פון גאַס, האָט נאַטע דעם אָטעם פאַרלאָרן... דאָס געשריי און געוויין ווערט העכער. עס קומט אָן דער דאָקטער. ער האָט אַ רעפּוע פאַרשריבן און איז אַוועק־געגאַנגען. נאַטע איז אַלץ ווי אָן אָטעם. מיטאַמאָל האָבן זיך אים הויך אויפגעהויבן די ברעמען, זיינע אויגן האָבן בּאַ אים שאַרף און געשווינד אויפגעגלאַנצט ווי בּאַ אַ צאַנקענדיק ליכט, און האָבן זיך באַלד פאַרלאָשן...

מיריעם באַוויינט אים פאַר דער טיר.

— זאָל שוין זיין גענוג! — האָבן אייניקע מאַנסלייט געשריען — נעמט זי אַוועק!

פּייוול האָט אַ וואונק געטאָן צו צוויי פון זיינע כאַוויירים:

— קומט צו זעליקן, מע מוז נעמען עטלעכע רובל פאַר דער

אַלמאָנע מיט די קינדער — האָט ער זיי געזאָגט, און זיי זיינען אַרויס פון שטוב.

:: :: ::

זעליקס באַלעבאַסטע האָט שוין דערפון געוואוסט, און איז זיי אַנטקעגן געלאָפן יאָגנדיק און מיט פאַרבראָכענע הענט: „אַזאַ אומגליק, אַזאַ כורבן!...“

— וואו איז זעליק? — האָט פייוול איבערגעריסן די קלאָג. זי ווישט זיך אויס די אויגן און ענטפערט טרוקן און באַליידיקט, אַז ער וועט באַלד קומען: „זעצט זיך!“ זעליק איז אויך באַלד געקומען. פייוול האָט אים געזאָגט: „מע דאַרף געלט פאַר דער מישפּאָכע, כאָטש אַ רובל זעקס, און איר מוזט די טויווע טאָן און געבן.“ זעליק האָט פייוולען געגעבן זעקס רובל. פייוול מיט די כאַווירים גייען אַרויס. זעליקס ווייב פאַלט דעמאָלט אָן אויף אים:

— ווער וועט אָפּאַרבעטן דאָס געלט? — פרעגט זי צאַרנדיק — דיר כאַלעמט זיך, אַז נאָטע לעבט נאָך?...

— ניט דיין דייגע! — ענטפערט ער און גיט צו — כייעמקע וועט אָפּאַרבעטן. אַ דאָר פאַרגייט און אַ דאָר קומט.

מינסקער בלאָטעס

● איזי כאַריק

1.

אַרום יעדער שטאָלצער גאַס — צו הונדערט שטילע געסלעך
מיט הייזלעך נידעריקע, ווי שעפּסן אונטער באַרג...
ס'האָט מינסק אָן זיי, אָן אַלעמען פאַרגעסן,
און אַלע וועגן פירן נאָר צום מאַרק...

און דאָ אין טיף, אין ווארעמקייט פון בלאָטעס,
אין הייזלעך הילצערנע, שוין אויסן שטאָט פאַרשאַרט,
גייט אויף אַ ווייטיק זאַפטיק און געראָטן
און ס'ציטערט אויף אַ פויסט אין יעדן קינדיש האַרץ.

וועט ווען עס איז אַ האָס אַ שפּאַר טאָן דורכן זינען
און שטרענג און שאַרף אַ שניט טאָן איבער האַרץ...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

שפּילן זיך דאָ קינדערלעך, שפּילן זיך דאָ פּיניעס,
און קייקלען זיך דאָ הוילינקע אין זאַמד.

2.

אין יעדן הייזעלע, אין יעדער קאַמער
רעדט אַ ניי־מאַשין, אַ הובל, צי אַ האַמער.
נאָך קליין איז דאָ, נאָך שטיל איז דאָ דער רויש פון די מאַשינען,
נאָר יעדער איינער מיט זיך דאָך ביז נאַכט און פון באַגינען...

באַם בויערן, באַם הובלען, באַ דער דראַטווע, באַ דער נאָל —
זינגט מען הויך און זינגט מען היים, און אַלע מיטאַמאָל:
— „איי־איי־איי־איי — יאָשקע פאָרט אַוועק,
לאָמיר זיך געזעגענען — דער פאָיעזד פאָרט אַוועק" — — — —

3.

איז פיניע דאָ געוואַקסן ניט געפעסטעט,
ווי טויזנט אַנדערע פאַרלאָזן אונטער זון...
וואָס וויס אַ יונג פון אויסגעקרימטע געסלעך
אויסער מייסעס פאַרכטיקע פון „בונד"?...

און שווערע טעג און נעכט אָן טאַטע־מאַמע,
מיט הארטן פויסט און עלנט אונטער קאָפ —
נאָענט איז אַ שטאָט אַ ליכטיקע פאַראַנען,
גייט אהערצו קיינער ניט אַראָפּ.

4.

ס'איז פיניען גוט צו זיין אַ יונגער בלעכער,
הויך און הילכיק לאַכן איבער דאָך.
עס רייסט, עס ציט און ס'ווילט זיך הויך און העכער,
אַהין, וואו ס'רוט דער טאָג, אַהין, וואו ס'רוט די נאַכט...

שוין הויס די בלעך, און פייכט איז נאָך דער הימל,
די זון איז נאָענט: נעם און כאַפּ זי אָן!...
און אונטן דאָרטן דרייט שוין אַ געווימל,
שילדן קרעכצן, און אומרו הייבט זיך אָן.

ס'איז פיניען גוט מיט הילכיקן געלעכטער
לאַכן — לאַכן הילכיק איבער שטאָט.
עס רייסט, עס זינגט און ס'הילכן לייכטע בלעכן,
און טיף אין הארצן שטראָמט און שטראָמט...

5.

שוין קיל די בלעך, און שטיל איז שוין דער הימל,
אַלע שטערן זיינען רואיק פייכט.

טראָגט זיך איבער דאַך אַן אָוונטיקער הימן,
און אַלע הערצער ווערן קוועלנדיק און רייך...

מע האָט אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט — ביז נאַכט און פון באַגינען,
זיצט מען איצטער אויף די בלעכן מיד...
זינגט דער פעטער פיניע זיין פלימעניק פיניען
יעדן אָוונט, יעדע נאַכט אַ ליד.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— „. . . איצטער לעבן זיי אין קייטן און אין שניי,
איצטער זיינען זיי שוין ווייט אַזוי...
אָך, איז דאָס אַ צייט אַזאַ געוועזן!
אין ווארשטאַטן האָט געפיבערט און געוועקט...
שטרייק, און בלוט, און פרייד פון מאַרסעליעזע,
אַז וואָס ווייסטו, וואָס פאַרשטייסטו, שנעק!

האָט מען זיי אַלעמען אַזעלכע האַסטיק־הייסע
גענומען און פאַרוואָרפן קיין סיביר...
ווען, אָ, ווען וועט מען אַ נעם טאָן אָט דעם קייסער
און שווערערהייט אַ בראָך טאָן דורכן טיר!...

און גרינג און גיך אַ נעם טאָן יענע ברידער
און גרינג, און גיך אַ טראָג טאָן ביז אַהער. . .“

— — — — — — — — — — — — — — — — —

יעדן אָוונט זינגט דער פעטער פיניע לידער,
יעדן אָוונט ווערט דער דאַך פאַרקלערט...

.6

מיר, גאַנצע געסלעך מיט פיניעס,
צו אַלץ און צו גאָרניט געוואוינט,
מיר קלייבן אין הארצן אַ סינע,
און ס'איז האָס אונדזער שטענדיק ברויט.

אוי, ס'איז גוט, אַלץ גוט און צום גוטן,
וואָס דער ווייטיק צעוויגט זיך און שרייט!...
ס'ווערט געדיכטער און היים אין די בלוטן,
און די הענט ווערן האַריק און שטייף...

נאָר ס'מוז זיין! און די צייט איז געקומען
אין שטורעם, אין ליבשאַפט און בלוט.
מיר שטייען און הויבן דעם אומרו:
— ביז דאַנען! אראָפּ! און גענוג!



אווראָם רייזען

אווראָם רייזען איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל קאָידאַנאָוו, לעבן מינסק, אין יאָר 1875.

זיין ערשטע פּאָעמע, „מיין צוריקקער אהיים", האָט רייזען אָנגעשריבן, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ שווערער פיר־יאָריקער דינסט אין דער אַמאָליקער צאַרישער אַרמיי.

רייזען האָט אָנגעשריבן הונדערטער דער־ציילונגען און לידער. אין זיינע ווערק שיל־דערט רייזען דאָס שווערע לעבן פון דער יידישער אָרעמקייט אין קליינעם שטעטל, דעם אינטעליגענט וואָס ווערט פאַרוואָגלט אין דער גרויסער שטאָט, און דעם יידישן אַרבעטער.

זייער פיל פון רייזענס לידער זיינען פּאָפּולער געוואָרן בײַ די יידישע אַרבעטער און פאָלק־מאַסן.

זינט 1910 וואוינט רייזען אין אַמעריקע.

שליפּעס

● אווראָם רייזען

איך האָב מיט עטלעכע יאָר צוריק געדונגען אַ קליין צימערל בײַ אַ יידישן אַרבעטער, אַ מוליער.

איך האָב זיך אייגנטלעך ניט ריכטיק אויסגעדריקט. דאָס צימערל האָב איך געדונגען ניט בײַ אים, נאָר בײַ איר, בײַ זיין ווייב. ער אַליין איז דעמאָלט אין דער היים ניט געווען.

— מיין מאַן שטייט אויף זיבן אין דער פרי און קומט אַ זייגער צען בײַנאַכט — האָט זי מיר דערציילט מיט אַ טאָן, אין וועלכן עס האָט זיך געהערט אי באַדויערן, אי שטאָלץ.

צען אַ זייגער אין אָוונט האָט מיך איבערגעשלאָגן אַ פריילעכער „גוטנאָוונט" פון אַ מאַן. איך האָב זיך געשטעלט אויף דער שוועל פון מיין צימערל און האָב דערזען אַ מאַן פון אַ יאָר פינף־און־צוואַנציק, פון מיטעלן וואוקס, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ פאַרשמירט פּאָנעם, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט צוויי פריילעכע שוואַרצע אויגן.

— אַט דאָס, הייסט עס, איז אונדזער קוואַרטיראַנט? — האָט ער קלוימערשט געפרעגט דאָס ווייב, קוקנדיק אויף מיר.

— דאָס בין איך אַליין! — האָב איך אָנשטאָט דעם ווייב געענטפערט.

זיין פריילעכער קוק, זיין נאַטירלעכע אויפפירונג האָט מיך עפּעס אַ צי געטאָן צו אים.

— שאָלעם אַלייכעם — האָט ער זיך געווענדט אין אַ ווײַלע אַרום מיט אַ גוט שמייכעלע און מיר אויסגעצויגן אַ פאַרשמירטע גראָבע, אָבער וואַרעמע האַנט.

— אַלייכעם שאָלעם — האָב איך אים אָפּגעענטפערט — איר אַרבעט אַ גאַנצן טאָג?

— ווי דען? ניט אַרבעטן איז דען אַ טאַכלעס? דער מענטש איז געבוירן געוואָרן אויף אַרבעטן — און זיין פּאָנעם האָט אָן ערנסטע מינע אָנגענומען.

זיין ווייב, וואָס איז דערביי געזעסן, האָט מיט ליבער שטרענגקייט איבערגעריסן אונדזער שמועס:

— נו, יאָסל, גיי שוין עסן!

— וואַרט, וואָס איילסטו זיך! זעסט דאָך, אַז איך פאַרברענג מיט אַ מענטשן.

עס איז געווען קענטיק, אַז ער איז מיט מיר שטאַרק צופרידן. דאָס האָט מיר האַנאָע געטאָן.

מיר האָבן נאָך אַ ביסל גערעדט, ביז ער האָט זיך מיט אַ שמייכעלע צו מיר געווענדט:

— פון דעסטוועגן דאַרף מען טאַקע זיך וואַשן עסן. אַז מען וועט ניט עסן, וועט מען ניט האָבן קיין קויעך צו אַרבעטן, וועט מען נאָך כאָלילע מיך אַרונטערזעצן. איך האָב אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— וואָס הייסט עס „אַרונטערזעצן”?

— איך האָב דאָך זיך פאַרדינט צו אַ פּאָר שליפעס פאַר מיין אַרבעט — האָט ער מיט אַ געמאַכטן שטאָלץ געענטפערט.

— ער הויבט שוין אָן זיינע שטיק! — האָט דאָס ווייב זיך קלוימערשט געבייזערט — אַז אָך און ווי צו אַזעלכע שליפעס — האָט זי אויסגעלאָזט מיט אַ זיפץ.

— וואָס איז? שלעכטע שליפעס? — האָט ער ניט איינגעשטימט — איך וועל זיך ניט בייטן מיט דעם גרעסטן גענעראַלס שליפעס.

— וואָס איז דאָס פאַר שליפּעס? — האָב איך זיך פאַראינ־טערעסירט.

— וואָס אַרט אייך, פּיינע שליפּעס, איך וועל זיי אייך ווען עס איז ווייזן.

— עפּשער קען איך זיי זען איצטער — האָב איך אויסגערעדט ווי מיט אַ בעטנדיקן טאָן.

— איצטער?... איצטער? — האָט ער זיך ווי פאַרטראַכט — ווי זאָגסטו, כאַשע — איך זאָל זיי ווייזן איצטער, צי איך זאָל אָפּלייגן אויף פּריטיק פאַרנאַכט, ווען איך וואַש מיך אָפּ?

— מען דאַרף קיינמאָל ניט ווייזן — האָט זי ניט איינגעווויליקט — עס איז ניטאָ וואָס צו זען.

— געפעלן דיר ניט מיינע שליפּעס? — האָט ער געשמייכלט.

— מיילע, ווייזט, לאָמיר זיי זען — בין איך געוואָרן שטאַרק נייגעריק.

— שפּעטער, נאָכן עסן — האָט ער מיר אַ שעפּטשע געטאָן אין אויער. איך בין אַריין אין מיין צימערל און האָב מיט אומגעדולד געוואַרט.

אין אַ שאָ אַרום האָב איך דערהערט אַ שטיל שעפּטשען:

— איר ווילט זען?

ער איז פאַר מיר געשטאַנען אָן אַ ראָק און האָט געשמייכלט.

— באַלד ווייז איך אייך. מיינט ניט, אַז איך בין אַבי ווער — האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן און דערביי עטוואָס אַראָפּגעצויגן פון זיך דאָס העמד.

— איר זעט מיינע שליפּעס? — האָט ער מיך שוין געפרעגט מיט אַן ערנסטן טאָן.

איך האָב זיך איינגעקוקט און האָב זיך אַ טרייסל געטאָן. אויפן רעכטן און לינקן קאַרק זיינען געזעסן צוויי גרויסע ביילן, ווי פּויסטן. פון וואַנען דאָס קומט, האָב איך ניט געפרעגט. איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז די מולטערס ליים, די ציגל האָבן דאָס אָנגעריבן...

— עס טוט אייך גאָר ניט ווי? — האָב איך קוים אויסגערעדט און האָב אים ניט געקענט קוקן גלייך אין די אויגן, ווי איך וואָלט נאָר וואָס אַ גרויסע אַוולע אים אָנגעטאָן.

— ווי? — האָט ער איבערגעפרעגט — עט, ווי! שליפּעס

טוען דען ווי? עפשער די ערשטע צייט!... איצט זיינען זיי שוין איינגעוואקסן.

— יאָ, יאָ! — האָב איך געשטאַמלט — דאָס זיינען ערלעך־פּאַרדינטע שליפּעס. אייך דאַרף מען קאָוועד אָפּגעבן.

— עט, ווער דאַרף עס קאָוועד! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — גאָט זאָל נאָר געבן קויעך צו אַרבעטן. אַ גוטע נאַכט, מען דאַרף גיין שלאָפן. מען דאַרף מאָרגן פרי אויפשטיין צו דער אַרבעט.

— אַ גוטע נאַכט! — האָב איך אים געוואונטשן און בין געווען צופרידן, וואָס ער לאָזט מיך אַליין: איך האָב מיך געשעמט צו קוקן אים גלייך אין די אויגן אַריין.

— אָט דאָס זיינען קאָשער פּאַרדינטע שליפּעס! — האָב איך געטראַכט בלייבנדיק אַליין, און האָב אַ גאַנצע נאַכט זייער פיל נאָכ־געדענקט און לאַנג ניט געקענט איינשלאָפן...

אין דאָרף־שטיבל

י. איזראַעלס

דאָוויד בערגלסאָן

דאָוויד בערגלסאָן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1884, אין אַרכימאָווקע, לעבן קיעוו, אין אַמאָליקן רוסלאַנד.

זיין ערשטע זאַך איז די גרויסע דערציילונג „אַרום וואָקזאַל", וואָס בערגלסאָן האָט אָנגעשריבן אין יאָר 1908.

אין די ערשטע יאָרן האָט בערגלסאָן מערסטן געשריבן וועגן דעם אָפּשטאַרבן פֿון קליינעם יידישן שטעטל און דעם מעיוכעסדיקן יידישן סאָכרים־קלאַס. זיינע ווערק זיינען געווען פֿול מיט אומעט און טרויער. די לעצטע יאָרן אָבער לעבט בערגלסאָן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און אין זיינע ווערק פֿילט זיך אַ נייער לעבעדיקער טאָן, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס ווידערגעבוירן ווערן און דעם גלויבן פֿון די יידישע מאַסן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

טייל פֿון בערגלסאָנס באַרימטסטע ווערק זיינען: „נאָך אַלעמען", „אָפּגאַנג", „באַם דניעפּער", און אַנדערע.

פ ע נ ע ק

● דאָוויד בערגלסאָן

1.

פונקט פֿאַר פּייסעך האָט שמועל דער אַרבעטער געלאָזט וויסן ייסראָעל דעם שניידער, אַז ער וויל אַ הויסאָפּע אויף זיינע סכירעס, און ער גייט שוין ניט עטלעכע טעג צו דער אַרבעט. דאָך, ערגעץ־וואוהין וויל שמועל יאָ גיין. ער וויל אַריינלויפֿן צו ייסראָעל דעם שניידער אין שטוב און דאָרט פֿלעטן דעם קאָפּ דעם צווייטן אַרבעטער, פּייסען, וואָרעם פּייסע האָט אין אָנהייב אויך געוואָלט אַ הויסאָפּע, ווי שמועל, און האָט פֿלוצלונג היינט באַטאָג ווידער אָנגעהויבן גיין צו דער אַרבעט.

פֿענעק ווייסט פֿון דער גאַנצער מייסע, ווייל שמועל דער אַרבעטער וואוינט באַ פֿענעקס רעבען אין אַלקער.

פֿענעק, וואָס זיצט באַם טיש און שרייבט, ווייסט אַליין ניט, פֿאַרוואָס ער האָט עפּעס שטאַרק האַנאָע פֿון דער גאַנצער מייסע.

דערהויפּט טוט אים האַנאָע, וואָס שמועל דער אַרבעטער האָט ווידערשפּעניקט, גייט ניט צו ייסראָעל דעם שניידער צו דער אַרבעט. וואָרעם ייסראָעל איז אין פּענעקס אויגן: אַ פרומער זיפּצער, וואָס רעדט נאָר פון יענער וועלט, און זיין שטוב איז שטענדיק פאַר־וואַלגערט מיט אַרבעט. שמועלס ווייבל טוט פּענעקן אַ רוף צו זיך אין אַלקער אַריין. דאָרט דערוויסט זיך פּענעק אַ פּאָר טשיקאַווע זאַכן. ערשטנס — באַ ייסראָעל דעם שניידער אין שטוב ליגט פון זיינעטוועגן אַ שטיק שטאָף אויף אַ גאַרניטור; נאָך פון פאַר ראָשע־שאָנע ליגט דאָרט דער שטאָף, נאָר פון פּענעקס היים האָט מען אָנ־געזאָגט: „ניט נייען פּענעקן דעם גאַרניטור, ביז מע וועט ניט הייסן.״ צווייטנס, דערוויסט זיך פּענעק, אין אַלקער וויל מען פון אים אַ טויווע, מע פרעגט אים:

— עפּשער קענסטו זיך אַריינכאַפּן צו ייסראָעל דעם שניידער? קלוימערשט אַ קוק טאָן אויפן שטאָף. פאַרשטייסט? — וועסט דער־וויל זען וואָס דאָרטן טוט זיך...

פּענעק באַשליסט, ס'איז פאַר אים אַ געשעפט. ער איז גרייט אַפילע באַלד. צו פּענעקן זאָגט מען:

— ניין, איצט פּאַסט נישט... מאָרגן אין דער פרי...

2.

פּענעק איז שוין געווען באַ ייסראָעל דעם שניידער אין שטוב, געהייסן זיך באַווייזן דעם שטאָף.

נאָך מער:

קעדיי זיך צו באַוואָרענען מיט אַ פרייען אַריינגאַנג צו ייסראָעל דעם שניידער אין שטוב, האָט ער גיך אָפּגעטאָקט אַ פיינעם ליגן:

— אין דער היים האָט מען מיר געזאָגט, איר זאָלט מיר אַראָפּ־נעמען אַ מאָס און מיר אויפנייען פונעם שטאָף אַ גאַרניטור... באַלד, נאָך אויף פּייסעך.

פּענעקס מיין: צום אַלעם ערשטן זאָל ייסראָעל דער שניידער, אָט־דער פרומער זיפּצער, זיך אַ קאַפּעלע עסן די גאַל, זאָל ער מיינען אַז צו אַלע אַרבעטן, וואָס פאַרוואַלגערן איצט זיין שטוב, קומט נאָך צו דער שטאָף; זאָל ער וויסן, אַז אָן שמועלן, דעם בעסטן אַרבעטער, וועט ער פון דער אַרבעט ניט אַרויסקריכן, און זאָל ער אים געבן די

הויסאָפּע. אין איין הזעגס כאַפּט שוין דערוויל פּענעק אַ קוק, וואָס אין שטוב טוט זיך. אַרבעט, זעט ער, איזווירקלעך פאַראַן ביז איבערן קאָפּ. דער אומעטיק-פרומער ייסראָעל מוז איצט אַליין זיצן באַ איין טיש מיטן צווייטן אַרבעטער—פּייסע דער „פּאַרטאַטש"—און מיט זיין לערניינגל צאַלעקן, און אַרבעטן באַגלייך מיט זיי. ער זעט דעריבער אויס זייער אומעטיק. ווי טאָמעד, ווען אַן אַרבעטער וויל באַ אים אַ הויסאָפּע, איז ער גאָטספּאַרכטיק-פּאַרטראַכט, שווייגט גאַנצע שאָען, און אַז ער רעדט שוין יאָ אַ וואָרט, איז עס זייער אַ פרום וואָרט און נאָר וועגן יענער וועלט.

פּענעק קוקט דערוויל, ווי צאַלעק מיט פּייסען אַרבעטן לעבן ייסראָעלן באַם טיש. דער צוועלף-יאָריקער צאַלעק — אַ קלייענדיק-רויטער כעוורעמאַן, איז אַ פייערדיקער יונג, אַ דורכגעטריבענער. ווי נאָר ער לאָזט מען זאָל אים אַריינבליקן אין די גרינע מאַמזער-אויגן, דערזעט מען גלייך: ער פאַרשטייט אויסגעצייכנט אַלץ, וואָס דאָ אַרום אים טוט זיך. אויף אַ וואונק געבן פּענעקן און אויף צו טאָן צוויי מאָל אַ שמאַרע מיט דער נאָז איז פון זיינעטוועגן גענוג סאַכאַקל איין אויגנבליק. פּענעק לאַכט זיך שיר ניט פּאַנאַנדער און קוקט שוין בעסער אויף פּייסעם בלאָנד, ליגנעריש-האַרט בערדל: אַזוי זעט טאַקע אויס פּייסעם בערדל — ווי סע וואָלט נאָר וואָס האָבן אָפּגעזאָגט אַ גראָבן ליגן. אין די אויגן לאָזט ער ניט, מע זאָל אים געבן אַ קוק, אַט-דער פּאַרטאַטש, וואָס האָט מיעם אָפּגענאַרט אַזאַ גוטן אַרבעטער, ווי שמועלן. שמועל שווערט זיך, אַז ס'איז געווען צען מאָל אָפּגע-רעדט: ביידן אַ הויסאָפּע — „גיט מען אַ הויסאָפּע נאָר איינעם, גייען ביידע ניט צו דער אַרבעט".

פּענעק פרעגט מיטאַמאָל:

— איז וואָס-זשע וועט זיין מעקויעך דעם שטאָף?

ייסראָעל דער שניידער שוויגט.

פּענעק:

— וויל איך טאַקע איר זאָלט מיר באַלד אַראָפּנעמען אַ מאָס און באַלד צושניידן... דער שטאָף איז שוין זיינס גענוג אָפּגעלעגן...

ייסראָעל דער שניידער הויבט אָן אַרויסצובאַווייזן אַ נייע פרומ-קייט, ער פרעגט ווי זייער אַ צעבראָכענער מענטש:

— איצטער-אַ ווילסטו אַ נייעם גאַרניטורל?...

ער זיפצט:

— איצטער־אָ, ווען דיין טאַטע נעבעך איז אַזוי קראַנק?

3.

נאָך אַזוינע ווערטער בלייבט פּענעק אַ ווײַלע אָן לאָשן. ער גייט צוריק צו שמועל דעם אַרבעטער אין אַלקער און זאָגט דאָרט אָן ניט קיין פריילעכע בשׂורע:

ייסראָעל טוט שמועלס אַרבעט, פּייסע — אַ ביסל שמועלס אַר־בעט, אַ ביסל זיין אייגענע אַרבעט, דאָס איבעריקע מאַכט דער רויטער צאַלעק — ער באַוואַרפט שוין לאַצן...

זיין יעדיע האָט שמועלן און זיין ווייבל געגעבן דעם לעצטן קלאַפּ. זיי זיינען ביידע דערהאַרגעט.

זיין ווייבל פאַלט אויף אַ נייעם געדאַנק.

— צום אַלעם ערשטן אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט צאַלעקן. ווייל אַזוי איז געווען אָפּגערעדט: אַלע לייגן אַוועק די אַרבעט, פאַר אַלע אַ הויסאָפּע, פאַר צאַלעקן אויך.

ווידער שלעכט:

צאַלעק, אַז ער לייגט אַוועק די אַרבעט, האָט ער ניט וואו צו עסן און וואו צו שלאָפן. ייסראָעל דער שניידער וועט אים באַלד אַרויסטרייבן פון שטוב. וואָס זשע איז די אייצע?...

פּענעק האָט אַ שטיקל פּלאַן:

— אַ ביסל עסן וואָלט איך אַלע טאָג געקאָנט צאַלעקן ברענגען.

בלייבט שוין נאָר די פראַגע: וואו זשע וועט צאַלעק שלאָפן?

טאָקע ווייל אַלע שווייגן, דאַכט זיך פּענעקן, אַז ער איז נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געפאַלן אויף אַזאַ פיינעם סייכל:

— עפּשער קען צאַלעק שלאָפן באַ אייך אין אַלקער?...

הער נאָר, ס'איז טאָקע אַ געדאַנק. פּענעק גייט איבעררעדן מיט צאַלעקן. ער מוז צוטראַכטן עפּעס אַ נייעס, גאָר אַ פיינעם ליגן, קעדיי צו ווערן אַ היימישער מענטש באַ ייסראָעל דעם שניידער אין שטוב, האָבן די מעגלעכקייט צו כאַפּן דאָרט צאַלעקן און בלייבן מיט אים אויג אויף אויג. ער קומט אַריין צו ייסראָעל דעם שניידער אין שטוב און טאָקט אָפּ זייער לעבעדיק דעם נייעם פיינעם ליגן:

— אין דער היים האָט מען געזאָגט, אַז איר זאָלט מיר די רעגע

אראָפּגעמען אַ מאָס אויפן גאַרניטור און די רעגע נעמען נייען, וואָרן דעם טאַטן קומען מעוואַקער-כוילע זיין פיל מענטשן, און איך גיי אָפּ-גערימן ווי אַ שלעפּער, אין דער היים איז אַ ביזאָיען...

ער זעט ווי עס האָט געמאַכט דעם נייטיקן איינדרוק, ווערט ער באַ זיך נאָך שטאַרקער און גייט גלייך צו:

— אין דער היים האָט מען געזאָגט: „אויב אין פיר-פינף טעג וועט איר מיין גאַרניטור ניט מאַכן פאַרטיק, איז אַן עק, וועט איר מער קיינמאָל פון אונדז קיין אַרבעט ניט האָבן..." נעמט מיר באַלד אַראָפּ אַ מאָס.

איצט זעט שוין ייסראָעל דער שניידער, אַז אים וועלן ניט העלפן אַלע זיינע פרומע זיפצן. ער מוז גלייך אַוועקלייגן אַלע אַר-בעטן, אַראָפּנעמען אַ מאָס, באַלד צושניידן דעם שטאָף און טאַקע באַלד נעמען נייען.

— אַנדערש — אַזוי זאָגט פענעק — האָט מען מיר געזאָגט אין דער היים, זאָל איך פון אייך ניט אַוועקגיין.

איצט איז די זאַך געמאַכט — קיינעם וועט שוין ניט זיין מאָדנע, אויב פענעק וועט דאָ אין שטוב זיך געפינען אַ שאָ און צוויי. ער וועט שוין פאַקן צאַלעקן און זיך מיט אים דורכשמועסן.

4.

באַ ייסראָעל דעם שניידער אין שטוב — אַ שטוב, וואָס איז צו פּייסעך פאַרוואַלגערט מיט אויסגעפּאַרטיקטע און האַלב-אויסגע-פּאַרטיקטע מאַלבושים — איז פון טאָג צו טאָג געוואַקסן פענעקס גאַרניטורל.

דאַכט זיך, אָט ערשט געזען פאַר זיך אַ שטיק שטאָף — זאָל זיין אַ פיינער שטאָף מיט אַ פיינער בלוי-גרויער פאַרב, מיט אַ פיינעם גערוך, אָבער דאָך אַ טויטער. דעם שטאָף האָט מען נאָך דערצו מיעס צעשניטן אויף שטיקער, אויף פּיץ-פּיצלעך — ס'האָט אַזש ווייי געטאָן דאָס האַרץ. די גרויסע שער באַ ייסראָעל דעם שניידער אין די הענט האָט דערבײַ געכראָמטשעט, ווי אַ מערדער. צו איין שטיק האָט זיך גענומען ייסראָעל דער שניידער אַליין, אַ פּאָר שמעלערע שטיקער זיינען אַריינגעפאַלן צו פּייסע דעם „פּאַרטאַטש". און כאַטש צאַלעק אַרבעט שוין ניט מער (שמועל האָט אים דערפאַר

צוגעזאָגט אויף נאָך פּייסעך גאָלדענע בערג, זיך געשוואוירן אַז ער וועט אים זיין אַ טאַטע), פון דעסטוועגן רוקט זיך דאָך, ווי ניט איז, די מעלאָכע.

טאָקע דאָס דערגייט פּענעקן די יאָרן: פון איין זייט דאַרף ער גאָר צוליב שמועל דעם אַרבעטער טאָן אַלץ, קעדיי באַ יסראָעל־שניידער אין שטוב זאָל די אַרבעט ניט וואקסן. פון דער אַנדער זייט כאַפּט ער זיך אַלעמאָל באַ אַ גרעסערער גלוסטעניש, זיין גאַרניטור זאָל וואָס גיכער פאַרטיק ווערן, כאָטש ער ווייסט נאָך גאָרנישט: ווי אַזוי וועט ער דעם גאַרניטור קענען אָנטאָן — ס'איז דאָך גאָר אַ ליגן... אין דער היים האָט מען דאָך גאָרנישט געהייסן דעם גאַרניטור אויפנייען...

פּענעק ווייסט פּאָשעט ניט, וואָס זאָל ער דאָ מאַכן — אָט אָן אָנשיקעניש!...

ער נעמט אָן דעם שטאַרקסטן באַשלוס:

— אוים מיטן גאַרניטור, און שוין!

נאָך היינט מוז נעמען אַן עק.

טאָקע באַלד.

יענעם פאַרנאַכט:

פּענעק איז אַריינגעקומען צו יסראָעל־שניידער אין שטוב און געטראָפן דאָרט אַ נייעס: פּייסע דער „פּאַרטאַטש", ווייזט זיך אַרוים, האָט נאָך באַטאָג, באַם פרעסן, פאַרברענט מיטן הייסן אייזן עמעצנס אַ קאַפּאָטע און געמאַכט אַ שוויינ. ערשט איצט האָט מען זיך גע־כאַפּט. די שטוב איז געווען פול מיט קריגעריי — הייסע, טשאַדענ־דיקע קריגעריי, ווי די אָנגעגליטע אייזנס. צווישן די הענגענדיקע האַלב־אויסגעפּאַרטיקטע אַרבעטן האָט פּענעק דערזען זיין גאַרניטור שוין קימאַט אינגאַנצן פאַרטיק. בלויז איין אַרבל איז נאָך ניט אַריינגעפעסטיקט, הענגט לייכט אויף ווייסע פאַסטריגעס. פּענעק האָט זיך דאָרט אָוועקגעשטעלט מיט די פּלייצעס צום גאַרניטור, הינטן אַרום געפּראָוווט אַ צי טאָן פאַר אָט דעם אַרבל. דער אַרבל האָט זיך נאָכגעגעבן. נאָך אַ צי, אַ מער שטאַרקן — דער אַרבל איז אַן אָפּגעריסענער באַ אים אין האַנט... אויב אַזוי, איז גוט... זאָל מען דאָ אין שטוב זיך נאָך אַ ביסעלע קריגן... ער האָט דעם אַרבל בעריעש אַרונטערגערוקט צו זיך אונטערן רעקל, זייער שטיל זיך

אַרויסגעגליטשט פונעם שניידערס שטוב. איצט איז בלויז געבליבן די פראַגע:

וואו טוט מען אַהין דעם אַרבל?

5.

אין אָוונט האָט ייִסראָעל דער שניידער געשיקט זאָגן שמועלן:

— ווען האָסט האָבן די הויזאָפּע, קום צוריק אַרבעטן, קום באַלד.

— באַלד?...

שמועל האָט אַ קוק געגעבן אויף זיין ווייבל. דעם ווייבלס שוואַרצע אויגן האָבן אַ קוק געגעבן אויף שמועלן. דאָס ווייבל האָט געזאָגט:

— מיר וועלן זיך באַטראַכטן, מירן מאָרגן געבן ענטפער.

אין דער פרי איז פייסע דער „פּאַרטאַטש“ געקומען צו שמועלן אין אַלקער. ער האָט געבעטן, אַז שמועל זאָל אָן אים ניט גיין אַרבעטן, זיך געשוואָרן, אַז פון היינט אָן און ווייטער... טאַקע אַט:

— איין גאָט איז אָן איידעס...

ער האָט דערציילט, ווי אַזוי די מייסע איז נעכטן געוועזן מיט אים און מיט ייִסראָעל דעם שניידער: מע האָט געזוכט דעם פאַר־שוואונדענעם אַרבל פון פענעקס רעקעלע — איבערגעקערט די שטוב. מען האָט אויסגעטרייסלט אַלע שטאָפן, די האַלב־פאַרטיקע קליידער אויך. ער, פייסע, האָט געוואָלט העלפן זוכן אין קאָמאָדע. ייִסראָעל האָט אים פון דאָרט אָפּגעשטויסן, אים געגעבן אַ רוק אָט אַהער אין דער זייט. „מע בעט דיך ניט, סע ביידע דיין אַרבעט — אי די פאַרברענטע קאַפּאָטע, אי דער אַרבל. ס׳איז אומיסטן, מיינסט מ׳וויים עס ניט?“ ער, פייסע, האָט געפרעגט: „וואָס ווייסט מען?“ ייִסראָעל האָט זיך צעשריען: „מע ווייסט, אַז דו ביסט יאַדאַכעס מיט שמועלן.“ ער, פייסע, האָט זיך גענומען צוריק צום נייען. ייִסראָעל האָט אויסגעריסן בא אים די אַרבעט, אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט, אים צוגעפירט צו זיין רעקל, וואָס לעבן דער טיר, אויפן טשוואָק. „נאַ“ — האָט ער געזאָגט — „טו זיך אָן און גיי זיך אַהיים... נאָר באַלד!... איך דאַרף דיך מער ניט.“

שמועל האָט געפרעגט:

— נו, און ווייטער?

פייסע האָט געזאָגט:

— נו, און שוין...

שמועל האָט געפרעגט:

— נו, און וואו איז דער אַרבל — פון פענעקס רעקעלע?

פייסע האָט זיך גענומען שווערן:

— זאָל איך שוין אַזוי וויסן פון אַ קרענק... איך זאָל שוין אַזוי אייביק אין מיינע אויגן קיין שלעכטס ניט זען...

שמועלס ווייבל האָט געזאָגט:

— הערט אויס, פייסע, איך וויל מיט אייך ניט רעדן, איר האָט ניט פאַרדינט. איך וויל אייך נאָר פרעגן: ווי שעמט איר זיך ניט צו זאָגן שמועלן: „גיי ניט אָן מיר צו דער אַרבעט"? שמועל וועט ניט גיין צו דער אַרבעט אָן צאַלעקן, נאָר אָן אייך?... אייך האָט ער אין דער ערד.

שמועל האָט געזאָגט צו פייסען:

— איך מיט דיר האָב גאָרנישט צו טאָן.

פייסע איז אַוועק פון שמועלן מיט גאָרנישט.

דאָ איז אַריינגעקומען פענעק — אַריינגעלאָפן בלויז אויף איין רעגע. ער האָט פון אונטער זיין רעקעלע אַרויסגענומען דעם צוגע־שלעפּטן אַרבל און אים אַוועקגעלייגט אויפן טיש. שמועל האָט געפרעגט זייער פאַרוואונדערט:

— פון דיין נייעם גאַרניטור?... ווי קומט ער צו דיר?

פענעק האָט זיך אַרומגעקוקט, צי מעג מען אויסזאָגן:

— כ'האָב אים נעכטן שטיל אַוועקגעשלעפּט.

שמועל:

— צו וואָס?

פענעק:

— טאַקע אומיסטן...

און שפּעטער, אַז שמועל דער אַרבעטער פלעגט דערציילן די מייסע מיט דער הויסאָפּע, פלעגט ער אַלעמאָל אויסלאָזן:

— אָט ווער ס'האָט מיר דאָ געפירט דעם סטרייק. ער איז אַ גוטער ברודער, דער קליינער.

(פון „באָם דניעפּער").



דער שוסטער

יודאָווין

צום העמערל

● אַווראַם רייזען

אַ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער אַ טשוועק נאָך אַ טשוועק!
קיין ברויט איז אין שטוב נישטאָ,
נאָר צאָרעס און לייד אָן אַן עק!

אַ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
דער זייגער — ער שלאָגט שוין באַלד צוועלף;
די אויגן, זיי מאַכן זיך צו,
גיב קויכעס, אָ, גאָטעניו, העלף.

אַ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער די טשוועקעס, שלאָג גיך;
ביז מאָרגן מוז פאַרטיק שוין זיין
דער גווירעטעס טעכטערלס שיך!

אַ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
ניט גליטש פון מיין האַנט זיך אַרויס.
מיין איינציקער שפּייזער ביסטו,
פון הונגער אָן דיר גיי איך אויס!

אין דער אַלטער היים

יאָסל קאָטלער

דער טרעגער

● דאָוויד פּינסקי

מוישע־אַרן דער טרעגער גייט אַרום אַ בלייכער איבערן טראָטואַר און וואַרפט אומעטיקע, וויינענדיקע און פרעגנדיקע בליקן אויף יעדן פאַרבייגייער. ער גייט צו צו אייניקע קראָמען, שטעלט זיך אָפּ, קוקט אַריין, פרעגט מיט זיין טרויעריקן בליק אויף אַרבעט, און נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, גייט ער אַוועק.

— וואָס גוטס, מוישע־אַרן? — פרעגט אים אַ קרעמער, אַ קיילעכדיקער ייד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און מיט אַ סאַמעטענעם היטל.

— אַט, צי איז נישטאָ עפּעס וואָס אָפּצוטראָגן? — ענטפערט ער און קוקט אַריין אין קראָם.

ער גייט ווייטער.

— וואָס דאַרפסטו? — באַגעגנט אים מיט רוגזע אַ קרעמערין, וועלכע האָט געהאַלטן אין רעדן מיט איר מאַן אויף גאַנץ הויכע טענער.

— אַט גאָרנישט... — שטאַמלט ער — עפּעס וואָלט איך אָפּגעטראָגן.

— אַז מען וועט דאַרפן, וועט מען דיך געפינען — שרייט זי אויס מיט דעם זעלבן טאָן און נעמט זיך ווידער צום מאַן.

מוישע־אַרן זיפצט שווער אָפּ, און זיין פּנים ווערט נאָך טרויעריקער. ער גייט צוריק צום עק גאַס, וואו עס שטייען נאָך אַ סך טרעגער. זיין אומגליקלעך פּנים וואַרפט זיך זיי אין די אויגן.

— וואָס איז עס מיט דיר, מוישע־אַרן? — פרעגט אים איינער.

— וואָס זאָל זיין? — רעדט ער אַרויס מיט האַרץ און קערט אום דאָס פּאָנעם צו די כאַוויירים — וואָס זאָל זיין, אַז מען עסט דעם פערטן טאָג נאָר טרוקן ברויט? וואָס זאָל זיין, אַז שוין דעם פערטן טאָג ווי מען פאַרדינט נישט?

די כאַוויירים בלייבן שטיל. אַלע קוקן אַריין אין גאַס מיט אַ שווער געמיט.

— איך האָב שוין אויך דעם אַנדערן טאָג אַ גראָשן נישט פאַר־דינט — רייסט איינער איבער דאָס שווייגן.

קיינער ענטפערט אים נישט אַ וואָרט. מען זיפצט נאָר שווער אָפּ און מען צעגייט זיך. מוישע־אַרן הייבט ווייטער אָן אַרומצודרייען זיך צווישן די קראָמען.

— מוישע־אַרן! מוישע־אַרן! — רופט אים אַ ווײַלע שפּעטער אַ טרעגער — גיי, ס'איז דאָ אַ קאַסטן אָפּצוטראָגן. גיי, נעם... באַ זאָלצ־בערגן. האָסט קויעך?

— ס'וועט זיך געפינען! — ענטפערט ער און איילט אַוועק.

אַ גרויסער, שווערער קאַסטן. ער קאָן אים קוים רירן פון אָרט. ער שטייט אַ ווײַלע און קלערט, צי זאָל ער אים נעמען, צי נישט. אין קראָם מיינט מען, אַז ער באַקלערט, ווי בעסער אויפצוהויבן די מאַסע.

— שטעל אים אַרויף אויפן גרויסן זאַק — ראָט אים דער מעשאָרעס און ווייזט אים אָן אויף אַ זאַק מיט שטריק, נישט ווייט פון קאַסטן.

באַ אים בלייבט צו נעמען דעם קאַסטן: זאָל ער אים נאָר האָבן אויפן רוקן, וועט ער שוין גיין.

— קום, העלף אַרויפשטעלן — ווענדט ער זיך צום מעשאָרעס.

— און אַליין? — זאָגט דער מעשאָרעס און גייט פון דעסטוועגן העלפן.

באַ די ערשטע פּאָר טריט איז מוישע־אַרן שיר נישט אומגעפאַלן.

— שיקער ביסטו, וואָס? — שרייט מען אים פון קראָם.

— יאָ, שיקער! — ברומט ער אָפּ און גייט אַוועק.

דער טרעגער, וועלכער האָט אים איבערגעגעבן דעם קאַסטן, באַ־געגנט אים און פרעגט מיט ראַכמאָנעס:

— שווער?

— און אַז שווער, איז וואָס? — ענטפערט ער אָפּ בייז פון אונטערן קאַסטן.

ער קאָן קוים אַ טריט מאַכן, נאָר ער שטאַרקט זיך. ער וועט באַקומען צוואַנציק קאָפּיקעס.

עס הייבט אים אָן שווינדלען פאַר די אויגן. דאָס בלוט האָט אָנגעשפּאַרט אין קאָפּ. דאָך ער גייט. ער זעט שוין דאָס הויז, וואוהין ער דאַרף צושטעלן דעם קאַסטן.

אָבער דאָס שווינדלען אין קאָפּ ווערט שטאַרקער. עס דוכט זיך אים, אַז עמעץ האָט אים לייכט אַ שטויס געטאָן אין זייט, און ער פּאַלט ערגעץ, טיף, טיף... עס ווערט אים אַזוי גרינג אויפן רוקן — ער פילט גאָר די מאַסע נישט. עס איז אים נאָר אַ ביסל שוואַכלעך באַם האַרצן, און דאָס פאַלן אין דער טיפקייט איז אויך עפּעס נישט שטאַרק אָנגענעם. עס ציטערט אין אים דאָס האַרץ, ער זאָל זיך נישט צעשלאָגן, אַראָפּפאַלנדיק. נאָר אָט דערגרייכט ער דעם גרונט פון דער טיפעניש — ער גיט אַ ציטער און גלאָצט אויס די אויגן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווייל דאָס איז געווען אין כאָליערע־צייט, איז פאָרגעקומען אין גאַס אַזאַ מין געשפּרעך:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ רעדל?

— אַ טרעגער איז אַוועקגעפאַלן.

— געשטאָרבן?

— וואָס דען?

— וואָס? פון כאָליערע?

— ווער ווייס?

— אַז די קאַפּצאָנים עסן זיך אָן מיט שיידים ווייסן וואָס!

באָנטשע שוויַיג

י. ל. פּערעץ

ד אָ, אויף ד ע ר וועלט, האָט באָנטשע שוויַיגס טויט קיין איינדרוק ניט געמאַכט! פרעגט עמעצן בעכיירעס: ו ו ע ר באָנטשע איז געווען, ו ו י אַזוי ער האָט געלעבט, אויף ו ו אָ ס ער איז געשטאָרבן! צי האָט אים דאָס ה אַ ר ץ געפּלאַצט, צי די ק ו י כ ע ס זיינען אים אויסגעגאַנגען... ווער ווייסט? עפּשער איז ער גאָר פאַר הונגער געשטאָרבן!

באַנטשע האָט שטיל געלעבט און איז שטיל געשטאָרבן; ווי אַ שאָטן איז ער דורך אונדזער וועלט!

באַם לעבן האָט די נאַסע בלאָטע קיין צייכן פון זיין פוס נישט באַהאַלטן; נאָכן טויט — האָט דער ווינט דאָס קליינע ברעטל פון זיין קייווער אומגעוואָרפן; דעם קאַברענס ווייב האָט עס געפונען ווייט פון קייווער און דערביי אַ טעפל קאַרטאָפל אָפגעקאָכט... עס איז דריי טעג נאָך באַנטשעס טויט, פרעגט דעם קאַברען בעכיירעס, וואו ער האָט אים געלייגט!

אַ שאָטן! זיין פאָטאָגראַפיע איז נישט געבליבן באַ קיינעם אין מויעך, באַ קיינעם אין האַרץ; עס איז פון אים קיין זייכער ניט געבליבן!

„קיין קינד, קיין רינד"; עלנט געלעבט — עלנט געשטאָרבן!

ווען נישט דאָס מענטשלעכע גערודער, וואָלט עפשער עמעצער אַמאָל דערהערט ווי באַנטשעס מאַרכביין האָט אונטער דער לאַסט גע־קנאַקט. וואָלט די וועלט מער צייט געהאַט, וואָלט עמעצער עפשער אַמאָל באַמערקט, אַז באַנטשע (אויך אַ מענטש) האָט לעבעדיקערהייט צוויי אויסגעלאָשענע אויגן און שרעקלעך איינגעפאַלענע באַקן; אַז אַפילע ווען ער האָט גאָר שוין קיין לאַסט נישט אויף די פּלייצעס, איז אים אויך דער קאָפּ צו דער ערד געבויגן, גלייך ער וואָלט לעבעדיקער־הייט זיין קייווער געזוכט!

ווען מען האָט באַנטשען אין שפּיטאָל אַריינגעפירט, איז זיין ווינקל אין קעלער־שטוב נישט ליידיק געבליבן — עס האָבן צען זיינס־גלייכן אויף דעם געוואַרט. ווען מען האָט אים פון שפּיטאָל שוין אַ טויטן אַרויסגעפירט, האָבן אויפן בעט צוואַנציק אָרעמע קראַנקע געוואַרט... ווער ווייסט, ווי לאַנג ער וועט רואיק וואוינען אין קייווער? ווער ווייסט, וויפיל עס וואַרטן אויף דעם שטיקל פּלאַץ?...

שטיל געבוירן, שטיל געלעבט, שטיל געשטאָרבן און נאָך שטילער באַגראָבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר נישט אַזוי איז געוועזן אויף יענער וועלט! דאָרטן האָט באַנטשעס טויט אַ גרויסן איינדרוק געמאַכט!

דער גרויסער שויפער פון מאָשיעכס צייטן האָט געקלונגען אין אַלע זיבן הימלען: באַנטשע שווייג איז ניפטער געוואָרן! אין

גאַניידן איז אַ ראַש, אַ סימכע, אַ גערודער: „באַנטשע שוויג! אַ שפּאַס — באַנטשע שוויג!!!"

וואָס רעדלט אַזוי אין הימל?

דאָס האָבן צוויי מאַלאָכים אין גאַניידן אַריין פּאַר באַנטשעס וועגן אַ גינגאָלדענעם פאָטערשטול אויף רעדלעך געפירט!

וואָס האָט אַזוי העל געבליצט?

דאָס האָט מען דורכגעפירט אַ גאָלדענע קרוין, מיט די טייערסטע שטיינער געזעצט! אַלץ פּאַר באַנטשען!

— נאָך איידער מען האָט אים געמישפּעט? — פרעגן די צאַדיקים פאַרוואונדערט און נישט גאָר אָן קינע.

— אָ! — ענטפערן די מאַלאָכים — דאָס וועט זיין אַ פּראָסטע פּוסטע פּאָרמע! קעגן באַנטשע שוויג וועט אַפילע דער קאַטייגער קיין וואָרט אין מויל נישט געפינען! דער מישפּעט וועט דויערן פינף מינוט!

— איר שפּילט זיך מיט באַנטשע שוויג?

:: :: ::

אַז די מאַלאָכימלעך האָבן באַנטשען געכאַפּט אין דער לופט און אָפּגעשפּילט אים אַ זעמער; אַז ער האָט געהערט, אַז זיין שטול איז גרייט אין גאַניידן; אַז אויף זיין קאָפּ וואַרט אַ קרוין — האָט באַנטשע, גלייך ווי אויף דער וועלט, געשוויגן פאַר שרעק! ער איז זיכער, אַז דאָס מוז זיין אַ כאָלעם אָדער אַ פּראָסטער טאָעס!

ער איז צוביידע געוואוינט! נישט איינמאָל האָט זיך אים אויף יענער וועלט געכאָלעמט, אַז ער קלייבט געלט אויף דער פּאָדלאָגע, גאַנצע אויצרעס ליגן... און אויפגעכאַפּט האָט ער זיך נאָך אַ גרעסערער קאַפּצן ווי נעכטן... נישט איינמאָל האָט עמעץ פאַר טאָעס צוגע־שמייכלט, אַ גוט וואָרט געזאָגט און איבערגעדרייט זיך און אויס־געשפּיגן...

— מיין מאַזל — טראַכט ער — איז שוין אַזוי!

און ער האָט מוירע די אויגן אויפצוהייבן, דער כאָלעם זאָל נישט פאַרשווינדן; ער זאָל זיך נישט אויפכאַפּן ערגעץ אין אַ הייל צווישן שלאַנגען און עקדישן! ער האָט מוירע פון מויל אַ קלאַנג אַרויסצולאָזן, מיט אַ גליד אַ ריר צו טאָן.

אויסער זיך איז ער פאַר שרעק!

פֿאַר שרעק האָט ער אַפֿילו ניט געהערט, ווי דער פּאַרזיצער פֿון געריכט האָט בעפֿייערעש אויסגערופֿן: „דער מישפּעט פֿון באָנטשע שווייג!" און דערלאַנגענדיק דעם מיליץ־יווישער די אַקטן, געזאָגט: „לעז, נאָר בעקיצער!"

מיט באָנטשען דרייט זיך דער גאַנצער סאַלאָן, עס רוישט אים אין די אויערן. אינעם געררויש הערט ער דאָך אַלע מאָל שאַרפֿער דעם פֿאַר־טיידיקערס זיס קאָל ווי אַ פֿידל:

— ער האָט זיך קיינמאָל אויף קיינעם נישט געקלאָגט: נישט אויף גאָט, נישט אויף לייט; אין זיין אויג האָט קיינמאָל נישט אויפֿ־געפֿלאַמט קיין פֿונק פֿון האַס; ער האָט עס קיינמאָל נישט אויפֿגעהויבן מיט אַ פּרעטענזיע צום הימל.

באָנטשע פֿאַרשטייט נישט אַ וואָרט.

— ער האָט אַלץ געשוויגן — פֿירט ווייטער דער מיליץ־יווישער — אַפֿילו ווען די מוטער איז אים געשטאָרבן און ער האָט צו דרייצן יאָר אַ שטיפֿמאַמע באַקומען... אַ שטיפֿמאַמע אַ שלאַנג, אַ מאַרשאַעס...

— מיינט מען דאָך עפּשער פֿאָרט מיך? — טראַכט באָנטשע.

— זי פֿלעגט אים קאַרגן דעם ביסן... אייערנעכטיק פֿאַרשימלט ברויט... האָר־פֿלאַקס פֿאַר פֿלייש... און זי האָט קאַווע מיט סמעטענע געטרונקען.

— און שטענדיק עלנט — פֿירט ער ווייטער — קיין כאַווער, קיין טאַלמעד־טוירע, קיין כיידער... קיין גאַנץ בעגעד... קיין פֿרייע מינוט...

— ער האָט געשוויגן אַפֿילו שפּעטער, ווען דער פֿאָטער, דער שיקער, האָט אים שיקערהייט אַמאָל אָנגעכאַפּט בײַ די האָר און אין מיטן אַ שנייענדיקער ווינטער־נאַכט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון שטוב! ער האָט זיך שטיל אויפֿגעהויבן פֿון שניי און איז אַנטלאָפֿן, וואו די אויגן האָבן אים געטראָגן...

ערשט אין אַ שווינדלדיקער, נאַסער פֿרילינג־נאַכט איז ער אין אַ גרויסער שטאָט אַריין געקומען; ער איז אַריין ווי אַ טראָפּן אין אַ יאַם, און דאָך האָט ער די אייגענע נאַכט אין אַרעסט פֿאַרבראַכט... ער האָט געשוויגן, נישט געפֿרעגט פֿאַר וואָס, פֿאַר ווען. ער איז אַרויס און די שווערסטע אַרבעט געזוכט! נאָר ער האָט געשוויגן!

שווערער פֿאַר דער אַרבעט איז געווען זי צו געפֿינען — ער האָט געשוויגן!

באַדנדיק זיך אין קאַלטן שוויים, צוזאַמענגעדריקט אונטער דער שווערסטער לאַסט, באַם גרעסטן קראַמף אין לײדיקן מאַגן — האָט ער געשוויגן!

ער האָט קײנמאָל נישט איבערגערעכנט, וויפיל פּוד לאַסט עס קומט אויס אויף אַ גראָשן, וויפיל מאָל ער איז געפאַלן באַ יעדן גאַנג פאַר אַ דרייער, וויפיל מאָל ער האָט שיר די נעשאָמע אויסגעשפּיגן, מאָנענדיק זיין פאַרדינסט; ער האָט נישט גערעכנט, נישט ז י י ן, נישט י ע נ ע מ ס מאַזל, נאָר געשוויגן!

— מיינט מען דאָך טאַקע מיך! — טרייסט זיך באָנטשע.

— איינמאָל — פירט ווייטער דער מיליץ־ווישער נאָך אַ טרונק וואַסער — איז אין זיין לעבן אַן ענדערונג געשען... עס איז דורכ־געפלויגן אַ קאַטש אויף גומענע רעדער מיט צעפלאַשעטע פערד... דער שמייסער איז שוין לאַנג פון וויטנס געלעגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ אויפן ברוק... פון די דערשראָקענע פערדס מיילער שפּריצט דער שוים; פון אונטער די פאַדקאָווע יאָגן זיך פונקען; די אויגן בלישטשען, ווי ברענענדיקע שטורקאַצן אין אַ פינצטערער נאַכט—און אין קאַטש זיצט נישט טויט, נישט לעבעדיק אַ מענטש!

און באָנטשע האָט די פערד פאַרהאַלטן!

און דער געראַטעוועטער איז געווען אַ ייד אַ באַל־צדאָקע און האָט באָנטשען די טויווע נישט פאַרגעסן!

ער האָט אים דעם געהאַרגעטנס בייטש איבערגעגעבן; באָנטשע איז אַ שמייסער געוואָרן!

— מיך מיינט מען, מיך! — באַפעסטיקט זיך באָנטשע אין דער דייע און האָט דאָך די האָזע נישט אַן אויג צו וואַרפן אויפן „בעס־דין שעל־מיילע"...

ער הערט זיך ווייטער איין צום מאַלעך־מיליץ:

— ער האָט געשוויגן, אַפילו ווען זיין באַל־טויווע האָט אין קורצן באַנקראָטירט און אים זיין לוין נישט באַצאָלט...

:: :: ::

— ער האָט אַפילו געשוויגן — הייבט אָן ווייכער און טרויעריקער דער מאַלעך־מיליץ — ווען דער אייגענער באַל־טויווע האָט זיך מיט אַלע אויסגעגלייכט, נאָר אים קיין גראָשן סכירעס נישט צוריקגעגעבן; און אַפילו דעמאָלט, ווען ער איז באָנטשען (ווייטער פאָרנדיק אויף אַ

קאַטש מיט גומענע רעדער און פערד ווי לייבן) איבערגעפאָרן...

ער האָט אַלץ געשוויגן! ער האָט אַפילע דער פּאָליציי נישט געזאָגט, ווער עס האָט אים צו־רעכט געמאַכט...

ער האָט געשוויגן אַפּילע אין שפּיטאָל, וואו מען מעג שוין ש ר י י ע ן!

ער האָט געשוויגן באַם גויסעסן — ער האָט געשוויגן באַם שטאַרבן.

קיין וואָרט קעגן גאָט, קיין וואָרט קעגן לייט!

— איך האָב געענדיקט.

:: :: ::

באַנטשע הייבט ווייטער אָן צו ציטערן אויפן גאַנצן לייב. ער ווייסט, אַז נאָכן מייליץ־יושער גייט דער קאַטייגער! ווער ווייסט, וואָס ד ע ר וועט זאָגן!

ענדלעך הערט זיך דעם אַנקלאָגערס שטים:

— ע ר האָט געשוויגן, וועל איך אויך שווייגן!

עס ווערט שטיל — און פון פאַרנט הערט זיך אַ נייע ווייכע ציטערדיקע שטימע:

— באַנטשע, מיין קינד באַנטשע! — רופט עס ווי אַ האַרפע... — מיין האַרציק קינד באַנטשע!

אין באַנטשען צעוויינט זיך דאָס האַרץ... ער וואָלט שוין אַצינד די אויגן געעפנט, נאָר זיי זיינען פאַרפינצטערט פון טרערן... עס איז אים אַזוי זיס־וויינענדיק קיינמאָל נישט געוועזן... „מיין קינד", „מיין באַנטשע" — זייט די מוטער איז געשטאָרבן, האָט ער אַזאַ קאָל און אַזוינע ווערטער נישט געהערט.

— מיין קינד! — פירט ווייטער דער פּרעזעס פון הימלישן געריכט — דו האָסט אַלץ געליטן און געשוויגן! עס איז נישטאָ קיין גאַנץ גליד, קיין גאַנץ ביינדל אין דיין לייב אָן אַ וואונד, אָן אַ בלוטיק אָרט; עס איז נישטאָ קיין איין באַהאַלטן אָרט אין דיין נעשאָמע, וואָס עס זאָל נישט בלוטן... און דו האָסט אַלץ געשוויגן...

— דאָרט האָט מען זיך נישט פאַרשטאַנען דערויף. דו אַליין האָסט גאָר עפּשער נישט געוואוסט, אַז דו קענסט שרייען, און אַז פון דיין געשריי קענען יעריכעס מויערן ציטערן און איינפאַלן! דו אַליין האָסט פון דיין פאַרשלאָפענעם קויעך נישט געוואוסט...

אויף יענער וועלט האָט מען דיין שווייגן נישט באַלוינט; דאָ אויף דער עמעסער וועלט וועסטו דיין לוין באַקומען!

דיך וועלן מיר ניט מישפּעטן. נעם דיר, וואָס דו ווילסט! אַלץ איז דיין!

באָנטשע הויבט דאָס ערשטע מאָל די אויגן אויף! ער איז ווי פאַר־בלענדט; אַלץ בלאַנקט, אַלץ בליצט, פון אַלץ יאָגן שטראַלן.

— טאַקע? — פרעגט ער מעסופּעק און פאַרשעמט.

— זיכער! — ענטפערט פעסט דער אָוו־בעס־דין — זיכער, זאָג איך דיר, אַז אַלץ איז דיינס, אַלץ אין הימל געהערט צו דיר! וואָרן אַלץ, וואָס דאָ בלאַנקט און בליצט, איז נאָר אַן אָפּשיין פון דיין פאַר־שוויגענער גוטסקייט; אַן אָפּגלאַנץ פון דיין נעשאָמע! דו נעמסט נאָר בא דיר אַליין!

— טאַקע? — פרעגט באָנטשע נאָך אַמאָל, שוין מיט אַ זיכערן קאָל.

— טאַקע! טאַקע! טאַקע! — ענטפערט מען אים אויף זיכער פון אַלע זייטן.

— נו, אויב אַזוי — שמייכלט באָנטשע — וויל איך טאַקע אַלע טאָג אין דער פרי אַ הייסע בולקע מיט פרישער פּוטער!

מאַלאָכים האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ פאַרשעמט, דער קאַטייגער האָט זיך צעלאַכט.

שפּינאָזאַ ש. הירשענבערג

די ערד דערוואַכט

לייב ניידוס ●

ס'ווערט דער הימל בלויער, העכער,
בושלעס שטייען שוין אויף דעכער,
שוואַלבן רוישן שוין אין לופט;
ס'ווילט זיך שרייען, וועמען רופן,
און דאָס האַרץ איז בעגילופן
פון דעם שיקערדיקן דופט...

נעכטן — שניי, און איצטער — וואו־זשע?...
ס'בליצט אין זון אַ ברייטע לוזשע,
שטראַלן ברעקלען זיך אין איר;
בעוורע פליושקען זיך און שפּרינגען,
שפּריצן וואַסער, לאַכן, זינגען,
לאָזן שלאַנגען פון פּאַפּיר...

גוט צו זיין איז אונטערוועגנס
אין די ערשטע וואַר'מע רעגנס,
און זיך צוהאָרכן פאַרקלערט,
ווי די טראָפּנדלעך די לויזע,
פול מיט דאָרשטיקער האַנאָע
טרינקט די אויפגעוואַכטע ערד...

ס'שטייט דער גאָרטן שלאַנק, גרין־קעפּיק,
ס'לויכטן קנאָספּן פריש און קלעפּיק,
יעדער בוים — אַ יונגער העלד;
ווידער בלימלען זיך די קלומבעס —
ווי אַ סאָדיקער קאָלאָמבוס
וואָלט אַנטדעקט אַ נייע וועלט!

בונטער ווערן די לאַנדשאַפטן
און עס ווערן רייף די זאַפטן
אין די אָדערן פון ערד;
און די שמעטערלינגען פאַלן
ווי באַרוישט פון דופט און שטראַלן,
ווי פון יונגן גליק פאַרצערט...

פאַר פרייהייט

● י. י. זינגער

אויף די ווענט פון די לאָדזשער מויערן — צווישן די געדיכטע פאַרביקע שילדלעך פון געשעפטן און קראָמען, פון אויסגעמאָלטע שטיקלעך סכוירע, מיט אַלערליי יידישע, פוילישע, רוסישע און דייטשע נעמען פון אַלערליי סאָכרים, קאָמיסיאָנערן, מעקלערס, פאַבריקאַנטלעך, אין דעם גאַנצן געדיכטעניש פון נעמען, אַרטיקלען, מיסכאָרים, אַלץ אין גרעלע פאַרבן, באַצירט מיט שילדן-מאַלערישע בילדער און פאַרפוצט מיט רויטלעכע עקן — זיינען גרויסע מעלדונגען געהאַנגען: מעלדונגען וועגן באַלאַגערונג-צושטאַנד, וואָס איז אין שטאָט געוואָרן איינגעפירט. די מעלדונגען, אונטערגעשריבן פון בריגאַדע-גענעראַל קאָניצין, האָבן מיט קורצע ווערטער גערופן די שטאָטישע איינוואוינער נישט צו זאַמלען זיך אויף די גאַסן, נישט צונויפצוקומען זיך אין די שטובן, נישט צו פאַרשפרייטן שלעכטע קלאַנגען, נישט קעגנצושטעלן זיך די באַפעלן פון דער פאָליציי און סאָלדאַטן אין די גאַסן. ווער עס וועט אויוער זיין אויף די באַפעלן, וועט געשטעלט ווערן אונטער קריגס-געריכט און געמישפּעט ווערן לויט די קריגס-געזעצן פון מיליטערישן פעלד-געריכט, ביז טויט.

לעבן אָט די מעלדונגען, אָפטמאָל אויף זיי אַרויפגעקלעפּט, זיינען געהאַנגען פּראָקלאַמאַציעס, וואָס האָבן גערופן די איינוואוינער צו זאַמלען זיך אויף די גאַסן, צו דעמאָנסטראַציעס, צו שטרייקן און צו פּראָטעסטן. די באַוואָפנטע סאָלדאַטן, געפירט פון פּריסטאַווס און זייערע געהילפן, זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן, געשטאַנען אין אַלע ראָגעס און געטריבן, געשלאָגן, געיאָגט און אַרעסטירט יעדן, ווער נאָר עס איז זיי נישט געפעלן געוואָרן. אין די פּאָליציי-צירקלען זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט קאָזאַקן מיט נאַהייקעס אין די הענט. יעדע פּאַרטיע אַרעסטירטע, וואָס מען האָט געבראַכט פון גאַס, האָט געמוזט דורכגיין דעם בראַנד-מאַרש פון די קאָזאַקן. די נאַהייקעס האָבן גע-האַגלט איבער זייערע קערפּער, זיך איינגעשניטן אין די לייבער, צעפּאַסעט די הויט.

אין אָוונט האָט מען די מענטשן אויף די גאַסן געטריבן אַהיים, שלאָפן גיין.

אָבער לאָדזש איז נישט געשלאָפן.

„דערוואכט!"

טש. ווינטער

אין די אָרעמע גאַסן אַרום די פאַבריקן זיינען די אַרבעטער געוועזן וואך. די ווייבער און די קינדער האָבן אַרויסגעשלעפּט אויף די הויפן די מאָגערע און צעשאָטענע שטרוי-זעק, און אויסגעלייגט זיך אויף די הויפלעך, אויף אַלע באַלעגאָלישע וועגענער און פּלאַטפאָרמעס, אויף דער ערד, אויף די טרעפּ, אין יעדן ווינקל. די מענער זיינען געווען אויף. די רעוואָלוציאָנערן האָבן זייער גיך פּראָקלאַמאַציעס אַרויסגעלאָזט, גערופן צום פּראָטעקטאָריום, אַרויסצוקריגן די גע־פאַלענע, וואָס די קאַזאַקן האָבן נעכטן דערשאָסן, קעדיי זיי באַערדיקן מיט קאָוועד און פּאַראַד. אומעטום זיינען אַרומגעגאַנגען אַגיטאַטאָרס, רעדנער, און גערופן נישט צו גיין צו דער אַרבעט, נאָר צו שטעלן זיך אין די רייען. אומזיסט האָבן פאַרטאָג די סירענעס פון די פאַבריקן געריסן זיך מיט באַנומענע קוילעס. קיינער האָט זייער רוף נישט געהערט. טויזנטער, צענדליקער טויזנטער מענער, פרויען, קינדער אַפילע, האָבן געשטראָמט אין די גאַסן, געזאַמלט זיך, געגאַנגען, מאַרשירט. אַלע געשעפטן האָבן זיי געשלאָסן, אַלע ווערקשטאַטן אָפּ־געשטעלט, די באַוועגונג אין די גאַסן פאַרהאַלטן. ריי נאָך ריי, טריט נאָך טריט, שורע נאָך שורע זיינען זיי געגאַנגען, אָנגעפילט גאַסן און געסלעך, מערק און פּלעצער. די אָרעמע באַפעלקערונג האָט גע־שטראָמט אין שטאָט, אַרויסגעקראָכן פון קעלערס און בוידעמ־

שטיבלעך, פון געסלעך און ווינקלען, פון לעכער און נעסטן.

לאַנגזאַם זיינען די מענטשן געגאַנגען, פּאַמעלעך, אָבער זיכער, מיט פאַרריסענע קעפּ, מיט געזאַנג אין די מיילער.

דאָס בלוט פון פאָלק פאַרגיסן הענקער,
דאָס פאָלק לעבט איבער שווערע פּיין —

האָבן געזונגען די פרויען מיט די רויטע פענער.

נאָר די באַלוינונג וועט נאָך קומען,
די ריכטער וועלן מיר דאַן זיין.

האָבן די מענער מיט פעסטע ברוסט־שטימען איבערגעריסן דאָס פרויען־געזאַנג.

פענער יידישע, פוילישע, דייטשע, אַלע רויטע, פלאַטערנדיקע, האָבן געשוועבט איבער די אָפּגעדעקטע קעפּ, איבער שוואַרץ־געקרויזלטע יידישע, איבער גלאַט־פלאַקסענע גויעשע. דאָס רעגל־מעסיקע קלאַפּן פון די טריט, דאָס געזאַנג פון די מיילער, דאָס ווייען פון די פענער האָט אָנגעצונדן, גערופן. פון אַלע טויערן, פון אַלע ווינקלען האָבן אַלץ נייע שטראָמען אַרויסגעפּלייצט, אַריינגעגאָסן זיך אין דער גרויסער כוואַליע. די מענטשן האָבן געשטראָמט אַלץ ווייטער און ווייטער ביז צו דער רייכער פּיעטראָקאָווער גאַס, צו דער גאַס פון געלט, הערשאַפט און גליק.

— שליסן די געשעפטן! אַראָפּנעמען די היטלען! — האָבן די מאַרשירנדיקע גערופן. די מענטשן האָבן געפאָלגט.

באַם ערשטן ראָג האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַן אָפיציר אויף אַ פערד מיט אַ הוילער שווערד אין דער האַנט. הינטער אים איז גע־שטאַנען אַ מויער מיט סאָלדאַטן. זייערע באַיאָנעטן האָבן געגלאַנצט אין דער הייסער זון, געשפּילט זיך מיט דער ליכט.

— צוריקגיין! — האָט דער אָפיציר באַפוילן.

קיינער האָט זיך נישט גערירט.

— איך וועל שיסן! — האָט דער אָפיציר אַ געשריי געטאָן.

קיינער האָט זיך נישט גערירט.

— פייער! — האָט דער אָפיציר באַפוילן.

אַ זאַלפּ האָט דורכגעשניטן די הייסע שטויביקע לופט.

אַ ווײַלע האָט זיך די כוואַליע אַ בויג געטאָן, ווי אַ קאָרן־פעלד אונטער דעם פייערישן שנייד־מעסער. באַלד האָט זיך די כוואַליע אַ

ריר געטאַן און גערוקט זיך פאָרויס אויף די באַיאָנעטן. שטיינער און קוילן האָבן גענומען האָגלען אויף די סאָלדאַטן.

דער אָפיציר האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דער שווערד, אָבער ער האָט געכאַפּט אַ שטיין אין קאָפּ און אַראָפּגעקייקלט זיך פון פערד. די סאָלדאַטן האָבן זיך גערוקט הינטער זיך. די כוואַליע האָט זיך גערוקט פאָרויס.

— באַריקאַדן בויען! באַריקאַדן! — האָבן קוילעס גערופן.

— באַריקאַדן! באַריקאַדן! — האָבן טויזנטער קוילעס נאָכגעשריען.

די מענטשן-כוואַליע האָט אויסגעריסן גאַז-לאָמפּן, שטיינער פון דער ערד, אַראָפּגעצויגן שילדן פון די געשעפטן, אַראָפּגעהאַקט טירן און באַריקאַדן געבויט. מען האָט אָפּגעשטעלט פורן, קאַרעטעס, אויסגעשפּאַנט די פערד, די וועגענער איבערגעקערט און אין די באַריקאַדן איינגעמויערט. באַלעגאָלעס מיט די בלויזע פערד און בייטשן האָבן געוויינט, נאָר מען האָט זיי נישט געהערט. פון הויפן האָט מען אַרויסגעשלעפּט ברעטער, אייזנס, טישן, בענקלעך. אַ וואָגן מיט מעל איז דורכגעפאָרן. מען האָט די זעק מעל אַראָפּגעוואָרפן און מיט זיי פאַרשטעלט די שפּאַלטן אין דער באַריקאַדע. אַזוי ווי די מוראַשקעס אַרום זייער נעסט, זיינען די מענטשן אַרומגעלאָפן, געשלעפּט שטיקער, געמויערט, באַפעסטיקט. מען האָט לייכט איבערגעקערט שווערע טראַמווייען, אויסגעשרויפּט רעלסן. דאָס פאָלן פון שווערע אייזנס און לאַמטערנעס האָט פאַרהילכט די קרעכצן פון די פאַרוואונדעטע, וואָס מען האָט אַריינגעטראָגן אין די טויערן, די געוויינען פון די לעבעדיקע, וואָס האָבן געיאָמערט איבער די געפאַלענע.

די שטאָט איז פאַרגליווערט געוואָרן. אַלע טירן און טויערן האָבן זיך געשלאָסן. מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן. בלויז די אָרעמע און אַרבעטנדיקע האָבן געהערשט אין שטאָט. זיי האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט, באַשיצט. קינדער האָבן געבראַכט צו טאַטעס טעפּלעך עסן פון דער היים. יינגלעך האָבן געבראַכט צו שלעפּן שטיינער, ברעטער. אין שטאָט איז געווען שטיל. זעלטן, אַז אַ קנאַל פון אַ שאָס האָט דורכגעלעכערט די שטילקייט. די נאַכט איז געווען טויב און פינצטער. קיינער האָט קיין פייער נישט אָנגעצונדן. הינטער אַ וואַנט פון אייזנס, ברעטער, זעק און פעסער זיינען געזעסן ניסן, טעוויע און

זיין טאַכטער באַשקע און געוואַכט צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע.
די יוני-נאַכט האָט אויסגעשפּרייט זיך איבער דער רויכערדיקער, באַלויכטענער און טומלדיקער שטאָט אין איר גאַנצער האַלב-כוידעשדיקער פּראַכט, נישט פאַרשטעלט פון רויך, נישט פאַרגעלט פון פייערן, נישט פאַרטומלט פון געוויש. די לעוואָנע, אַ העלע און פולע, האָט אַ מילכיק ליכט געגאָסן, די שטערן האָבן געפינקלט, געוואונקען, געשפּילט זיך אין באַהעלטעניש, אין יאָגעלעך. אַלעמאָל איז אַן אַנדערער אַראָפּגעפאַלן. אַ לייכט נאַכטיק ווינטל האָט זיך געבראַכט צו טראָגן פון הינטער דער שטאָט און מיטגעבראַכט מיט זיך רייכעס פון געשניטן גראָז, פון פעלד-בלימעלעך, פון בליענדיקער אַקאַציע און פון סאָסנע-זאָפט.

באַשקע האָט פאַרריסן די אויגן צום הימל, וואָס זי האָט אים זעלטן געזען אין דער רויכערנדיקער שטאָט אַזאַ ריינעם און לויכטנדיקן. זי האָט אַריינגעצויגן אין זיך די אָנגעטראָגענע רייכעס, וואָס דער ווינט האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך, און איר ברוסט האָט זיך געהויבן פון גליק און געהויבנקייט. די נאַכטיקע שטילקייט, דאָס מילכיקע ליכט פון דער לעוואָנע, דאָס שטערן-שפּיל, די פרעמדע רייכעס, די סוידעסדיקע נאַכט אונטער באַריקאַדן, דאָס דערוואַרטן יעדע ווײַלע עפּעס אַ געשעעניש, אַ גרויס, אַ מוירעדיקס און צוציענדיקס, האָבן זי פאַרשיקערט.

— אַזוי צו שטאַרבן — האָט זי געזאָגט שטיל צו ניסענען, און זי האָט פאַרמאַכט די אויגן.

— פאַרוואָס? מיר דאַרפן לעבן — האָט ניסן געענטפערט און זי אָנגענומען בײַ דער האַנט.

— כאַווער ניסן — האָט זי געמורמלט — מיר קעמפער וועלן קיינמאָל ניט זיין גליקלעך?

— יאָ, באַשקע — האָט ניסן געזאָגט — אָבער מיר וועלן ערשט קאָנען גליקלעך זיין נאָך אונדזער קאַמף. ווען מיר וועלן האָבן אויסגעקעמפט פרייהייט.

— און מיר וועלן עס נאָך דערלעבן?

— מיר דאַרפן גלויבן, באַשקע — האָט ניסן געזאָגט מיט זיכערקייט.

(פון „די ברידער אַשקענאַזי").

הערשקע

ווי הערשקע איז פון שטוב אַרויסגעגאַנגען,
געזאָגט האָט ער: „אַ גוטינקע נאַכט“;
ווי הערשקע איז צום צירק צוגעגאַנגען,
אַ קליינע ווײַלע האָט ער דאָרט פאַרבראַכט!

ווי הערשקע איז צו דער קאַסע צוגעגאַנגען,
אַ בילעט האָט ער געבעטן אויף גיך;
ווי הערשקע איז אין צירק אַרײַנגעקומען,
גענומען קוקן האָט ער אַרום זיך.

דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוועלף,
דאָס פּובליקום האָט גענומען גיין אַהיים;
אַזוי האָט זיך הערשקע פון זיין אָרט אויפגעהויבן,
באַם גובערנאַטערס לאָזשע איז ער געבליבן שטיין.

באַם גובערנאַטערס לאָזשע איז ער געבליבן שטיין,
אַזוי האָט ער פאַרקריצט מיט די ציין.
„אוי, ווי דערלעבט מען שוין די מינוט,
דער גובערנאַטער זאָל פון צירק אַרויסגיין.“

ווי דער גובערנאַטער איז פון צירק אַרויסגעגאַנגען,
מיט איין אויג האָט ער געוואָרפן גאַנץ ווייט;
אַזוי האָט הערשקע דעם רעוואָלווער אַרויסגענומען
און געשאָסן דעם גובערנאַטער אין אַ זייט.

ווי די טיראַנען האָבן דעם שאָס דערהערט,
אַזוי זיינען זיי אַנטקעגן געקומען;
זיי האָבן אים גאַנץ גוט באַמערקט
און האָבן אים גלייך צוגענומען.

ווי זיי האָבן אים נאָר צוגענומען,
איז געוואָרן אַ גרויס גערודער;
איין כאַוועך האָט געזאָגט דעם צווייטן:
„מיר האָבן פאַרלאָרן אונדזער בעסטן ברודער.“

אַזוי ווי מען האָט הערשקען אַרעסטירט,
האָט מען געבעטן, ער זאָל דעם עמעס אויסגעבן.

„אַוועק, איר שרעקלעכע מערדער,
איך האָב געוואָלט, דער טיראַן זאָל ניט לעבן.״

ווי מע האָט הערשקען צום מישפּט געפירט,
האָט מען געבעטן, ער זאָל דעם עמעס אויסזאָגן:
„אַוועק, איר שרעקלעכע מערדער,
איך האָב געוואָלט, דער טיראַן זאָל ניט לעבן.

פיר אַזייגער פאַרטאָג
האָט מען הערשקען אויף וואָיענע־פּאָליע געבראַכט,
דאָס אָרט האָט ער באַמערקט גאַנץ גוט:
„מיך הענגט מען שוין היינטיקע נאַכט.״

אַך, ברידער, איר זאָלט מיך ניט פאַרגעסן,
דעם שטריק, וואָס מ׳האָט פאַרוואָרפן איבער מיר;
אַז מיין פרוי וועט אַ קינד געבאָרן,
אַ נאָמען זאָלט איר געבן נאָך מיר.

אוי, ברידער, איר זאָלט מיך ניט פאַרגעסן,
דעם שטריק, וואָס מ׳האָט פאַרוואָרפן איבער מיין האַלדז;
אַ צוואָע, ברידער, וועל איך אייך איבערלאָזן,
אַז ראַכע זאָלט איר נעמען פאַר אַלץ.

(פאָלקליד).

ווי קום איך?

● אַווראָם רייזען

ווי קום איך צו זינגען? פון וואַנען, מיין קינד?
באַ אונדז האָט אין קוימען געברומט נאָר דער ווינט.
די קינדער — זיי פלעגן נאָר זינגען: האָם! — האָם!
און אָפטמאָל די מאַמע — אַ קלאָלע צום גראָם.

ווי קום איך צו שיינהייט? פון וואַנען, מיין קינד?
דער וועג צו די פעלדער — דורך גויאים און הינט...
די גאַס איז געווען אַזוי אָרעם און וויסט,
באַ איטלעכער טיר נאָר — אַ בערגעלע מיסט...

אַרויסגעגאַנגוועט פון טורמע

● שאָלעם אַלייכעם

— אַנטלויפן פון אַ טורמע איז באַ מיר, מיינע ליבע פריינט, קיי און שפּיי!

אַזוי האָט אָנגעהויבן צו דערציילן זיין געשיכטע דער אוירעך, דער באַוואָקסענער האָריקער נעפּעש מישאַ ניידיטש, אויף זיין גראָבער באַסאָווער שטימע, וואָס הודיעט ווי אַ גלאָק.

— איך בין שוין געלאָפן, מיינע ליבע פריינט, ניט פון איין טורמע, איך בין שוין געלאָפן פון סיביר אויך. נישט איין מאָל, נאָר צוויי מאָל. שוין געלעגן אין אַ וואָגן מיט פלייש, אויבן דאָס פלייש, אונטן איך. געגאַנגען טויזנט מייל צופוס. פייגערן דריי טעג דורכ־אַנאַנד פון הונגער, פון קעלט, אָן שטיוול — גאָרניט! צום געזונט וועט דאָס מיר ניט שאַטן. פאַרשטעלן זיך, אַז מע דאַרף, קען איך אויך. ביטער איז נאָר מיט דער שטימע. אַ ביסל אַ צו גראָב קאָל באַ מיר. דאָס איז אָבער אַלץ גערעדט פון פּראָווינציעלע טורמעס. קיי און שפּיי. ניט אַזוי איז אין דער רעזידענץ. דאָרט, אַז מע כאַפּט זיך אַריין — איז האַלט זיך! איר מעגט זיך שוין געזעגענען. אַז איך בין אַריין, האָב איך געפלאַנעוועט, זיך צונויפגערעדט מיט אַ פּאָר בעוורעלייט — אַ נעכטיקער טאָג. מען לאָזט ניט זען זיך. רעדן — אוממעגלעך, סיידן מיט סימאָנים דורך דער וואַנט. מען האָט מיר געגעבן צו וויסן, אַז צוזאַמען מיט מיר זיצט מיינע אַ באַקאַנטע. מאַשאַ הייסט זי, אַ טוערין, אַ פירערין און זייער־זייער אַ וויכטיקער מענטש. געוואָלט זי זאָל אַרויס, ווי מען וויל לעבן. שוין געהאַט אַ פּלאַן פּאַר איר. איז אָבער אַ צאָרע: זי איז אין אַן איינצל־קאַמער. ווייסט איר, וואָס דאָס הייסט? פיר הוילע ווענט, נישטאָ אַפילע וואו זיך אויפ־צוהענגען. אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט. ביטער! אַליין בין איך אויך אויף צאָרעס. אַ טאָג איבער אַ טאָג שלעפּט מען מיך צום פאַרהער. זיי ווילן דערגיין, ווער איך בין; זיי ווילן וויסן, וואָס איך האָב געטאָן. באַ מיר ציט מען ניט קיין ווערטער. אַ געשלאָגענער הונט. דער געדאַנק פון אַנטלויפן לאָזט מיך נישט אָפּ. וואו עסן? ווער שלאָפן? אַנטלויפן דאַרף מען! און נישט אַליין. מיט איר. מיט מאַשאַן! נאָר ווי אַזוי? איך ווער מעשוגע. וואו זיינען אַהינגעקומען

אַלע כאַוויירים? גוטע ברידער? פריינט? אַ סאַך צעשטעקט אין די טורמעס, אַ סאַך פאַרשיקט קיין סיביר. ווער שמועסט — נאָכן רויטן זונטיק! אַז מע הענגט אַלע פאַרטאָג דאָ באַ אונדז טאַקע אין טורמע— דאָס ווייסן מיר. אַלע טאָג ווערן מיר געוואָר שוין נאָכדעם, אַז איינער אָדער צוויי פון אונדזערע כאַוויירים זיינען געהאַנגען געוואָרן. מען פרעגט נישט: ווער? יעדער איינציקער פון אונדז פרעגט נאָר: ווען וועל איך?... אַ קלאַפּ אין טיר — אַ קלאַפּ אין האַרצן. אַ קלונג מיט די שליסל — אַ קעלט אין בלוט. טפו — דער רועך זאָל דאָס וויסן! איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי צעשרויפט, ווי אַצינד. נערוועז! קיינמאָל ניט געוואוסט פון קיין נערוון.

איינמאָל, ס׳איז געווען נאָך האַלבע נאַכט. פינצטער. שטיל. לאַנגזאַם לאָזט זיך הערן דער טיק-טאַק אין הויף. דאָס איז דער פּאַטרול, וואָס מעסט די טריט איבער די שטיינער. פּלוצים הער איך אַ ראַש פון טריט. אַ סאַך טריט. וואָס קען דאָס זיין? עס קלינגען שליסלען. עס הערן זיך קוילעס. אַ פייערל פון אַ לאַמטערנע טוט אַ שיין-אַריין צו מיר אין קעמערל און ווערט פאַרשוואונדן. סקריפּ-סקראַפּ! עס ריגלט זיך אָפּ דאָס לאַנגע אייזן. מיט אַ קרעכץ עפנט זיך די טיר. אויפן שוועל דערזע איך אונדזער אויפזעער. דאָס פייערל פון לאַמטערנע באַלייכט זיין פאַרקילט פּאָנעם. הינטער אים — דער פּאַטרול-סאָלדאַט, עטלעכע וועכטער.

— נעמט צונויף די זאַכן און קומט.

איך טראַכט מיר: דאָס איז אַ גרוס פונעם מאַלעך-האַמאָוועס... איך טו אָן די שטיוול. מיר גייען. פרעגן באַ די לייט איז נישטאָ וואָס, זיי זיינען שטום. אַ לאַנגער שפּאַציר איבערן קאָרידאָר. מיר זיינען אין הויף. אַ קאַלטער שטראָם פון פרישער לופט. איך באָד מיך אין דער קילער לופט. מיר גייען דורך דעם טורמע-הויף. די וועכטער שפּאַנען, קוקן אויף אונדז קאַלט, מיט אויסגעלאָשענע אויגן. מיר זיינען שוין אין צווייטן הויף. דאָרט וואוינט דער אויפזעער.

באַם אויפזעער אין שטוב איז ליכטיק אין צוויי פענצטער נאָר. דורכן פענצטער זע איך אַ הויכע פיגור אין זשאַנדאַרמסקע קליידער. גרויסע וואָנצעס, גאָלדענע ברילן. נאָך די עפּאָלעטן שיינט דאָס צו זיין אַ קאַפּיטאַן, זיצט אַ פוס איבער אַ פוס, רויכערט אַ פּאַפּיראָס. אַנטקעגן אים — אַ שרייבער, אָנגעבויגן איבער אַ פּאַפּיר. אויפן

גאַנעקל זיצן פינף סאָלדאַטן פרעמדע. איינער ציט אַ פּאַפּיראָסל פונעם אַרבל, שלינגט דעם רויך, מע זאָל ניט זען. רעדן זיך אַ ביסל שטיל. עס הערט זיך אַ סמאַטשקען מיט די ליפּן, און באַלד נאָכדעם — אַ טופּען פון פערד. עס קאַטשען זיך רעדער. דאָס איז צוגעפאָרן די באַקאַנטע גרויסע קאַרעטע גלייך צום גאַנעק. אויפן קוטשער־זיץ האָב איך דערקענט סעליוואַן דעם קוטשער. אַ געוועזענער אַרעסטאַנט, אַ באַוואוסטער ראָשע. פון דערווייטן זע איך גיין אונדזער אויפזעער מיט די וועכטער. די שליסלען קלינגען. די פינף פרעמדע סאָלדאַטן טוען זיך אַ כאַפּ־אויף פון די ערטער. מע פירט־צו צו דער קאַרעטע נאָך פאַרשוינען. איך קוק מיך איין — צוויי באַקאַנטע פיגורן: איינע — מאַשאַ... די אַנדערע פיגור — אַ יונגער באָכער פון אַ יאָר ניינצן מיט רויטע פּוכקע בעקלעך, בלוט און מילך, אַוורוטים רופט מען אים. נאָך איינער — אַן אומבאַקאַנטער אַרעסטאַנט. אַוורוטים האָט ערשט פריער מיט אַ טאָג־צוויי באַקומען אַ ידיעה, אַז מע באַשולדיקט אים אין אַ שווערן פאַרברעך. דאָס שמעקט עפּשער מיט יענער וועלט... ער איז אַ וואוילער באָכער. ער האַלט זיך, ווי מע דאַרף. אַ ביסל נאָר האָט ער זיך אין די צוויי טעג אויסגעבלייכט. אַוועק די פאַרב פון די פּוכקע בעקלעך. און עפּעס הילט ער זיך מיר צו־שטאַרק אין די קליידער. עפּשער — ווייל ס׳איז קיל אין דרויסן? און עפּשער גע־זעגנט ער זיך איצט אין געדאַנק מיט דער מאַמען. מאַשאַ האָט מיך באַלד דערזען. זי האָט זיך געגעבן אַ צי צו מיר. איך קוק אויף מאַשאַן, איך וויל זען, וואָס זי טוט. קוים וואָס איך זע איר פּאַנעם. רואיק. „גרייט!" הערט זיך אַ קאָל. אַלע פרעמדע סאָלדאַטן ציען זיך אויס. זיי רינגלען אונדז אַרום. אונדזער אויפזעער גייט אַרום מיטן זשאַנדאַרמסקע קאַפּיטאַן אויפן גאַנעקל. דער שרייבער לייכט זיי צו. דער קאַפּיטאַן ציט אויס די האַנט דעם אויפזעער. דער אויפזעער טרייסלט אים די האַנט. ער בויגט זיך אונטערטעניק, זייער אונטער־טעניק. ער בעט זיך באַם קאַפּיטאַן, ער זאָל אים מוחל זיין, וואָס סע האָט אַזוי געדויערט. ער זאָגט אים, ער זאָל זיין זייער, זייער פאָרזיכטיק מיט דער כעוורע, וואָס ער פירט און באַזונדער מיט דעם „בער". דאָס מיינט ער מיך. דער קאַפּיטאַן ענטפערט אים, ער זאָל זיין רואיק: פאַר אַ בער האָט ער קיין מוירע ניט, און באַ אים אַנטלויפט מען ניט...

מיר זיצן שוין אין קאַרעטע. מיר מיט פיר סאָלדאַטן מיט בלויזע שווערדן אויף די בענק אינעווייניק, פון פאָרנט, אין דער צווייטער אָפּטיילונג פון דער קאַרעטע — דער קאַפּיטאַן. אויפן קוטשער־זיץ — סעליוואַן מיט אַ סאָלדאַט. עס ווערן פאַרהאַקט די אייזערנע טירלעך. סעליוואַן טוט אַ סמאַטשקע מיט די ליפּן. עס הערט זיך אַ טופּען פון פערד, פיר פאָר פיס. די רעדער קאַטשען זיך לאַנגזאַם איבער די שטיינער. אויף יענער זייט טורמע צעלאָזט סעליוואַן די פערד. די רעדער קאַטשען זיך גיכער. די קאַרעטע פליט מיט אַ ראַש איבער די שטיינער.

מיר זיצן אויף לאַנגע בענקלעך אין דער לענג פון דער קאַרעטע איינער קעגן דעם אַנדערן. לעבן יעדן אַ סאָלדאַט מיט אַ בלויזער שווערד. איך קוק אויף מאַשאַן. קוים וואָס מע זעט איר פּאָנעם. רעדן טאָר מען ניט. וואוהין מיר פאָרן — ווייסט קיינער ניט פון אונדז, נאָר איטלעכער פילט עפּעס, אַז ס'איז ניט צום גוטן. אַזוי פירט מען ·קעלבלעך אין אַ וואָגן צו דער שכיטע. וויפיל צייט מיר פאָרן — ווייס איך אויך ניט. אָט דוכט זיך אַ מינוט, און אָט דוכט זיך אַ גאַנצע נאַכט. אַ נאַכט — אַ יאָר.

פּלוצים — סטאָפּ! די קאַרעטע האָט זיך אָפּגעשטעלט. ס'איז שטיל. מע הערט די פערד פאָרשקען, שמייסן מיט די עקן. עס הערט זיך דעם קאַפּיטאַנס קאָל. ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער קאַרעטע. ער איז הינטער אונדז. ער בייזערט זיך אויפן קוטשער. סעליוואַן קריכט אַראָפּ פונעם קוטשער־זיץ און פרעגט, וואָס איז דאָ? „זעסט ניט וואָס דאָ איז? די אויגן זיינען דיר אַרוים? בויג זיך איין. טו אַ קוק אַהער!" — אַזוי קאָמאַנדעוועט דער קאַפּיטאַן. וואָס האָט זיך דאָרט געקאָנט טרעפן, אַ שטייגער? און עס קומט אַזאַ מאַכשאָווע אין קאָפּ: אַך, ווען עס פּלאַצט, לעמאַשל, אַן אַקס! אָדער אַזוי עפּעס אַ צאָרע זאָל זיך טרעפן: עס זאָל ווערן אַ בעהאָלע, אַ שטיקל מעהומע. עך, באַפאַלט מען דעמאָלט די סאָלדאַטלעך! די סאָלדאַטלעך אָבער זיינען באַקאַנט, אַפּאָנעם, אונדזערע מאַכשאָוועס. זיי זיצן שטרענג מיט די בלויזע שווערדן. זיי לאָזן נישט אַראָפּ קיין אויג פון אונדז. מיטאַמאָל הערט זיך אַ פאַל אויף דער ערד. נאָכן פאַל הערט זיך אַ כראָפּען. עמעצער רעדט: „בינדט אים צונויף!... אָט אַזוי... דעם זאַק פון אויבן... אָט אַזוי, אָט אַזוי... לאָמיר אים

נעמען... כעוורע, אין קאַרעטע אַריין.. אַט אַזוי, אַזוי...״ איידער מיר קוקן זיך אַרום, עפנט זיך אויף דאָס אייזערנע טירל פון קאַרעטע. עס ווערט אַריינגעוואָרפן עפּעס אַ שווערע זאַך אין אונדזער אָפּטיילונג פון דער קאַרעטע. אין אַ מינוט זיצן שוין אויפן זאַק דריי סאָלדאַטן. דער קאַפּיטאַן שפּרינגט אַריין צו אונדז. ער טוט אַ ריס פון זיך די גרויסע וואָנצעס מיט די גאָלדענע ברילן. ער רופט זיך אָן צו אונדז:

— כאַווייריםǃ איך באַגריס אייך, איר זייט פרייǃ

— גרישאַǃ — שריי איך אויס.

— טססǃ — מאַכט ער צו מיר און ווייזט אויפן זאַק.

:: :: ::

איין עק הימל איז שוין געווען העל. עס האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. מיר זיינען נאָך אַלץ געפאָרן. אויף אונדז האָט מען געוואַרט אין אַ הויף הינטער דער שטאָט. דאָרט זיינען געווען כאַווייריס. דאָרט זיינען געווען צוגעגרייט פאַר אונדז קליידער, עסנוואַרג, פּעסער און געלט. פון דאָרטן וועלן מיר זיך אַריבערכאַפּן קיין פינלאַנד. און פון פינלאַנד איז שוין קיין און שפּייǃ אונדזער קאַרעטע איז אַריינגעפאָרן אין אַ גרויסן הויף אַריין. ווייט אין הויף, פאַרשטעלט מיט ביימער, זעט זיך אַ ווייסע שטוב. הינטן—אַ גרויסער גאָרטן, פאָרנט—אַ שטאַל. דאָ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. אַנטקעגן אונדז זיינען אַרום כעוורע, אַלע אונדזערע.

ס׳איז געוואָרן אַ קושערייַ. גרישאַ האָט ניט געלאָזט לאַנג פרייען זיך. מיר האָבן זיך אַלע איבערגעטאָן.

עס איז אויף אונדז אָנגעפאַלן אַ הונגער. פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ אַפּעטיט? דער אוילעם האָט געפּאַקט. גרישאַ האָט ניט געלאָזט עסן. ער האָט געטריבן האַלדז און נאַקן. ער האָט אונדז אַרויסגעגעבן פּעסער, געלט, מאַרשרוטן, איטלעכן אַן אַנדער מאַרשרוט. איך, מאַשאַ און אַוורוטים אויף איין וועג. מיר האָבן זיך געזעגנט, געביטן מיט די אַדרעסן. איינציקווייז איז מען זיך צעגאַנגען פונעם הויף. גרישאַ איז געבליבן דער לעצטער.

מיר זיינען געגאַנגען פּאַוואָליע. אָנגעטאָן ווי אַרבעטער. דער שנייַ האָט געבלישטשעט, געסקריפּעט אונטער די פיס.

די זון האָט זיך באַוויזן. (פון „אין שטורעם״)

אויף די וועגן סיבירער

● ה. לייוויק

1.

איבער וועגן לאַנג שוין אָפּגעזומערטע,
אונטער הימלען גרויע און פאַרקומערטע
גייען מענטשן, גייען איינגעבויגענע,
פרויען — קראַנקע, קינדער — ניט געזויגענע.

דורך די אַלטע קליידער, די צעריסענע,
שטיקער לייבער זעען זיך צעביסענע,
אַלע אויגן — טונקעלע, פאַרלאָשענע,
נאָר מיט קאַלטע טרערן אָנגעגאָסענע.

קיינער שטעלט אין וועג זיך ניט אַנטקעגן זיי,
וואו, ווי ווייט איז זייער היים צו פרעגן זיי;
זיי אַליין אויך — קיינער רעדט צום אַנדערן,
שוין פאַרגעסן פון ווען אָן זיי וואַנדערן.

גלאַט אַזוי אַמאָל צונויפגעקליבענע,
איבער גוואַלד פון זיך אַליין געטריבענע,
גייען מענטשן, מענטשן איינגעבויגענע,
שלעפן זיך מיט קינדער ניט געזויגענע.

2.

וואָלט כאָטש ווער געקומען
אונדז אַנטקעגן,
זאָגן: „פריד צו אייך"
פון יויצע וועגן.

גלאַט אַזוי אַ שאָטן
זען פון וועמען,
זאָגן: „פריד צו דיר"
און זיך פאַרשעמען...

זאָל זיך כאָטש פאַר אונדז ווער
איבערשרעקן,
שליידערן אין פּאָנעם
אונדז אַ שטעקן...

קומט ניט, קומט ניט קיינער
אונדז אַנטקעגן;
פעלדער — ווילד פאַרוואַקסן,
טויטע וועגן...

.3

איינגעשמידטע — זיינען מיר,
יעדער אין אַ קאַמער זיצט באַזונדער;
אָנגעשפּאַרטערהייט באַם טיר
שטייען מיר און וואַרטן אויף אַ וואונדער:

פּלוצלונג איינער שטילערהייט
עפענען וועט אַלע טירן,
וועט צערייסן אונדזער קייט,
אונדז פון טפיסע אַרויספירן.

וועט אונדז פירן פאַרן האַנט
איבער וועלדער, איבער גרויסע יאַמען,
צו אַ ווייטן, ווייטן לאַנד —
און אַהיים אונדז ברענגען, צו דער מאַמען.

אויפן בוידעם

● אַווראָם רייזען

איינע פון די גרויסע זאַכן, צו וואָס לייזערל, אַ זעקס־יאָריק יינגעלע, האָט געשטרעבט, איז געווען דער בוידעם פון דעם איינ־שטאָקיקן שטיבל, וואו זיין טאַטע־מאַמע האָבן געוואוינט. ווי אַ פּאָעט ציט צו די וואָלקנס, צו די שטערן, צו דער לעוואָנע, אַזוי האָט לייזער־לען געצויגן צום בוידעם. אָבער פּונקט ווי די וואָלקנס, שטערן, לעוואָנע זיינען צו הויך און אוממעגלעך צו דערגרייכן פאַר דעם פּאָעט, אַזוי איז צו הויך און נישט דערגרייכבאַר געווען פאַר לייזערלען דער בוידעם.

און געצויגן צום בוידעם האָבן לייזערלען אַ סאַך זאַכן. דאָרט אויפן בוידעם, ווייסט לייזערל, געפינען זיך די פּייסעכדיקע קויסעס, צווישן וועלכע עס געפינט זיך זיין קאָס, אַ בלויער מיט בלומען... ווידער געפינען זיך דאָרטן אַ סאַך אַלטע בגאָדים מיט אַ סאַך קנעפּלעך, וועלכע וואָלטן אים זייער גוט צונוץ געקומען, ווען ער זאָל זיי אויס־רייסן. ער וואָלט באַלד אַ „מיליאָנער" פון קנעפּלעך געוואָרן און אַלע כאַוויירים פון דער גאַס וואָלטן פאַר אים דערעכערעץ געהאַט...

נישט איינמאָל פלעגט ער זיך מוטיקן, קוקנדיק אויף דעם האַלב־צעבראָכענעם הויכן לייטער, און זיך נעמען טאַקע קריכן. נאָר ווי ער פלעגט אַוועקשטעלן אַ פוס אויף דעם ערשטן טרעפּ, פלעגט זיך דער לייטער נעמען שאָקלען און אַ דערשראָקענער פלעגט לייזערל אַראָפּפליען, און אָפּגעלייגט זיין רייזע אויף אַ צווייט מאָל, ווען ער וועט גרעסער ווערן און וועט מער ניט אַזוי מוירע האָבן.

:: :: ::

איינמאָל אין אַ שיינעם העלן מיטן טאָג האָט לייזערל דערהערט ווי די מאַמע רופט אים:

— לייזערל, גיכער!

ער האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזען פאַר זיך טאַטע־מאַמע, דערשראָקן און בלייך.

— וואוהין? — האָט לייזערל אויך דערשראָקן געפרעגט.

— אויפן בוידעם, מיין קינד.

נאָכן פּאָגראָם   מינקאָווסקי

„אויפן בוידעם!” האָט אים אָפּגעקלונגען אין קאָפּ. עס קען נישט זיין! און ער האָט ווידער, שוין אין גאַנג, איבערגעפרעגט:

— וואוהין?

— קום, מיין קינד, קום, אויפן בוידעם.

ניין, ער האָט טאַקע קיין טאָעס ניט געהאַט. מען נעמט אים טאַקע אויפן בוידעם. אָט שטופּט אים דער טאַטע אונטער אויפן לייטער... אָט איז ער שוין טאַקע אויפן בוידעם. דערלעבט!

אָבער וואָס זאָל דאָס באַדייטן? עפּשער אַזאַ יאָנטעוו. יאָ, געוויס אַזאַ יאָנטעוו. עס איז טאַקע אַ מאָדנער יאָנטעוו, אָבער פּאָרט אַ יאָנטעוו. און לייזערל דערמאָנט זיך אָן נאָך מאָדנע יאָנטויווים, ווען דער טאַטע עסט אַ בייגל מיט אַש, ווען מען שאָקלט אַ לולעוו, ווען מען בעט אוים אין שול מיט היי, ווען מען גייט צום טייך, און נאָך אַזוינע יאָנטויווים.

„יאָ, דאָס איז געוויס אַזאַ יאָנטעוו”, באַשליסט ער פעסט און עס געפעלט אים.

און נאָך זיכערער ווערט ער אין דעם יאָנטעוו, ווען ער וויל עפּעס

זאָגן און דער טאַטע מאַכט אים צו דאָס מויל און שעפּטשעט אים צו:

— שטילער, מען טאָר נישט רעדן.

ווי באַלד אַז מען טאָר נישט, איז דאָס געווים אַ יאָנטעוו. יאָנטעוו טאָר מען טאָקע אַ סאַך זאַכן ניט טאָן...

באַלד דערהערט ער פון דרויסן קוילעס...

— אוי, מאַמע, מען שרייט! — זאָגט ער און וויל צוגיין צום פענצטערל אַ קוק טאָן.

נאָר די מאַמע און דער טאַטע שלעפּן אים צוריק און לאָזן אים נישט גיין, אַוועקלייגנדיק אים לעבן זיך.

עפּעס אַ מאָדנער יאָנטעוו, ווערט לייזערל נישט צופרידן און קוקט מיט רוגזע אויפן בוידעס, וועלכער האָט בײַ אים פאַרלוירן זיין גאַנצן כיין, און עס ווילט זיך אים אַראָפּ, אַראָפּ...

נאָר אויף דער גאַס הערן זיך שרעקלעכע קוילעס, יאָמערייען ווי פון טויזנטער לעווייעס...

צום יידישן פּראָלעטאַריער

● דאָוויד עדלשטאַט

ברידער, מיר טראָגן אַ דרייפאַכע קייט —
אַלס יידן, אַלס שקלאַפן, אַלס דענקער;
מיר ווערן געיאָגט און געמאַטערט צום טויט
פון אַנטיסעמיטן און הענקער!

מען מאַכט אונדז פאַר בעטלער, מען מאַכט אונדז פאַר קנעכט,
מען וואַרגט אונדז, מען בייגט אונדז אין דרייען;
מען זאָגט צו אונדז: אַלעס דאַרף זיין פאַר אייך רעכט,
און רויבט מען אייך — טאָרט איר ניט שרייען!...

וואָס טויג אונדז דאָס לעבן אָן פרייהייט, אָן רעכט,
אונטערן בייטש פון טיראַנען?
ביז וואַנען וועלן מיר בלייבן נאָך קנעכט,
היימלאָזע שקלאַפן — ביז וואַנען?!

ברידער, מיר מוזן די ליידנדע ערד
פון קייטן, פון טרערן באַפרייען!
אַקסל צו אַקסל, מיט פאַנצער און שווערד,
פאָרווערטס אין קעמפנדע רייען!

דער טאַטע פֿאָרט קיין אַמעריקע

● מוישע נאַדיר

דער טאַטע איז אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע.

אַ שאַבעס־צו־נאַכטס פֿאַרן אַוועקפֿאָרן האָבן מיר פֿאַרריגלט טיר און טויער, אַראָפּגעצויגן די פֿאָרהאַנגען פֿון די פֿענצטער, און דער טאַטע האָט זיך פֿאַרמאַכט אין אַלקער מיט יאָשע דעם שניידער, האָט זיך דאָרט געזאַמט עפּשער אַ פֿערטל שאָ, און איז דערנאָך אַרויס־געקומען צוריק — אָן די שיינע יידישע קליידער... אַנשטאָט דעם אַלטן, יידיש־נעגידישן טראַכט האָט ער געטראָגן „ווינער קליידער" פֿון ברוינעם וואָלשטאָף. די הויזן זיינען געווען ברייט און האָבן געהאַט צוויי קנייטשן אין די זייטן. דער קאַמזויל איז געווען הויך, ביז צום האַלדז; האָט געהאַט לאַצן, וואָס זיינען געווען פֿאַרקנעפּלט מיט קנעפּלעך. דאָס רעקל איז געווען לענגלעך און ברייט און האָט געהאַט עפּשער צען קעשענעס...

דער טאַטע איז געווען פֿאַררויטלט, פֿאַרשעמט. יאָשע דער שניידער פֿאַרעט זיך אונטן, באַ די שיך... די מאַמע זאָגט, מ'דאַרף אַ פֿאַלובאָן, ווייל וואָלשטאָף לויפֿט איין, און זי וויינט, ווי ס'וואָלט כאַלילע נישט געקענט זיין קיין גרעסער אומגליק, ווי דאָס, וואָס דער טאַטע טוט זיך אָן אין „ווינער קליידער".

דער טאַטע בלאָנדזשעט אַרום מיטן מינדסטן פֿינגער אַרום די אויגן, טונקט דאָרט עפּעס אויס... שמייכלט, קוקט אויף דער מאַמען און זאָגט, זי זאָל נישט וויינען. וואָס איז דאָ צו וויינען, ס'איז אומעטום גאָטס וועלט...

די מאַמע ווייסט, אַז ס'איז אומעטום גאָטס וועלט. אָבער וואָס קומט איר אַרויס דערפֿון, אַז גאָט אַליין האָט קיין ראַכמאָנעס נים. צערייסט און צעפּליקט הערצער — צוליב אַ שטיקל ברויט, צוליב אַ שטיקל ברויט...

אַז די באָבע איז אַריינגעקומען און דערזען דעם טאַטן אינעם „ווינער טראַכט" האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש: „אוי! געקוילעט בין איך!" האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל און געהייסן שפּריצן אויף זיך וואַסער.

אַז די באָבע האָט דערזען, אַז איך בין דאָ אין שטוב און איך דריי מיך אַרום אויף דער „שיינער כאַסענע", האָט זי געמאַכט אַ

— „נאָך ער דאַרף דאָס צוקוקן!"

מען האָט מיך געוואַלט אַרויסשטופּן אין דרויסן אַרויס, אָבער איך האָב מיך נישט געלאָזט. איך האָב געזאָגט, אַז ס׳טוט מיר וויי דער קאָפּ, און — מ׳האָט מיך געלייגט שלאָפן, טאַקע דאָרט אין אַלקער, וואו דער טאַטע האָט זיך איבערגעטאָן די קליידער.

איך האָב זיך געמאַכט, אַז איך שלאָף, האָב געבלאָזן מיט די ליפּן און דורך דער נאָז... איך האָב אָבער געהאַלטן די אויגן אַ ביסל אָפן און געקוקט. דער טאַטע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אָנגעטאָן אין „מונדיר". יאָשע שניידער האָט געצויגן דעם טאַטן באַ די לאַצן און באַ די אַקסלען, און דער טאַטע האָט זיך באַ עפּעס אָנגעהאַלטן, ער זאָל נישט פאַלן.

די מאַמע, אַ מידע פון וויינען, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין בעט און געהאַלטן דעם טאַטנס האַנט אין אירער. די באָבע איז געקומען אַריינצולויפן, און געזען אַז דער שניידער סטריגעוועט עפּעס אויפן טאַטנס הויזן, וועלכע זיינען געווען צו לאַנג, האָט זי גענומען און געגעבן דעם טאַטן עפּעס צו קייען...

דער טאַטע האָט געקיוט. יאָשע שניידער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין דער לופטן, באַם טאַטן צופוסנס, גענייט מיט זייער אַ לאַנגן פאָדעם, פאַרוואָרפן קונציקע קניפּלעך — אין דער הוילער לופט, דאַכט זיך — און גערעדט מיטן טאַטן וועגן אַמעריקע.

איך בין געלעגן אין בעט און אַלצדינג אונטערגעהערט, מיט אַ האַסטיק האַרץ. דער שלאָף האָט שוין געהאַט אַ ביסל גוויוער געוועזן מיין נייגער, אָבער דאָס אויער האָט זיך נאָך געראַנגלט... איינגעזאַפּט אין זיך דעם קישעף פון די פרעמדע ווערטער: „רעדסטאַר", „דאַמפּפער", „אַנטווערפּן". איך האָב געזען שיפן מיט גאָלדענע קוימענעס... און הויכע זעגל־בוימער פון רויטן טריפּוואַקס... און גרויסע מעסערס אונטן באַם דרויסנדיקן דנאָ פון שיף — די מעסערס שניידן די ריזיקע וואַל־פיש, וואָס טוען צערענען אויף די דאַמף־שיפן... עס גיסט זיך בלוט... די שיף גייט דורך אַ שטראָם מיט פיש־בלוט... די מאַמע צעהאַקט די קלענערע פיש מיט אַ האַק־מעסער, בראָקט אַריין אַ ציבעלע... טוט אַריין אַ ביסל פעפער...

איך האָב זיך געטאָן אַ כאַפּ אויף און דערזען דעם טאַטן אָנ־

געטאָן אין אַ ברוינעם „קיסטאַנט" — אַ האַרט היטל אַזאַ, ווי אַן איבערגעקערט מולטערל, און ס'האָט געהאַט צו צוויי ביינערנע לעכלעך אויף יעדער זייט.

דער טאַטע איז געווען אַזוי פאַרענדערט, אַז איך האָב אים נישט דערקענט.. צום ערשט האָב איך מיך דערשראָקן און געוואָלט אַ געשריי טאָן, דערנאָך האָב איך פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך, און דאָס האַרץ איז מיר געוואָרן פול מיט ווייטיק. איך האָב אַרויסגעשאָסן אין אַ געוויין.

דאָס איז געווען דער „פונק אין פעסל פולווער". דערהערט אַז איך כליפּע, איז געקומען צו לויפן די באָבע און זיך צעקוויטשעט... און אָפּגעלאָשן קוילן... די מאַמע האָט געכליפּעט אין היסטעריקע. דער טאַטע האָט געזאָגט: „נו, נו, הערטס אויף! ס'איז שוין גענוג." האָט אַוועקגעלייגט דעם קיסטאַנט, צוריק אָנגעטאָן דעם סאַמעטענעם הוט מיט די ברייטע ראַנדן, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס סאַקל מיטן קאַמזויל... אַרויסגעשיקט די מאַמען מיט דער באָבען, געהייסן דעם שניידער קומען מאָרגן, ווייל ער האָט קיין קויעך נישט...

און אַז דער טאַטע איז געבליבן אַליין (ער האָט געמיינט, אַז איך שלאָף), האָט ער אַראָפּגענומען פון דער פּאָליצע אַ סייפערל, עס צעעפנט. אָנגעהויבן עפּעס אונטערברומען אַ ניגון. דערנאָך האָב איך געהערט, ווי טרערן קאַפּען אויף פּאַפּיר...

מאַריאָנעטן

ז. מאָוד

ערעוו פרילינג

● יעהויאָש

כ׳האָב ליב צו וואַנדערן אין פעלד,
ווען פון דעם פרילינג ווייזט זיך קוים אַ סימען,
ווען אויף די בייטן ליגט נאָך ווייסער פראָסט,
און אויפן הימל ווינטער־כמאַרעס שווימען...

ווען שטום נאָך איז דער ערשטער פויגל־כאָר,
נאָך ניט דערוואַכט דער זיסער פרילינג־טומל,
ווען טיף אין דר׳ערד נאָך טוליען זיך פון קעלט
די וואָרצלען פון דעם ערשטן פרילינג־בלימל.

דאַן האָב איך ליב אַרויסגיין אויפן שניי
און דאָ און דאָרט דערזען אַ פלעק אַ גרינעם,
און ליב צו הערן אונטער מיינע טריט,
ווי עס קנאַקט די שאָלעכץ פון דעם אייז דעם דינעם...

און ליב צו אָטעמען דעם ערד־גערוך,
די וואַרעמקייט און פייכטקייט פון געבערן.
דען זיסער ווי אין פולער בלומען־פראַכט
מיר איז דער פרילינג אין זיין אָנהייב ווערן...

אין קאַמף

„באפריי די וועלט" י. בורדק

אַ געזאַנג צום פאָלק

● י. באָושאָווער

הייב אויף דיינע אויגן, אָ, פאָלק, וואָס דו ביסט אַזוי עלנט און אָרעם,
הייב אויף דיינע אויגן צו מיזרעך און מיירעוו, צו צאָפן און דאָרעם,
און זע די געזאַמלטע אויצרעס, און זע פון דיין אַרבעט די פּיירעס,
און זע דאָס געבליבענע רייכטום פון פריער געוועזענע דוירעס.

הייב אויף דיינע אויגן און זע אויפן יאַם די געלאָדענע שיפן,
און זע אין די טונקעלע וועלדער דעם רויך פון די לאָקאָמאָטיוון,
און זע, ווי זיי שוועבן און קומען געשווינט פון אַ געגנט אַ ווייטן,
און פירן אין אַנדערע לענדער פּראָדוקטן און סכוירעס צו בייטן.

הייב אויף דיינע אויגן און זע די געמויערטע גרויסע פאַבריקן,
וואו אַרבעטער זעגן, און הובלען, און וועבן, און נייען, און שטריקן,
און שמידן, און פיילן, און טאָקן, און שניצן, און גלעטן און פוצן,
און שאַפן די סכוירע, און שאַפן דאָס רייכטום צום מענטשלעכן נוצן.

און זע די מאַשינען, די בלאַנקע, די ריזיקע, אייזערנע שקלאַפן,
וואָס היטן די מענטשלעכע קויכעס און העלפן די רייכטימער שאַפן,
און זע, ווי די ווילדע, די מעכטיקע קראַפט פון נאַטור איז באַצוואונגען,
ווייל טיף איז דער מענטשלעכער סייכל אין סוידעס אין אירע געדרונגען.

און ווייט אויף די בליענדע, לוסטיקע פעלדער הייב אויף דיינע אויגן
און זע, ווי עס שטייען די גאָלדענע זאַנגען פון שווערקייט געבויגן.
און זע אין די פּרעכטיקע גערטנער דיביימער מיט פרוכטן באַהאַנגען,
און פייגל פאַרפולן די צווייגן, פאַרפולן די לופט מיט געזאַנגען.

און זע, ווי די גאַנצע נאַטור — איז גרייט צו פאַרזיסן דיין לעבן,
און פיל אין דיין ברוסט אַ פאַרלאַנג און פיל אין דיין האַרצן אַ שטרעבן,
און מוטיק, אין ריזיקע מאַכנעם שטרעק אויס דיינע הענט די פאַרדאַרטע —
נעמט שוין צו זיין די באַרויבטע! נעמט שוין צו זיין די גענאַרטע!

הייב אויף דיינע אויגן, אָ, פאָלק, גיי אַרויס פון די פינצטערע קוואַרים,
הייב אויף דיינע אויגן צו מיזרעך און מיירעוו, צו צאָפן און דאָרעם,
און נעם די געיאַרשנטע אויצרעס און נעם פון דיין אַרבעט די פּיירעס,
און שאַפנדיק לעב און געניסנדיק שאַף אין די פרייערע דוירעס!

אַ מייסע מיט אַ דאַך-באַשלעגער

● י. ל. פּערעץ

אַ געוויסער דאַך-באַשלעגער האָט זיך, נאָך יאָרן פון מי און מאַטערניש, צו אַ הויך הייזל דערשלאָגן. ביליק האָט ער עס געקויפט און באַלד זיך גענומען דעם דאַך באַנייען. פאַרוואָס גראָד דעם דאַך? ווייל דאָס קאָן ער, דאָס איז זיין מלאָכע, צו דעם ברויך ער קיינעמס האַנט, קיינעמס אייצע נישט.

און אַז ער האָט באַנייט דעם דאַך, האָט ער שוין פון אים קיין פּוס און קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט. ער איז און מוז בלייבן דער רייכסטער, דער שענסטער און דער שטאַרקסטער דאַך אין שטאָט. וואָס אין קעלער טוט זיך, איז נישט זיין זאָרג; דערויף איז ער קיין מייוון נישט. וואָס עס הערט זיך נאָך טיפער, באַם פונדאַמענט, איז נישט זיין זאַך. אויפן דאַך, אין דער העכסטער הויך, איז פאַר אַ דאַך-באַשלעגער אַזוי פריי, אַזוי גוט... און אַ דאַך פאַרלאַנגט אַן אויג! ווינטער מוז ער אָפּקערן דעם שניי... קוים עס פאַלט אַ ביסל שניי — ער שטייט שוין אויבן מיטן בעזעם! זומער-צייט האָט ער נאָך מער צו טאָן מיטן דאַך! אָט באַווייזט זיך אַ גרעזל (גאָט ווייסט, פון וואַנען דער זאָמען דערצו האָט זיך גענומען) אין אַ שפּעלטל צווישן צוויי בלעכן — רייסט מען עס אויס... אָט באַווייזט זיך ערגעץ אויף אַ בלעך אַ שטיקל שפּרענקעלע, אַ פלעקל אַ געלס, דאָס איז געפערלעך! עס הויבט אָן ראָסטן; און ער האָט מיט זיך אַ קליין טעפּעלע סמאָלע מיט אַ פּינדזל און פאַרכאַפּט, און פאַרשמירט.. אַמאָל בויגט זיך אויס אַן עק פון אַ בלעך, פון ווינט, צי פון דער זון — געשווינט לויפט ער נאָך בליי און לייט-אייזן — די בלעך וועט זיך שוין ניט רירן!...

און אַזוי טאָג אויף טאָג, טאָג אויף טאָג! זאָל דער הימל זען, ווי ער היט אָפּ זיין אייגענעם דאַך און נאַכעם האָבן פון זיין גלאַנץ...

אונטן האָט זיך דערוויל אויך עפּעס געטאָן...

אין קעלער אַריין איז וואַסער גערונען. רעגן-וואַסער, שניי-וואַסער און אַזוי פון גאַס — וואַסער. פון דעם ווייסט קיין דאַך-באַשלעגער נישט. פונדאַמענט און קעלער זיינען נישט זיין פאַך... און ווען ער איז פלוצלונג געוואָר געוואָרן... נישט צו זיין גוטן איז עס געווען!

פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, כאָטש אָן זיין וויסן, איז דאָס וואַסער צו די פונדאַמענטן צו, און האָט זיי אונטערגעוואַשן, דורכגענעצט, צווישן ציגל און ציגל זיך אַריינגעדריקט און דעם גאַנצן פונדאַמענט צערודערט...

אויבן שטייט דער דאַך־באַשלעגער און קלערט: ווי גלאַנצט דער דאַך! ווען ער האָט לעוואָנע און שטערן, וואָלט ער אַ הימל געווען! און אין דער זעלבער רעגע: טראַך! נאָך אַ מאָל: טראַך!

צי דונערט פון ריינעם, בלויען הימל?

ניין, דער ריינער, בלויער הימל איז רואיק; נאָר דאָס הייזל פּלאַצט און פאַלט און פאַרגראָבט דעם דאַך־באַשלעגער אין זיך!

וואַקסט אַרויס פון דער ערד

● מ. ל. האַלפּערן

וואַקסט אַרויס פון דר׳ערד אַ זאַך אַזאַ,
וואָס רופט זיך אָן אַ בוים.
וואַקסן אויף דעם בוים אויך זאַכן אַנדערע אַזוינע,
גרינע, געלע, בלויע, רויטע, ברוינע —
רופן מיר דאָס אָן אַ באַר, אַן עפּל און אַ פלוים,
און שטרעקן זיך מיט שטיקער גוף — וואָס הייסן הענט — אַרויף,
און זאַמלען וואָס מיר רייסן אָפּ אין קאָשיקעס צונויף,
און פירן דאָס מיט וועגענער און באַנען אויפן מאַרק אַרויס.
און דאָרטן טיילן מיר דאָס שענסטע אויס
צו די וואָס זיינען פעט און האָבן גאָלד;
פאַר זילבער גיבן מיר אַוועק,
וואָס האָט שוין דאָ און דאָרט אויף זיך אַ ברוינעם פלעק;
פאַר קופּער — וואָס איז שוין פאַרפוילט
און פונעם ווערעם אויסגעהוילט.
און ווער עס וויל אַן עפּל פאַר אומזיסט,
אים לאָזן מיר אַ בערגל מיסט —
ער זאָל זיך טיילן מיט דער הונגעריקער מויז,
וואָס קוקט פון איר באַהעלטעניש אַרויס.

פון יעכעזקל

יידיש: י. ל. פערעץ

גאָט האָט מיר געזאָגט אזוי:
„צו די הירטן גיי און זאָג...
איי, די מערדער, איי, די הירטן,
עס וועט זיין צו זיי א קלאָג!"

איי, די מערדער, איי, די הירטן,
עס וועט קומען אייער שטראָף;
ווייל זיי האָבן זיך געפּאשעט,
זיך געפּאשעט, נישט די שאָף;

נאָר די בעסטע וואָל געטראָגן,
און דאָס פעטסטע פלייש געפרעסן;
נאָר אום זיך אליין געקימערט;
אָן די שעפעלעך פארגעסן!...

נישט געשטארקט די אָפּגעשוואכטע,
און — נישט אויסגעהיילט קיין וואונד;
די פארוואונדעטע און די קראנקע
נאָר געוואָרפן פאר די הינט!

נישט געזוכט גאָר די פאראירטע,
א פארבלאָנדזשעטע — פארפאלן!
און געפירט זיי אין א מידבער,
אָן א גרעזל, אָן א קוואל

און געיאָגט זיי אויף די בערגער,
וואו א שטיין און וואו א דאָרן;
ווילדע טירן, כייעס ראָעס
זיינען פון זיי זאט געוואָרן!

און פאר זיך אליין געקוילערט,
זיך געפּאשעט, נישט די שאָף...
אוי אייך, שעפער, ווי אייך, הירטן,
עס וועט קומען אייער שטראָף.

דעם ברודערס קוילן

● אווראָם רייזען

קיינמאָל איז נאָך דייווידסאָנען ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג צו באַקומען אַרבעט אין אַמעריקע, ווי דאָס מאָל. אַריין אין דעם אָפיס פון דער גרויסער אַמוניציע־פאַבריק, האָט מען אים אָן זייטיקע באַמערקונגען און פראַגן אָנגענומען. אים איז אַפילע געווען פאַרשפאָרט צו דערציילן זיין ייכעס, אַז ער איז אַ שלאָסער לויט פראָפעסיע. די הויפט שיילע איז נאָר געווען פון וועלכן לאַנד ער איז אַ געבוירענער. ער האָט געענטפערט, אַז ער איז שוין אַן אַמעריקאַנער „סיטיזען" און געוויזן די פאַפירן. עס האָט קענטיק אַ ביסל געשטערט, וואָס ער שטאַמט פון אַ שטעטל אין גאַליציע: דאָס האָט ער באַמערקט אָן דער נאָז פון דעם מענעדזשער, וועלכער האָט די פאַפירן דורכגעקוקט. אָבער אויך דערויף האָט מען קיין באַמערקונג ניט געמאַכט. דערפאַר האָט מען זיך וועגן פרייז ניט געדונגען. דער פרייז איז געווען גאָר אַ גוטער. אין די בעסטע יוניאָן־שעפער האָט ער נאָך קיינמאָל אַזעלכע סכירעס ניט באַקומען.

דייווידסאָן האָט געאַרבעט באַ קוילן פאַר ביקסן. די קוילן זיינען אַלע איין מאָס. ער האָט וועגן זיי ניט געטראַכט. ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז די דאָזיקע קוילן וועלן לעכערן מענטשלעכע קעפ און הערצער, טויטן לעבעדיקע יונגע מענטשן.

ערשט אין אַ צייט אַרום, אַז ער האָט באַקומען אַ בריוו פון דער היים, אַז זיין יינגערער ברודער איז אַוועק אין קריג, האָבן באַ אים די קוילן באַקומען אַן אויסזען ווי לעבעדיקע לאַכנדיקע באַשעפענישן, און איינמאָל, אַז ער האָט גענומען אַ קויל אין האַנט, איז זי ווי מיט אַ געלעכטער פון האַנט אַרויסגעשפרונגען און זיך צערעדט:

— וואָס זאָגסטו עפּעס אָן, דייווידסאָן, צו דיין ברודער?

דייווידסאָן האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט צוריקגענומען די קויל, האָט זי באַטראַכט און זיך פעסט איבערצייגט, אַז אָט די קויל וועט זיכער טרעפן דעם ברודער.

האָט ער גענומען די קויל און, אומקוקנדיק זיך צי קיינער זעט ניט, באַהאַלטן זי אין קעשענע.

און ער האָט דערפילט, אַז ער האָט געראַטעוועט זיין ברודער פון אַ זיכערן טויט.

אָבער נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן מאָדנע מינים קוילן. איין קויל האָט ער כוישעד געווען, אַז זי וועט אַריינדרינגען דעם ברודער אין אויג. ער האָט עס דערקענט נאָך איר מאָדנעם באַהאַלטענעם שמייכל. נו, געוויס וועט דייווידסאָן ניט דערלאָזן אַזאַ זאַך.

מיט שרעק האָט ער זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און די דאָזיקע קויל ווידער אַריינגעלייגט אין קעשענע.

איצט איז ער שוין גאָר רואיק: ווידער געראַטעוועט דעם ברודער.

פאַרן אַוועקגיין האָט זיך ווידער געוויזן אַ קויל, וואָס האָט אויסגעזען פונקט צוגעפּאַסט פאַרן ברודערס רעכטער האַנט.

ער איז זיכער, אַז די קויל וועט גלייך אַריין אין אָרעם, אָט־דאָ־אָ.

נאַטירלעך וועט ער עס ניט דערלאָזן. און דייווידסאָן האָט אויך די קויל באַהאַלטן טיף אין קעשענע.

אויף מאָרגן האָבן זיך באַ דער אַרבעט ווידער גענומען ווייזן פאַרדעכטיקע קוילן... איינע האָט מיט אַזאַ מין באַהאַלטענער דראָאונג געקוקט אויף דייווידסאָנען, אַז ער האָט זי גלייך צוגעכאַפּט און אַריינגעלייגט טיף אין קעשענע.

דערפילט זיך אַ ווײַלע גרינגער, האָט אָבער גלייך אַ צווייטע און נאָכדעם אַ דריטע און אַ פערטע באַקומען דאָס זעלבע אויסזען.

אַ מאָדנע זאַך: ער הויבט אָן דערקענען יעדע קויל, וואָס דאַרף אַריינפאַלן אין זיין ברודערס קערפּער...

און ער האָט די אַלע קוילן אַרויסגעכאַפּט און נאָך יעדן מאָל געטאָן אַ שמייכל.

שפּעטער אָבער האָט ער שוין ניט געקענט אויף זיכער אונטערשיידן וועלכע קויל וועט יאָ טרעפן דעם ברודער און וועלכע ניט — און ער האָט געמוזט אַרויסכאַפּן צו צוויי, צו דריי מיטאַמאָל.

דאַן האָט ער נאָך דער אַרבעט געטרונקען אַ טאָפּלט גלעזל ברענדי.

און נאָך שפּעטער האָט ער באַמערקט, אַז דער גאַנצער אויבערשטער פאַך קוילן איז זייער אַ פאַרדעכטיקער. עפּעס קוקן די אַלע אויבערשטע קוילן, ווי זיי וואָלטן זיכער געווען אַז נאָר זיי וועלן טרעפן אין דעם ברודער.

און דייווידסאָן האָט געשיקט אַראָפּגעכאַפּט דעם גאַנצן אויבערשטן פּאַך.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און דערזעענדיק דעם פּאַרמאַן פון דער אָפּטיילונג האָט ער גלייך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך גענומען ווידער צו די קוילן.

איצט וועט ער שוין מער ניט נעמען. די איבעריקע קוילן גייען אים שוין ניט אָן. דעם ברודערס קוילן האָט ער אַלע צוגענומען.

נאָר וואָס איז דער מער מיט דעם צווייטן פּאַך? עפּעס קוקן זיי אים אָן מיט אַ מאָדנעם אויסדרוק.

אָט בלויז דעם פּאַך קוילן וועט ער נאָך אַראָפּכאַפּן און זיין ברודער וועט געראַטעוועט ווערן פון טויט.

אָבער דאָן איז שוין געווען צו שפּעט.

דער פּאַרמאַן איז צו אים צוגעגאַנגען, האָט אים געטאַפּט די טאַשן און, אַרויסנעמענדיק פון דאָרט אַ הויפן קוילן, האָט ער אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט:

— צו וואָס נעמט איר עס די קוילן?

און באַלד איז דער פּאַרמאַן נאָך שטרענגער געוואָרן:

— צו וואָס גאַנוועט איר די קוילן?

איז שוין דייווידסאָן בייז געוואָרן און זיך אָנגערופן:

— איך בעט אייך, זייט העפלעכער, איך גאַנווע ניט.

— וואָס דען טוט איר?

— הם... — איז דייווידסאָן צעמישט געוואָרן — עס זיינען דאָ געוויסע קוילן, וואָס טויגן ניט.

— אַלע טויגן! — האָט דער פּאַרמאַן אויסגעשריען.

און באַטראַכטנדיק די קוילן אין האַנט האָט ער צוגעגעבן:

— וואָס הייסט זיי טויגן ניט? וואָס זייט איר, אַן אינספּעקטאָר?

— מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די דאָזיקע קוילן וועלן . . .

— אָך, לאָזט צורו — איז דער פּאַרמאַן בייז געוואָרן און האָט אַריינגעשאָטן צוריק די קוילן אין קאַסטן.

דאָן האָט דייווידסאָן זיך אין גאַנצן פאַרלאָרן, האָט אָנגעקוקט דעם גרויסן קאַסטן, וואו עס זיינען געלעגן דעם ברודערס קוילן, און האָט זיי שוין צוריק ניט געקענט באַקומען.

איצט איז זיין ברודער פאַרלאָרן!

פאַרנדיק פון דער אַרבעט איז ער אַריין אין שענק. ער האָט אויסגעטרונקען דריי גלעזעלעך בראַנדי. אַנדערש האָט ער זיך ניט געקענט באַרואיקן.

אָבער די דריי גלעזלעך האָבן ניט געהאָלפן. דער געדאַנק, אַז ער האָט אין פאַבריק איבערגעלאָזט אין קאַסטן דעם ברודערס אַלע קוילן, האָט אים ניט געגעבן קיין רו.

ער איז שנעל אַרויסגעלאָפן פון שענק און האָט זיך געלאָזן צו דער פאַבריק.

דאָרטן אָבער האָבן אים די דעטעקטיוום פאַרשטעלט דעם וועג און איינער האָט שטרענג געפרעגט:

— וואוהין?

דאַן האָט דייווידסאָן מיט בלוט פאַרגאָסענע אויגן אויסגעשריען:

— איך האָב דאָ געלאָזן מיין ברודערס קוילן... לאָזט מיך אַריין! איך מוז ראַטעווען מיין ברודער.

אַ דעטעקטיוו האָט אַ פייף געטאָן. עס איז אונטערגעלאָפן אַ פּאָליסמאַן.

— נעמט אים אין פּאָליס־סטיישאָן אָדער אין מעשוגאַאים־הויז, ווי איר פאַרשטייט.

דער פּאָליסמאַן האָט דייווידסאָנען גענומען אונטערן האַנט און אים אַוועקגעפירט.

אויפן וועג האָט ער אים געפרעגט:

— האָסט געוואָלט אויפרייסן די פאַבריק?

— אָ, ניין! — האָט דייווידסאָן געבעטן — אויפרייסן די פאַבריק, ניט. איך האָב נאָר געוואָלט אַרויסבאַקומען מיין ברודערס קוילן. איך האָב זיי אַליין געמאַכט. איר פאַרשטייט? אַליין געמאַכט, פאַרן ברודער.

און דייווידסאָן האָט זיך צעלאַכט מיט יענעם געלעכטער, מיט וועלכן עס לאַכן יענע, וועמעס הערצער עס פרעסט אַ שווערע כאַראָטע.

דער פּאָליסמאַן האָט זיך פאַרטראַכט:

— וואוהין פירט מען אים? אין „סטיישאָן", צי אין מעשוגאַאים־הויז?

אַ שווערע פּראָבלעם.

פּלויטן

● מ. נאַדיר

אַז דוירעס האָבן געבויט פּלויטן —
טאָ ווער האָט געזאָלט בויען גערטנער?
פּלויטן פון שטיין און פון דאָרן,
פּלויטן פון פּאַכעד און צאָרן.
און קיין גערטנער האָט מען ניט געבויט.

אַרום יעדן פאָלק אַ פּלויט,
אַרום יעדן האַרץ אַ פּלויט,
אַרום יעדער שפּראַך אַ פּלויט,
אַרום יעדן לעבן אַ פּלויט
באַוואַקסן מיט מאָך און מיט טויט —
און ווען האָט מען געזאָלט בויען ברויט?

הער מיך אויס, דו פּלויטן-בויער,
און צעוואָרף דיינע פּלויטן.
אַ מענטש מיט אַ מענטש איז ניט פרעמד.
און גיב איך דיר ברויטן,
איז נייסטו מיר אַ העמד.
אַ האַנט מיט אַ האַנט קער זיך אָן
אַ ברודער פון אייביק מאָל אָן.

דאָס איז קלאָר, ווי ס'וואַסער אין טייך:
אַ פּלויט איז פאַר דעם, וואָס איז רייך.
פאַר אונדז — איי, פאַר מיר און פאַר דיר,
פאַרמאַכט איז אין פּלויט יעדע טיר —
די טיר, וואָס דו פלעכטסט זי אַליין
און לאָזט זיך אַליין ניט אַריין.

יאָסל קאָטלער

צווישן לעבן און טויט

י. פרידמאַן ●

אויף „נאָ-מענס-לענד"

די נאַכט איז אַ פינצטערע און עס רעגנט שטאַרק. מיר ליגן אין בלאָטיקע גריבער. די דייטשן שיסן צו אונדז מיט זייערע שווערע קאַנאָנען. זיי שיסן אוים צו דריי און צו פיר קוילן אויף איין אָרט. אין אַ מינוט אַרום טרעפן שוין זייעבע קוילן אויף אַן אַנדער אָרט: זיי זוכן אונדז.

יעדעס מאָל וואָס זיי שיסן אויס פון אַ קאַנאָן דערהערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּ און דער קאַנאָן טוט אַזש אַ קרעכץ. צוזאַמען מיט דער קויל, וואָס דער קאַנאָן שפּייט אַרויס פון זיין לאַנגן האַלדז, רייסט זיך אויך מיט אַ גרויס שטיק פייער. עס פאַלט אַ שאַרף ליכט אויף דעם אָרט וואו די קאַנאָנען שטייען, און מיר דערזעען קלאָר די פיגורן, וואָס פאַרען זיך אַרום די קאַנאָנען.

זיי שיסן אויך אויף אונדז מיט קאַנאָנען, וואָס זייערע קוילן פאַלן נישט אויף דער ערד, נאָר זיי פּלאַצן אין דער לופטן. די קוילן צעפאַלן זיך אויף צענדליקער שטיקלעך און ערשט דערנאָך פאַלן די צענדליקער שטיקלעך בליי מיט אַ שטאַרקער קראַפט צו דער ערד און זיי פאַר-וואונדן צו צען און פופצן סאָלדאַטן אויף אַ מאָל.

אַלע מאָל ווען איך הער זייערע קאַנאָנען קרעכצן, ווייזט זיך מיר אויס, אַז זיי קרעכצן אויף דעם כורבן וואָס זיי מאַכן אָן. די קוילן פליען צו אונדז מיט אַן אומעטיקן פייף: וואַ-אַ-אַ-אַ! אַזוי ווי זיי זאָלן וויינען אויף דעם בלוטיקן שטיקל אַרבעט, וואָס מען שיקט זיי טאָן.

אונדזער אַרטילעריע שווייגט אויך ניט. פון ביידע זייטן דונערט און בליצט. פון הימל רעגנט מיט וואַסער און מיט קוילן. מיר ווערן דורכגעווייקט פונעם רעגן, די קעפּ ווערן נאַס פון שוויים אונטער די אייזערנע היטלען. איך פיל, אַז די הויט פון מיין קאָפּ ווערט מיר פאַרברענט פון היץ.

צוועלף באַנאַכט זאָגט אונדז אַ לייטענאַנט אָן די בסורע, אַז אין אַ האַלבער שאָ אַרום וועט אונדזער אַרטילעריע אויפהערן צו שיסן און פּאַטרולן וועלן זיך אַרויסלאָזן אויף „נאָ-מענס-לענד" („קיינעמס לאַנד"). זעקס אַזייגער אין דער פרי דאַרף אונדזער דיוויזיע גיין

„אָווער די טאָפּ“, מוזן די פּאַטרולן זיך אַרויסלאָזן פריער אויסצוגעפינען ווי ווייט זייערע אינפאַנטעריע־סאַלדאַטן ליגן, ווי ווייט זייערע מאַשין־ביקסן זיינען.

דער לייטענאַנט פרעגט אונדז:

— באָים, ווער וויל זיך פרייוויליק אָנשליסן אין דעם פּאַטרול?

בלויז אַ פּאָר געציילטע שטימען רופן זיך אָן, די איבעריקע שווייגן.

אַזאַ פּאַטרול דאַרף באַשטיין פון פערציק ביז פופציק מאַן. דער לייטענאַנט זעט, אַז עס געפינען זיך נישט קיין סאַך באַלאַנים, גיט ער זיך אָן אייצע — ער גייט פון איין סאַלדאַט צום צווייטן און זאָגט:

— דו וועסט זיך דאָך ניט אָפּזאָגן צו גיין? איאָ, דו וועסט גיין?

צו דער באַשטימטער צייט הערט אונדזער אַרטילעריע אויף צו שיסן און מיר לאָזן זיך אַרויס אויף גאָטס באַראָט.

איך דערזע הערשלען צווישן דער גרופּע. אין דער פינצטער האָב איך אים דערקענט. איך האָב זיך דערפרייט. איך קוק זיך צו צו אים. ער שטייט אָן אָנגעכמורעטער.

איך שריי אויס:

— הערשל!

ער דרייט זיך אויס צו מיר און כאַפּט מיך אַרום מיט די ווערטער:

— אוי, פרידמאַן! גאָט צו דאַנקען, וואָס מיר זעען זיך! איך האָב זיך געזאָרגט, איך האָב געמיינט, אַז איר זייט אָדער פאַר־וואונדעט אָדער, כאַלילע, טויט.

— איך האָב וועגן דיר אויך אַזוי געטראַכט — ענטפער איך אים.

מיר גייען און שלאָגן זיך אָן אָן די טויטע, וואָס זיינען היינט געפאַלן. די פאַרוואונדעטע האָט מען שוין דאָס ראָוו אויפגעקליבן. מיר קריכן אַריין אין אַ פינצטערן וואַלד און שטעלן זיך אויס איינער הינטער דעם אַנדערן. איינער האַלט זיך אָן אָן דעם צווייטנס פּאַסעק, קעדיי מיר זאָלן זיך ניט פאַרלירן אין דער פינצטער. אַלע ווײַלע באַ־ווייזן זיך זייערע עלעקטרישע שטערנדלעך — זיי זוכן אונדז. מיט אונדזערע צוואַנגען שניידן מיר איבער די שטעכיקע דראָטן וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט. מיר צערייסן זיך די הענט, די פיס, אָבער מיר גייען אַלץ ווייטער, טיפער אין וואַלד, צו זיי.

מיר גייען אַזוי אָפּ אַ שאָ. פלוצלונג דערהערן מיר טריט. אונדזער

לייטענאַנט זאָגט אונדז אין דער שטיל, אַז דאָס קומען „זיי" אונדז אַנטקעגן. זיין קאָל ציטערט בעאיים ער רעדט, און דאָס וואַרפט אויף אונדז אַן נאָך אַ גרעסערן פּאַכעד.

מיר גייען אַזוי ווי מיט אונטערגעהאַקטע פיס. וואָס ווייטער מיר גייען, אַלץ נעענטער קומען מיר איינער צום אַנדערן. עס פּלאָנטערן זיך די געדאַנקען באַ מיר אין קאָפּ; איך זע זיך שוין אַ טויטן. מיט אַלע מיינע קויכעס קלאַמער איך זיך אָן מיין ביקס. איך בין גרייט צו דערלאַנגען.

איך גיי און טראַכט: „באַלד וועלן מיר זיך אָנטרעפן מיט זיי. וועט מיר אַנטקעגנקומען אַ שוואַכערער פון מיר, וועל איך אים דערשטעכן. וועל איך אָבער אָנטרעפן אַ שטאַרקערן פון מיר, וועט ער מיך דערשטעכן. וואו וועט ער אַריינרוקן זיין באַיאָנעט? אין גאָרגל? אין האַרץ? אין בויך? איך וועל פאַלן צו דער ערד, ס'וועט מיר שטאַרק ווי טאָן און איך וועל שרייען און וויינען אַ לאַנגע צייט, ביז איך וועל שטאַרבן. איך טראַכט, אַז איידער צו כאַפּן אַ שטאָך פון אַ באַיאָנעט, זאָל מיך בעסער טרעפן אַ גראַנאַט און מיך מאָמענטאַל דערהאַרגענען.

פּלוצלונג דערהערן מיר אַ קאָל. מיר זעען קיינעם ניט, נאָר איינער שרייט עפּעס אויף דייטש, אָבער וואָס ער שרייט פאַרשטייען מיר ניט. מיר הערן לויפן. מיר דערשרעקן זיך אויף אַ מינוט, נאָר באַלד ווערט אונדז גרינגער אויף די פּאַרוויטיקטע הערצער. נאָכן לויפן דערקענען מיר, אַז זיי לויפן ניט צו אונדז, נאָר אַנטלויפן גאָר. דער לייטענאַנט באַפעלט אונדז צו יאָגן זיך נאָך זיי.

מיר יאָגן זיך עטלעכע הונדערט מעטער. מיר דערזעען איינעם פון זיי. ער שטייט מיט זיינע הענט פאַרריסן אין דער הויך. מיר בלייבן שטיין. מיר דערזעען באַלד, ווי ער האַלט אין איין האַנט אַ רעוואָלווער. ער בעט זיך באַ אונדז: „פּליז, קאַמעראַד! פּליז, קאַמעראַד!" אין אַ מאָמענט פון אויפרעגונג האָט זיך אונדזער לייטענאַנט פאַרלאָרן — אויף דער מעשוגענער מינוט האָט ער ניט געוואוסט וואָס ער טוט — האָט ער אין יענעם אַריינגעשאָסן פיר קוילן. יענער איז אומגעפאַלן און מיט פאַרצווייפלטע קולעס געשריען: „פּליז, פּליז, קאַמעראַד! פּליז, קאַמעראַד!"

מיר לויפן צו צו אים. איינער נעמט אַרויס דעם רעוואָלווער,

וואָס ער האָט נאָך געהאַלטן אין זיין האַנט. יעדער קרעכץ זיינער רייסט בײַ מיר אַרויס אַ שטיק האַרץ. איינער טוט אים אַ נעם אויף דער פּלייצע און מיר קערן זיך אום. אַלע פּופּצן מינוט נעמט אים אַן אַנדערער אויף דער פּלייצע. זיין בלוט באַפלעקט אונדזערע קליידער. איך טראָג אים און איך טראַכט: פּונקט אַזוי האָב איך געזען אַ קאַצעוו טראָגן אַ געשאָכטן קאַלב.

אַ גרויל גייט דורך אַלע מיינע איוורים.

מיר ברענגען אים צו אונדזער דאָקטער. דער דאָקטער פּאָרעט זיך אַרום אים. ער זשיפּעט נאָך און קרעכצט: „מוטער, מוטער.״ אין אַ האַלבער שאָ אַרום איז ער שוין געווען טויט. פון די פּאַפּירן, וואָס מיר האָבן אין זיין קעשענע געפונען, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז ער איז געווען אַ לייטענאַנט. זיין נאָמען איז געווען שייפער. מיר האָבן אויך געפונען בײַ אים אַ בילד פון זיין מוטער. זי איז געווען אַ פרוי פון אַ יאָר פופציק, דער קאָפּ האָר קימאַט אינגאַנצן ווייס, מיט אַ מוטערלעך־צאַרטן אויסדרוק אויפן פּנים. אויף דער אַנדערער זייט בילד איז געווען אויפגעשריבן: „גאָט זאָל זיין מיט דיר, מיין זון.״

אַן אַטאַקע

האַלב נאָך פינף אַזייגער פאַרטאָג זאָגט אונדז אונדזער קעפּטן, אַז היינט מוזן מיר אויספילן דעם אויפגאַב וואָס מען האָט באַשטימט, דאָס הייסט, נעמען מיט שטורעם דאָס שטיקל לאַנד וואָס די הויפּט־קאָמאַנדע האָט פאַר אונדז אָנגעצייכנט.

מיר ליגן אין אונדזערע קוואָרים, ווי געשטאָרבענע. מיר קוקן ווייט מיט אונדזערע פאַרמאַטערטע אויגן. מיר זיינען נערוועז, מיר האַלטן צו די ביקסן — דאָס איינציקע, וואָס קען אונדז עפּשער העלפן. מיר טאַפּן אַרום די גאַז־מאַסקעס, צי זיי זיינען ריכטיק אָנגעטאָן.

פון דערווייטנס דערזעען מיר דעם באַרימטן באַרג, וואָס מען רופט „דער באַרג פון טויטע״. דעם באַרג דאַרפן מיר פריער נעמען. עס באַפאַלט אַ פּאַכעד, אַז מען קוקט אַרויף צו אים: ער איז אינ־גאַנצן צעאַקערט. מען קען זען פון דערווייטנס, אַז עס וואַלגערן זיך דאָרט ביינער.

מיר וואַרפן זיך אויף דער ערד און הויבן אָן די אַטאַקע. זיי ענטפערן אונדז אָפּ מיט אַ קעגן־אַטאַקע. זייערע קוילן פאַלן צו נאָענט

צו אונדז. ניט ווייט פון מיר דערזע איך אַ גרוב, וואָס זייערע קוילן האָבן געמאַכט. איך באַשליס אַהין אַריינצוקריכן. איך בין צוגע־קראָכן, האָב זיך אַריינגעקאַטשעט און בין אַרויפגעפאַלן אויף אַ טויטן קערפּער, וואָס איז געלעגן פאַרשאָטן מיט ערד, נאָר זיינע הענט און אַ שפּיץ פון זיין העלמעט האָט זיך אַרויסגעזען. אַ פּאָר מינוט בין איך געבליבן ווי פאַראַליזירט. די האָר אויפן קאָפּ האָבן מיר אָנגע־הויבן שטעכן אַזוי ווי נאָדלען. עס פאַלט אַ שראַפּנעל. איך בויג זיך טיף אַרונטער, און מיין פּאָנעם רירט זיך אָן אָן די צוויי הענט, וואָס האָבן מיך אַזוי איבערגעשראָקן. עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז אָט קלאַמערן זיך די הענט אַרום מיין האַלדז און דערשטיקן מיך.

מיר אַוואַנסירן ווידער. אויף יעדן טריט פאַרלירן מיר סאָלדאַטן. פון דערווייטנס דערזעען מיר שפּיצן פון אייזערנע היטלען. זיי ליגן אויף דער אַנדערער זייט באַרג און שיסן אַריבער. מיר ווערן ווילד, אונדזערע מויכעס צינדן זיך אָן, די אויגן ווערן אָנגעלאָפן מיט טרערן, מיט בלוט. דאָס האַרץ הויבט אָן וויינען, מען שרייט פאַרצווייפלט, און די אויערן הערן ניט וואָס מען שרייט; מען ווערט ווילד און מעשוגע.

מיט ווילדע קוילעס לויפן מיר צו זיי. זיי פאַרשניידן גאָר אָן אַ שיר פון אונדזערע. ווען מיר קומען צו אַ הונדערט מעטער פון זיי, פאַלן מיר צו דער ערד. מיר נעמען אונדזערע האַנט־גראַנאַטן און רוקן זיך אויף די בייכער נעענטער צו זיי. מיר וואַרפן איבער די גראַנאַטן איינס נאָכן אַנדערן, און זי־י־פּ! — דער אויפרייס ברעכט פונאַנדער. זייערע געשרייען מאַכן אונדז אינגאַנצן ווילד. מיר זיינען מער ניט קיין מענטשן, נאָר ווילדע כייעס. מיר האָבן אַלע איין געדאַנק: זיי דאַרט אַלע אויסהאַרגענען!

מיר הויבן זיך אויף און מיר לויפן צו זיי. מיר וואַרפן גראַנאַטן און טרעפן אין די קעפּ, אין די בייכער, אין די פּענעמער. די קוילעס פוןביידע זייטן טראָגן זיך ביז אין די הימלען. מיר זיינען ווילד און פאַרצווייפלט. מיר בעטן גאָט און רופן: מאַמע!

אָט זע איך ליגן איינעם אין אַ טייך בלוט. ער קוקט מיט זיינע גרויסע אויגן. זיי מאַכן זיך יעדע ווײַלע האַלב צו. עס דאַכט זיך מיר, אַז זיי פרעגן: פאַרוואָס? פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט איר מיר אָפּ־געהאַקט מיין לעבן?



„לאָזט אים ניט אונטערצינדן די וועלט"　　　　ה. געלערט

איך לויף מיט ווילדע אויגן, ווי אַ צערייצטע כייע. עס קומט מיר אַנטקעגן איינער מיט אַ גרויסער בלאָנדער באָרד. ער שרייט פאַרצווייפלט: קאַמעראַד! קאַמעראַד! די ווילדע כייע אין מיר זעט ניט, אַז ער האַלט זיינע הענט אין דער הויך, און הערט אויך נישט זיינע פאַרצווייפלטע געשרייען. איך וואַרף זיך אויף אים מיט מיין ביקס. דער שפּיץ פון מיין באַיאָנעט רירט אָן זיין ברוסט. איך דער־הער פּלוצלונג זיינע פאַרצווייפלטע קוילעס, און זיינע איבער־געשראָקענע אויגן דערשרעקן מיך. איך צי צוריק מיין ביקס און נעם אים אין געפאַנגענשאַפט. איך טרעט אויף טויטע, מיינע שיך זיינען איינגעטונקען אין בלוט.

פּלוצלונג הויבן אָן פאַלן קוילן לעבן אונדז — קוילן פון אונדזער אייגענער אַרטילעריע: זיי מיינען, אַז זיי שיסן אויף די דייטשן. מיר זיינען צו שנעל געלאָפן, זיינען מיר שנעלער אָנגעקומען צו די דייטשע ליניעס, פריער ווי אונדזערע האָבן אויסגערעכנט. דערווייל פאַלן עטלעכע פון אונדז פון אונדזערע אייגענע קאַנאָנען. די ערא־

פּלאַנען, וואָס פליען מיט אונדז בעאיים מיר מאַכן די אַטאַקע, קערן זיך שנעל אום און לאָזן וויסן, אַז זיי זאָלן אויפהערן צו שיסן.

פיר אַזייגער נאָכמיטאָג זיינען מיר שוין אין סיערדזש און מיר גראָבן זיך איין. אייניקע סאָלדאַטן ליגן אַזוי ווי פאַרטשאַדעטע. זיי ווייסן נישט וואָס ס'האָט פּאַסירט, צי לעבט מען, צי איז מען טויט.

די דייטשן וואָס זיינען אַנטלאָפן האָבן זיך ערגעץ אָפּגעשטעלט און שיקן אַריבער צו אונדז אַלערליי סאָרטן גאַז — גאַז צו ניסן, זענעפט־גאַז, ברען־גאַז, און נאָך פאַרשיידענע אַנדערע מינים גאַז. מיר ניסן, עס שטיקט אונדז, עס שמאַרצט אונדז אין די אויגן, עס גיסן זיך בא אונדז טרערן, כאָטש מיר טראָגן אונדזערע גאַז־מאַסקעס. זיי רייסן פון אונדז שטיקער, אָבער מיר רירן זיך ניט פון אָרט.

איך רוק זיך צו צו אַ פאַרוואונדעטן. איך וויל אים העלפן פאַר־בינדן זיין וואונד. איך קאָן אָבער בעשום אופן נישט איינהאַלטן דאָס בלוט וואָס גיסט זיך פון אים. זיינע וואָלענע הויזן און זיין ווינטער־מאַנטל זיינען דורכגעווייקט מיט שוואַרץ בלוט. ער קרעכצט. איך גיב אים אַ ביסל וואַסער צום מויל. מיט זיינע פאַרגליווערטע אויגן דאַנקט ער מיר. איך קוק זיך צו צו אים: ער ליגט אויף אַ זייט און בייסט זיינע ליפּן פאַר ווייטיק. איך פרעג זיך אַליין: פון וואַנען נעמט זיך צו מענטשן אַזוי פיל בלוט?

אונדזער דאָקטער גייט צו צו אים, טאַפּט אָן דאָס אויפגעריסענע אָרט. מיט באַדויערן שאָקלט ער מיטן קאָפּ און גייט אָפּ צו אַן אַנדערן.

די לייכט־פאַרוואונדעטע העלפט ער פאַרבינדן און טרייסט זיי, אַז באַלד וועט מען זיי צונעמען פון דאַנען.

איך קוק זיך צו צו די טויטע, וואָס ליגן מיט האַלב־אָפענע אויגן: זיי דריקן אויס סינע, צאָרן, פאַראַכטונג. איך קען אויף זייערע פּענעמער איבערלייענען די לעצטע ווערטער זייערע: פאַרוואָס קומט עס אונדז? פאַר וועמען האָרגעט מען אונדז?

איך פאַרטראַכט זיך וועגן מיין היים, מיין מאַמען. איך בין איצט אין אַזאַ געפאַר, אַז אַפילע אַ מאַמע קען אויך ניט העלפן. פּלוצלונג שטעלט זיך מיר פאָר, אַז איך זע ניו יאָרק, די איסט־סייד, בראָדוויי, מענטשן איילן ערגעץ, מען זינגט, מען טאַנצט, מען פאָרט אין אויטאָ־מאָבילן, אין סאָבווייס, עס קאָכט, עס איז לעבעדיק.

און איך ליג דאָ אַ טויטער, כאָטש איך לעב.

(פון „אַ יאָר צווישן לעבן און טויט")

אויף די גרינע פעלדער

אויף די גרינע פעלדער, וועלדער,
וויי וויי!
אויף די גרינע פעלדער, וועלדער
ליגט מיט קוילן באַדעקט אַ זעלנער,
וויי וויי!
ליגט מיט קוילן באַדעקט אַ זעלנער.

נאָר דאָס פערד דאָס געטרייע,
וויי וויי!
נאָר דאָס פערד דאָס געטרייע —
דאָס באַגלייט אים צו דער לעווייע,
וויי וויי!
דאָס באַגלייט אים צו דער לעווייע.

קומט אַ פויגל אָן צופליען,
וויי וויי!
קומט אַ פויגל אָן צופליען,
אויף זיין קייווער זיך אָפּרוען,
וויי וויי!
אויף זיין קייווער זיך אָפּרוען.

אוי, דו פויגל, פלי געשווינד,
וויי וויי!
אוי, דו פויגל, פלי געשווינד,
און זאָג אָן דער מאַמען, אַז איך בין געזונט.
וויי וויי!
און זאָג אָן דער מאַמען, אַז איך בין געזונט!

פון דעם טויט זאָלסט איר נישט זאָגן,
וויי וויי!
פון דעם טויט זאָלסט איר נישט זאָגן,

ווייל זי וועט נעבעך וויינען און קלאָגן,
ווי ווי!
ווייל זי וועט נעבעך וויינען און קלאָגן.

קומט דער פויגל צו פליען אַהיים,
ווי ווי!
קומט דער פויגל צו פליען אַהיים
און טרעפט די מאַמען טרויעריק שטיין,
ווי ווי!
און טרעפט די מאַמען טרויעריק שטיין.

ווען דאָס זאַמד וועט ווערן צערונען,
ווי ווי!
ווען דאָס זאַמד וועט ווערן צערונען,
וועט איר זון פון קריג אַהיים קומען,
ווי ווי!
וועט איר זון פון קריג אַהיים קומען.

[פאָלקליד]

דער סענט

מ. אַלגין

איבערן טראָטואַר קלאַפּן פיס, און יעדע פּאָר פיס האָט אַן אַנדער קלאַנג. בען לאַנג קאָן דערקענען די מענטשן לויט דעם קלאַנג פון זייערע טריט. אָט גייט אַן עלטערער מידער מענטש מיט אַ שווערן אָטעם. אָט לויפט איינער אַ יונגער מיט אַ מאַסע אויף די פּלייצעס. דאָס איז אַ מאַמע מיט אַ קינד. דאָס איז אַ שול-יינגל מיט אַ פּעקל ביכער; די בלייפעדערס קלאַפּן אינעם הילצערנעם קעסטל. דאָס קומט אַ מאַן מיט אַן אויטאָמאָביל. פון זיין טירל גייען אַרויס צוויי: אַ מאַן און אַ פרוי. בען לאַנג דערקענט זיי אַלע, כאָטש ער קאָן זיי ניט זען. בען לאַנג האָט זיך אַפילו אויסגעלערנט גיין אַליין איבער די גאַסן און ניט פאַרלירן דעם וועג. בען לאַנג ווייסט, אַז דער הימל איז

היינט לויטער און ס'שיינט די זון. אָבער פאַרוואָס איז דער טאָג אַזאַ שלעכטער?

אין בען לאַנגס פושקעלע איז דאָ נאָר אַ פּאָר סענט. דאָס פּושקעלע איז קונציק צוגעטשעפּעט צום עק פונעם לינקן הילצערנעם אָרעם. אינעם אָרעם, גאָר אונטן, איז אַריינגעקלאַפּט אַ האָק, אינעם הענטל פון דער פּושקע איז דאָ אַ לענגלעכער שפּאַלט. דער האָק פּאַסט אַריין אינעם שפּאַלט. ווען לאַנג שאָקלט מיטן הילצערנעם אָרעם, קלאַפּט זיך די פּושקע אָן האַלץ מיט אַ מעלאָדישן קלאַנג. דער סענט אין פּושקע לאָזט אויך אַרויס אַ שטיקל געקלינגערײ. בען לאַנג רעדט ניט, נאָר ס'באַקומט זיך, ווי אַ גלעקעלע וואָלט געווען אָנגעהאַנגען אָן זיין הילצערנעם אָרעם. דאָס גלעקעלע קלינגט, דאָס גלעקעלע קלאַפּט. דאָס גלעקעלע מאָנט. בען לאַנג שווייגט. וואָס וואָלט געהאָלפן רעדן?

בען לאַנג איז הונגעריק און מיד. בען לאַנג האָט היינט געזאַמלט נאָר פיר סענט. ווען מענטשן וואָלטן געוואָלט לייענען פּענעמער. וואָלטן זיי זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם בלינדן בען לאַנגן. די ווייסע שפּאַלטן פון זיינע אויגן זיינען היינט מיט אַ באַזונדער ראַכמאָנעס געווענדט צום בלויען הימל. די ווייסע שפּאַלטן קוקן אַזוי אָנגע-שטרענגט און אַזוי אָן באַוועגונג, אַקוראַט ווי מ'האָט זיי צוגעשמידט צו איין פּונקט העט ווייט. די בלאַסע באַקן זיינען גראָלעך, טויטלעך-גראָ, און די יונגע שיין-געשניצטע כיינעוודיקע ליפּן זיינען צונויפ-געפּרעסט אין ווייטיקדיקן איינשפּאַר. קלינג-קלאַנג! דאָס פּושקעלע רודערט זיך און פאָדערט. קלאַפּ-קליפּ! דער סענט אין פּושקע רופט אַ צווייטן סענט. גלענג! גלאַנג! דער הילצערנער אָרעם הויבט זיך אויף אָן אינטש און פאַלט, הויבט זיך און פאַלט.

בען לאַנג איז הונגעריק. בען לאַנג האָט דאָך ניט געגעסן פון נעכטן אין דער פרי.

קלינג-קלאַנג! — דאָס פּושקעלע בעט זיך. איבער בען לאַנגס הויכן שלאַנקן קערפּער גייט איבער אַ ציטער. ווען ער וואָלט נאָר געהאַט נאָך איין סענט! זיבעצן בלאָק פון דאַנען איז דאָ אָן עס-צימער אונטער דער ערד, וואו פאַר אַ ניקל גיט מען אַ פּאַרציע „פּאָרק און בינס" — היים, צעפּאַרעט כאַזער-פלייש און פּאַסאָליעס — מיט גאַנצע דריי שטיק ברויט. פיר בלאָק פון דאַנען איז דאָ אַ בעקער, וואָס גיט פאַר אַ ניקל אָן אַלט-געבאַקן ברויט, גענוג צו זעטיקן אַפילע אַזאַ יונג,

מילכאָמע־מייסעם

ע. אַרמין

ווי בען לאַנג. אָבער ווייניקער ווי אַ ניקל וויל ער ניט נעמען, וויפיל מ׳זאָל אים ניט בעטן: ער ווערט נאָך אין קאַעס און הויבט אָן שילטן. פאַר אַ ניקל קאָן מען נעמען די קאַר און פאָרן אין עק שטאָט, אין עס־צימער פון דער קאַטוילישער צדאָקע־געזעלשאַפט „מאַריאַ די דערבאַרעמדיקע", וואו מען גיט אומזיסט גאָר אַ גוטן מאָלצייט. אָבער דערצו דאַרף מען נאָך האָבן אַ ניקל אויף צוריקוועג — און בען לאַנג האָט נאָר פיר סענט.

בען לאַנג שטייט און שאָקלט מיטן הילצערנעם אָרעם און קוקט אין הימל אַריין מיט די בלינדע ווייסע שפּאַלטן פון די אויגן און טראַכט זיך: וואָס איז דאָס געוואָרן מיט די מענטשן? איינציקווייז און גרופּנווייז שפּאַנען זיי איבערן טראָטואַר, גיך און לאַנזאַם, לייכט און שווער — אַזוי פיל מענטשן און ניטאָ קיין איין איינציקער סענט צו מאַכן אַ גאַנצן ניקל. באַ בען לאַנגן דרייט זיך פאַר הונגער דער קאָפּ, זיין לינקער אַקסל ברענט אין פייער, די געדערים שרייען און ברומען, דאָס בלעכענע פושקעלע קלאַפּט און קלינגט — און ניטאָ קיין סענט. בען לאַנג שטייט אַ הויכער און אַ בלאַסער, אין אַן אַלטן מיליטערישן צעריסענעם מונדיר, מיט אַ בלויזן קאָפּ און מיט ווייסע

שטעקשיך אויף די פּיס, שטייט און קלינגט און טראַכט: וואָס איז דאָס היינט פאַר אַ טאָג? בען לאָנג שרייט מיט בלינדע אויגן: וואָס וועט זיין דער סאָף?

:: :: ::

מר. טאָמפּסאָן גייט אַרויס פונעם רעסטאָראַן מיט אַ צאָן־שטעכער צווישן די פעטע ליפּן. מר. טאָמפּסאָנס אייגעלעך זיינען שמאָל און דער אויסדרוק פון זיין פּאָנעם איז אַ נודנער. מר. טאָמפּסאָן קען ניט איבערטראָגן דעם נאָך־געשמאַק פון דעם קוכן, וואָס מ'האָט אים דערלאַנגט נאָכן סטייק: ער וואָלט געקאָנט שווערן, אַז ס'איז געבאַקן ניט אויף פּוטער, נאָר אויף בוימל: אַזאַ פעטער, שווערער רייעך. דער קעלנער מעג זיך שווערן, וויפיל ער וויל: אים, מר. טאָמפּסאָנען, וועט מען ניט נאַרן. מר. טאָמפּסאָן פילט, אַז ער מוז צעשפּיליעווען דאָס אונטערשטע קנעפּל פון דער וועסט, וואָס פּלאַצט שיר ניט איבערן אָנגעגאָסענעם בויך. קעדיי צו מאַכן דאָס אומבאַמערקט, קוקט ער מיט אַן אומשולדיקער מינע גלאַט אַזוי זיך אין גאַס אַריין.

מר. טאָמפּסאָנס אויגן שטויסן זיך אָן אָן בען לאָנגן. מר. טאָמפּסאָן שטעקט אַריין צוויי דיקע פינגער אין דער קליינער קעשענע פון זיין ראָק, וואו ער האַלט דאָס קליינגעלט. ער טאַפּט צווישן די ניקלס און דיימס, ביז ער געפינט אַ סענט. „גוט וואָס ס'איז דאָ אַ סענט", טראַכט ער זיך. ער וועט דאָך ניט גיין געבן אַ שנאָרער אַ גאַנצן ניקל. „זיי זיינען אָפּט רייכער פון אונדז."

מר. טאָמפּסאָן האַלט אין קעשענע די האַנט מיטן סענט. ווי ער גייט צו צו בען לאָנגן, באַמערקט ער לעבן טיר פון רעסטאָראַן אַ מעכאַנישע וואָג. מר. טאָמפּסאָן טוט אַ טראַכט, אַז ס'וואָלט ניט געשאַדט זיך אָפּוועגן: דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן פאַרצייכענען זיין וואָג אַלע וואָך. דער דאָקטאָר האָט אים געוואָרנט, ער זאָל ניט ווערן שווערער. היינט, ווען ער פילט זיך ניט גוט, איז אַוואַדע קעדיי צו וויסן, וויפיל ער וועגט.

מר. טאָמפּסאָן שטעלט זיך אויף דער פּלאַטפאָרמע פון דער וואָג און וואַרפט אַריין דעם סענט.

אַ פּאָר טריט פון דער וואָג שטייט בען לאָנג מיט די ווייסע אויגן־שפּאַלטן און קלינגט אונטער מיטן פּושקעלע: קלינג־קלאַנג!

צו די געפאַלענע העלדן

● יעהויאָש

אַ, טויטע העלדן, ווען איך לייען,
אין בוכשטאַבן פאַרבלוטיקט רויט,
די נייס פון אייער גיבער-טויט,
איך מוז אי ווײנען, אי זיך פרייען...

און אין די שוואַרצע טרויער-קלאַנגען,
פון אומגליקלעכן פאָלק, וואָס מאַכט
אַ העספּעד איבער אײַך, מיר דאַכט,
צוגלייך זיך הערן ווי געזאַנגען,

וואָס וועקן, קלינגען אין די אויערן: —
— דאָס שקלאַפן-פאָלק עס האָט דערוואַכט
און ברעכט מיט זעלבסט-באַוואוסטער מאַכט,
פון זיין געפענגעניש די טויערן...

מיט אויפגעהויבן שטאָלצן שטערן,
מיט יונגער קראַפט אין יעדן גליד,
מיט מעכטיק פעסטע שימשן-טריט
זיך גייט עס קעגן סוינע ווערן...

אין האַרצן מוט, אין האַנט קליי-זייען
און אין די אויגן יענער ברען,
וואָס איז פון טאָמיד אָן געווען
דער סימען פון אַ פאָלק אַ פרייען...

דייטשלאַנד

א. פעפער

געלעבט האָט אין דייטשלאַנד אַ קלוגער פּאָעט ;
איצט וואַרפט מען זיין דענקמאָל אַרויס פון די שטעט.
ער האָט נאָך אַמאָל אין די לידער געלאַכט
פון די בייטשן, וואָס פייפן באַטאָג און באַנאַכט
אין די טונקעלע קוואַרטאַלן פון בייטשלאַנד.

אַ צווייטער פּאָעט האָט אין דייטשלאַנד געוויינט.
ער האָט וועגן פרייהייט אין לידער געטרוימט.
ער האָט ניט געשטורעמט, ער האָט ניט געלאַכט,
ער האָט זיך געהאַנגען אין טפיסע באַנאַכט,
אין טפיסע פון פינצטערן בייטשלאַנד.

איצט בלאָנקען צוויי שאָטנס אין בייטשלאַנד אַרום ;
און ס'קרייצן זיך וועגן צעשראָקן און שטום ;
זיי בלאָנקען אַרום איבער כאָרעווע שטעט,
זיי בלאָנקען און הערן און הערן, וואָס רעדט
דאָס פאָלק פון צעטראָטענעם דייטשלאַנד.

וואָס שווימען פאַר וואָלקנס אין בייטשלאַנד אַרום ?
וואָס הילכן געוויינען אין לאַנד אומעטום ?
דאָס פירט מען די קעמפער צו פינצטערע ווענט,
דאָס קלינגען די קייטן אויף זייערע הענט,
און ס'טראָגט זיך דער הילך איבער בייטשלאַנד.

עס בלאָנקען די שאָטנס פון קאַנט און צו קאַנט,
דער קלאַנג פון די קייטן איזביידע באַקאַנט,
נאָר ווען איז דער הימל געווען אַזוי קאַלט,
און ווען האָבן בייטשן ווי איצטער געקנאַלט
אויף די בלוטיקע שטיינער פון בייטשלאַנד ?

עס קוקן צוויי שאָטנס דורך שרעק און געוויין.
וואָס זוכן עס קינדער אויף ברעגן פון ריין ?
מיט אומגליק איז פול יעדער קינדערשער בליק,
זיי זוכן די מאַמעס אויף טליעס, אויף שטריק,
אויף טליעס און טליעס פון בייטשלאַנד.

מעשוגענע טרויבן פאַרשרייען די שאַנד,
דאָס קסאַוו פון די בייטשן אויף פּלייצעס פון לאַנד,

צוויי שאָטנס זיך טראָגן דורך פּלעצער אַליין,
און ס'יאָגט זיינע כוואַליעס דער אַלטיטשקער ריין,
דער ריין פונעם היינישן דייטשלאַנד.

און ס'רייסט זיך דורך גראַטעס אַ היינישער בליק,
און ס'טראָגט זיך דורך גראַטעס בעטהאָווענס מוזיק,
און טעלמאַן הייבט אויף דורך די גראַטעס זיין האַנט,
און ליבקנעכט שטייט אויף פון זיין קייווער און שפּאַנט
אין שלאַכט קעגן בלוטיקן בייטשלאַנד.

אונטערן בייטש

● ש. מילער

1.

אַ קלאַפּ פון אַ פויסט אין לינקן קינבאַק האָט אַ שטוים געטאָן דעם קאָפּ אויף רעכטס. דער גאַנצער קערפּער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. די פּענסנע איז אַרונטערגעפאַלן, דער קלאָרער קלאַנג פון צעבראָכן גלאָז איז פאַרשטיקט געוואָרן פון אַ גראָבער שטיוול-פּאַדעשווע, וואָס האָט אַרויפגעטראָטן און צעקוועטשט, צעמאָלן די שטיקלעך. דער שוואַרץ-העמדלדיקער שויץ-שטאָפּלער פון דער צוויי-טער זייט האָט דערלאַנגט מיט אַ פויסט אין רעכטן קינבאַק. דער קאָפּ האָט דאָך נישט צוריקגעקראָגן דאָס גלייכגעוויכט. דאָס מויל — פול מיט בלוט, לויזע ציין. די אויגן, נאַקעטע, אָן די ברילן, זיינען פאַרלאָפן געוואָרן מיט וואָס מ'רופט געוויינלעך טרערן. פינצטער. דאָס צימער האָט זיך גענומען דרייען, די ערד האָט זיך אַ וויג געטאָן. ער איז אומגעפאַלן.

— אויפשטיין!

אַ נאָז פון אַ שטיוול האָט געשטורכעט אין זייט, געהאַמערט אין די ריפּן. די נעז פון די שיך האָבן זיך געריבן אָן דיל, די קני האָבן זיך אָנגעשטרענגט, די הענט האָבן זיך אָנגעשפּאַרט, געהאָלפן זיך אויפשטעלן. דער קאָפּ האָט זיך אַ הויב געטאָן און זיך אַראָפּגעלאָזט. קני און הענט האָבן נאָכגעלאָזט, בויך און פּאָנעם זיינען צוגעפאַלן צום דיל.

— דער איז צו שוואַך. מיט אים דאַרף מען זיך באַנעמען איידל — האָט דער אויספאָרשער אַ זאָג געטאָן צו זיינע באַהעלפער מיט אַן איידעלן שמייכל, באַגלייט מיט אַ האַנט־באַוועגונג.

לעאָן לעוועגטאַל האָט דערפילט, ווי די האָר פון זיין קאָפּ רייסן די הויט פון זיין שאַרבן. איין שוץ־שטאָפּלער האָט אים אַזוי אַרום אויפגעהויבן און אין צווייען האָט מען אים אַרויסגעשלעפּט פון פאַרהער־צימער.

ווען ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען אַ מענטשן לעבן זיך, האָט ער דערשראָקן און פאַרכידעשט אַ קוק געטאָן. דאָס איז דאָך נישט זיין צעל. ער איז דאָך געזעסן אַליין. האָט מען געבראַכט אַזוי פיל נייע, אַז עס איז ענג געוואָרן, אָדער איז ער שוין איבערגעקומען זיינס, שוין „גלייכגעשאַלטעט" און קען שוין זיצן מיט נאָך מענטשן? לעאָן לעוועגטאַל האָט געפּרוּווט זיך אויפזעצן, דערפילט אַ שאַרפן שטאָך אין זייט, זיך אַ כאַפּ געטאָן, צוגעפּרעסט די האַנט צו דער זייט און פּאַמעלעך זיך דאָך אויפגעזעצט.

— וויפיל? — האָט דער מענטש אַ פרעג געטאָן.

לעאָן לעוועגטאַל האָט דערשראָקן אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ, דערזען אַ פאַרשוואָלן פּאָנעם. צוויי פינגער האָבן אַ צי געטאָן די אונטערשטע ליפּ, אַנטפּלעקט רויע יאַסלעס. — מיר פעלט דריי — איז אַרויס־געקומען האַלב־צעקייט פון דעם עטוואָס־געעפנטן מויל. לעאָן לעווענ־טאַל האָט געטאַפּט מיט אַ פינגער די יאַסלעס, אַזוי אַרום געציילט די אויסגעקלאַפּטע ציין. אַ שפּיגל האָט אַ שימער געטאָן פאַרן אינערלעכן אויג, די אויגן האָבן דערזען אַ שפּיגל — זיין שאָכן. אָט אַזוי מוז איך אויסזען.

ער האָט מיט אויפגעריסענע אויגן גענומען קוקן אויף די דריי שכיינים זיינע.

— לאַנג דאָ?

— נעכטן. איר?

— פיר און דרייסיק טעג.

די „פיר און דרייסיק טעג" האָבן נאָך מער אויפגעריסן לעאָן לעוועגטאַלס אויגן. — פיר און דרייסיק טעג און... איר לעבט נאָך? — האָט ער שיר נישט אויסגערופן, אָבער דאָס מויל האָט נישט אַרויס־געלאָזט קיין קלאַנג, מיט די אויגן באַטאַפּט בלויז דעם נייעם שאָכן,

דעם דייטשישן אַרבעטער, ברונאָ. לעאָן לעוועטאַלס אויגן האָבן אַריינגענומען אַ ברייט, געזונט פּאָנעם מיט אַ צעביילטן שטערן, שלייף, אַ פֿאַרלאָפֿן אויג, אַ לענגלעך פּאָנעם מיט אַ צעקלאַפּטער נאָז— זיין נאָענטסטן שאָכנס פּאָנעם מיט דער פֿאַרשוואָלענער באַק.

די טיר האָט זיך אָן עפֿן געטאָן. ער האָט דערזען ווי זיינע שכיינים שפּרינגען אויף. אויפֿשפּרינגענדיק, האָט דער נאָענטסטער שאָכן זיינער נאָך באַוויזן אים אַ שטורכע טאָן, און, נישט באַגרייפֿנדיק וואָס דאָ קומט פֿאָר, האָט ער זיך אַ הויב געטאָן, זיך אויפֿגעשטעלט.

— הייל, היטלער!

— איבונגען!

די פֿיר מענטשן זיינען געשטאַנען אויסגעצויגן, האָבן געוואַרט אויף דעם ווייטערדיקן באַפֿעל. ער איז געקומען:

— שטיי! זיץ! שטיין! זיצן! זיץ — שטיי! אַרויף! אַרונטער! אַרויף! אַרונטער!

אַ ראַשיקער שטראָם פֿון געשרייען, באַפֿעלן, און די מענטשן האָבן געמוזט נאָכפּאָלגן דעם שטראָם — זיך אויסציען גלייך ווי אַ ליכט און אויגנבליקלעך זיך אַרונטערלאָזן. דאָס גאַנצע געוויכט פֿון קערפּער באַלאַנסירט אויף די שפּיץ פֿינגער. — אַרויף! אַרונטער! אַרר... — דער שטורעם-טרופּער האָט זיך מעיאַשעוו געווען: וואָס דאַרף ער שרייען? ביטש אין האַנט, האָט ער אָן ווערטער גענומען דיריגירן: אַרויף! אַרונטער! און ווי איז צו דעם וואָס האָט פֿאַרזען אַ באַוועגונג פֿונעם דיריגענטס „שטעקעלע“. — אַרויף! — האָב איך געוויזן! — און די ביטש האָט אַ סוויסטשע געטאָן.

דעם דיריגענטס שטעקעלע וואַרפֿט זיך נישט מער אויף אַרויף און אַרונטער. — הוף! — האָט דער „דיריגענט“ אַ בלאָז געטאָן, מיד פֿון זיין שווערער אַרבעט. — אַ ביסל איבונגען פֿאַרן עסן גיין איז זייער גוט. עס איז געזונט — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל.

די זיך-טרייסלענדיקע קני פֿון די אויסגעמאַטערטע פֿיר מענטשן האָבן צוגעשאָקלט: יאָ, יאָ, זייער געזונט.

— און איצט אין עסצימער!

די פֿיר מענטשן האָבן געמאַכט אַ טראָט.

— אויף אַלע פֿיר! כאַזיירים וואָס איר זייט!

קאָסע בליקן האָבן אַ שניט געטאָן דעם שטורעם-טרופּער.

— אויף אַלע פיר האָב איך געזאָגט! — די בייטש איז שוין געהאַנגען אין דער לופטן.

זיי האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט, גענומען קריכן אויף אַלע פיר.

— אָט אַזוי. שוויין, צו די שעפּלען! — דער שטורעם-טרופּער איז געווען צופרידן.

לעאָן לעווענטאַל האָט נישט געפילט קיין הונגער. דער רייעך פונעם עסן האָט אים געאיבלט. דער אָנזען פון אַזוי פיל מענטשן, צעקלאַפּטע, צעמאַזיקטע מענטשן, וואָס זיינען נאָר-וואָס געקראָכן אויף אַלע פיר און וואָס זיצן און עסן מיט אַזאַ זשעדנעקייט אָט-די איפּעשדיקע שפּייז, האָט אים געוואָרגן אין האַלדז. דער טיש-שאָכן זיינער האָט זייטיק אַ קוק געטאָן אויף זיין עסן, אויף אים, געשעפּט מיטן לעפל די שיטערע אַזוי-גערופענע זופּ, און, ווען פאַרטיק דער-מיט, ווידער אַ קוק געטאָן אויף אים — פאַרוואָס עסט ער נישט?

— איך קען נישט — האָט לעאָן לעווענטאַל פאַרשעמט געענטפערט — מיינע ציין — האָט ער אָנגעוויזן — איר קענט עס נעמען, אויב איר . . .

דער שאָכן האָט געניייוויש אַ וואָרף געטאָן אַ קוק, צי מ׳זעט נישט, אַ רוק געטאָן דאָס פולע שיסעלע צו זיך, דאָס ליידיקע צו לעאָנען און, עסנדיק, געפּליסטערט אָפּגעריסענע זאַצן:

— דאָס איז פּאַמאַיעס, נישט קיין זופּ. אָבער עסן דאַרף מען. ציין, נישט ציין, אַזוי לאַנג ס׳איז דאָ אַ מאָגן מוז מען עסן. אַניט קראַפּירט מען. מ׳מוז דערהאַלטן דאָס ביסל קויעך. וועט נאָך צונויץ קומען — האָט ער אַ וואונק געטאָן.

די „קאַווע" אין אָונט האָט ער געטרונקען, דאָס שטיק ברויט מיט מאַרגאַרין געגעסן. דער ערשטער ביסן האָט זיך געשטעלט אין האַלדז, דער ערשטער שלוק האָט געשלאָגן אויף צוריק, אָבער ער האָט זיך געצוואונגען צו טאָן אַ צווייטן זופּ, אַ דריטן, אַרונטער-געשוועקט דאָס ברויט. ער האָט אויסגעטרונקען דאָס גאַנצע טעפּל קאַווע, און... ער האָט זיך דערפילט מונטערער.

— מ׳מוז דערהאַלטן דאָס ביסל קויעך— האָט ער נאָכדעם איבער-געטראַכט זיין שאָכנס רייד, געזען זיין וואונק „וועט נאָך צונויץ קומען". אָט-די רייד, אָט-דער וואונק האָבן געשאַפן אַ בונד צווישן אים און דעם שאָכן.

2.

דער אײדעלער מאַיאָר האָט אים אויפגענומען זײער אײדל, אַזוי אײדל, אַז לעאָן לעװענטאַל האָט נישט געגלויבט זײנע אויערן צי האָבן זײ ריכטיק געהערט װי מ'האָט אים געאירצט; נאָך װינציקער האָט ער געגלויבט זײנע קורצזיכטיקע אויגן. קאָן אַזאַ מויל, מיט אַ לאַנגן שװערן קין, אַ מויל װאָס ציט זיך פון אונטן אַרויף, די אונטערשטע ליפּ שלינגט אײן די אויבערשטע, קאָן אויף אַזאַ מויל שפּילן אַ שמײכל? דער לאַנגער פערדישער קאָפּ, די זאַמד־קאָליר קורץ־געשוירענע האָר מיטן יאָזשיק — אַ שיטער קעמל מיט גראָבע צײן װאָס װערן אַלץ קירצער אויפן װעג פון שטערן צום נאַקן — אַזאַ קאָפּ, אַזאַ מויל, און — אַ שמײכל, העפלעכקײט, אײדלקײט. די אײדלקײט איז אים נישט געפעלן געװאָרן. פאַרדאַכט האָט אויפגעװאַכט. פאַרדעכטיק האָט ער אויפגענומען די פראַגן, פאַרזיכטיק געגעבן ענטפערס, אָבער דער מאַיאָר האָט אָנגעהאַלטן די אײדלקײט, זיך אַפילו געקלאָגט אויף די גראָבע מאַניערן פון די געװײנלעכע שטורעם־טרופּערס. — האָפנטלעך, אַז ער איז נישט שלעכט באַהאַנדלט געװאָרן די לעצטע עטלעכע טעג?

— נײן — האָט לעאָן לעװענטאַל געענטפערט און אַ פולן קוק געטאָן אויף זײן פאַרהערער. ער האָט דערזען זײן שמײכל, און אַ שנעלער געדאַנק איז דורכגעלאָפן: קאַץ און מויז. די קאַץ פרעסט נישט אויף, דערװאַרגט נישט דאָס מײזל מיטאַמאָל, זי שפּילט זיך מיט דעם, האָט האַנאָע פון דער שפּיל עפּשער אַזוי פיל װי פון מײזל גופא.

דער מאַיאָר מיט זײנע גרין־גרויע אויגן האָט אויפגעכאַפּט דעם װאַכן קוק פון זײן עקזאַמענירטן, אַ שמײכל האָט אַ שימער געטאָן אין די אויגן. די שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן.

— קולטורעלע מענטשן קענען זיך פאַרשטײן אָן גװאַלד־מיטלען, נישט אַזוי?

— יאָ — האָט לעאָן געענטפערט. אַ געדאַנק האָט זיך נאָכגעשלעפּט: שוץ־שטאַפּלער — באַרבאַרן און אָט־דער מאַיאָר — קולטור.

— װאָס דענקט איר װעגן דער נײער דײטשער קולטור?

לעאָן לעװענטאַל האָט געהערט זײן האַרץ־קלאַפּן, געשװיגן. דער מאַיאָר האָט אָנגעשטרענגט אַ קוק געטאָן, באַלד האָט דער שמײכל נאָך שאַרפער געשניטן זײן שװער מויל.

„יודע״ ה. געלערט

— איך ווייס, נישט אַלע האַלטן פון אונדזער נייער קולטור — האָט ער אַ נעם געטאָן אַ העפט — אָט שרייבט איינער: „דאָס וואָרט קולטור, אַרויסגעבראַכט פון אַ נאַצי־מויל, איז אַ פאַרשוועכונג פון וואָרט.״ דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געשריבן אַ ייד. איר זייט נישט דער, וואָס האָט עס געשריבן? .

— ניין.

דער מאַיאָר האָט געמישט אין העפט. — און אָט שרייבט נאָך איינער: „פייערן געטהעס יובילײ און זינגען דאָס „האָרסט וועסל ליד״ איז פונקט ווי גאַנווענען פון קעשענע אין אַ קירכע.״ דאָס האָט, נאַטירלעך, אויך געשריבן אַ ייד. נישט איר האָט עס געשריבן?

— ניין.

— אייער נאָמען?

— לעאָן לעווענטאַל.

— אַנדערע נעמען?

לעאָן לעווענטאַל האָט דערפילט, ער גייט אויף דינעם אייז. וואו איז דאָס אַמדינסטן? וואָס וויל ער, אָט־דער אויספאַרשער, וואוהין צילט ער?

דער מאיאָר האָט געענטפערט אויף דעם פרעגנדיקן קוק. — נו יאָ, איר, שרייבער, האָט דאָך אַמאָל אַנדערע נעמען אויך, פּען-נעמען. וואָס איז אייער פּען-נאָמען?

האָט ער עפּעס אין העפט מיט זיין פּסעוודאָנים? ווייסט ער, אָדער ווייסט ער נישט? אויב ער ווייסט, וועט לייקענען נאָך זיין ערגער.

— לאָלאָ.

— לאָלאָ. לאָ-לאָ. קלינגט שיין... פּריץ!

— צום באַפעל, הער מאיאָר.

— האָסט מיר צוגעזאָגט אַ הינטל פאַר מיין ווייב.

— יאַוואָל, הער מאיאָר.

— וועסט עס אַ נאָמען געבן לאָלאָ.

— אַנדערע נעמען? — האָט ער זיך געווענדט צו לעאָן לעווענטאַל, ווי ער וואָלט גאָרנישט געזאָגט צווישן.

— ניין.

— קענט איר מיר זאָגן די פּען-נעמען פון אַנדערע שרייבער?

— איך ווייס נישט.

דאָס רעכטע אויג פאַרזשמורעט, דאָס לינקע אויג דראָפּעט זיך איבער לעאָן לעווענטאַלס קין, נאָז, ביז צו די אויגן, דראָענדיק: דו וואַגסט מיר צו זאָגן אַ ליגן! דאָס אויג דראָפּעט זיך נישט מער, ביידע אויגן מעסטן, וועגן. — איר האַלט מיט אייערע קאָלעגן שריפט-שטעלער. אַנו, לאָמיך נאָר זען אייערע הענט, הער שריפטשטעלער!

דער שוץ-שטאַפּלער האָט אַ שטויס געטאָן לעווענטאַלן נענטער צום טיש. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט. די לאַנגע, דינע פינגער האָבן געציטערט.

— איר האָט פיינע פינגער. לאַנגע, בלייפעדער-פאַרשניצטע פינגער, אָבער די נעגל... איר טרויערט נאָך אימיצן?

— ניין.

— אַזוי שמוציק. איר דאַרפט זיי לאָזן אויספּוצן. אומבאַדינגט אויספּוצן. מאַניקור! — האָט ער באַפעלעריש אַ זאָג געטאָן צו די שוץ-שטאַפּלער און אַ מאַך געטאָן מיט די פינגער פון דער האַנט. — מיר'ן נאָך רעדן — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו לעאָנען מיט אַ שמייכל.

3.

לעאָן לעוועגטאַל זיצט. דער מענטש וואָס האַלט דאָס שאַרפע שפּיזל אונטער זיין נאָגל קראַצט בלויז אַרוים דעם שמוץ פון דאָרט, קראַצט אַזוי פּאַמעלעך, אַזוי פּאַרזיכטיק, און דער צווייטער, דער וואָס האַלט זיין געלענק, האַלט אים אַזוי לויז, אַזוי... אוי!

לעאָן לעוועגטאַל האָט זיך אַ הויב געטאָן. דאָס שפּיזל האָט נישט אַריינגעשטאָכן אין פלייש אונטערן נאָגל — אין מאַרך האָט עס אַריינגעשטאָכן; דער מאַרך האָט זיך אַ הויב געטאָן, די פליסיקייט פון מאַרך גיסט זיך אַרוים דורך די אויגן.

אויף דעם אויפגעהויבענעם מאַרך האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אַ שווערער פּרעס, אויף די אַקסלען אַן אייזערנער יאָך, אַרום זיין געלענק אַ ביינערדיקע צוואַנג.

— וואָס שרייסטו אַזוי? מ'רייניקט אים די נעגל, דעם שמוציקן יידן, שרייט ער. דעם צווייטן פינגער!

ער'ט ניט שרייען, ער'ט פאַרשטשעמען די ציין, איינבייסן די ליפּן ביזן בלוט, אָבער ער וועט נישט...

— האַ—אַ—ה!!!

דאָס שפּיזל האָט געשטאָכן טיפער, טיפער, פּאַמעלעך געשטאָכן, געגראָבן. לעאָן לעוועגטאַל האָט נישט געשריען, ער האָט געבראָמט, געקרעכצט. דער קערפּער האָט זיך קאָנוואולסיוו געצאַפּלט.

— אַזאַ שמוציקער ייד! פאַרשטאָפּן דעם שנויץ! מיט רימענס צובינדן. רואיק זיצן! רואיק! אָט אַזוי. די צווייטע האַנט. נאָך פינף פינגער. פינף נעמען פון יידן, שרייבער, קאָמוניסטן און מיר לאָזן די האַנט צורו. מיר וועלן ציילן ביז פינף. איינס, צוויי... דריי... פיר... פינף!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאַ, ער איז שוין קאַפּוט.

אַ שעפל וואַסער האָט אים געבראַכט צוריק צום באַוואוסטזיין. געשטורכעט פון הינטן, געשטויסן פון פאָרנט, האָט מען אים אַריינגעשטופּט צוריק אין זיין צעל.

— יאָ, דאָס טוען זיי — האָט ברונאָ אַ זאָג געטאָן, צוקוקנדיק ווי לעאָן האָט געריסן שטיקלעך פון זיין העמד, איבערגעבונדן די

צעשטאָכענע פינגער. — און נאָך ערגערס — האָט ער צוגעגעבן, שוין קוקנדיק פאַר זיך.

— פאַרוואָס דערשיסן זיי שוין נישט? — האָט לעאָן ווייטיקדיק אויסגערופן.

— זיי טוען דאָס אויך — האָט ברונאָ פאַרטראַכט געענטפערט.

— שוין בעסער ווי מאַטערן.

— איר מיינט אַזוי?

אַ סאַך האָט געווייעט פון דער פראַגע, אָבער לעאָן לעוועטאַל איז געווען צופיל צעווייטיקט צו כאַפּן אַט־דעם געהיימען אומעט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אונטער דער פראַגע.

— איך וואָלט זיך ליבערשט אַליין דערשאָסן איידער דורכגיין אַט־דעם גהענעם.

— דאָס וואָס זיי ווילן, מענטש! — האָט שוין ברונאָ גערעדט דירעקט צו אים — געוויי דאָס ווילן זיי, מיר זאָלן זיך אַליין אויסהארגענען. אָבער מיר'ן נישט שטאַרבן, מיר'ן אויסהאַלטן — האָט ער שוין גערעדט מער צו זיך — לעבן, קעמפן.

אַוועקזעצנדיק זיך, האָט לעאָן לעוועטאַל באַטראַכט זיינע פינגער, גרימיק געשמייכלט. אויסגעפּוצט. די פינגער וועלן זיך אויסהיילן מיסטאָמע, אָבער דער „איך האָב אויסגעפּוצט". דאָס „מאַניקורן"... אַט־די וואונד! אינקוויזיציע. ער האָט אַמאָל געלייענט יידישע געשיכטע, געלייענט וועגן די מאַטערנישן. אין אַ מוזיי אַפילו געזען די אינסטרומענטן. ער האָט געזען די סטראַפּאַדע, ווי מ'ציט אַ מענטשן באַ די הענט־געלענקן, אַרויפגעצויגן און אַרונטערגעלאָזט מיט אַ צי אויף צוריק; ער האָט געזען דאָס סדאָס־בעטל מיט די צוויי וואַלן אויסצוציען מענטשלעכע גלידער; ער האָט אויך געזען די שרויף וואו מ'פלעגט אַריינטאָן דעם גראָבן פינגער און שרויפן אַלץ שטייפער און שטייפער. ער האָט דאָס אָבער געזען בלויז ווי מ'קוקט אויף אַנטיקן. ער האָט נישט געזען די געפּייניקטע, נישט געהערט זייערע געשרייען. דערפאַר איצט איז עס אַ פאַקט, אַ בלוטיקער פאַקט. דער זעלבער ייד, בלויז די אינסטרומענטן אויף צו מאַטערן אים — אַנדערע. פּראַגרעס. אַנשטאָט איינשרויפן דעם פינגער, מאַניקורט מען... איידל, קולטורעל — מאַניקורן... אָבער זיי,

די זיידעס, די עלטער־זיידעס האָבן אויסגעהאַלטן. אויך ברונאָ זאָגט: אויסהאַלטן! אויסהאַלטן. זיך אַרויסרייסן פון דאַנען!

4.

די פינגער האָבן זיך געיאַטערט.

ברונאָ האָט אָפּגעקראַצט מיטן נאָגל דעם מאַרגאַרין פון זיין ברויט — זיין וועטשערע — און היטנדיק דאָס וועלפּישע אויג פון טיר, צי דער וועכטער קוקט נישט, באַשמירט די פינגער פון לעאָנס האַנט. — דאָס וועט העלפן. פעטס העלפט. דאָס איינציקע ביסל פעטס, האָט ער געסוידעט לעאָנען, פאַרבונדן די פינגער פון איין האַנט מיט נייע שמאַטקעלעך. דאַן אָפּגעקראַצט פון לעאָנס ברויט דעם מאַרגאַרין, באַשמירט די פינגער פון דער צווייטער האַנט, זיי פאַר־בונדן.

לעאָן האָט זיך צוגעקוקט צו די קורצע, גראָבע פינגער ווי זיי האָבן זיך געפּאַרעט אַרום זיינע לאַנגע, דינע פינגער, אַ טראַכט גע־טאָן: ברונאָ מוז שטאַמען פון דאָרפישע עלטערן, מוז אָבער זיין אַן אַרבעטער. וואָס פאַר אַן אַרבעטער? — שטאָל־אַרבעטער — האָט נישט אַן שטאָלץ געענטפערט ברונאָ. ערשט דאַן האָט לעאָן לעווענ־טאָל מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן דערזען די שוואַרצע קאַרבן און שניטן אויף ברונאָס פינגער, אָבער מאָדנע, אָט־די שאָרסטקע פינגער האָבן זיך געפילט אַזוי ווייך אויף זיינע צעשטאָכענע פינגער.

— איר וואָלט געקענט זיין אַ באַרעמהאַרציקע שוועסטער — האָט ער אַ זאָג געטאָן, אַריינלייגנדיק אין דעם שפּאַס זיין גאַנצע דאַנק־באַרקייט, זיין אויפריכטיקע פרייד צו זען באַרעמהאַרציקייט אין דעם לעבעדיקן מוזיי פון אַכזאָריעס.

— נו, שוועסטער — האָט ברונאָ גוטמוטיק געברומט — ברודער, אויב איר ווילט.

— ברודער!

די שמאָלע האַנט מיט די דינע, לאַנגע פינגער, צעבלוטיקטע, פאַרבונדענע, האָט זיך באַהאַלטן אין דער ברייטער, שאָרסטקער האַנט מיט די קורצע פינגער. גוט צו פילן אַ ברידערלעכע האַנט.

דאָס ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן.

— נו, שלאָפן. גוטע נאַכט.

— גוטע נאַכט.

5.

שוין צוויי נעכט ווי לעאָן לעווענטאַל האָט געמוזט „וואַך האַלטן“. ער האָט ניט געטאָרט זיך אָוועקלייגן, זיך אויפשטעלן אָדער אַרומגיין אין צעל. אַ פּירקאַנטיק בענקל אָן אַ ווענטל, אָפּגערוקט פון וואַנט, און אויף דעם האָט ער געמוזט זיצן, זיין וואַך.

אויף דער דריטער נאַכט זיינען די וועכטער ניט אָפּגעטראָטן פון אים. ניט נאָר האָבן זיי נישט געלאָזט צומאַכן אַן אויג, זיי האָבן אויך אומאויפהערלעך געהאַגלט מיט פראַגן. צום וויפלטן מאָל האָט ער שוין געענטפערט ווי ער הייסט, וואָס ער האָט געטאָן, און זיי זיינען אַלץ געקומען צו דער פראַגע וועלכע שרייבער קען ער, זייערע נעמען. זיין יעדער „איך ווייס נישט“ איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ שטורכע אין זייט. — איין שרייבער! איין נאָמען!

— ברעכן דעם ווידערשטאַנד. ער'ט זאָגן איין נאָמען, וועט ער שוין זאָגן נאָך — האָבן געוואוסט די וועכטער. — זיי זאָגן איין נאָמען, אַ נאָמען פון אַ טויטן שרייבער — איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק בא לעאָנען, און זיין פאַרנעפּלטער מויעך האָט כיטראַמאָל אויפגעלויכטן.

— איין שרייבער? — האָט ער אַ פרעג געטאָן — סערוואַנטעס.

— ערשטער נאָמען?

קיין צו גרויסע ליטעראַטן זיינען זיי, ווייזט אויס, נישט — האָט לעאָן אינערלעך געשמייכלט. אָבער מיגועל וועט נישט טויגן. — ערשטער נאָמען? — האָט ער איבערגעפרעגט — מיכעל. מיכעל סערוואַנטעס — האָט ער איבערגעזאָגט דעם נאָמען און אַ קוק געטאָן אויף די וועכטער. איינער האָט פאַרשריבן דעם נאָמען.

— נאָך איין שרייבער?

לעאָן לעווענטאַל איז וואַך געוואָרן. אַ שפּיל. נעמען פון טויטע שרייבער. לויטן אַלעף־בייס. — אויערבאַך. בערטאָלד אויערבאַך.

דער שרייבער האָט פאַרשריבן, געמאָנט נאָך אַ נאָמען.

— בערנע. לודוויג בערנע — אַרויסזאָגנדיק האָט ער אינערלעך אַ ציטער געטאָן, עפּשער וועט דער נאָמען אַרויסרופן עפּעס. זעענדיק

ווי דער שרייבער האָט רואיק פאַרשריבן האָט ער זיך בלויז געוואָרנט נישט אַרויסצוגעבן זיין שמייכל.

— נאָך דריי נעמען, מאָריץ, לאָזן מיר דיך שלאָפן.

— דריי נעמען?

אַ, בע, צע. צע? נישטאָ. איבערהיפּן.

— דעהמל. ריכאַרד דעהמל.

— און?

— ענגל.

— ערשטער נאָמען?

— ראָבערט — האָט ער אַ זאָג געטאָן אויף טרעף.

— און?

— פרייטאַג. גוסטאַוו פרייטאַג.

באַלד וועט ער זיי נאָך זאָגן: געטע. ניין, דער נאָמען איז גע־פערלעך. שוין צען.

— גוט, מאָריץ, איצט קענסטו שלאָפן.

לעאָן האָט נישט גלויבנדיק אַ קוק געטאָן, געמאַכט אַ באַוועגונג אַרונטערצוציין פון בענקל. די וועכטער האָבן געלאַכט — אָט־דאָ, זיצנדיק.

זייער געלעכטער, דאָס בענקל אַלס בעט האָט געוועקט פאַרדאַכט, דער שלאָף, דער דראַנג צו שלאָף האָט פאַרדעקט אַלע פאַרדאַכטן. די וועכטער האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעקערט און זיינע אויגן זיינען שוין געווען צוגעמאַכט, דער שלאָף האָט אים אַרומגענומען.

אַ טרייסל פאַר די האָר און ער האָט דערזען די וועכטער.

— נו, גענוג געשלאָפן. איצט נאָך נעמען.

ווי לאַנג איז ער דען געשלאָפן? אַ מינוט עפּשער.

— נאָך נעמען!

נאָך נעמען? וואו האָט ער זיך אָפּגעשטעלט? ער האָט נישט געדענקט. נעמען, נעמען ווילן זיי. און ער געדענקט נישט, געדענקט נישט.

— זיגמונד — האָט לעאָן שוואַך געענטפערט און זיך געטרייסט אין געדאַנק—פרויד איז אין עסטרייך. נאָך פרוידן איז געקומען אַדלער, יונג. ער האָט שוין אַפילו נישט געפּרוּווט זיך אָנשטרענגען, גיין נאָכן אַלעף־בייס, איין שרייבערס נאָמען האָט אַרויסגערופן אַ צווייטן.

לעסינג האָט אַרויסגערופן מענדלסאָנען, ניטשע איז געגאַנגען מיט וואַגנערן. אין פאַרלויף פון דער נאַכט האָט ער זיי אָנגעגעבן אַ היפּש צעטל פון שרייבער, צווישן זיי אַזעלכע דייטשן ווי סטענדאַל, זאָלאַ, באַלזאַק און פּרוסט.

די וועכטער האָבן אָנגענומען דאָס צעטל, געווען צופרידן מיט אַזויפיל נעמען. דער מאַיאָר, איבערקוקנדיק דאָס צעטל, האָט אַזש געטופּעט מיט די פיס.

— אייזלען! דומקעפּ! דאָס זיינען דאָך טויטע שרייבער! און גאָר קיין דייטשישע אויך נישט!

— מיר וועלן אים דערשלאָגן צום טויט, דעם יידן! — האָבן די וועכטער געברומט אין קאָס פאַר כּאַרפּע.

— נישט שלאָגן. בלויז וואַך האַלטן. און פרעגן. פרעגן אַלץ. שרייבער, פריינט, באַקאַנטע, קרוויוּים, נעמען, אַדרעסן. נישט לאָזן שלאָפן. די פערטע נאַכט? ער׳ט שוין רעדן. פאַרצייכענען אַלץ, אַלץ, גענוי און פּינקטלעך.

6.

מ׳האָט אים גלייך נאָכן אָנבייסן אַריינגעפירט אויף אַ פאַרהער. לאַנג איז ער געשטאַנען מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט, געוואַרט ביז מ׳וועט אים רופן, צורופן צום טיש. די פיס האָבן געבראָכן, די וואַנט האָט זיך שוין געוויגט, געדרייט פאַר זיינע אויגן. ווען ער זאָל כאָטש קענען אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אָן וואַנט.

— גלייך שטיין! — האָט אַ ריטשע געטאָן אַ שטימע, אַ האַנט האָט אַ צי געטאָן באַם נאַקן, אַ קני האָט אַ זעץ געטאָן אין הינטן. ער איז געווען וואַך. ענדלעך האָט מען אים צוגעפירט צום טיש.

דערזען דעם מאַיאָר, זיין אויסגעשלאָפן, צופרידן פּאָנעם, זיין „שמייכל״, האָט לעאָן לעווענטאַל דערפילט ווי אַ קאָס-כוואַליע פאַר-פלייצט זיין גאַנצן קערפּער. זיין טעמפּקייט, פאַרשלאָפנקייט איז צע-רודערט געוואָרן. אָט זיצט ער, דער אַכזער, דער אינקוויזיטאָר מיטן שמייכל, אָט-די אייזערנע האַנט אין דער זיידענער הענטשקע.

— ווי פילט זיך דער הער שריפטשטעלער? אויסגעשלאָפן?

— דאָ האָב איך אַ לאַנגן צעטל פון שרייבער — האָט דער מאַיאָר אַ זאָג געטאָן — אַ גאַנץ לאַנגער צעטל. איר קענט, ווייזט אויס, אַ

סאַך שרייבער, אָבער די מערסטע פון זיי זיינען טויט. זייט איר אַ ספּיריטואַליסט?

— ניין.

— איך אויך נישט. איך גלויב ניט אין קיין גייסטער. די גייסטער פון טויטע שרייבער, זיי קימערן אונדז זייער ווינציק. זייערע ביכער? נו, מיט זיי גיבן מיר זיך שוין לייכט אַן אייצע. — אַ פּיל־באַדייטנ־דיקער שמייכל: דו ווייסט וואָס מיר טוען מיט ביכער. — מיר דאַרפן די לעבעדיקע שרייבער. — ווידער אַ באַדייטנדיקער שמייכל.

די לעבעדיקע שרייבער דאַרף ער. זיי צו טויטן, פאַרמאַטערן צום טויט, אָבער טויטערהייט ווערלן זיי אויך...

— דאָ האָב איך די נעמען אויך פון עטלעכע לעבעדיקע — האָט דער מאַיאָר ווייטער גערעדט, נישט געשטערט פון לעאָנס שווייגן. דערהערנדיק אַז אויפן צעטל זיינען אויך דאָ נעמען פון לעבעדיקע שרייבער, האָט לעאָן דערשראָקן אַ קוק געטאָן און, באַגעגענענדיק דעם מאַיאָרס קוק, זיין זיגערישן שמייכל, וואָס האָט געזאָגט: אהאַ, געפּאַקט! — האָט לעאָן אַרונטערגעלאָזט די אויגן. דאָ איז דאָ דער קאַרל אָסיעצקי, אָבער דעם האָבן מיר שוין. ווייסט איר פון אַנדערע שרייבער?

— ניין.

האָט ער דערמאָנט אָסיעצקין? ווען נאָך האָט ער דערמאָנט אין הינערפלעט? האָט ער כאָטש נישט דערמאָנט זיין ברודער קאַרל?

— איר האָט דערמאָנט נאָך אַ קאַרל. אין אייערע אייגענע אינ־טערעסן, ווי אַ קולטורעלער מענטש צו אַ קולטורעלן מענטשן, פרעג איך אייך: ווער איז דער קאַרל?

אָט־דער אַכזער, אָט־דער סאַדיסט רעדט וועגן קולטור, קול־טורעלע מיטלען, מאַניקור, וואָך האַלטן... וואָס נאָך? שווייגן. נאָר שווייגן מוז ער — האָט זיך לעאָן געוואָרנט.

— מ׳פרעגט אייך, ווער איז דער קאַרל?

דעם מאַיאָרס האַנט אויפן טיש האָט זיך פאַרקרעמפּט אין אַ קולאַק. לעאָן האָט דאָס באַמערקט. ער האָט געקוקט דעם מאַיאָר גלייך אין פּאָנעם.

— ווער איז דער קאַרל? — האָט דער מאַיאָר איבערגעפרעגט מיט אַן אָנגעשטרענגטער שטימע.

— קאַרל ? קאַרל מאַרקס.

— קאַרל מאַר־ק־ס ?

דער נאָמען מאַרקס האָט זיך עפּעס נישט פּאַטויפּעט באַם מאַיאָר אין מאַרך. ווען ער האָט געכאַפּט אָט־דעם „יידישן" פּאַטש האָט זיין פּאָנעם זיך אַזש פאַרקרימט פאַר קאַס, די פאַרשטשעמעטע ציין האָבן זיך אַנטפּלעקט און אַ פאַרקלעמטע פויסט האָט זיך אַ יאָג געטאָן צו לעאָנען.

לעאָן איז אומגעפאַלן. די וועכטער האָבן אים אויפגעשטעלט.

— ווער איז דער קאַרל ? — האָט שוין געברומט דער מאַיאָר, גרייט צו שלאָגן, מיימעסן. מיט אַ גרימיקן שמייכל האָט לעאָן אַ בליק געטאָן צום מאַיאָר, אַריינגעצויגן אָטעם און אַרויסגעלאָזט: קאַרל ליבקנעכט.

אַרויסגעזאָגט פריער קאַרל מאַרקס, נאָכדעם קאַרל ליבקנעכט, האָט ער אין קאָפּ צו זיך געזאָגט: נאַ, דאָ האָסטו דיר צוויי „טויטע שרייבער". פאַר זיי, זאָגסטו, האָסטו קיין מוירע ניט, און מיך, דעם לעבעדיקן, קענסטו איצט שלאָגן וויפיל דו ווילסט, קענסט מיך דער־שלאָגן צום טויט. איך האָב דעם בייזן הונט אַריינגעשטופּט מיין שטעקן צווישן די ציין, מיין קלאַפּ דערלאַנגט...

נ ע ו ו י א י ש

● פון עמוס

. . . ווי איז צו די, וואָס פאַרוואַנדלען דאָס געריכט אין אַ גיפט. רעכט און גערעכטיקייט האָבן זיי מיט די פיס געטראָטן. זיי האָבן פיינט דעם, וואָס שטעלט זיך איין אין געריכט פאַר דער גערעכטיקייט, און קאָנען ניט אָנקוקן דעם, וואָס זאָגט דעם עמעס. און אָט דערפאַר, וואָס איר פאַרשטויסט דעם אָרעמאַן און נעמט באַ אים שויכעד אין ברויט, וועט איר בויען הייזער פון געהאַקטע שטיינער און וועט אָבער אין זיי ניט וואוינען; איר וועט אָנפלאַנצן גרויסאַרטיקע וויינגערט־נער, אָבער זייער וויין וועט איר ניט טרינקען, וואָרעם — איך ווייס — צאָלרייך זיינען אייערע זינד, און אָן אַ שיר — אייערע אַווירעס. איר דריקט די אומשולדיקע, איר נעמט שויכעד און פיניקט די ניט־פאַר־מעגלעכע אין געריכט.

● פון ירמיהו

וואָרעם צווישן מיין פאָלק געפינען זיך רעשאָאים; זיי קוקן נאָך, אַזוי ווי פויגל־פאַנגער לויערן, זיי שטעלן אַ פּאַסטקע, מענטשן פאַנגען זיי. ווי אַ שטייג פול מיט פויגלען, אַזוי זיינען זייערע הייזער פול מיט באַטרוג; דערפאַר זיינען זיי גרויס און רייך געוואָרן. פעט, גראָב זיינען זיי געוואָרן; יאָ, זיי שטייגן איבער אין בייזע שטיק. פאַר רעכט נעמען זיי זיך ניט אָן, פאַרן רעכט פון יאָסעם, אַז זיי זאָלן עס דורכפירן; און דעם מישפּעט פון די אָרעמע מישפּעטן זיי ניט.

● פון ישעיהו

גייט דורך, גייט דורך די טויערן, ראַמט אָפּ דעם וועג פאַר דעם פאָלק! טרעט אויס, טרעט אויס דעם שטעג, רייניקט אָפּ פון שטיינער! הויבט אויף אַ פאָן צו די פעלקער! . . .

. . . און זיי וועלן בויען הייזער און באַוואוינען, און פלאַנצן וויינגערטנער און עסן זייער פרוכט. זיי וועלן ניט בויען און אַן אַנדערער זאָל באַוואוינען, זיי וועלן ניט פלאַנצן און אַן אַנדערער זאָל עסן; וואָרעם אַזוי ווי די טעג פון אַ בוים וועלן זיין די טעג פון מיין פאָלק, און מיינע אויסדערוויילטע וועלן פאַרנוצן דאָס ווערק פון זייערע הענט. . . . אַ וואָלף און אַ לאַם וועלן זיך פיטערן אין איינעם, און אַ לייב וועט ווי אַ רינד עסן שטרוי; און אַ שלאַנג — איר שפּייז וועט זיין שטויב. זיי וועלן ניט בייז טאָן און ניט פאַרדאַרבן.

קאָל-נידריי

(פון קאָל־נידריי ביז נאָ פּאַסאַראַן)

● אַרן קורץ

(אויף איינעם פון די פּראָנטן אין שפּאַניע האָט אַ ייִדישער בריגאַדיר געזונגען קאָל-נידריי. דער נאָמען איז ניט אָנגעגעבן. דאָ ווערט ער באַצייכנט ווי דאָוויד ראָם.)

הערסט די עלטערזיידעס רייד
פון 1481,
רייד — צופּנדיקע שטיקער האַרץ —
פון שפּאַניעס מיטלאַלטער־קעלערס —

געשיכטעס אַ לאַנגע נאַכט מיט לעבן,
וואָס טאָרקוועמאַדאַ באַוואַכט זי,
און פון שייטערהויפן שיינט
דאָס קיניגלעכע פּנים איזאַבעלאַס.

די שייטערהויפנס לייכטן
מיט דער זוניקייט פון אַנדאַלוזיע,
נאָר ציילסטו אַנדאַלוזיעס טויטע ייִדן,
איז די זוניקייט
מער ניט ווי אילוזיע.

פראַנקאָ — אַן אייניקל פון איזאַבעל —
קרוינקאָפּ פון גאָטספּאַרכטיקן טיראַן;
דאָוויד ראָם — אַן אייניקל
פון דאָן אַבאַרבאַנעל —
אַן ערלעכער מאַראַן.

פיר אַ האַלב יאָרהונדערטן אין פייערדיקן שפּאַן —
פון קאָל־נידריי
ביז נאָ פּאַסאַראַן.

זיצט דאָוויד אין טראַנשיי
אונטער קאָרדאָווע
און זינגט אויס זיין זיידעס מיטלאַלטערלעכן ווי
אין אַ רעגנדיקן אָוונט.

און פּעדראָ פון מאַדריד,
און יאָהאַנעס פון האַמבורג
העלפן זינגען די טפילע פון שפּאַנישן ייִד,

געזונגען פון אייניקל דאָוויד
פון לעמבערג.

יאָהאַנעס און פּעדראָ
פֿילן אין טײַטש און אין טאָן פון קאָל־נידריי
די אייגענע בלוטיקע סעדרע,
די גוטסקייט פון גאָט און פון שטאָט
און ביידנס זיך ברידערן.

יאָהאַנעס און דאָוויד און פּעדראָ
אויף שפּאַנישן שלאַכטפעלד
זינגען דאָס ליד פון געברידערטן שטאַם.
יאָהאַנעס און דאָוויד און פּעדראָ
פון שפּאַנישן שלאַכטפעלד
באַוואָרפן מיט פייער דעם פינצטערן וועג —
פון קאָל־נידריי
ביז נאָ פּאַסאַראַן.

כ אַ ו ו ע ר

(אַ מייסעלע)

● מאַקסים גאָרקי

1.

אין אָט דער שטאָט איז אַלץ געווען מאָדנע, אַלץ אומפאַר־שטענדלעך. זייער פיל קלויסטערס האָבן אויסגעשטרעקט צום הימל זייערע בונטע פינקלדיקע קעפּ, נאָר די ווענט און קוימענס פון די פאַבריקן האָבן אַריבערגעשטיגן די גלאָקנטורעמס, און די טעמפּלען, פאַרדריקטע פון די שווערע האַנדל־געביידעס, האָבן זיך פאַרלאָרן אין די טויטע נעצן פון די געמויערטע ווענט.

די הייזער זײַנען געווען קאָלאָסאַלע און אָפּטמאָל שיינע, די מענטשן — העסלעכע און נישטיקע; פון דער פרי ביז נאַכט פלעגן זיי, ווי גרויסע מייז, אַרומנישטערן איבער די שמאָלע קרומע גאַסן פון שטאָט און מיט גרינינקע אויגן פלעגן זוכן איינע — ברויט, די אַנדערע — פאַרגעניגן, די דריטע פלעגן שטיין אויף די ראָגן און פיינטלעך און וואַכזאַם נאָכשפּירן, אַז די שוואַכע זאָלן ניט ווידערשפּעניקן די

שטאַרקע. די רייכע האָבן געהייסן שטאַרקע, און אַלע האָבן געגלויבט אַז נאָר געלט גיט דעם מענטשן מאַכט און פרייהייט. אַלע האָבן געגאַרט נאָך מאַכט, ווייל אַלע זיינען געווען פאַרשקלאַפט. דער לוקסוס פון די רייכע פלעגט אַרויסרופן קינאה און סינאה באַ די אָרעמע. קיינער האָט ניט געקענט קיין בעסערע מוזיק, ווי דעם קלאַנג פון גאָלד, און דעריבער איז איינער דעם צווייטן געווען אַ סוינע און אַלעמענס האַר איז געווען די גרויזאַמקייט.

איבער דער שטאָט פלעגט טיילמאָל שיינען די זון, אָבער דאָס לעבן איז שטענדיק געווען פינצטער, און די מענטשן — ווי שאָטנס. באַנאַכט פלעגן זיי אָנצינדן אַ סאַך פריילעכע פייערן. פון אַלע זייטן פלעגט שפּאַרן אין נאָז אַ פעטער רייעך פון פאַרשיידענע שפּייזן, און אומעטום האָבן שטיל און גיריק געגלאַנצט בייזע אויגן פון הונגעריקע, און איבער דער שטאָט האָט שטיל געשוועבט אַ דערשטיקטער זיפץ פון אומגליק, וואָס האָט קיין קויעך נישט געהאַט וועגן זיך אויפן קאָל צו שרייען.

אַלע האָבן געוואָלט לעבן און קיינער איז נישט געווען בעקויעך, ניט געקאָנט גיין פריי אויפן וועג צו דער צוקונפט.

שטענדיק איז געווען אומעטיק, שטענדיק אומרואיק, צייטנווייז שרעקלעך, און אַרום די מענטשן איז אומבאַוועגלעך, ווי אַ טורמע, געשטאַנען די פינצטערע, פאַרכמאַרעטע שטאָט.

2.

אין דעם פינצטערן געטומל פון צאָרעס און אומגליק, אין די קעלערס פון די הייזער, וואו עס האָט געלעבט די אָרעמשאַפט, וואָס האָט די רייכטימער פון שטאָט באַשאַפן, זיינען אומבאַמערקט אַרומ־געגאַנגען איינזאַמע טרוימער, פולע מיט גלויבן אין מענטשן, און גע־בראַכט מיט זיך בונטאַרישע פונקען פון וויטן עמעס־פלאַם. זיי פלעגן געהיים מיטברענגען אין די קעלערס שטענדיק פרוכטבאַרע קליינע זוימען פון דער פאַשעטער גרויסער לערע און אַמאָל שטרענג, אַמאָל ווייך און מיט ליבשאַפט פלעגן זיי זייען דעם ברענענדיקן עמעס אין די טונקעלע הערצער פון די מענטשן.

און אָט די פאַרפינצטערטע, פאַריאָגטע מענטשן פלעגן זיך מיט

אומצוטרוי צוהערן צו דער מוזיק פון נייע ווערטער, צו דער מוזיק אויף וועלכער זייער קראַנק האַרץ האָט לאַנגזאַם און אומרואיק גע־וואַרט. ביסלעכווייז האָבן זיי אויפגעהויבן די קעפּ.

אין זייער לעבן, וואָס איז פול געווען מיט טויבן, פאַרשטיקטן צאָרן, אין זייערע הערצער, פאַרסאַמטע מיט פיל באַליידיקונגען, אין אָט דעם שווערן, טרויעריקן לעבן, דורכגעזאַפּט מיט ביטערניש פון דערנידערונג — איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אַן איינפאַך, ליכטיק וואָרט:

— כאַוועך !...

דאָס וואָרט האָט העל און קלאָר מיט אַ נייעם קלאַנג געקלונגען, אין אים האָט אַ נייע נעשאָמע געזונגען, און געווען איז אין אים עפּעס האַרטס, גלאַנצנדיקס און פילקאַנטיקס, ווי אַ דימענט.

זיי האָבן דאָס אויפגענומען און גענומען אַרויסזאָגן פאָרזיכטיק, אָפּגעהיט, ווייך וויגנדיק עס אין האַרצן, ווי אַ מאַמע וויגט איין אַ ניי־געבוירענעם אין וויגל, קוועלנדיק פון אים.

און וואָס טיפער זיי האָבן אַריינגעקוקט אין דער ליכטיקער נעשאָמע פון דעם וואָרט, אַלץ ליכטיקער, וואָגיקער און העלער האָט עס אויסגעוויזן.

— כאַוועך ! — האָבן זיי געזאָגט.

און זיי האָבן געפילט, אַז געקומען איז דאָס וואָרט די גאַנצע וועלט צו פאַראייניקן, אויפהויבן אַלע מענטשן אויף דער הויך פון פרייהייט און פאַרבינדן זיי מיט נייע קנופּן, מיט פעסטע קנופּן פון אַכטונג צום מענטשנס פרייהייט.

ווען דאָס וואָרט איז אַריינגעוואַקסן אין די הערצער פון די שקלאַפן האָבן זיי אויפגעהערט צו זיין שקלאַפן, און איינמאָל האָבן זיי געמאָלדן דער שטאָט און צו אַלע קויכעס אירע דאָס גרויסע מענטשלעכע וואָרט:

— כ׳וויל ניט !

דאַן האָט זיך דאָס לעבן אָפּגעשטעלט, ווייל זיי זיינען עס געווען די קראַפט, וואָס האָט עס אין באַוועגונג געבראַכט, זיי און מער קיינער. עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער וואַסער־שטראָם, עס איז פאַרלאָשן געוואָרן דאָס פייער, די שטאָט איז פאַרזונקען געוואָרן אין פינצטערניש, און די שטאַרקע זיינען געוואָרן ווי קינדער.

3.

די פרייד פון דערנידעריקטע, וואָס ווערן פאַראייניקט צו דער גרויסער אַרבעטער-מישפּאָכע פון דער גאַנצער וועלט, האָט געשיינט איבער אַלע גאַסן פון דער שטאָט. און די פאַרטונקלטע אויגן פון אירע הייזער האָבן געקוקט אויף דער פרייד אַלץ בייזער און קעלטער.

דער פורמאַן, אַ לעבעדיקער באָכער, וועמען די פּאַסאַזשירן פלעגן געבן אין האַלדז און נאַקן, קעדיי ער זאָל איבערגעבן די קלעפּ זיין הונגעריקער, אויסגעדאַרטער קליאַטשע, אָט-דער פיל מאָל געשלאָגע-נער מענטש האָט אויך מיט אַ ברייטן שמייכל אויף די ליפּן געפרעגט בא אַ דורכגייער:

— עפשער צופירן . . . כאַווער ?

אַרויסגערעדט און זיך דערשראָקן. ער האָט אַ נעם געטאָן די לייצעס, גרייט געשווינט אָוועקצופאָרן, און געקוקט אויפן דורכגייער, ניט זייענדיק אומשטאַנד צו פאַרטרייבן דעם פריילעכן שמייכל פון זיין ברייט, רויט פּאָנעם.

דער דורכגייער האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט פריינטלעכע אויגן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אַ דאַנק, כאַווער, כ'וועל צוגיין צופוס, ס'איז ניט ווייט.

— עך-עך-עך, מאַמע טייערע ! — האָט באַגייסטערט אויסגע-שריען דער פורמאַן, זיך אַ דריי געטאָן און איז אָפּגעפאָרן מיט געטומל און גערודער.

מענטשן זיינען גרופּנווייז געגאַנגען איבער די טראָטואַרן און ווי אַ פונק פלעגט זיך צווישן זיי אַלץ אָפטער אָנצינדן דאָס גרויסע וואָרט, וואָס איז באַרופן צו פאַראייניקן די גאַנצע וועלט :

— כאַווער !

אויף די פּענעמער פון די וואָס האָבן דאָס וואָרט אין זייער האַרצן געטראָגן און אַריינגעלייגט אין אים זייער לייב און לעבן און דעם קופערנעם, הילכיקן רוף צו אייניקונג — אויף זייערע פּענעמער האָט געלויכטן דאָס שטאָלצע געפיל פון יונגע שעפער, און ס'איז קלאָר גע-ווען, אַז די קראַפט, וועלכע זיי לייגן אַריין אין דעם לעבעדיקן וואָרט, איז ניט צו באַזיגן, ניט אויסצושעפּן.

ערגעץ האָבן זיך שוין קעגן זיי געקליבן גרויע בלינדע האַמוינים באַוואָפנטע מענטשן און שווייגנדיק זיך אויסגעשטעלט אין גלייכע

רייען. דאָס האָט די בייזקייט פון די גוואַלד־הערשער זיך געגרייט אָפּ־צושלאָגן די כוואַליע פון דער גערעכטיקייט.

אָבער אין די ענגע שמאָלע גאַסן פון דער שטאָט, צווישן אירע קאַלטע שטומע ווענט, וואָס עס האָבן באַשאַפן די הענט פון אומ־באַוואוסטע שעפער, איז אַלץ געוואַקסן און רייף געוואָרן דער גרויסער גלויבן פון די מענטשן אין דער ברידערשאַפט פון אַלעמען מיט אַלעמען.

— כאַוויירים!

אין די גאַסן פון דער טויטער שטאָט, וואָס שקלאַפן האָבן באַ־שאַפן, אין די גאַסן פון דער שטאָט, וואו ס'האָט געהערשט אַכזאָריעס, איז געוואַקסן און זיך געשטאַרקט דער גלויבן אינעם מענטשן, דער גלויבן אין זיין זיג איבער דעם שלעכטס פון דער וועלט.

און אין דעם טריבן כאַאָס פון דעם אומרואיקן, ניט פריילעכן לעבן האָט ווי אַ העלער פריידיקער שטערן, ווי אַ וועגווייזנדיק פייער צו דער צוקונפט געפינקלט דאָס איינפאַכע, ווי דאָס האַרץ טיפע וואָרט:

— כאַווער!

מעריץ־געדאַנקען

● י. באָושאָווער

וועו איך שטיי אַמאָל באַם יאַם באַנאַכט
אין ווייַ פאַרזונקען, שטום, פאַרטראַכט,
און הער דעם שטילן וועלן־רויש,
דאַן זיפץ איך, וויין און קרעכץ אַרויס:
עס שלאָפט אַזוי די פרייהייט אויף דער וועלט,
דערשטיקט פון רויבער, קנעכט פון געלט;
זי זיפצט, זי קרעכצט פונקט ווי דער יאַם,
פון טיפן שמאַרץ, פון ווייַ, פון גראַם...

ווען איך זע באַם יאַם אַ טייכל קליין
און לעבן אים אַ פעלדזן־שטיין,

וואָס לאָזט אים ניט אין יאַם אַריין,
דאַן שריי איך אויס מיט שמאַרץ און פּיין:
דאָס טייכל, אַך, בין איך, בין איך,
צום יאַם פון פרייהייט ציט עס מיך,
און ווי! אַ שטאַרקע וואַנט פאַרשטעלט,
געבויט פון אונדזער הערשער-וועלט...

ווען כ׳זע, דעם דונערס ווילדער קראַך
צעשפּאַלט דעם שטיין און מאַכט אים פלאַך,
צעשניידט זיין האַרטקייט ווי אַ זעג,
און מאַכט דעם טייכל פריי דעם וועג —
דאַן ווער איך מוטיק, שטאַרק און דרייסט,
עס וואַכט באַלד אויף מיין פרייהייט-גייסט,
און טיף באַגייסטערט רוף איך, שריי:
רעוואָלוציע! דו מאַכסט מיך פריי!...

זאָל לעבן

● מ. כאַשטשעוואַצקי

ניט קיין יאַמען,
אָקעאַנען,
ניט קיין זונען
זיך צערונען,
צו אַ פּעטראָגראַדער
באַנהויף
איז אַ שנעלצוג
צוגעקומען.

ניט קיין קינדער־מייסע
איז עס
וועגן ריזן און גיגאַנטן —
אין וואַגאָן־טיר
זיך באַוויזן
האָט אַ מענטש
אין ווינטער־מאַנטל.

הונדערט פּופּציק
מיליאָנען
אין די שוצגראָבנס
געלעגן —
טויזנט מענטשן,
אַ פּאָר פּאָנען
האָבן לענינען באַגעגנט.

קיין הוראָק
האָט ניט גערופן,
ניט געשריען
ער וואַקסט און שטאַרקט זיך,
קיין סירענע —
היט און היטלען —
אין דער לופטן:
לענין, לענין, לענין, לענין!

און דער רוף,

ברענט אין האַרץ,
אין די געהירן —
איבער שוימענדיקע אַקסל
דורכגעשוואומען
איז דער פירער.

פרילינג־ווינט
האָט פאַן געראַסטעט,
בונטעווען
ווי פאַנען הערצער,
און עס האָבן ווערטער פראַסטע

אין דער שטילקייט
הויך דערהערט זיך.

ניין, ניט ווערטער —
הויכבערג־שטראָמען,
ניין, ניט ווערטער —
אַ לאַווינע,
זיי צעטרייסלען
די נעשאָמע,
צינדן פייער אָן
אין זינען.



לענין קומט צוריק פון אויסלאַנד — א. מוראַוויאָוו

אַ שפּיל

● פּיוול סיטאַ

איך בין געשטאַנען אויף פּעלדמאַן-בולוואַר און געקוקט אויפן יאַם. דער גרויער האָט ליבלעך געשטיפּט און געשפּיגן מיט שטיקער וואַסער-שטראָמען אויפן ברעג און נאָר געוואָלט אַנצילן אין אונדז. לעבן מיר האָט אַן אַלטיטשקע אין אַ ווייסן טשיפּעק זיך געשפּילט מיט איר אייניקל. דאָס פּאָנעם פון דער אַלטיטשקער איז געווען שטאַרק צעקאַרבט און צעקנייטשט און אַ גרויסע אומצופרידנקייט האָט אַרויס-געשפּראָצט פון אונטער די קאַרבן אויף איר פּאָנעם און אַרויסגעקוקט דורך די טיפע איינגעפאַלענע אויגן...

— באַבעלע... — האָב איך זי אַ פרעג געטאָן — ווי אַלט איז דאָס אייניקל?

— נאָ, דו פּאַרנעם זיך פון דאַנען! — האָט זי אומצופרידן אָפּ-געענטפערט, פּונקט ווי כ׳וואָלט בײַ איר ווען דאָס אייניקל אויסכאַפּן.

און אין גאַס האָט געררוישט. אויף פּעלדמאַן-בולוואַר האָט דער אַספאַלט אַ ריינער געגלאַנצט און געשיינט. מענטשן האָבן זיך לעבן אַ באַלקאָן אָפּגעשטעלט. אַ סאַך מענטשן.

— מיסטאָמע עמעצן איבערגעפאָרן — האָט די אַלטיטשקע אַ בורטשע געטאָן — אַז ס׳איז גאָר היינט העפקער וועלט געוואָרן... גייסט איבער דער גאַס, פּאַרט אונטער אַן אויטאָמאָביל און צעטרעט דיך ווי אַ שפּענדל...

די מענטשן-כוואַליע האָט זיך אַלץ פּאַרגרעסערט. אויף אַ באַל-קאָן איז געשטאַנען אַ געזונטער אַרבעטער מיט אַ רויט בענדל אויפן ברוסט און האָט מיט צעשפּרייטע הענט און מיט פּלאַטערדיקער פרייד פלאַמיק גערעדט. דאָס פּאָנעם האָט בײַ אים געשיינט. ער האָט גערעדט היציק, געפּלאַטערט מיט דעם היטל, ווי מיט אַ פּאָן...

אוילעם איז אַלץ צוגעשוואָומען. די אַלטיטשקע האָט אַ בליק געוואָרפן אויף יענער זייט, גאָרנישט ניט געזען פון דערווייטנס, און אַלץ געבורטשעט אירס:

— זעט נאָר... מע איז איבערגעפאָרן אַ מענטשן, איז אַ גדולע...

פּלוצים האָט זיך פון ראָג אַ ראָטע קאָזאַקן באַוויזן. ווייסע

קאָזאַקן צעיושעטע, מיט פּיקעס און נאַהייקעס. די ראָטע האָט זיך אויפן אוילעס אַ לאָז געטאָן מיט די פערד, געשונדן מיט די נאַהייקעס, געשריען, געגוואַלדעוועט, גראָבע מיעסע זידל־ווערטער האָבן זיך יעדע ווייל ווי קוילן אויפגעריסן און זיך אַרומגעטראָגן איבערן פעלדמאַן־בולוואַר.

— זעץ די באָלשעוויקעס!.. — זיינען קאָזאַקישע נאַהייקעס געפלויגן איבער קעפּ און פון מענטשן געשונדן שטיקער הויט — זעץ די קאָמיסאַרן, זשאַלעווע ניט!

די אַלטיטשקע, דערזעענדיק קאָזאַקן, האָט זי זיך עטלעכע מאָל דערשראָקן איבערגעציילעמט, אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד פון וויגעלע און זיך געלאָזט לויפן.

— היי, באַבקע! — האָט איר אַנטקעגן געריטן אַ שיקערער קאָזאַק מיט אַ נאַהייקע אין דער האַנט — שטיי, באַבקע! דערצייל, וואו וואוינען דאָ די באָלשעוויקעס...

אַ שוויים האָט דער אַלטיטשקער אין פּאָנעם אַ שלאָג געטאָן:

— וואָס הייסט?... אומעטום וואוינען זיי, די אויסוואורפן... אַז וואו דו גיסט זיך היינט אַ קער, איז קאָמיסאַרן.

—מאָלאָדיעץ, באַבקאַ! — האָבן זיך די קאָזאַקן צעלאַכט און זיך געהוידעט אויף די זאָטלען — אַ נו, קום פיר אונדז צו די סאַמע גלאַוונע, וועלן מיר זיך מיט זיי אַ ביסעלע אַ שפּיל טאָן.

די אַלטיטשקע האָט געשטוינט:

— וואָס הייסט? אומעטום וואוינען דאָ די גלאַוונע. וואָס דאַרף איך אייך לאַנג פירן...

און בעשאָס די אַלטיטשקע האָט געפירט די קאָזאַקן צו די „גלאַוונע", האָט הינטער זיי אַ קינאָ־אַפּאַראַט געררוישט און אַ מענטש האָט געריסן דעם גאַרגל פון אַ גרויסן הויכריידער אַרויס:

— דרייסטער אַביסל!... כוצפּעדיקער!... אַזוי זעען דען אויס קאָזאַקן?...

און די אַלטיטשקע האָט אַפילע ניט געוואוסט, אַז דאָס איז געווען בלויז אַ שפּיל...

און איך האָב געלאַכט, אַזוי שטאַרק געלאַכט, ווי קיינמאָל ניט...

עס פלאַקערן פאַנען

● א. שוואַרצמאַן

עס פלאַקערן פאַנען,
עס רייסן זיך הייסע געשרייען
פון ברוסטן פאַרפלייצטע פון פרייד.
און רייען נאָך רייען
אַלץ גייען און גייען,
און פאַנען נאָך פאַנען
אַלץ רופן און מאָנען
און רייסן אוים הייסע געשרייען
פון ברוסטן פאַרשמאַכטע פאַר פרייד.
און רייען נאָך רייען
אַלץ גייען און גייען,
און ווער קאָן פאַרשטייען —
ווער איז דאָ באַגעגנט און ווער איז באַגלייט.

אַ נ י י ל ע ב ן

● נ. לוריע

א. העלע פייערן

אין אַ האַרבסטיקער נאַכט האָט זיך כאַנע קוניצע אומגעקערט פון אַ וויטן דאָרף, וואו ער האָט זיך געזאַמט העכער אַ וואָך צייט. די פערד זיינען געווען אָפּגעשוואַכט. דער וועג אַ בלאָטיקער, האָט מען זיך געשלעפּט טריט בײַ טריט. קוניצע האָט אונטערגעדרעמלט, אַמאָל נאָר אַ קוק געטאָן, וואו מע האַלט, ווייל די פור איז געווען אַ דאָרטיקע, און דער אָנטרייבער — וויניק באַהאַוונט אין דעם ווינקל. נאָך אַ לענגערן דרימל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיטן געפיל, אַז סע דאַרף שוין זיין ניט ווייט פון דער היים, און פאַר כידעש ברייט צעעפנט די אויגן: טיף איינגעפאַסט אין דער פינצטער האָבן זיך געזען גרויסע העלע פייערן.

— האָסט ניט באַמערקט — האָט ער געפרעגט באַם אָנטרייבער — מיר האָבן אין ערגעץ ניט פאַרקערעוועט אויף רעכטס?

— דאַכט זיך, אַז ניין.

— דאַכט זיך... דאַכט זיך, אַז מיר פֿאָרן צו דער סטאַנציע, ניט אַהיים — האָט זיך כאַנע צעשריען — וואָס איז עס פֿאַר אַ פֿייערן? ווי קומען אַהער פֿייערן?... נישקאָשעדיק פֿאַרקראָכן. איצט שלעפּ זיך כ'וויים וויפֿיל צוריק, נאָכדעם ערשט ווייטער אַהין. אַ מייסע ביז פֿאַרטאָג מיט אָט די פּעגירעס.

ער האָט אַליין גענומען די לייצעס אין די הענט און פֿאַרקערעוועט די פֿערד מיטן געדאַנק זיך אומצוקערן צום אָרט, וואו מ'איז אַראָפּ פֿון ריכטיקן וועג. נאָר מיט יעדן טריט, וואָס מ'איז אַריין ווידער אין דער סטעפּישער פֿינצטערניש, איז אים איטלעך גריבל אונטער די רעדער, דער מינדסטער שאָטן באַ די זייטן אויסגעקומען אַלץ קענט־לעכער, און אַלץ קלאָרער איז געוואָרן, אַז מ'איז געפֿאָרן ווי סע דאַרף צו זיין, מע האָט ניט אָנגעהויבן צו בלאָנדזשען.

— טפֿו זאָלסטו ווערן! — האָט ער באַניים־אַמאָל אָפּגעשטעלט די פֿערד — וואָס טוט זיך דאָ, פֿאַרשטיי איך ניט...

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, לאַנג באַטראַכט די אומפֿאַר־שטענדלעכע פֿייערן אין דער זייט, וואו זיי זיינען קיינמאָל ביז אַהער ניט געווען, באַטראַכט די געגנט אין זייער אָפּשיין און סאָף קאָל סאָף באַשלאָסן, אַז עס איז פֿאָרט, אַפּאָנעם, דער וועג אַהיים. מע האָט גע־מוזט פֿאַרקערעווען ווידער אַ מאָל. אַ צייט איז מען געפֿאָרן שטיל, ניט אויסרעדנדיק קיין וואָרט.

— אָ, ניט געדאַכט זאָל עס ווערן! — האָט כאַנע ענדלעך עמעצן אויסגעשאָלטן — ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן? פּערציק יאָר פֿאָר איך אויף דעם וועג אַהין און וויים, אַז דאָרטן איז מעכויעוו צו זיין פֿינצטער. און פּלוצים — נאָ דיר...

נאָך פֿרילינג האָט מען געוואוסט, אַז ס'איז שוין דאָ אַ מאָטאָר. נאָכדעם האָט מען געפּירט סלופּעס, איז קיין שנור ניט געווען. נאָכדעם איז קיין לעמפּלעך ניט געווען. און מיט אַ מאָל איז אין איין וואָך צייט פֿאַרטיק געוואָרן די זאַך. צופֿאָרנדיק, האָט כאַנע דערזען די נייע שיין אויך אין די פֿענצטער פֿון זיין שטוב.

— נו, יאָ — האָט ער געזאָגט — די צעפּלעך זיינען באַ מיר גע־האַנגען נאָך מיט אַ כוידעש צוריק. נאָר ווער האָט זיך גערעכט, אַז דאָס וועט טאַקע לייכטן? אָט דאָס הייסט געקומען אַהיים אויף יאָנטעוו! נאָר וואָס זאָגסטו דערצו, ווי איך האָב ניט דערקענט די

קאַלאַניע? אַ כאַרפּע צו דערציילן. פּערציק יאָר ווייס איך, אַז אין דער זייט דאַרף זיין פינצטער. אָט דאָס הייסט אָפּגעטאָן!...

ס'איז געווען דער אָוונט פאַרן יאָרטאָג פון דער גרויסער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אויף מאָרגן איז די גאַס פול געווען מיט מאַניפעסטאַנטן און רויטע פאָנען. די גאַנצע יאָרש מישפּאָכע האָט אָנטייל גענומען: די אַלטע כייע־ריווקע, סימע מיט פייגעלען באַ דער האַנט, וואָלאָדיע איז געגאַנגען מיט די קינדער פון דער שול, ביילקע איז געווען אין די רייען. עליע האָט געקוקט אויף דער שוועסטער און געשמייכלט: זי איז אַרוים מיט אַ רויט סטענגעלע אויסגעשלייפט און צוגעשפּיליעט אויף דער בלוזקע. ס'איז געווען כמורנע, אָן ווינט און אָן רעגן. דער אָרקעסטער פון דער זיבן־יאָריקער שול האָט געשפּילט. פּימקע בראַכמאַן און נאָך עטלעכע פון דער יוגנט האָבן, וואַרטנדיק אויפן מיטינג, געטאַנצט. עמעצן איז עס ניט געפעלן געוואָרן.

— קיין ברויט איז ניטאָ, וואָס איז די געדולע?

— נו, איז וואָס? — האָט כייע־ריווקע זיך פאַר די טענצער איינגעשטעלט.

— דעם איז שווער צו ליידן, וועמען ס'איז ניט ליב. זאָגט מיר, וואָס קומט אָן גרינג? אין די הייזער איז ליכטיק, יונג זיינען זיי, זאָלן זיי טאַנצן. די סאָנים אויף צעפּיקעניש.

איר גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען אַן אָראַטאָר. מיט אַן אויפגעהויבן פּאָנעם פלעגט זי שלינגען איטלעכעס וואָרט, יעדע אינטאָנאַציע, צושאָקלען מיטן קאָפּ און גליען, ווי זי וואָלט הערן אַ ליד, אַ וואונדערלעכע מייסע, וואו אַלץ איז צוגעטראָפן פונקט צו איר האַרצן. טאָמער האָט זי עפּעס ניט פאַרשטאַנען, האָט עס איר קיין האָר ניט געשטערט. אַ לערער פון דער אָרטיקער שול האָט געהאַלטן אַ גרויסע רעדע, אַ סאַכאַקל פאַר פופצן יאָר, און כייע־ריווקע האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף אים מיט פאַרליבטע אויגן. דאָס פּאָנעם האָט זיך איר קעסיידער געענדערט פון געפילן: צאָרן, טרויער, האָפענונג, שטאָלץ. אָפטמאָל האָט זי געוואָרפן בליקן צו די אַרומיקע, צוגעוואונקען, זיי זאָלן זיך גוט איינהערן. ס'איז דאָ וואָס.

צווישן די ווייבער, אייגענע און שכיינעס, האָט זי גערעדט וועגן דעם, אַז אַלץ גייט, ווי לענין האָט געזאָגט.

— דו, וואָלאַדינקע, מעגסט עס אויך הערן — האָט זי זיך געווענדט צום אייניקל — ביסט נאָך אים אַ נאָמען... נאָך פון דער קאַטאָרגע, דערציילט מען, ווען ער איז דאָרטן געווען, האָט ער גע־שריבן אַ בריוו צו זיינע טאַלמידים און אויסגעשריבן אַלצדינג, וואָס און ווי אַזוי ס'וועט זיין. אַז אין אָנהייב וועלן זיין גרויסע מילכאָמעס, און טייכן בלוט וועלן פאַרגאָסן ווערן, דעמאָלט וועלן אויפשטיין די אַרבעטער אין איינעם מיט די פּויערים און וועלן פאַרקערעווען די ביקסן וואוהין מען דאַרף. האָבן מיר עס דען ניט געזען מיט אונדזערע אויגן? און אַזוי קעסיידער. אַלע פערצן מעלאָכים פון דער וועלט האָבן זיך פאַראייניקט קעגן אים, און ס'האָט ניט געהאָלפן, זיי האָבן געמוזט אַוועק מיט כאַרפּע. איינער, דערציילט מען, דער ענגלישער, דאַכט זיך, האָט באַ אים געפרעגט: „אין וואָס איז דיין קויעך?" „אין די פּראָסטע מענטשן" — האָט לענין געענטפערט — „זיי האָבן לאַנג דערויף געוואַרט. איצט וועלן זיי ניט אָפּטרעטן כאָטש איך וויים ניט וואָס." און אַז לענין איז קראַנק געוואָרן, האָט אים קיין דאָקטאָר ניט געקענט היילן. דאַרף ניט וויינען דאָס האַרץ? ער איז דאָך געווען נאָך גאָר אין די מיטעלע יאָרן. ווען ער האָט געזען, אַז זיינע שאָען זיינען געציילטע, האָט ער זיך אָנגעהויבן מיט איטלעכן גע־זעגענען. צום ערשטנס האָט ער זיך געזעגנט מיט די געסט, וואָס זיינען געקומען פון אומעטום הערן זיין וואָרט. זיין טיר איז דאָך געווען שטענדיק אָפן, און אַ פּויער צי אַן אַרבעטער האָט געקאָנט אַריינגיין און רעדן מיט אים. זיי האָבן געוואָלט וויסן, וואָס וועט ווייטער זיין. „דער איקער איז ניט בלייבן שטיין אין מיטן" — האָט ער זיי אָנגעזאָגט — „אַ שטוב אויסצובויען דאַרף מען קויכעס לייגן, היינט אַ ניי לעבן אויסבויען, ווי מאָלט איר זיך אוים? ס'מוז נאָך קאָסטן אַ סאַך האָרעוואַניע און בלוט." „ווי אַזוי־זשע וועלן מיר וויסן, בעאיים אונדז וועט זיין ענג, צי מיר גייען אויפן ריכטיקן וועג, צי עפשער, כאַלילע, אויף אַ פאַלשן?" „דערויף גיב איך אייך מיין סימען" — האָט ער געזאָגט — „ווען אין אייערע שטיבעלעך, וואו ס'איז שטענדיק געווען פינצטער און ווימט, וועלן זיך אָנהייבן אָנצינדן מיינע ליכטיקע לעמפּלעך, דעמאָלט מעגט איר זיין פריילעך און וויסן, אַז סע גייט צום גוטן..."

— און פון וואַנען ווייסט איר עס, כייע־ריווקע, די אַלע מייסעס?

ווער האָט זיי אייך דערציילט? — האָבן די שכיינעס גענומען צושטיין צו דער אַלטער.

— אַלע וויסן — האָט זי געענטפערט מיט אַ כיטרען שמייכל — ס'האָט זיך געשריבן אין די גאַזעטן.

ב. אַ יאַנטעוו אין קאָלעקטיוו

ס'איז געווען אַ טרוקענער זומער, ווי ס'טרעפט זיך אָפט אין יענער געגנט.

— אַזאַ שליסעלע, ווען מע געפינט אוים צו די רעגנס, ווי צו דער עלעקטרע — האָט כייע־ריווקע געטרוימט — מע זאָל קאָנען אַריינדרייען, ווען מע דאַרף, און אַרויסדרייען, ווען מען דאַרף...

די גערעטעניש האָט זיך פונדעסטוועגן אַרויסגעוויזן, כאָטש ניט געהויבן, דאָך בעסער, ווי מע האָט לויטן וועטער געקאָנט דערוואַרטן. די קאָלווירטניקעס האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די פּרוכט פון ריכטיקער אַרבעט. אויך יאָרש האָט זיך דערפילט שטייפער, אונטערפירנדיק דעם סאַכאַקל פונעם ערשטן אַראָפּנעם אונטער זיין פאַרזיצעריי.

ער האָט איינגעהאַנדלט פאַרן קאָלווירט אַ טייערן אָגער, אַ ריין־בלוטיקן לויפער; אַ הויכער, אַ דין־פיסיקער, אַ דין־בייכיקער, אַ לאַנג־האַלדזיקער, מיט אַ גלאַנציק־שוואַרצער פעל, מיט פייער־אָנגעגאָסענע אויגן—האָט ער געהייסן באַ די קאָלאָניסטן דער „יינגל" און איז געווען אַלעמענס ליבלינג. זיין אָנקומען מיטן שטאָלץ־פאַרריסענעם קאָפּ האָט מען געזען פון וווייט. די קינדער פון דער קאָלאָניע האָבן זיך דערציילט ווענגן אים וואונדער.

— ווען דער „יינגל" זאָל וועלן, קאָן ער אַריבערשפּרינגען איבער אָט דער שטוב — איז זיך מעשאַער אַ יאַטל.

און ווען עס פאַלט אָן אויף אים אַ וואָלף, וואָלט ער זיך דערשראָקן, צי ניין?

— אַ גרויסע מעציע באַ אים אַ וואָלף.

— אַ נו, און מיט אַ לייב, ווען ער באַגעגנט זיך?

די מיינונגען צעטיילן זיך: אַנדערע האַלטן, אַז כאָטש אַ לייב איז אַוואַדע ניט קיין שפּעטנע כייע, קאָן מען פונדעסטוועגן ניט וויסן, מיט וואָס אַזאַ באַגעגעניש וואָלט זיך אויסגעלאָזן.

— נו, און וואָראָשילאָווס פערד? — טוט עמעצער אַ פרעג.

דאָ ענדיקט זיך די באַרימעריי. אַלעמען איז קלאָר, אַז וואָראָשילאָווס פערד איז, מיסטאָמע, אָן אָן ערעך שענער און שטאַרקער פונעם „יינגל”. און בודיאָנים אויך, פאַרשטייט זיך. נאָר דאָס זיינען די איינציקע אויסנאָמען.

צו דעם האַרבסט האָט מען פאַרענדיקט דעם פאַרק פאַר קולטור און אָפּרו, וואָס דער דאָרף־ראַט האָט נאָך מיט אַ יאָר פריער פאַרטראַכט צו מאַכן אין דער קאָלאָניע. מען האָט צו דעם צוועק אַדורכגעפירט אַ היפּשע צאָל שאַבעסניקעס. יונג און אַלט האָבן געהאָט אַ כיילעק אין דער בויאונג. פאַרן אויספאַרטיקן די זאַך האָט מען אַוועקגעשיקט אַ מענטשן קיין מאָסקווע, ער זאָל אין גרויסן פאַרק פון דער הויפּט־שטאָט זען און הערן, וואָס מע קאָן לערנען פון דאָרטן. די ביימער זיינען שוין געווען פאַרפלאַנצט. די אַלייעס אויסגעלייגט. די אָפענע סצענע מיט די בענק אונטערן פרייען הימל גרייט. און נאָך איז געווען אַ פּאַווילִיאָן פאַר צייטונג־לייענען און דאַמקע שפּילן, און נאָך איינער באַזונדער פאַר די קליינע פּיאָנערן. דער שאַליעך האָט אַראָפּגעבראַכט פון זיין רייזע אַלערליי הויד־שטאַנגען, וויג־שיפלעך, גיגאַנטן־שריט, ספּאָרט־געשטעלן. און אַז צו דעם עפענונג־אָוונט איז דער פאַרק געווען העל אילומינירט, און דער בלאָז־אָרקעסטער פון דער צען־יאָריקער שול האָט געהילכט, אויף די פלעצער זיינען געגאַנגען שפּילן, קאָמפּאַניעס יוגנט האָבן געזונגען, און דער נאָך האָט מען פון דער סצענע געהאַלטן הייסע רעדעס מיט באַגריסונגען, און נאָך די רעדעס איז אַרוים דער דראַם־קרייז און האָט געגעבן אַ קאָנצערט — איז דעמאָלט אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז די מי פון די שאַבעסניקעס האָט געלוינט, און קיין מאָסקווע איז גאָרניט אַזוי ווייט, ווי סע דוכט זיך.

געבויט האָט דעם פאַרק דער דאָרף־ראַט, נאָר דער קאָלווירט האָט, ווי דער שטייגער, דערביי גענומען אַ היפּשן אָנטייל, און יאָרש האָט זיך געפילט אויף דעם יאָנטעוו אָן אָנגעלייגטער מעכוטן.

ווידער האָט זיך אין גאַנצן אומגעריכט פאַר אים אַרויסגעוויזן זיין שוועסטער ביילקע. זי האָט שוין זינט עטלעכע ווינטערן געלערנט אויף די אָוונט־קורסן באַ דער שול. ער האָט געוואוסט פון דעם, נאָר ווי ווייט זי האַלט אין איר קענטעניש האָט ער קיין מאָל ניט געטראַכט



אויף די פעלדער פון קרים — י. ב. ריבאַק

און ניט געהאַט די געלעגנהייט צו שאַפן זיך אַ מיינונג. און אָט האָט מען געמאָלדן, אַזביילקע יאָרש וועט עפּעס פאַרלייענען. זי איז אַרויס אין אַ ניי קלייד, וואָס ער האָט עס נאָך אויף איר ניט געזען. זי איז געווען בלייך פאַר אויפרעגונג, די אויגן — פאַרברייטערט, דאָך אויסערלעך רואיק און שטייף. עליע איז געזעסן אַ געפּלעפּטער גלייך פון די ערשטע שורעס אָן. ס'האָט אים פאַרכידעשט די זעלטענע דייטלעכקייט, מיט וועלכער זי האָט אַרויסגערעדט די ווערטער, און דער איקער די קראַפט פון אירע אַלטאָווע טענער, וואָס ער האָט זיך גאָרניט פאָרגעשטעלט, אַז איר קאָל פאַרמאָגט אַזוינס. זי האָט אָנגעהויבן איינגעהאַלטן, מיט אינערלעכער אָנשטרענגונג און פייערלעכקייט:

הייב אויף דיינע אויגן, אָ, פאָלק, וואָס דו ביסט אַזוי עלנט און אָרעם,
הייב אויף דיינע אויגן צו מיזרעד און מיירעוו, צו צאָפן און דאָרעם...

דאָס ליד איז געפלאָסן מעכטיק, ווי אַ גרויסער טייך. „וואָס איז עס?" — האָט עליע געטראַכט — „פון וואַנען?"

. . . און וויט, אויף די בליענדע לוסטיקע פעלדער הייב אויף דיינע אויגן
און זע, ווי עס שטייען די גאָלדענע זאַנגען פון שווערקייט געבויגן...
און זע, ווי די זאַפטיקע ווייטנטרויבן ווערן געטראָטן אין קעלטער.

דער ווײַן ווערט געגאָסן אין פּעסער צו ווערן געשמאַקער און עלטער...
און מוטיק אין ריזיקע מאַכנעס שטרעק אויס דײַנע הענט די פּאַראַרטע,
גענוג שוין צו זײַן די באַרויבטע! גענוג שוין צו זײַן די גענאַרטע!...

וואָס מער עליע האָט געהערט, אַלץ מער איז געוואַקסן זײַן כידעש, וואָס אַזוינע ווערטער זײַנען געווען און האָבן געקאָנט שווײַגן, מע זאָל פון זיי ניט וויסן. און די שוועסטער — פון וואַנען האָט זיך עס צו איר גענומען? זי זאָגט דאָס ליד, ווי דאָס וואָלטן געווען אירע אייגענע געדאַנקען, איר ווענדונג און רוף צו די מענטשן.

און נעם די גײַאַרשנטע אוצרעס, און נעם פון דײַן אַרבעט די פּײַרעס
און שאַפּנדיק לעב, און גענינסנדיק שאַף אין די פרײַערע דורעס!

— בײַלקע, אַ? — איז צו עליען צוגעגאַנגען די אַלטע כײַע־ריווקע מיט טרערן אין די אויגן.

עליע איז אַ צײַט נאָך דעם געווען צערודערט. „יוגנט" — האָט ער מיט קינע געטראַכט — „אַלץ גיט זיך זיי גרינג"... מיט עטלעכע יאָר צוריק, געדענקט ער וואויל, האָט זי ניט געקענט לייענען, און מיט אַ מאָל, זע נאָר, וואו זי האַלט.

עליע אַליין האָט די לעצטע צוויי ווינטערן צוגעאַרבעט אויף זיך. די ייִדישע צײַטונג, די נײַס און די לײַכטערע אַרטיקלען, האָט ער שוין איצט געלייענט אַלע טאָג. נאָר ווי קומט עס צו דעם, וואָס בײַלקע האָט דעם אָוונט געוויזן...

קינדער

צום אָנהויב לערן־יאָר איז געווען אַ מאַניפעסטאַציע פון די שול־קינדער. אַ פּאָר הונדערט כעוורע זײַנען אַרויס אין גאַס מיט שטאַרק־פּאַרגרעסערטע מאָדעלן פון זייערע מאַכשירים: אייגנהענטיק אויס־געאַרבעטע ריזיקע בלײַערס, ביכער, גלאָבוסן, גוואַלטיקע טינטערס, אַלץ הויך אויפגעהויבן, מע זאָל זען. די זון האָט געשײַנט. די קינדערשע געזאַנגען האָבן געקלונגען. פאַר די וואוינונגען זײַנען גע־שטאַנען טאַטעס און מאַמעס, באָבעס און זיידעס.

— אָן דאָרטן אַ, זעט איר? דער, וואָס טראָגט דעם צירקל? ס'איז מײַן אייניקל — האָט כײַע־ריווקע אָנגעוויזן, טאָמער האָט עמעצער ניט געוואוסט — וואָלאָדינקע. נאָך לענינען אַ נאָמען.

וואָלאָדינקע איז שוין געגאַנגען אין פערטן קלאַס. אין אָוונט גרייט ער, געוויינלעך, די לימודים. עליע איז געקומען פון דער אַרבעט,

זיצט שטיל אין אַ זייט, כאַפּט פון מאָל צו מאָל אַ קוק אויפן זון, וואָס איז פאַרטאָן אין זיינע העפטן, שטייט אויף, גייט צו אַן רויש און קוקט איבערן יינגלס קאָפּ אין זיינע געשריפטסן. ער זעט געמעלן פון פיש און פייגלען, סקעלעטן און אינגעווייידן. ער זעט זייטלעך פול פאַר־שריבענע מיט רעכענונגען און כידעשט זיך אויף די גוואַלטיקע זאַכן. וואָס מע לערנט זיי דאָרטן, אין דער שול, ווי גיך זיי שפּרייזן, די היינטיקע קינדער! ער וועט זיי שוין קיינמאָל ניט דעריאָגן. אָט האָט ער די וואָך געהערט אַ שמועס פון וואָלאָדיען מיט פייגעלען. דאָס יינגל איז געקומען פון שול מיט אַ יעדיע, אַז די ערד איז קיילעכיק.

— ווי אַזוי קען די ערד זיין קיילעכיק — האָט די קליינע פּראָ־טעסטירט — אַז זי איז גאָר אַ לאַנגע — און זי האָט אַ ווייז געטאָן מיטן הענטל אויף דער גאַס — אָט קוק, מע זעט דאָך, אַז זי איז אַ לאַנגע...

וואָלאָדיע האָט איר דערויף געענטפערט, אַז זי איז אַ נאַר און פאַרשטייט נישט גאָרניט, און עליע האָט נאָכדעם עטלעכע טעג זיך געבראָכן דעם קאָפּ: וואו־זשע הייבט זי זיך אין דער עמעסן אָן, די קיילעכדיקייט פון דער ערד? ס'האָט זיך אים ניט געמאַכט צו זען, כאָטש קיילעכיק דאַרף זי, אַפּאַנעם, טאַקע זיין, אַ סימען — אַמעריקע...

שפּעט באַנאַכט, וואָלאָדיע שלאָפט שוין, נעמט ער שטילערהייט אַ וואָסער־ניט־איז פון דעם קינדס ביכלעך און הייבט אָן לייענען, שעפּטשעט מיט די ליפּן. די אויגן קלעפּן זיך אים, רייסט ער זיי אויף און לייענט ווייטער. מוטשעט זיך. אָפט קאָן ער בעשום אויפן ניט כאַפּן דעם אינהאַלט, און ער מוז דאָס ביכל אַוועקוואַרפן מיט האַרצ־ווייטיק. נאָר אַמאָל טרעפט, אַז סע ציט, קאָנסט זיך ניט אָפּרייסן. אַלץ איז מעכייעדיק פאַרשטענדלעך, און דו ווערסט געוואָר וואונדער־לעכע זאַכן. אַ שטייגער, דערציילונגען וועגן רייזעס אין ווייטע לענדער, וואָס וואָלאָדיע ברענגט אַמאָל אַהיים פון דער שול־ביבליאָ־טעק. ווי גרויס און טשיקאַווע איז די וועלט, וואָס דו ביסט אַליין איבער איר געגאַנגען און געפאָרן און דערביי אַזוי ווייניק זי אָנגעזען און אַזוי קאַרג פאַרגעניגן געהאַט פון איר! צי אָט דעם שאָלעם־אַלייכעמס ביכלעך, ווי מע זאָל ניט זיין פאַרשלאָפן און מיד, ווערסטו פון זיי וואָך און אָפּגעפרישט. דאַכט זיך, גאָרניט קיין פריילעכע מייסעס, און ווי ליכטיק סע ווערט פון זיי, ווי וואַרעם אויפן האַרצן!...

(פון „עליע יאָרש")

די זון אין זעניט

● איציק פעפער

ס׳איז זומערדיק אין פעלד,
די ברייט און ווייט צעבליט,
אין גאָלד אַ גאַנצע וועלט,
די זון איז אין זעניט.

און ס׳פליט דער טאָג געשווינט
דורך זאַנגען און דורך צווייט,
ווי פריש עס ווייט דער ווינט!
די זון איז אין זעניט.

איך זיץ. עס ברענט דער שטיין,
די ערד איז אָנגעגליט,
די שאָטנס ווערן קליין,
די זון איז אין זעניט.

איך בראָנזע מיין געזיכט,
און זוניק ווערן טריט,
מיין האַרץ איז פול מיט ליכט,
די זון איז אין זעניט.

אַ היים אין וואַלד

● ד. בערגלסאָן

1.

— ווי אַזוי איז, אַז מען ווערט פאַרבלאָנדזשעט אין דער טייגע?

— וואָס קאָן דאָרט מיט אַ מענטשן געשען?

— סע קאָן זיך זייער שיין מאַכן, סע זאָל מיט אים גאָרנישט ניט געשען...

אַזוי קלערט דער איבערוואַנדערער שימקע שנייער. ער טראָגט אויף זיך אַ זעג, אַ האַק, אַ טאָרבע מיט עסן און שטייט ניט אָפּ אין גאַנג פון צווייטן איבערוואַנדערער — מענדל זאַקס, וואָס טראָגט מיט זיך צוויי גראָב־אייזנס מיט אַנדערע זאַכן. ביידע האָבן מיט זון־אויפגאַנג זיך אָוועקגעלאָזט אַ זוך טאָן, צי קאָן מען ניט אין דער אומגעגנט פון דער טיכאָנקעס באַזע געפינען אַן אָרט, וואָס זאָל טויגן פאַר אַ קאָלווירט. שוין אַ גוטע פאָר שאָ, זינט זיי האָבן זיך אַריינ־געלאָזט אין דער טייגע אַריין. זיי גיבן אַכטונג פון וואַנען שיינט די זון, וואוהין פאַלן די שאָטנס, האַקן אָן פאַרבייגייענדיק סימאָנים אויף ביימער.

— מע וואָלט געקאָנט מיינען — טראַכט שימקע — די טייגע איז מיט הערנער. צום סאָף — גאָרנישט: אַ וואַלד אָן אַ ברעג און אָן אָן עק און שוין — באַלד באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, ערטערווייז מער פאַרבלאָטיקט, ערטערווייז ווייניקער פאַרבלאָטיקט.

„אַז קיינער — טראַכט ער — האָט די טייגע ניט פאַרזעצט און קיינער האָט זי ניט גערייניקט, וואו זי וויל, דאָרט וואַקסט זי. די ביימער ערטערווייז געדיכט, הויך, ריזיק, ערטערווייז — שיטער, נידעריק, קוסטעס. נאַ — ט'האָסטו דיר, גאַר אינגאַנצן אַן אויס־געברענט שטיק. פון דער ערד שטעקן אַרויס שוואַרצע, פאַרברענטע שטאַמען — האַלאָוועשקעס — אַ וויסטער שוואַרצער בעסוילעם... פון וואָס האָט זיך דאָ געקאָנט נעמען אַ סרייפע? — מיסטאָמע פון אַ בליץ...“

און אָט האָסטו שוין ווידער אַ געזונטן מעכייעדיק־גרינעם וואַלד. עס וואָלט געווען גאַנץ נישקאָשע אין אים צו גיין, ווען ניט שטענדיקע דריי זאַכן:

וואַסערדיקע בלאָטע.

פאַרפּלאָנטערטערביימער-געוואַלגער.
בייסנדיקע פליגעלעך.

גאַנצע כמאַרעס פליגעלעך הייבן זיך אויף פון יעדן פייכטן אָרט און באַפאַלן — ניט ווי פליגעלעך, נאָר ווי הינט, וואָס ווילן ווי אויף טשיקאַווע פאַרזוכן, וואָס פאַר אַ טאַם האָט מענטשן-פלייש און מענטשן-בלוט.

באַ שימקען איז שוין צעביסן וואו ערגעץ אַ נאַקעט שטיקל אָרט אין פּאָנעם און אויף די הענט. אויב ער מאַכט זיך ניט וויסנדיק און קראַצט ניט די צעביסענע ערטער, איז עס איבער צוויי טיימים — ערשטנס, האַלט ער:

— אַ מענטש איז שטאַרקער פון אַ פליגעלע.

אַ מענטש וואָלט ניט ווערט געווען קיין שמעק טאַבעק, ווען פליגעלעך זאָלן אים קאָנען פאַריאָגן. אַזוי, ווייסט ער, פירט זיך שוין פון אייביקע יאָרן:

— ניט פליגן טרייבן אַרויס מענטשן, נאָר מענטשן טרייבן אַרויס פליגן.

צווייטנס, זעט שימקע, אַז פון די פליגעלעך מאַכט זיך אַ קליינעם צימעס מענדל זאַקס. זאָל עס קומען דערפון, וואָס דאָ, אין בירא-בידזשאַן, געפינט זיך זאַקס שוין אַ פּאָר כאַדאָשים, שוין געאַרבעט אין די קליינע קאָלעקטיוולעך אַרום בירער פעלדער און זיך דאָרט צו פליגעלעך שוין אַ ביסל צוגעוואוינט, צי זאָל עס זיין דערפאַר, ווייל זאַקס איז ביכלאַל אַזוינער, וואָס מאַכט ניט קיין גוואַלד אַפילע, ווען מען רייסט אים אַרויס אַ צאָן, אָדער מען שטעכט אים אויס אַן אָנגעריסענעם פינגער.

פאַראַן צווישן די איבערוואַנדערער אַזוינע, וואָס זיינען דיר בעריעס אויף אויסצורעכענען, וויפיל פאַרשיידענע מינים כייעס לעבן אין בירא-בידזשאַנער טייגע. זיי רעכענען אַריין אין צעטל אויך דעם טיגער. עמעס, קיינער פון יענע „בעריעס” האָט זיך, ווייזט אויס, אַליין דאָ מיטן טיגער נאָך קיינמאָל ניט באַגעגנט, נאָר אויך שימקע האָט איצט גאָר-גאָר אַ קליינעם כיישעק איצט מיט אָט דעם „בעוורע-מאַן”, וואָס הייסט טיגער, זיך צו באַגעגענען. טאַקע דעריבער קוקט ער זיך אָפּט אַרום, ער איז מויכל דעם קאָוועד. אויף איין אָרט האָבן ווירקלעך זיך אָנגעהויבן באַווייזן אַ שטיקלעך פינף גרוי-האָריקע באַ-

שעפּענישן. אין הינקענדיקן געלויף, ווי מיטל־קליינע הינטלעך, האָבן זיי פון אַנטקעגן אַ יאָג געטאָן און מיטאַמאָל שטיין געבליבן.

— יענאָטן — האָט אַ זאָג געטאָן זאַקס — אָן, דאָרט...

— אַ ?

שימקע האָט ערשט נאָכדעם פאַרשטאַנען, אַז דאָס גייט וועגן די אַוועקגעלאָפענע כייעלעך. זאַקס האָט ניט באַלד צוגעגעבן :

— קיינמאָל ניט געהערט ?

— מע זאָגט : „אַ יענאָטן־פעלץ״.

— מע כאַפּט זיי דאָ, אַז סע געלינגט, לעבעדיקערהייט — גאַנצע געזינדלעך מיטאַמאָל.

— זיי האָבן זייער אַ האַריקע פעל, אַ וואַרעמע.

— אויף יידיש „שאָפּן״.

— גווירים פלעגן האָבן אַזעלכע פעלצן אויף צו פאָרן ווינטער אין וועג.

— גווירים ?

שימקען איז נאָך אַלץ ניט קלאָר, וואָס פאַר אַ מין פּוטער איז עס — פרעגט אים בעכיירעס, וואָס פאַר אַ פאַרשיידענע פּוטערס גווירים פלעגן טראָגן, אַז לעבן אַ גוויר איז ער אַפילע קיינמאָל ניט געשלאָפן. פון זאַקס קאַלטקייט דרינגט ער פונדעסטוועגן, אַז קיין באַזונדערס בייזע כייעס זיינען די יענאָטן ניט. ער הערט פונדעסטוועגן ניט אויף זיך אַרומצוקוקן, צי וועט ער דאָ, אין דער טייגע־טיפעניש, ניט דערזען עפּעס בייזערס און מער שרעקנדיקס. נאָר זאַקס, זעט ער, איז אַלץ רואיק — אַפּאַנעם, ער טראַכט גאָר די גאַנצע צייט וועגן עפּעס אַנדערש.

— אַ לאַנד — טוט פלוצלונג אַ מאַך זאַקס — שוין איינמאָל רייך !

ער הויבט דערביי אָן צו גיין, דאַכט זיך, אַ ביסעלע גיכער, אַקוראַט ווי דער פאַמעלעכער גאַנג פּאַסט ניט צום לאַנדס פיל מיילעס, וואָס ער האָט איצט אויסצורעכענען.

— אַ לאַנד, אַ ?

ער נעמט אָן אַ פולע, ברייטע ברוסט מיט לופט און לאָזט זי אַרויס אינאיינעם מיטן לאַנדס מיילעס :

— אַזוי זיינען די בערג, אַזוי איז די טייגע, אַזוי זיינען די טייכן, אַזוי איז די ערד. מען קען דאָ אָנהאָדעווען און באַקליידן אַ זיך

אַליין אי אַנדערע. נאָר צולייגן אַ האַנט, נאָר מענטשן... אַט האָסטו — אַ — פּאַזאַנעס...

שימקע קוקט אַהין, וואוהין זאַקס ווייזט מיט דער האַנט, און זעט צווישן די קוסטעס אַ דריי־פיר הינער — היפּשע, לענגלעכע, גראָבע. זיי טוען זעלטן אַ פלי נידעריק בײַ דער ערד. זיי לויפן — אַ מין גיך הינעריש לויפן! מיט די הוילע הענט, פאַרשטייט זיך, וועט מען זיי ניט כאַפּן, נאָר ווען מען האָט אַ ביקס און מען קען גוט שיסן — פּאַך, פּאַך, פּאַך, און האָב אַ פּאָר הינער צום עסן... שימקע איז אַזוי שטאַרק אַריינגעטאָן אין נאָכקוקן די פייגל, אַז ער באַמערקט ניט, ווי זאַקס האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ גראָב געטאָן מיטן שטיוול־אָפּצאַס און אָנגענומען אַ ביסל ערד אין דער האַנט. איצט האָט ער שוין דאָס ביסל ערד אין זיין האַנט גוט באַקוקט, גוט צעריבן מיט די פינגער און נעמט אַריין אַ קליינעם טייל אין מויל אַריין. שימקע שטוינט:

— וואָס קומט עס פאָר מיט זאַקסן?

זאַקס קייט אַ ביסעלע ערד מיט די ליפּן און פּינטלט דערביי צו מיט די אויגן, ווי איינער, וואָס פאַרזוכט וויין — דאָס פּרואוווט ער, צי די ערד איז ניט געזאַלצן. זאָלן געלערנטע אַגראָנאָמען פּרואוון ערד מיט אַלערליי מינים אַגראָנאָמישע קלאָפּערגעציייג. זאַקס אָבער האָט ניט קיין אַנדערע קלאָפּערגעציייג, אַכוץ זיינע אייגענע ליפּן און זיין צונג. מיטן שפּיץ צונג שפּייט ער אויס די ערד פון מויל און זאָגט גאַנץ שטיל, ווי צו זיך אַליין:

— זיינען שוין דאָ יאָ, הייסט עס, פאַראַן טרוקענע ערטער?

— אַ?...

— מע דאַרף גאָר, זאָג איך, אָפּאַנעם, גאַנץ ווייט ניט פאַרקריכן.

ערשט איצט הויבט ער אָן פּאַמעלעך זיך אַרומצוקוקן אין אַלע זייטן. פונקט אַנטקעגן, ווייטער פון די קוסטעס, הויבט זיך ווידער אָן מעכייעדיק גרינער וואַלד. די ערד דאָרט זעט אויס אַלץ טריקענער און טריקענער.

— אַנו — ווייזט זאַקס פּאַמעלעך מיט דער האַנט — קומט נאָר צו אַהין־אַ.

אונטער שימקעס האַריקער ברוסט קלאַפּן עטלעכע הערצער מיטאַמאָל:



אין פעלד　　　　　　　　　　　　　　　　　　　　י. ב. ריבאַק

— געשיקט זיך, ס'איז דאָס, וואָס מען זוכט ?
מעגלעך, מע וועט באַלד קאָנען אַ זאָג טאָן :
— „געפונען"...

אַהין, וואו זאַקס האָט אָנגעוויזן, גייען ביידע זייער פּאַמעלעך. שימקען דאַכט זיך : באַ זאַקסן איז איצט פּונקט אַזאַ געפיל, ווי באַ אים — ווי מע וואָלט טרעטן אויף עפּעס הייליקס. סע וואָלט זיך אַזש וועלן אַראָפּוואַרפן פון זיך די שטיוול, קעדיי די טריט זאָלן זיין ניט אַזעלכע שווערע.

— שוין-זשע ? דאַ, אָדער צווישן די ביימער וועט עס זיין ?...
— אַ היים צווישן ביימער...
— אַ היים אין מיטן וואַלד...

מע איז שוין ענדלעך צווישן די ביימער. זיי גיבן זיך אויף גיך אַ שאַר רעכטס און לינקס, קריכן טיפער צווישן די ביימער און בלייבן דאָרט ביידע ווי פאַרגליווערט — אין פאַרוואַקסענער געדיכטעניש, אַ הונדערט קלאַפטער פונעם אָרט וואו זיי שטייען, דערזעען זיי עפּעס אַ מין שטיבל צי אַ ביידל. עס זעט אוים פון וויטנס ווי דער טייגעס אַן אויסבאַהאַלטענער וואונדער, אַ סאָד און אַ רעטעניש :

— וואָס זאָל עס זיין פאַר אַ מין שטיבל ?
— ווער זאָל דאָרט וואוינען ?

2.

דאָס שטיבל איז אויף אַן עמעס מער אַביידל איידער אַ שטיבל. וואָס מער מע דערנענטערט זיך צו דעם, אַלץ מער דערזעט מען:

שוין דער עמעסער פּאַלאַץ...

קיין פענצטער האָט עס ניט — עפּעס אַ לאָך דאָרט אין דער זייט און שוין. קלאָר: דאָס שטיבל, צי דאָס ביידל האָט דאָ געמאַכט אַ מענטש — דאָס זעט מען פון וויטנס אינעם אַריינגאַנג, וואָס איז פאַרשטעלט מיט צונויפגעפלאָכטענע צווייגן, מאַמעש ווי מיט אַ טיר. די פראַגע איז בלויז, וואָס פאַר אַ שוואַרציאַר האָט זיך אַרום דעם געפּאַרעט, און ביכלאַל: וואָס טוט זיך אינעווייניק אין שטיבל, צי אין ביידל — וואוינט איצט דאָרט אימיצער, אָדער ניין?

נאָענט לעבן ביידל קרייזט זיך העל־געוואָרענער אַש. עס וואַלגערן זיך דאָרט אַלטע נאַקעטע ביינער, אַזוינע, וואָס קיין שום כייע וואָלט שוין באַ זיי ניט געהאַט וואָס צו טאָן — אַ סימען, אַז קיין פרישע מאָלצייטן האָט מען דאָ שוין לאַנג ניט געפּראַוועט.

— מינאַסטאַם, אַ יעגער — זאָגט זאַקס — אַ יעגער האָט דאָ געקאָנט וואוינען פאַראַיאָרן צי פאַר צוויי יאָרן — די האַלאַוועשקעס, זעט מען, זיינען אַלטע.

ער פאַרטראַכט זיך:

— נאָר אויב אַזוי — דרינגט ער — אויב דאָ האָט געוואוינט אַ יעגער, מוז דאָ זיין נאָענט טרינק־וואַסער.

ער לייגט אָפּ אין ביידל אַלע זאַכענישן, וואָס ער טראָגט אויף זיך, און גיט קאַלטערהייט צו:

— מען דאַרף אַ זוך טאָן.

מע זוכט ביידע אין דער נאָענט פון ביידל טרינק־וואַסער און מע קוקט זיך דערווייל אַרום אין אַלע זייטן. זאַקס בלייבט שטיין. ווידער ווערן אַלע טיילעכלעך אין אים פול און פול מיט מעווינעס.

— זעט מען שוין — זאָגט ער — ווי די ביימער זיינען ביימער — מע קאָן פון זיי האָבן די געזונטע הייזער, אי די ערד איז דאָ טרוקן און גלייך ווי אויפן טיש. עס קאָן זיך דאָ אויסשטעלן אַ דאָרף און אַפילע אַ שטאָט. אָט דאָ וועט שטיין איין גאַס, און דאָ אַנטקעגן — די אַנדערע...

באַ שימקען צעלויפן זיך די אויגן:

— אַט דאָ ?...

— יאָ — ענטפערט קאַלט זאַקס — טאַקע דאָ.

ער שטעלט אַן אויף שימקען אַזאַ בליק, אַקוראַט ווי ער וואָלט פרעגן :

— פאַרוואָס דען ניט ?... וואָס איז דאָ דער וואונדער ?

דערביי זעט ער אוים ווי איינער, וואָס שטעט און דערפער האָט ער שוין אין זיין לעבן געבויט מער, וויפיל ער האָט האָר אויף זיין קאָפּ — אוועקשטעלן דאָ אין מיטן דער טייגע אַ דאָרף איז באַ אים אַ שפּיי, כאָטש איידער ער איז אַהער געקומען מיטן קאָלעקטיוו „ניי־קאַזאַן", האָט ער גאָר געאַרבעט אין ווילנע אויף אַ לאַגער פון געהילץ — אַזוי האָט ער אַליין דערציילט וועגן זיך שימקען.

איצט אָבער וועט ער דאָ אינאיינעם מיט שימקען און מיט דער סאָוועטן־מאַכט בויען אַ קאָלווירט. ער זאָגט צו שימקען :

— ניין, פון אַזאַ שטיקל אָרט גייט מען ניט אַוועק.

עמעס, דאָס וואַסער, וואָס מע האָט אין דער נאָענט געפונען, איז ניט אַזוי איי־איי־איי, נאָר ווער וועט דען ניט לאָזן אויסגראָבן אַ טיפערן ברונעם, וואו דאָס וואַסער, מעגלעך, וועט זיין גאָר גוט ? קעדיי, פון דעסטוועגן, אַ פּרואוו צו טאָן : ווי אַזוי וועט דאָס גע־פונענע וואַסער זיין אויפן טאַם, אַז מע וועט עס אָפּקאָכן. אַ טשייניק אויף אַנצושעפּן און אָפּקאָכן וואַסער געפינט זיך באַ זאַקסן אין זעקל.

אַזוי טוט מען טאַקע : מע צעלייגט לעבן ביידל אַ פייער און מע שטעלט אַוועק דאָס וואַסער אויפקאָכן. עס ווערט דערפון נאָך היימ־לעכער. מע רוט אָפּ לעבן פייער און מע בייסט צו פון דעם, וואָס מע האָט געבראַכט מיט זיך. פרי איז שוין אויך ניט. שאָטנס קריכן נאָך דער זונס גאָלדענער שיין אַלץ העכער און העכער צו די שפּיצן פון די ביימער. סע וואָלט געוועזן אַ מעשוגאַס, מע זאָל נאָך היינט פּרואוון גיין צוריק — ווי נאָר עס וועט טונקל ווערן וועט מען אויפ־הערן זען די סימאָנים, וואָס מע האָט אַהערצו־וועגס אָנגעהאַקט אויף פאַרבייאיקע ביימער, און מע וועט ניט וויסן, וואוהין זיך אַ קער צו טאָן. איבערנעכטיקן, הייסט עס, מוז מען דאָ שוין סיי־ווי־סיי. סע בלייבט בלויז די פראַגע :

— וואָס וועט מען טאָן מיטן געבליבענעם שטיק טאָג ?

וויבאַלד מע האָט זיך אָפּגערוט, פאַרטרונקען מיטן אויפגעקאָכטן

וואַסער, ווי מיט טיי, ווילט זיך דאָ עפעס אַ באַלעבאַטעווע טאָן, דער־ווייזן, אַז מע איז דאָ געווען די ערשטע. אין קאָנטאָר האָט מען פיינט צו גלויבן עמעצן אויפן וואָרט, איז בעסער, אַז מע וועט זיי דאָ נאָכדעם קאָנען באַווייזן... ט׳האָט איר אייך אַ סימען.

שימקע נעמט זיין מיטגעבראַכטע האַק, שאַרט זיך מיט איר אַוועק פונעם בײדל, דרייט זיך אַ ווײלע צווישן די ביימער, באַקוקט איטלעכן גרעבערן בוים פון אויבן אַראָפ, פון אונטן אַרויף, פאַרטראַכט זיך, פייפט דערביי צו מיט די ליפן, ווי ער וואָלט צום בוים זאָגן:

— איי, גוטער ברודער, וועט פון דיר זיין גוטער מאַטעריאַל — דאָ אויפן אָרט קוילעט מען דיך, און דאָ אויפן אָרט וועט מען פון דיר בויען אַ הויז, ווייט וועט מען דיך ניט דאַרפן שלעפן.

לעבן איינעם אַ נישקאָשעדיק־גראָבן בוים בלייבט ער שטיין.

— אויב דאָ־אָ וועט אַמאָל זיין אַ גרויסער קאָלווירט — אַ דאָרף, איז דאָך דער ערשטער האַק עפּעס ווערט — אַנו, וואָס פאַר אַ טאַם האָט ער? —

— טפו, טפו...

שימקע טוט אַ לייכטן שפיי אין איין האַנט, אין דער צווייטער פאַרוואָרפט ער די האַק ווייט אַרונטער און לאָזט אַריין איר שאַרף נידעריק אין בוימס שטאַם אַריין. נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און פונעם בוימס שטאַם, נידעריק בײַ דער ערד, הייבן אָן פליען די ערשטע שפענדלעך — האַלב קאָרע, האַלב האָלץ. עס הויבט זיך אָן צו באַווייזן אַ זאַפטיק־פרישער העלער קאָרב. מיט טויזנטער נאַענטע און ווייטע ווידערקוילעס ענטפערט אויף איטלעכן האַק די טייגע, יאָכצט און ברומט און שרייט. אַזוינס האָט דאָ די טייגע עפשער נאָך קיינמאָל ניט געהערט. זי שרייט נאָך איידער זי ווייסט, וואָס מע טוט איר, גרוילט און שרעקט זיך אינאיינעם מיט אַלע ווילדע באַשעפענישן, וואָס לעבן אין אירע טיפענישן. אונטער דער בייסיקער שאַרף פון האַק ווערט דער זאַפטיק־פרישער קאָרב אין בוים אַלץ טיפער. ער פאַרשיקערט שימקעס בליק, רופט בײַ אים אַרויס אַלץ מער און מער אימפעט. אַ זיס שיקרעס גיסט זיך אַריין שימקען אין קאָפּ, אין אַלע אייוורים איטלעכס מאָל, וואָס ער טוט אַ טראַכט:

— דער ערשטער בוים, אַ?...

ער באַמערקט ניט, וואָס אַרום אים טוט זיך, זעט ניט, אַז אַהער

איז שוין אַ פּאָר מאָל צוגעגאַנגען זאַקס, שוין אַוועק צוריק צוםביידל, זיך שוין אומגעקערט פון דאָרט מיט דער זעג אין האַנט. ער דערהערט פלוצים, ווי זאַקס זאָגט צו אים:

— שוין אַ גענוגער קאַרב — מע דאַרף שוין זעגן...

— אַ?

שימקע דרייט זיך אום מיט אַ פריילעכן בליק צו זאַקסן, באַקוקט אים פון קאָפּ ביז די פיס. ער איז דיר קיין נאַר ניט, אָט־דער זאַקס: אַ שטילער, אַ שטילער און אין אומוואַלגערן דאָ דעם ערשטן בוים וויל ער דאָך האָבן אַ כיילעק. ער שטייט שוין לעבן בוים אויף איין קני, אויפן שטאַם, שוין צוגעשטעלט צום קריץ די שטאָל־שאַרפע זעג־ציינדלעך און וואַרט, שימקע זאָל אָננעמען פאַרן אַנדערן זעג־הענטל.

— אויב אַזוי, איז — טפו...

שימקע טוט ווידער אַ שפּיי אין האַנט, בייגט זיך אָן, נעמט אָן דאָס הענטל, און די זעג לויפט שוין מיט אַ שטאָלענעם קלאַנג הין און צוריק און שיט פייכטע שטראָמעלעך זעגעכץ איןביידע זייטן. אַלע קרעפטן פון קערפּער גיסן זיך אַריין אין יאָדערדיקן האַנט־מוסקול און עס גייט אַ גאַנג. די שטאָלענע זעג־ציינדלעך פאַרקריכן אַלץ טיפער און טיפער אין שפּאַלט, דער שטאַם איז גענוג גראָב. עס געדויערט היפּש, ביז מען דערפילט אין דער האַנט, אַז דער זעג איז גראַם געוואָרן אין שפּאַלט. עפּעס אין דער לופט האָט ווי אַ ציטער געטאָן — דאָס האָט דער בוים מיט זיין גאַנצער הויך־באַצווייגטער מאַכינע זיך געגעבן אַ לייכטן בייג אין יענער זייט, וואו שימקע האָט אויסגעהאַקט דעם טיפן קאַרב. נאָך עטלעכע פיר מיט דער זעג און עס דערהערט זיך אַ האַסטיקער ברעך. ביידע שפּרינגען אָפּ מיט דער זעג אָן אַ זייט, קוקן ווי דער בוים האָט צייט — ווי אַ קאַפּעלע פאַרטשאַדעט, ווי צוגעוואוינט בלויז צו שטיין און ניט צו ליגן, ווי ניט ווויסנדיק וואָס אומפאַלן הייסט, האָט די גרויסע און גראָבע בוים־מאַכינע גענומען ניט פאַלן, נאָר פּאַמעלעך־פּאַמעלעך זיך לייגן, מיט אייגענער שווערקייט, אָפּברעכן זיין לעצטע צוגעבונדנקייט צום וואָרצל, זיך בייגן, בייגן און פּלוצלונג, ווי איבערצייגנדיק זיך, אַז די שפּיל איז אַ פאַרפאַלענע, מיטאַמאָל זיך געגעבן אַ מאַרדעווע אויף דער ערד. די טייגע אַרום און אַרום — ווי אין איר וואָלטן אויס־געשאָסן אָן אַ שיר האַרמאַטן. ערשט איצט האָבן דערהערט אַלע

ווילדע באַשעפענישן אין די נאָענטע און ווייטע טייגע-טיפענישן:

— דער ערשטער בוים-געוואַלגער.

— ס׳איז געשען...

די אַרומיקע ווידערקוילעס האָבן זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט. זאַקס האָט אַ הוסט געטאָן — איין מאָל און צוויי מאָל, ניט-געכאַפּט אַ וויש געגעבן זיין מויל אַהין און צוריק, גאַנץ שטיל אַ זאָג געטאָן:

— נו... זאָל זיין מיט מאַזל!

און ביידע — זאַקס און שימקע — זיינען געבליבן שטיין אַ ביסל פאַרטראַכט און פאַרטראַכטערהייט געקוקט אויפן אומגעפאַלענעם בוים — דער ערשטער אומגעפאַלענער בוים דאָ אין דער טייגע, דאָ, וואו זאַקס האָט פריער אַ ביסל אָנגעוויזן: „דאָ וועט שטיין איין גאַס, און דאָ אַנטקעגן וועט שטיין די אַנדערע.“ אויך איצט האָט זאַקס אויסגעזען, ווי איינער וואָס אויסבויען דאָ אין דער טייגע אַ דאָרף צי אַ שטאָט איז באַ אים איינע פון די גרינגסטע זאַכן — אַ שפּיי און שוין...

(פון „בירעבידזשאַנער“)

נאָכן רעגן

● יעהויאָש

אויסגעפוצט זיך נאָכן רעגן
האָט דער הימל שטילערהייט,
אָנגעטאָן זיין זילבער צירונג
און זיין בלויע יאָנטעוו קלייד...

ריין געטויוולט, פריש פאַרצוואָגן,
שלאָפט דער טונקל-גרינער וואַלד,
דאָ און דאָרט אַ רעגן טראָפּן
ווי אַ דימענט בליצט און שטראַלט...

ס׳שווייגט דער ווינט, די פייגלעך דרעמלען,
פונעם רעגנוועטער מיד,
בלויז די גרילן אין דער פינצטער,
קלאַפּן זייער זומער ליד...

אַ כאַסענע אין בירא־בידזשאַן

● איציק פעפער

איבער גאַסן ליכטיקע אין בירא־בידזשאַן
איז מען אויף אַ כאַסענע אַ יידישער געגאַן.
נו, איז דאָס אַ כאַסענע אַ פריילעכע געווען,
די וועלט האָט אַזאַ כאַסענע נאָך קיינמאָל ניט געזען!

איז האָט מען אַ כאַסענע אַן עמעסע געגרייט,
עס האָבן זיבן נייטערינס די פּאָוועלע גענייט,
עס האָבן זיבן וועבערינס די מענטעלעך געשטריקט,
עס האָבן זיבן קעכערינס די גענדזלעך געפּליקט.

די מעכוטאָנים טראָגן זיך פון נאָענט און פון ווייט,
מע טופּעט און מע טענצלט, און מע טופּעט און מע רייט!

מיידלעך אין קאָסינקעס און זיידעס מיט די בערד
טראָגן זיך אויף אויטאָס, פליען אויף די פערד —
כאָלילע ניט פאַרשפּעטיקן און קומען צו דער צייט,
מע טופּעט און מע טענצלט, און מע טופּעט, און מע רייט!

יידל, וואו ז׳דיין פידל, אוי, און בערל, וואו ז׳דיין באַס?
יידל מיטן קעלישאַק און בערל מיט דעם פּאַס,
און דער לעץ דער מאַרשאַלעק שטייט שוין אויבנאָן,
קייעט אַ צוקערקעלע מיטן לעצטן צאָן.

איז טוט אַ שפּיל, קלעזמאָרימלעך! זאָל דונערן די גאַס.
ניט יידל מיטן פידל, ניט בערל מיטן באַס —
דריי פּויקן און דריי פייפלען, אַ פליוט און אַ באַיאַן
איז האָבן עס אַ שפּיל געטאָן אויף גאַנץ בירא־בידזשאַן!

איז האָט מען עס אַ טאַנץ געטאָן, אַ גיי געטאָן אַ שער,
און מער פון אַלע דרייען זיך די שוויגער און דער שווער,
עס כוואַליען זיך די טיכלעך, די פּאַלעס פליען הויך,
די זיידעס און די באָבעס און די אוראייניקלעך אויך,

די יונגע שוועסטערקינדער און די ברידער און די פריינט,
די שנורן און די איידעמס און — . . . א שער האָט מען ניט פיינט !

און העכער הילכט די מוזיקע און ברייטער ווערט דאָס ראָד,
עס טראָגט זיך פון וואָקזאַל אוועק אהינצו ביזן סאָד,
אהינצו, וואו די בירע האָט א טאַנץ געטאָן צום בארג,
אהינצו, וואו די סאָפּקעלעך שפּאַצירן ארום פּארק.

מיט יאָנטעוו און מיט בליאונגען — די גערטנער פּארזייט,
איז האָט מען עס א טאַנץ געטאָן — די וועלט האָט זיך געדרייט :
אין טייכן און אין אָזערעס — דער קאַרפּ און דער פּאַזאַן,
אין וועלדער, אין געדיכטעניש — די פיכטע און דער טאַן,
די הירשן און די בערג, ווי די אָנגעלייגטע געסט,
דער וועוויריק אויפן צווייגל און דער פויגל אין זיין נעסט.

נו, איז דאָס א כאַסענע, א פריילעכע געווען,
די וועלט האָט אזא כאַסענע נאָך קיינמאָל ניט געזען !
און ניט אזוי די קלעזמער און ניט אזוי דער וויין,
ווי די ערשטע סאָפּקע אין לעוואָנע־שיין.

בא דער סאָפּקע טישן, טישן אָן א שיר,
אויף די טישן פלעשער ווישניאַק, וויין און ביר —
ניט אזוי די פלעשער און ניט אזוי דער וויין,
ווי די מעכוטאָנים אין לעוואָנע־שיין...

שטייען טישן לאַנגע און אויף יעדן טיש
קאַטשקעלעך פון וואַלדהיים און אַמורער פיש —
ניט אזוי די קאַטשקעס און ניט אזוי די גענדז,
ווי די בירער יידן און די בירער טענץ !

העלדזעלעך געפילטע, לעבערלעך אין שמאַלץ,
אויף די ווייסע טישן איז געווען שוין אַלץ :
לעקעכער מיט האָניק, שטרודל מיט קישמיש
און דער איקער יידישע און געפילטע פיש.

נו, איז דאָס א כאַסענע א פריילעכע געווען,
די וועלט האָט אזא כאַסענע נאָך קיינמאָל ניט געזען !

עס דרייען זיך און דרייען זיך א געסל מיט א גאַס,
אַ כאַסענע ז'אַ כאַסענע און ווײַן איז ניט קיין קוואַס!
און גלייך איז דאָך ניט קרום, און קרום איז דאָך ניט גלייך,
די געגנט איז אַ געגנט און די בירע איז אַ טייך,

און מיעס איז דאָך ניט שיין, און שיין איז דאָך ניט מיעס,
און אַלע מעכוטאָנים הויבן שוין די פּיס,
און איינס איז דאָך ניט צוויי, און צוויי איז דאָך ניט דריי,
יידן זינגען, יידן טאַנצן, ווי די פויגלען פריי!

איי, איז דאָס אַ כאַסענע אַ פריילעכע געווען,
די וועלט האָט אַזאַ כאַסענע נאָך קיינמאָל ניט געזען.

איז טוט אַ שפּיל, קלעזמאָרימלעך, דער באַס און דער באַיאַן,
זאָל טאַנצן די גערעטעניש אין גאַנץ בירא־בידזשאַן.
דאָס קאָרן זאָל אַ הויב טאָן זיך נאָך העכער פונעם באַרג,
און רייפן זאָלן ווייַנטרויבן, דער ווײַן זאָל ווערן שטאַרק.

און זיין זאָל אַ גערעטעניש אויף שעפּסלעך די וואָל,
און פול זאָל זיין מיט לאַשעקעס דער בליענדיקער טאָל,
די פיש אין אַלע וואַסערן זיך מערן אָן אַ צאָל,
די וועכטער באַ די גרענעצן נאָך שטאַרקער זיין פון שטאָל.

זונטיק בולבע, מאָנטיק בולבע, דינסטיק בולבע, עס!
וואָס פאַר אַ בולבע, וועמעס בולבע, גיי שוין, גיי, פאַרגעס!
מאָנטיק הינער, דינסטיק אינדיק, מיטוואָך פרישע פיש,
פרייטיק קאַטשקע, שאַבעס גענדזלעך, זונטיק פול דער טיש.

איז דרעמלט ניט, קלעזמערלעך, זאָל שפּילן דער באַיאַן,
דאָס פּייקל זאָל אַ פּייקל טאָן אויף גאַנץ בירא־בידזשאַן,
געדענקען זאָל די כאַסענע די קלעזמער און די פּאָר,
יעדע מעכוטענעסטע ביז הונדערט צוואַנציק יאָר.

און שפּעטער, ווען דאָס פּאָרל וועט שוין ווערן אַלט און גרוי,
זאָל זאָגן זיידעניו דער באָבעציו אַזוי:
— נו, איז דאָס אַ כאַסענע אַ פריילעכע געווען,
די וועלט האָט אַזאַ כאַסענע נאָך קיינמאָל ניט געזען!

ווערטער-ביכל

ווערטער־ביכל

א

א. אַ. וו.—
פֿאַרקירצונג פֿון: און אַזוי ווייטער

אַגעוו [אַגב]—
אין איין וועגס, by the way

אָגער — פֿערד (אַן ער), stallion

אַדראַבע [אדרבה]—
נאָך בעסער, פֿאַרקערט, by all means

אוגערקע — cucumber

אַוואַנסירן — גיין פֿאָרויס, advance

אָוו־בעס־דין [אב בית דין]—
פֿאָרזיצער פֿון הימלישן געריכט

אַווירע [עבירה; מ.—עבירות]—
זינד, transgression, sin

אַוולע [עוולה; מ.—עוולות]—
אומגערעכטיקייט, wrong

אויווער זיין [עובר]—
פֿאַרברעכן קעגן געזעץ, to transgress

אוילעם [עולם] —
אַ מאַסע, אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון מענטשן, crowd

אויסדראַפּען —
אויסקראַצן, אויסשטעכן, scratch

אויסוואורף — scoundrel, rascal

אויסטרייסלען — אַרויסשאָקלען

אויסלייזן — באַפֿרייען, free, redeem

אויסנאַם — exception

אויספֿאָרשער — examiner, investigator

אויפֿגאַב — task

אויפֿגעהייטערט — מונטער, פֿריילעך

אויפֿגעמונטערט —
אויפֿגעלעבט, אויפֿגעהייטערט, revived, spry

אויפֿמערקזאַמקייט — attention

אויפֿעלע [עופֿהלע]—
פּיצל קינד, infant

אויפֿפּראַלן —
אויפֿעפֿענען מיט אַ קלאַפּ, to throw open, break open

אויפֿריכטיק — sincere

אוירעך [אורח; מ.—אורחים]— גאַסט

אום —
וועגן, קעדיי, in order to, about

אומגעווינטשט — undesirable

אומגעלומפּערט — clumsy

אומזין — נאַריש, אָן אַ זין, nonsense

אומיסטן — בעקיוון, purposely

אומע [אומה; מ.—אומות]— פֿאָלק

אומצוטרוי —
ניט גלויבן, ניט געטרויען, distrust

אומצעשטערבאַר — indestructible

אומקומען—
אונטערגיין, שטאַרבן, to perish

אונטערטעניק —
אונטערוואָרפֿן, subjected

אורשטיין — שטיין פֿון גאָר אַלטע צייטן

אַזעס [עזות]— האָזע, כוצפּע, arrogance

אָזערע — lake

איבלען —
ווערן ניט גוט, עקלען, nauseate

איבערהיפּן —
אַרויסלאָזן, אַריבערשפּרינגען, skip, omit

אייגנטימער — באַלעבאָס, owner

איידעס [עדות]— witness

אייווער [אבר; מ.—אברים]—
גליד, organ, limb

אייל — מאָס (קימאַט אַ פּוס), ell

איילבערט — olive

איימע [אימה]—
שרעק, מוירע, פּאַכעד, fear

איינהאָרע [עין הרע]—
אַ בייז אויג, evil eye

איינצל־קאַמער — solitary confinement

איינשטעלן זיך —
זיך אָננעמען, פֿאַרטיידיקן, to defend

איינשרומפּן — מאַכן קלענער, shrink

אייסעק [עסק; מ.—עסקים]—
געשעפֿט, איניען, אונטערנעמונג, business, affair

אילומינירן — באַלייכטן, to illuminate

אימפּעט —
האַסטיקייט, ברען, קראַפֿט, hurry momentum

אימפּעטיק —
האַסטיק, שטורעמדיק, hurriedly momentous

אימפּראָוויזירט — improvised

איינגעווייד — intestines

אינהאַלט — content

אינין [ענין; מערצאָל—ענינים]—
זאַך, אייסעק, affair, business
איפעש [עיפוש]—
שלעכטער רייעך, stench
איקער [עיקר]—
הויפט זאַך, main thing
אירצן — זאָגן „איר", ניט „דו"
אַכזאָריעס [אכזריות]—
שלעכטקייט, cruelty
אָכצן — קרעכצן
אַלט־סטיליק — אין אַלטן סטיל
אָלעוו־האַשאָלעם [עליו השלום] —
פרידן צו אים (טראַדיציאָנעלער שפרוך נאָך אַ געשטאָרבענעם)
אַלקער —
קעמערל, קליין צימערל, alcove
אַם —
אַ פרוי, וואָס זויגט פרעמדע קינדער, wet nurse
אַמאָרעץ [עם הארץ;
מערצאָל—עם הארצים]—
אַ פּראָסטער, אומוויסנדיקער מענטש, ignoramus
אָנגעלייגט —
ליב, appreciated, welcome
אָנגעלעגנהייט - איניען, געשעפט, אייסעק
אָנגעשטרענגט — strained
אָנהאָדעווען — שפּייזן, feed
אַנטפּלעקן — באַווייזן, to reveal
אָנפאַרטרויען —
איבערגעבן פאַראַנטוואָרטלעכקייט, געטרויען, to trust, rely upon
אָנצוג — קאָסטיום
אָנצילען — אַרויפציען, to string
אַנשטאַלט — אינסטיטוציע
אָנשיקעניש — אומגליק, צאָרע, פּלאָג
אָנשליסן (זיך) — join
אָסער [אסור]—
פאַרבאָטן, ניט דערלויבט

אַפּאָנעם [אפנים]—
זעט אויס, ווייזט אויס, so it seems
אָפּגאָט — idol
אָפּגעזאָדן — אָפּגעקאָכט
אָפּגרונט — abyss
אָפּטאָקן — turn on lathe
אַפּטייק — drug store
אַפּעלסין — פּאָמעראַנץ, orange
אָפּצאַס — heel
אָפּצווייגונגען —
צווייגן (ווי בּאַ אַ טייך, אַ וועג, א. אַז. וו.)
אָפּקאַלעכן —
אָפּווייסן מיט קאַלך, to whitewash
אָפּשלאַפן — אָפּשוואַכן, weaken
אַקעראייזן — אַקער, plough
אַקס — axis, axle
אַקשאָנעס [עקשנות]—
איינגעשפּאַרטקייט, stubbornness
אַקשן [עקשן] — אַן איינגעשפּאַרטער
אַראַנזשירן —
איינאָרדענען, צוגרייטן, to arrange
אַראָפּנעם —
דאָס אַראָפּנעמען דאָס גערעטעניש פון פעלד
אַראָפּקייקלען —
אַראָפּפאַלן, אַראָפּגליטשן, אַראָפּוואַרפן, to roll down
אַרויסרוטשן — אַרויסקריכן
אַרויסשלייכן —
שטילערהייט אַרויסגיין, to slip out
אַרומנישטערן —אַרומזוכן, to rummage
אַרומסטאָמפּעווען —
אַרומנעמען אין אַ קרייז, to encircle
אַרומשלייען —
אַרומשלעפּן זיך, אַרומוואַנדערן אָן אַ ציל
אַריע — aria
אַשירעס [עשירות]— רייכטום

ב

באָבע־מייסע - exaggeration, fairy-tale
באַגינען — פאַרטאָג, dawn
באַגער —
פאַרלאַנג, ווילן, שטרעבונג, desire
באַוואוסטזיין — consciousness
באָוול [בבל]— באַבילאָניע
באָטל [בטל]—
אָפּגעשאַפט, void, abolished
באַלאַגערונג־צושטאַנד — state of siege

באַלאַגערן — אַרומרינגלען, besiege
באַלאָדן — loaded
באַל־סימכע [בעל שמחה]—
דער וואָס מאַכט אַ סימכע, host
באַלן [בעלן; מ.—בעלנים]—
אַ מענטש, וואָס איז ווילִיק אָדער גרייט עפּעס צו טאָן
באַלעבאַטישקייט — household
באַלעגאָלע [בעל עגלה]—
פורמאַן, אָנטרייבער, driver

באַלעמוטשען —
גאָרניט טאָן, אַרומדרייען זיך ליידיק
באַלצדאָקע [בעל צדקה] —
איינער וואָס גיט צדאָקע, אַ פילאַנטראָפּ
באָמבלען — שאָקלען, dangle
באַמיען זיך —
זיך אָנשטרענגען, אַרבעטן שווער
באַנג —
טרויעריק, פאַרבענקט, sorrow, regret
longing
באָנדער —
אַ באַלמעלאָכע, וואָס מאַכט פעסלעך,
cooper
באַנומענע קוילעס —
שרעקלעכע, מוירעדיקע קוילעס
באַנקראָטירן —
אָנזעצן, to become bankrupt
באַס־יעכידע [בת יחידה;
מערצאָל—בת יחידות] —
איינציקע טאָכטער
באַס־מאַלקע [בת מלכה;
מערצאָל—בת מלכות] — פרינצעסין
באַערדיקן — באַגראָבן
באַצווינגען —
באַזיגן, באַהערשן, to overcome, force
באַצירן — באַפּוצן, באַשיינען, adorn
באַקאָשע [בקשה; מ.—בקשות] —
ביטע, פאַרלאַנג, request
באָרעך־האַבאָ [ברוך הבא] —
אַ באַגריסונג: „געבענטשט זאָל זיין דער
געקומענער".
באַרעמהערציקע שוועסטער — nurse
בודואַר —
פריוואַט־צימער פון אַ דאַמע, boudoir
בודקע — ביידל
בויגן — bow
בויגן־פּאַפּיר — sheet (of paper)
בוכטע — bay
בוכשטאַב —
אָס, letter (of the alphabet)
בונט — פאַרביק, קאָלירפול; אויפשטאַנד
בונטאַריש — רעבעלירנדיק, rebellious
בורטשען — ברומען, to grumble
בושל — stork
בושע [בושה] — שאַנדע, כאַרפּע
בושעווען — שטורעמען, rage
ביזאָיען [בזיון; מ.—בזיונות] —
כאַרפּע, שאַנד

ביכלאַל [בכלל] —
אין אַלגעמיין, generally
ביניען [בנין; מ.—בנינים]
געביידע, מויער, building
ביק — אָקס, bull
בלאַנק — ריין, גלאַנציק, clean
בלאָנקען (אַרום) —
אַרומבלאָנדזשען, אַרומשלעפּן זיך
בלענדן — dazzle
בסורע [בשורה; מ.—בשורות] —
נייעס, אָנזאָג, message
בעאיס־מייסע [בעת מעשה] —
זע בעשאַס מייסע
בעגילופן [בגילופין] — שיקער, פריילעך
בעגעד [בגד; מ.—בגדים] —
קלייד, גאַרניטער, suit
בעדייע [בדעה] — אין געדאַנק, טראַכט,
to have the intention
בעהאָלע [בהלה; מ.—בהלות] —
טומל און שרעק, צערודערניש,
uproar, tumult
בעז — lilac
בעכיירעם [בחרם] —
פרעגן בעכיירעם—ניט אָנהויבן צו וויסן
בעסאָד [בסוד] — ווי אַ סאָד, געהיים,
secretly
בעס־דין־שעל־מיילע [בית דין
של מעלה] — דאָס הימלישע געריכט
בעסוילעם [בית עולם] — cemetery
בעסמעדרעש [בית מדרש;
מערצאָל—בתי מדרשים] —
אַ שול צום דאַווענען און לערנען
בען־יאָכיד [בן יחיד;
מערצאָל—בן יחידים] —
אַן איינציקער זון
בעפיירעש [בפירוש] —
אויסגעשפּראָכן, באַשטימט, explicitly
בעקויעך [בכח] —
האָבן די מעגלעכקייט, האָבן דעם קויעך
(עפּעס צו טאָן)
בעקיצער [בקיצור] —
אין קורצן, in short
בעריאָזע — birch tree
בעריעשאַפט [בריהשאפט] —
געניטקייט, פּיאיקייט, skill
בעשאַס [בשעת] — ווען, while
בעשאַס־מייסע [בשעת מעשה] —
דערווייל, אין דער צייט ווען עס קומט
פאָר, meanwhile
בעשוטפעס [בשותפות] —
צוזאַמען, in partnership, in common

בעשום אויפן [בשום אופן]—
פאַר קיין פאַל, in no way
בראָנדז — bronze
בראָנעוויק — armored car

ברוד — שמוץ, dirt
ברײרע [ברירה; מ.—ברירות]—
אויסוואַל, choice
בריליאַנט — געשליפענער דימענט

ג

גאַזעט — צייטונג
גאָטספאָרכטיק — pious
גאָלע — הויל, בלויז, אינגאַנצן
גאַנעק — וועראַנדע, porch
גאָרגל — האַלדז, קעל, wind-pipe, throat
גאָרן — שטאָק, floor
גאַרן — האָפן, שטרעבן ; פאָדעם,
to desire; thread
גאַרניטער — אָנצוג, suit
גובערנאַטער — governor
גוואורע [גבורה]—
קויעך, קראַפט, שטאַרקייט
גוואַלד־מיטלען — צוואַנג-מיטלען, violence
גווירישׂ [גביריש]— רייך, פאַרמעגלעך
גוייווער זיין [גובר]—
בייקומען, באַזיגן, to conquer
גויסעסן [גוסס]—
אויסגיין, אין אַגאָניע,
גיבער [גיבור;מ.—גיבורים]-ריז, העלד
גילדן — אַ מאַטבייע פון 15 קאָפּיקעס
גילדערנע — גאָלדענע
גלאַוונע — הויפט, אָנפירער, chief
גלוט — ברען, פייער
גליד — איווער, טייל פון קערפער
גלייכגילטיק — indifferent
גלייכגעוויכט — equilibrium
געבאָט — מיצווע; באַפעל, command
געבערן — האָבן אַ קינד
געגלייזט — glazed
געדולע [גדולה;מ.—גדולות]—
סימכע, פרייד
געדרענג — שטופעניש, ענגשאַפט
געהויבן —
פאַרטיציפּ פון הויבן ; אויסגעצייכנט
געהויבנקייט— elation
געהירן — מויעך, brains
געהענעם [גיהנום]— hell
געוויטער — שטורעם

געווימל—
אומרואיקע באַוועגונג פון אַ מאַסע,
swarm
געזינדל — מישפּאָכע, פאַמיליע
געזעל — אַן אַרבעטער אין אַ ווערקשטעל,
journeyman, apprentice
געזעמל — גרופּע מענטשן, crowd
געלאַסן — רואיק, שטיל, פאַמעלעך
געלונגען — successful
געליימט — פּאַראַליזירט
געלעגנהייט — opportunity, occasion
געלענק — joint
געמאָרע [גמרא]—
אַ זאַמלונג פון רעליגיעזע יידישע
ביכער, Talmud
געמיטלעך — genial, in good humor
געמיט־צושטאַנד — שטימונג, mood
געמעל — מאַלעריי, בילד
געפּלעפט — איבערראַשט, דערשטוינט,
dumbfounded, startled
געפאַנגענשאַפט — captivity
געפלאַסטערט — ברוקירט, paved
געצעלט — ביידל, tent
גערעטעניש — harvest
גערשטן — barley
געשאַנק — מאַטאָנע, פּרעזענט
„געשאָסן”—געיאָגט זיך, געאַרבעט שנעל
(אַמעריקאַניזם)
געשיינט — אויסגעזען ; געגלאַנצט
געשיקט — קונציק, געניט, apt, skillful
געשיקט זיך - איז מעגלעך ? קען זיין ?
how come?
גראָב־אייזן — pick
גראַם — rhyme; roomy
גראַציעז — שלאַנק, שיין, graceful
גרויזאַמקייט — אַכזאָריעס, cruelty
גרויסאַרטיק — magnificent
גרויסן זיך —שטאָלצירן, to boast, brag
גריווע — mane
גריזשען — to gnaw
גרימיק — צעוויטיקט, צאָרנדיק, grim

ד

דאַהטש —
פאַרגרייזט פון דייטש (גאַליציאַנער דיאַלעקט)

דאַלעס [דלות] — אָרעמקייט, נויט

„דאַמפּפער״ —
דייטשמעריש פאַר דאַמפער, דאַמף־שיף, steamboat

דאַמקע — checkers

דאָר [דור] generation

דאַרשענען [דרשנען] —
רעדן (אין דער וועלט אַריין), האַלטן אַ רעדע, to make a speech

דאַשעק —
פאָדערשטער טייל פון אַ היטל, visor

דום — נאַריש, dumb,

דו'סט — פאַרקירצט פון דו ווערסט

דופט — אָנגענעמער רייעך, aroma

דורכגעטריבן —
כיטרע, דערפאַרן, קלוג, shrewd

דורכזיכטיק — transparent

דורכשניט — average

דיוואַניקל — קליינער טעפּיך; קליינע סאָפע rug; small sofa

דייגע [דאגה; מ.—דאגות] זאָרג, worry

דייע [דעה; מ.—דעות] —
באַשליסנדיקע מיינונג, deciding voice

דיכטער — פּאָעט

דין־וועכעזשבן [דין וחשבון] —
רעכענונג, account

דיריגירן —
אָנפירן מיט אַן אָרקעסטער אָדער כאָר

דיריגענט —
אָנפירער פון אַן אָרקעסטער

דישל — shaft (in a wagon)

דלאָניע — palm (of a hand)

דענקמאָל — מאָנומענט

דערבאַרעמדיק — merciful

דערבאַרעמונג — ראַכמאָנעס, mercy, pity

דערבאַרעמען (זיך) —
האָבן ראַכמאָנעס, האָבן מיטלייד

דערגיין — אויסגעפינען

דערמוטיקונג — encouragement

דערעכערעץ [דרך ארץ] — רעספּעקט

דערשטוינט —
איבערראַשט, פאַרוואונדערט, astounded

דערשלאָגן זיך — דערגרייכן

דראָאונג — וואָרענונג, threat

דראַטווע — שוסטערשער פאָדעם, shoemaker's thread

דראַם־קרייז — דראַמאַטישער קרייז

דראָען — וואָרענען, to threaten

דרינגען — אויספירן (אין געדאַנק), to deduce, to conclude

דרעלעווען — to drill

דרעמלען — שלאָפן, to doze off

ה

האָבער — oats

האָזע [העזה] — כוצפע, impudence

האַכנאָסע [הכנסה; מ.—הכנסות]
איינקונפט, income

האָלאָוועשקע — ember, cinder

האַלדזן — זיך אַרומנעמען, embrace

האָלט — ליב, to like

האַלעווײַ [הלואי] — would to God

האַלעמיי [הלמאי] — פאַרוואָס דען, why

האַמוין [המון] — mob

האַנאָע [הנאה] —
פאַרגעניגן, צופרידנקייט

האַפן — פּאָרט, harbor

האָפערדיק — שטאָלץ, exulting, proud

האָק — hook

האַקדאָמע [הקדמה] — פאָררעדע, preface

האָרעפּאַשנע —
שווער אַרבעטנדיק, toiling

הובל — plane (of a carpenter)

הודאָק — siren

הודיען — קלינגען ווי אַ גלאָק

הויכגעשטעלט — ווירדיק, וויכטיק, in a high position, important

הויך־טורעמדיק — towering

הויל — נאַקעט, אויסגעליידיקט, bare

הוילעך [הולך] —
גאַנג, קליידונג, appearance

הויסאָפּע [הוספה; מ.—הוספות]— פאַרגרעסערונג, צוגאָב, addition, raise
הויצאָע [הוצאה; מ.—הוצאות]— אויסגאַבע, expense
הייל — cave
הילך — קלאַנג פון אַ קלאַפּ, הויכער קלאַנג
הימן — hymn
הינטערווייַלעכץ — from behind, cunningly
היניין — דייטשמעריש פאַר אַריין
הינערפלעט — לעטאַרגישער שלאָף, coma, lethargy
היסטעריקע — hysterics
היפּש — considerable
הירט — פּאַסטוך
funeral oration
הענקער — אויספירער פון טויט-שטראָף. executioner
העספּעד [הספּד; מ.—הספּדים]— אַ טרויער-רעדע ביי אַ לעווייע,
העפטן — צונויף נייען, שטריקן, to embroider, to crochet
העפלעך — polite

וו

וואָגלען — אַרומוואַנדערן
וואָגן — to dare
וואוילעריש — וואויל-יונגעריש, גרויסהאַלטעריש
„וואַטשימטשעין"— פאַרגרייזט פון „וואַטש ענד טשעין"
וואָיען — to howl
„וואָיענע פאָליע"— מיליטעריש פעלד (רוסיציזם)
וואַך — אויף זיין, guard, awake
וואָלוול — ביליק, cheap
וואָקזאַל — באַן סטאַנציע, railroad station
וואַרגן — שטיקן, choke
וואָרום — ווייל, פאַרוואָס, why, because
ווידערקאָל — עכאָ
ווידערשטאַנד — insurrection, resistance
ווידערשפּעניקן — רעבעלירן, defy, disobey
וויוואַט — זאָל לעבן, Hurrah!
וויכן — אויסמיידן, avoid, evade
ווייַנשל — קאַרש, cherry
ווייסע-כעוורעניקעס — שטיפער, צעלאָזענע יינגלעך
ווייען — בלאָזן; ווייטאָגן, to blow; pains
וויכער — שטורעם
וויע — eye lash
ווירדע — שטאָלץ, זעלבסט-רעספּעקט, dignity
וועגענער — וואָגנס
וועל — כוואַליע, wave

ז

ז'אַ — פאַרקירצט פון איז אַ
זאַלבעצווייט — אין צווייען
זאַלפּ — שאָס פון עטלעכע ביקסן מיטאַמאָל, salvo
זאַנג — stalk, ear (of corn or wheat)
זאַפראַן — saffron
זאָקן [זקן; מ.—זקנים]— אַלטער, old man
זוים — ברעג, seed; edge, hem
זייכער [זכר]— אָנדענק, צייכן, souvenir, sign
זייל — pillar
זיין אויף — זיין וואַך, ניט שלאָפן
זיין ליבער נאָמען — גאָט
זינד — sin
זינען — געדאַנק, סייכל, sense, mind
זעגל — sail
זעלנער — סאָלדאַט
זעמער [זמר; מ.—זמרים]— געזאַנג, ליד
זשאַווער — ראָסט, rust
זשאַלעווען — to begrudge, to spare
זשאַנדאַרמסקע — gendarmerie
זשאַרגאָן — געמישטע שפּראַך
זשוואַווע — רירעוודיק, לעבעדיק, brisk
זשוק — beetle
זשיפּען — קוים אָטעמען, קוים לעבן
זשליאָקען — זויפן, טרינקען, gulp
זשעדנעקייט — greed

ט

טאַכלעס [תכלית]—
צוועק, ציל, רעזולטאַט, purpose, aim, result
טאַלמיד [תלמיד; מ.—תלמידים]—
שילער, סטודענט
טאַם [טעם; מ.—טעמים]—
סיבע, אורזאַך, reason; taste
טאָמיד [תמיד]— שטענדיק, אייביק
ט'אַסטע — פאַרגרייזט פון אַט האַסטו
טאַן — טענענבוים, fir tree
טאָנעס [תענית; מ.—תעניתים]—
פאַסט-טאָג
טויוולען [טובלען]—
שווענקען, באָדן, וואַשן
טויווע [טובה; מ.—טובות]—
service, favor
טולופּ — פעלצל, fur coat
טומאַן — נעפּל, fog
טונדראַ —
דער נאָמען פון אַ סטעפּ אין סיביר
טוץ — 12 שטיק, dozen
טיאָכקע — האַרץ-קלאַפּ, throb
טייגאַ —
דער נאָמען פון אַ וואַלד אין סיביר
טייווע [תאוה; מ.—תאוות]—
ליידנשאַפט, passion
טייַנע [טענה; מ.—טענות]—
רייד, אַרגומענט, קלאַגע, complaint

טייַנעג [תענוג; מ.—תענוגים]—
פאַרגעניגן, pleasure
טייקעף [תיכף]—
גלייך אויפן אָרט, באַלד, immediately
טיפשע [טפשה]— אַ נאַרישע פרוי
טיר — כייע (דייטשמעריש)
טישע-באָוו [תשעה באב]—
אַ טאָנעס דעם ניינטן טאָג אין כוידעש אָוו (אַרום אויגוסט)
טליע [תליה; מ.—תליות]—
scaffold, gallows
טעווע [טבע]- נאַטור, אייגנשאַפט, habit
טעמפּ — dull
טעפּיך — carpet, rug
טפילע [תפילה; מ.—תפילות]—
געבעט (צו גאָט), prayer
טראָטואַר — sidewalk
טראַכט —קליידער, קליידונג (אַרכאַאיש)
טראַנשיי — trench
טראַקט — וועג
טריב — כמורנע, טרויעריק, sombre
טריפּוואַקס — sealing-wax
טרעקאָטשע — קלאַפּעריי פון רעדלעך
טשאַדנדיק — fumous, suffocating
טשיפּעק — bonnet
טשיקאַווע —
אינטערעסאַנט, מאָדנע, odd, curious
טשעמאָדאַנטשיק —
רייזע-טאַש, וואַליז, satchel

י

יאַבאָשע [יבשה]—
לאַנד (אין קעגנזאַץ צו יאַם)
יאַדאַכעס [יד אחת]—
איין האַנט, סאָלידאַריטעט,
יאָדערדיק —
פול מיט יאָדערן, פעסט, קרעפטיק
יאַטערן —
מאַטעריע, רינענדיק פון אַ וואונד, to fester
יאָך — לאַסט,
יאַכט — yacht
יאַכסן [יחסן; מ.—יחסנים]—
אַ מענטש פון אַן איידעלער אָפּשטאַמונג, a pedigreed person
יאָכצן — אָכצן, זיפצן, קרעכצן

יאָלקע — Christmas tree
יאַסלע — gum (of teeth)
יאַריד [יריד]- אַ מאַרק, אַ טומל, fair
יאַרמעלקע — skull-cap
יאַרשענען [ירשנען]— to inherit
יויצע וועגן [יוצא וועגן]—
זיך באַנוגענען, אָפּקומען, זיך אויס-פיינען
to do something for appearance's sake
יוישער [יושר]-גערעכטיקייט, justice
יוניע — פאַרגרייזט פון יוניאָן
יעדיע [ידיעה; מ.—ידיעות]— נייעס
יעלאָלע [יללה; מ.—יללות]—
געוואַלט, קלאָגעריי, wail, lament

כ

כאַטקע — אַ קליין, אָרעם הייזל, hut
כאַיונע [חיונה]—
וואָס מ'דאַרף צום לעבן, subsistence
כאַלאַט — לייכטער, לאַנגער ראָק, robe
כאַלילע [חלילה]— God forbid
כאַליערע — אַן עפּידעמיע,
כאַלעל [חלל]— עפענונג,
vacuum, cavity
כאַסער דייע [חסר דעה]—
מעשוגע, פאַרלוירן דעם פאַרשטאַנד
כאַפּטע — אַ בעוורע, גרופּע, band, gang
כאַראָטע [חרטה]— regret
כאַרכלען —
צו רעדן אין אַ פאַרשטיקט קאָל;
אָטעמען שווער,
to gasp, to speak in a hoarse voice
כאַרעוו [חרוב]— רואינירט, צעשטערט,
ruined, destroyed
כאַרפּע [חרפה]—שאַנדע, ביזאָיען,
shame
כויזעקן [חוזקן]—
אָפּלאַכן, אָפּשפּאָטן, to deride, ridicule
כוישעד (זיין) [חושד]—
פאַרדעכטיקן, to suspect
כומעש [חומש]—
ערשטע 5 ביכער אין דער ביבל,
Pentateuch

כורבן [חורבן]—
צעשטערונג, wreck, ruin
כידעשן (זיך) [חידושן]—
וואונדערן זיך, זיין איבערראַשט,
to wonder, to be surprised
כיטרע — cunning, sly
כיילעוו [חלב]— tallow
כיילעק [חלק; מ.—חלקים]— טייל,
share, part
כיינעוודיק [חנעוודיק]—
שיין, cute, charming
כייע ראָע [חיה רעה]—
אַ בייז באַשעפעניש, אַ ווילדע כייע
כיישעק [חשק]— פאַרלאַנג, desire
כיסאָרן [חסרון; מ.—חסרונות]—
פעלער, shortcoming, defect
כיעס [חיות]—
זאַפט פון לעבן, קויעך פון לעבן,
vitality
כליפּען — וויינען שטילערהייט, sob
„כעוורע אנשע קוזמין" [חברה אנשי קוזמין]—
שולעכל פון די קוזמינער לאַנדסלייט
כעזשבן [חשבון; מ.—חשבונות]—
רעכענונג, account

ל

לאַווינע — avalanche
„לאָופער" — פאַרגרייזט פון לויפער
לאָזשע — loge
לאַטשן — פאַנטאָפל, slippers
לאַמדן [למדן; מ.—למדנים]—
לערנער, קענער,
savant, erudite person, scholar
לאַנגווייליקן (זיך) — to be bored
לאַנען — פעלדער
לאַץ — lapel
לאַקיי — doorman, lackey
לאָשן [לשון; מ.—לשונות]—
שפּראַך, language
לויע — lukewarm
לאָשעק — יונג פערדל, colt, pony
לויטער — קלאָר, ריין, clear
לולעוו [לולב]—
צווייג פון אַ פּאַלמע בוים

לופט־שלעסער — פאַנטאַזיעס, טרוימען,
castles in the air
ליאָדע — וועלכער עס איז, וואָס עס איז,
no matter who, no matter what
ליאָק — brine
ליאַרעם —טומל, ראַש, din, noise, alarm
ליבלינג —
איינער, וואָס איז באַליבט, favorite
ליווריען —
קליידער, וועלכע עס טראָגט אַ לאַקיי,
livery
לייבל —
אַן אויבערהעמדל undershirt, waist
ליידנשאַפט — טייווע, passion
לייצע — rein
לייקע — funnel
לימוד [לימוד; מ.—לימודים]—
לעקציע, געגנשטאַנד, subject

לעווייע [לויה; ר.—לווית]— funeral

לעמאָשל [למשל]— צום ביישפּיל, for example

לעסאַטע [לעת עתה] — דערווייל, meanwhile, for the present

לעץ [לץ; ר.—לצים]— איינער וואָס שפּאַסט, וויצלער, clown, "wise guy"

מ

מאָדיסטקע — שניידערקע, dressmaker

מאַהאַלעך [מהלך]— וועג, ווייטקייט, distance

מאָזאָליע — פאַרהאַרטעוועטע הויט אויף די הענט (פון שווערער אַרבעט), callous

מאַזיק [מזיק; ר.—מזיקים]— אַ צעלאָזן, ווילד יינגל (בוכשטעבלעך: שעדיקער)

מאַט — טונקל, שוואַך, dim, dull

מאַטערן — פּייניקן, אַנטאָן לייד, to torture

מאַטריעך (זיך זיין) [מטריח]— באַמיען זיך, זיך נעמען די מי

מאַיעווקע — אַ מיי-פרימאָרגן, אַ שפּאַציר אין אַ מיי-פרימאָרגן

מאָך — moss

מאַכינע — contraption

מאַכשאָווע [מחשבה; מערצאָל—מחשבות]— געדאַנק

מאַכשירים [מכשירים]— געצייג, implements, tools

מאָלאָדיעץ — וואוילער יונג

מאַלבוש [מלבוש; ר.—מלבושים]— קלייד, אָנצוג, clothes

מאַלע כיין [מלא חן]— פול מיט כיין, זייער שיין, very charming

מאַלעגיירען [מעלה גרהן]— איבערקייען פיל מאָל, איבעררעדן פיל מאָל, chew the cud

מאַלעך האַמאָוועס [מלאך המות]— מאַלעך פון טויט

מאַלעך מייליץ [מלאך מליץ]— אַ מאַלעך, וואָס פאַרטיידיקט

מאַמזער אויגן [ממזר אויגן]— קלוגע אויגן

מאַמעש [ממש]— ווירקלעך, קעמאַט, truly, almost

מאָן [מן]— שפּייז, וואָס איז, לויט דער ביבלישער לעגענדע, געפאַלן גרייט פון הימל, manna

„מאָנדעכיי" — פאַרגרייזט פון מאָרדעכיי (מרדכי)

מאַנזשעט — cuff

מאַסט — mast

מאַסלינע — olive

מאַסקים [מסכים]— איינשטימיק, to consent, agree

מאַצליעך [מצליח]— האָבן גליק, האָבן מאַזל, האָבן דערפאָלג, to be lucky

מאַקעס-רעצעך [מכות רצח]— מערדערלעכע קלעפּ, שרעקלעך שלאָגן

מאָרדע — jaw, chin

מאָרדעוואַניע — האָרעוואַניע, פּראַצע, שווערע אַרבעט

מאָרע שכוירע [מרה שחורה]— מעלאַנכאָליע, melancholy

מאָרעל — peach

מאַרשאַלעק — באַדכן, צערעמאָניע-מייסטער אויף אַ כאַסענע, jester

מאַרשאַעס [מרשעת]— אַ שלעכטע פרוי, shrew

מוידע (זיין) [מודה]— to confess

מויעך [מוח]— סייכל, brain

מולטער — trough

מוליער — מויערער, bricklayer

מונדיר — uniform

מוסטער — ביישפּיל, מאָדעל, example, model

מורעשקע — ant

מושעלן — shells

מיזבייעך [מזבח; ר.—מזבחות]— altar

מיזערנע — אָרעם, קלעגלעך, poor, miserable

מיזרעך [מזרח]— east

מייווין [מבין; ר.—מבינים] אַ ווייסער, אַ קענער, expert

מייכל [מאכל; ר.—מאכלים]— שפּייז, dish, food

מייליץ יוישער [מליץ יושר]— פאַרטיידיקער, defender

מײלע [מעלה; מ.—מעלות]—
virtue, advantage
מײמעסן [ממיתן]—
שלאָגן צום טויט, דערהאַרגענען
מײרעװ [מערב]— west
מין האַסטאַם [מן הסתם]—
װאַרשײנלעך, probably
מינע-אויסדרוק אויפן פּאָנעם, האַװאַיע,
grimace
מינערן — פאַרקלענערן; אַראָפּנעמען,
belittle, to decrease
מיסכער [מסחר; מ.—מסחרים]—
געשעפט, business
מיצװע [מצוה; מ.—מצות]—
רעליגיעז געבאָט, אַ גוטע טאַט,
good deed
מירט — myrtle-tree
מירמל — מאַרמאָר, marble
מעבל — furniture
מעגושעמדיק [מגושמדיק]—
פּראָסט, גראָב, רוי
מעדינע [מדינה; מ.—מדינות]—
לאַנד, country
מעהומע [מהומה]— turmoil, uproar
מעװאַקער כוילע (זײַן)
[מבקר חולה]— באַזוכן אַ קראַנקן
מעװינעס [מבינות]—
קענטשאַפט, אָפּשאַצונג
מעװע — אַ ים-פויגל, sea-gull
מ׳עט — פאַרקירצונג פון מען װעט
מעיאַשעװ (זיך זײַן) [מיישב]—
זיך באַטראַכטן, איבערלײגן,
to consult, to consider
מעכאַבעד [מכבד]—
אָפּגעבן קאָװעד, אויפנעמען געסט מיט
גוטע זאַכן
מעכוטן [מחותן; מ.—מחותנים]—
פאָטער פון כאָסן אָדער קאַלע

מעכויעװ [מחויב]—
פאַרפליכטעט, פאַראַנטװאָרטלעך,
obligated
מעכטיק — שטאַרק, קרעפטיק, powerful
מעלאַמעד [מלמד; מ.—מלמדים]—
לערער אין אַ כײדער אָדער אין אַ
טאַלמעד-טוירע, rabbi
מעלעך [מלך; מ.—מלכים]— קעניג
מעמשאָלע [ממשלה;
מערצאָל—ממשלות]—
הערשאַפט, reign
מעסופּעק [מסופק]—
אין צװײפל, ניט זיכער, doubtful
מעסלעס [מעת לעת]—
טאָג און נאַכט, 24 שאָ
מעציע [מציאה; מ.—מציאות]—
bargain
מעקאַבל פּאָנעם (זײַן) [מקבל פּנים]—
אויפנעמען אַ גאַסט, to welcome
מעקויעך [מכח]— װעגן, about
מעקלער —
אַגענט, פאַרמיטלער צװישן סאָחרים,
agent, broker
מערץ מאַנומענט (צום ליד „פּאַרד רוזש
פּלענט״) — מערץ 7, 1932, האָבן
טויזנטער אַרבעטער מאַרשירט צום
פּאַרד זאַװאָד און געפאָדערט אַרבעט
אָדער רעליף. פאָרדס פּאָליציי האָט דער-
שאָסן 5 אַרבעטער. זײער קײװער גע-
פינט זיך אַנטקעגן דעם פאָרד זאַװאָד.
מערצעשעם [אם ירצה השם]—
מיט גאָטס װילן, מיט דער צײַט
מעשאָרעס [משרת; מ.—משרתים]—
באַדינער, אָנגעשטעלטער servant, clerk
מעשונע [משונה]—
מאָדנע, ניט געװײנלעך, peculiar
מעשופּעדיק [משופּעדיק]— sloping
מעשײער (זיך זײַן) [משער]—
זיך אָנשטויסן, זיך פאָרשטעלן,
באַגרײַפן, to suppose
מרוקען — ברומען, bleat, moo

נ

נאַהײקע — פּאָליציאַישער קאַנטשיק
נאַכעס [נחת]— פאַרגעניגן
נאַכשפּירן – נאָכקוקן, נאָכזוכן, שפּיאָנירן
נאָל —
שוסטערשער אינסטרומענט צו נײען,
awl
נאַקונקט — פאַרגרײזט פון נאַקעט

נויקעם (זיך זײַן) [נוקם]—
נעמען נעקאָמע, זיך אָפּרעכענען,
take revenge
ניאַנטשען — nurse
ניגן [ניגון; מ.—ניגונים]—
מעלאָדיע, tune
ניט גוט װערן — חלשן, to faint

ניי‌גע‌ריק — anxious, curious
ניכט — דייטשמעריש פאַר ניט
ניספּאָעל [נתפעל]—
פּאַרוואונדערט, איבערראַשט, marvelling, astonished
ניפטער (וועז'ן) [נפטר] —
שטאַרבן (ווען מ'רעדט וועגן הייליקע לייט)

נישטערן — זוכן
נעגידיש [נגידיש]— פּאַרמעגלעך, רייך
נעגידעסטע [נגידיתטע]— רייכע פרוי
נעפעש [נפש; מ.—נפשות]—
אַ פּאַרשוין, אַ מענטש, אַ קערפּער
נעקאָמע [נקמה]— revenge
נערן — שפּייזן, to feed

ס

סאַדיסט — sadist
סאַזשלקע — pool, pond
סאַכאַקל [סך הכל]—
אונטערשטע שורע, צוזאַמען, total
סאָסנע — pine
סאָפּען — שווער אָטעמען, to pant
סאָפּקע — בערגל
סאַקאָנע [סכנה; מ.—סכנות]—
געפאַר, danger
סאַקל — לייכטער מאַנטל
סאָרטירן — to assort
סדאָם [סדום]—
ביבלישע שטאָט פון שלעכטע מענטשן, סימבאָל פון שלעכטס
סוואָרע [סברה; מ.—סברות]—
געדאַנק, מיינונג,
סוויטע — retinue, suite
סומאַטאָכע —
טומל, צעטומלעניש, confusion, uproar
ס'ט — פּאַרקירצט פון דו וועסט
סטעזשקע — path

סטענגע — בענדל, ribbon
סטריגעווען — to baste
סייפער [ספר; מ.—ספרים]— בוך
סימען [סימן; מ.—סימנים]—
צייכן, sign
סינע [שנאה]— האַס, hatred
סלופּ — pole
סמאַליען — to singe
סנאָפּ — stack, sheaf
סעדער־האַלטער — orchard keeper
סעדרע [סדרה]— אַ קאַפּיטל פון כומעש
ס'עט — פּאַרקירצט פון עס וועט
ספּיריטואַליסט — spiritualist
ספּרוזשינע — spring
ס'צעבערט—עס גיסט ווי פון צעבערס,
(צעבער—עמער),
to pour cats and dogs
"סקאַצל קומט" —
אַן אַלטמאָדישע באַגריסונג
סרייפע [שרפה; מ.—שרפות]— פייער

ע

עגבער — bore, drill
עלנט — איינזאַמקייט, אַליין, loneliness
ענטוועדער — either, whether
עסטער האַמאַלקע [אסתר המלכה]—
קעניגין עסטער

עקדיש — lizard
ערעוו [ערב]— אַ טאָג פאַר אַ יאָנטעוו,
on the eve of
ערשטלינג — ערשט-געבוירענער,
first-born

פּ

פּאַוואָליע — פּאַמעלעך, לאַנגזאַם, slowly
"פּאַווסטאַניע" —
אויפשטאַנד (פון פּויליש)
"פּאַווע" גאַס —
אַ גאַס אין וואַרשע וואו עס געפינט זיך די טורמע "פּאַוויאַק"
פּאַזע —
לענג-אויס, נאָענט, close, alongside

פּאַטערן [פטרן]—
פּאַרשווענדן, קאַליע מאַכן, to waste
פּאַטשערקע — קרעל, bead
"פּאָיעזד" — באַן (רוסיציזם)
פּאַכעד [פחד; מ.—פחדים] —
מוירע, שרעק
פּאָליט־שול — פּאָליטישע שול
פּאָליציי־צירקל — police precinct

פּאָמאָיע — שמוציק וואַסער, slop

פּאַנצער — armor

פּאַסטקע — trap

פּאָסעק [פּסוק] — שפּרוך

פּאַפּ — paste

פּאַראַסאָלניק —
שירעם-מאַכער, umbrella maker

פּאַרוק — שייטל, wig

פּאַרטאַטש —
אַ קאַליקע (ווען עס רעדט זיך וועגן אַרבעט), botcher

פּאַרנאָסע [פּרנסה; מ.—פּרנסות] —
פֿאַרדינסט, מאַכן אַ לעבן, באַשעפֿטיקונג

פּאַרנאָסע־געבער [פּרנסה געבער] —
פֿאַרזאָרגער, ברויטגעבער, bread-winner

פּאַרע — דאַמף, steam

„פּאַרע מעלעך מיצראים" [פּרעה מלך מצרים] —
פּאַרע, דער קעניג פֿון עגיפּטן

פּאָרען זיך —
אַרבעטן אַרום, to tinker

פּאַרענטש — hand-railing, balustrade

פּאָרקען — to tinker, fuss

פּויעלן [פּועלן] —
אויסווירקן, באַאיינפֿלוסן, אויספֿירן

פּוכערל — בלעזל, balloon

פּוכקע — ווייך

פּייגערן [פּגרן] —
שטאַרבן (ווען עס רעדט זיך וועגן בהמות אָדער וועגן מענטשן אין אַ באַ־ליידיקנדיקן זין)

פּייע [פּאה; מ.—פּאות] —
האָר ביי די זייטן לעבן די שלייפֿן, וואָס פֿרומע יידן שערן ניט אָפּ, side-burns

פּיירע [פּרי; מ.—פּרות] —
פֿרוכט, אויבס,

פּיעשטשען —
צערטלען, to fondle, caress

פּיקע — שפּיז, spear

פּלאַכטע — אַ שטיק זאַק-לייווונט, piece of coarse linen cloth

פּלודערן — הויזן

פּלוידער — chatter

פּליושקען — splash

פּלימעניק — nephew

פּלעטן — צעקלאַפּן, צעברעכן, to raffle; smash, crush

פּסאַק [פּסק] —
אורטייל, אויסקומעניש, שטראָף, punishment

פּסעוודאָנים — פֿען-נאָמען, pseudonym

פּעגירע [פּגירה; מ.—פּגירות] —
carcass

פּעטיט — קליין, petite

פּענסנע — ברילן, גלעזער, pence-nez

פּראַכט — שיינקייט, splendor

פּראָסטאַק —
אַ פּראָסטער מענטש, אַ מענטש אָן וויסן, אָן מאַניערן

פּראַצע —
שווערע אַרבעט, האָרעוואַניע, toil

פּראַצעווען —
האָרעווען, אַרבעטן שווער, to toil

פּראָקאַט — אויף באָרג, for hire

פּריסטאַוו —
העכערער פּאָליציי-באַאַמטער אין צאַרישן רוסלאַנד

פּרישטש — בלאָטער, געשוויר, pimple

פּרעטענזיע — פֿאָרוואורף, claim

פּרענט — שטאַנג, iron bar

פ

פֿאַטשיילע — טוך, שאַל

פֿאַך —
מעלאָכע, באַשעפֿטיקונג; פּאָליצע, trade; shelf

פֿאַלד — pleat, wrinkle, fold

פֿאַלובאַן — plait, fold

פֿאַסאָן — fashion, style

פֿאַסטריגען —
מאַכן לאַנגע שטעך, to baste

פֿאַסן מוט —
זיך אָננעמען מיט מוט, זיין דרייסט

פֿאַראומערט —
טרויעריק, sad, dejected

פֿאַראיבל — פֿאַרדראָס, grudge

פֿאַראיבעריקט —
אָפּגעשפּאָרט; מאַכן איבעריק

פֿאַראייזנט — האַרט ווי אייזן

פאַראירט — פאַרבלאָנדזשעט, צעדרייט

פאַראַכטונג — contempt

פאַראַנטוואָרטלעכקייט —
אַכריות, responsibility

פאַרבאָרגן —
באַהאַלטן, conceal, to hide

פאַרבאַרייטונג —
צוגרייטונג, preparation

פאַרברעך — crime

פאַרגאָלדט — באַצויגן מיט גאָלד

פאַרגליווערן — פאַרפרירן, to congeal

פאַרגעשריטן —
אַנטוויקלט, progressive, advanced

פאַרדעכטיק — suspicious

פאַרהאַמעווען — אָפּשטעלן, to check

פאַרהער — אויספאָרשונג,
examination, investigation

פאַרוואַנדלען —
ענדערן, טראַנספאָרמירן, to transform

פאָרווערטס —
פאָרויס (דייטשמעריש), forward

פאַרזיגלען — to seal

פאַרזעצן — אַוועקגעבן אַלס משכּון,
to pawn

פאַרזשמורען —
צונויפנעמען די אויגן, פאַרמאַכן די אויגן, to squint

פאָרט — דאָך, still, then, after all

פאַרטשאַדעט — fumed

פאַריאָמערט — פאַרקלאָגט, פאַרוויינט

פאַרכטיק —
מוירעדיק, שרעקלעך, fearful

פאַרמאַסערן [פאַרמסרן]— to squeal

פאַרמעגן —
רייכטום, אייגנטום, property, wealth

פאַרנומען —
פאַרטאָן אין דער אַרבעט, busy

פאַרנייגן (זיך) — to bow

פאַרערער — admirer

פאַרצאַמען —
אַרומרינגלען מיט אַ צוים, hedge in

פאַרצערן — to consume

פאַרקאָווען — פאַרשמידן

פאַרקומערט —
פאַרטרויערט, gloomy, dejected

פאַרקישעפן [פאַרכּישופן]—באַצויבערן
to cast a spell over, to bewitch

פאַרקערעווען — אויסדרייען, to turn

פאַרשוואַרצט ווערן—מאַטערן זיך, ליידן

פאַרשוועכונג —
שענדונג, אַ מיעסע טאַט,
desecration, violation

פאַרשטויסן — spurn, to repudiate

פאַרשטשעמען —
צוזאַמענדריקן, צונויפקוועטשן (די ציין)

פאַרשייט — צעלאָזן, ווילד

פאַרשימלט — mouldy

פאַרשמייעט —
פאַרטאָן, פאַרטראַכט, hustling

פורמאַן — באַלעגאָלע, driver

פייל — arrow

פּיכטע — טענענבוים

פליסטערן —
רעדן זייער שטיל, whisper

פלעדערוויש —
אַ פליגל פון אַ גאַנדז מיט וועלכן מען ווישט אָפּ דעם שטויב

פלעכטן — to braid

פעלד־געריכט — court martial

פעלדז — cliff, rock

פרייוויליק — voluntary

צ

צאַדיק [צדיק; מ.—צדיקים]—
הייליקער מענטש

צוואָע [צוואה; מ.—צוואות]—
testament, will

צאַנקעדיק —
ביים אויסגיין, ביים פאַרלעשן זיך,
flickering

צאָפּ — braid

צאַר [צער]— זאָרג, האַרצווייטיק, grief

צאַרט — tender

צאָרן — כּעס, wrath, anger

צאָרנדיק —
מיט בייזקייט, מיט כּעס, angrily

צדאָקע [צדקה]— charity

צוגעלאָזט — פריינטלעך, ליבלעך

צוגעלעגערט — פאַרפוילט, rotten

צוואָגן — וואַשן האָר

צוויט — בליאונג, bloom

צוזאַמענהאַנג —פאַרבינדונג, connection

צוים — fence, bridle
צוליב טאָן —
טאָן פאַר עמעצן, וואָס ער פאַרלאַנגט, to oblige
צונעמעניש — צונאָמען, nickname
צו־רעכט געמאַכט —
פאַרריכט; דערהאַרגעט, געטויט, fixed
ציביק — ליולקע, פיפקע
ציטרין — לימענע, lemon
צילן — to aim
צירונג — טייערע שטיינער, jewelry
צירקל —
קרייז; אינסטרומענט צו מאַכן אַ קרייז, compass
צעאַקערן — to plough up
צעגלידערן —
צעטיילן, צעשיידן, צעשפּאַלטן

צעווייקט — soaked
צעיושעט — צעווילדעוועט, צעבלוטיקט, ferocious, wild
צעמאַזיקן [צעמזיקן] —
צעשלאָגן, צעקאַליעטשען, to maim
צענומען — באַווירקט, softened, moved
צעפאַטלט — צעשויבערט, dishevelled
צעפאַלמעסט —
צעשניטן (אַ טויטן קערפּער), dissected
צעפלאָשעט — צעווילדעוועט, dashing off
צעפראַלט — ברייט-צעעפענען,
צעפליקן —
צערייסן אויף שטיקלעך, to tear apart
צעקאַרבן —
צעקריצן, צעפאַלדעווען, groove, carve
צעשרויפט —
אָנגעצויגן, נערוועז, צעדרייט

ק

קאַ — פאַרגרייזט פון קיין
קאַבאָלע [קבלה] —
לערע פון די יידישע מיסטיקער, Kabala
קאַברען [קברן; מ.—קברנים] —
באַגרעבער, grave digger
קאָוועד [כבוד]—ערע, רעספּעקט, honor
קאַזאַרמע — barracks
קאַטאָוועס — שפּאַס, געלעכטער, כויזעק,
קאַטאָרגע —
שווערע טורמע, hard labor (in prison)
קאָל נידריי [כל נדרי] —
אַ יאָם-קיפּערדיקע טפילע
קאָלווירט — קאָלעקטיווע ווירטשאַפט, collective farm
קאָלווירטניק —
מיטגליד פון אַ קאָלווירט אין סאָוועטן-פאַרבאַנד
קאַלכוואַסער — white-wash, lime water
קאַלעמוטנע — טרויעריק, sad, gloomy
קאָמאָדע — chest of drawers
קאַמזויל — וועסטל, זשילעט, vest
קאַמער — צעל, chamber, cell
קאַן — can
קאַנאַהאָרע [קיין עין הרע] —
קיין בייז אויג ניט
קאַנאַווע — ditch
קאַנדעליאַברע — chandelier
קאָנוואולסיוו — convulsive
קאָנטאָר — אָפיס
קאָנקורענט — competitor

קאָס [כוס; מ.—כוסות] — ווייגגלעזל
קאָסינקע — קאָפּטיכל
קאַס [כעס] —
אַ בייזער, אַן אויפגערעגטער
קאָסע — קרום, בייז, scythe
קאַפּאָטע — לאַנגער ראָק אָדער מאַנטל
קאַפּעטשקע — אַ ביסעלע
קאַפּעלע — אַ קאַפּיטשקע, אַ ביסל
קאַצעוו [קצב; מ.—קצבים] — butcher
קאָרב — קויש, basket
קאַריערע — career
קאַרליק — pigmy, midget
קאָרע — הויט פון בוים, bark
קאָרעוו [קרוב; מ.—קרובים] — relatives
קאָשיק — קויש, קאָרב, basket
קאַשע [קשיה; מ.—קשיות] — פראַגע
קאַשקעט — היטל, cap
קוואַס — cider
קוואַרטיראַנט — boarder
קוויט — גלייך, quits
קוועלן — פרייען זיך; פייניקן, to rejoice; to torment, torture
קווענקלען (זיך) —
וואַקלען זיך, ניט זיין באַשלאָסן, to hesitate
קוטשער — driver
קויטיק — שמוציק, ברודיק, dirty, filthy
קוינע [קונה; מ.—קונים] —
קויפער, customer

קויש — basket
קולאַק — פויסט
קונדעס [קונדס; מ.—קונדסים]—
אַ שטיפער, אַ צעלאָזן ייִנגל
קוסטע — bush
קופּאָל — dome
קוראַזש —
מוט, דרייסטקייט, אונטערנעמערישקייט, courage
קטייגער [קטיגור]—
אָנקלעגער, באַשולדיקער (אין הימל)
קיי און שפּיי —
אַ קלייניקייט, אַ גאָרנישט
קימערן — זיך זאָרגן
קימפּעטאָרין —
אַ פרוי, וואָס האָט אַ ניי-געבוירן קינד
קינבאַק — jaw
קינע [קנאה]— envy
קישמיש — ראָזשינקעס (אַ קערלעך)
קלאַמערן (אַרום) —
שטאַרק אַרומנעמען אָדער אַרומרינגלען (ווי מיט קלאַמערן),
clasp; parenthesis
קלאַמפּערשט — (זע קלוימערשט)
קלאַפּערגעצייג —
געצייג, אינסטרומענטן, parephernalia
קלאַפטער — אַ מאָס, fathom
קלויז — בעסמעדרעש, שול
קלוימערשט [כלומרשט]—
בלויז מיטן אויסזען, ניט אויף אַן עמעס, ostensibly
קלויסטער — קירכע, מאָנאַסטיר

קליאַטשע —
אַ פערד, אַ שקאַפּע, nag, mare
קלייטל — קרעמל, געוועלבל, store
קליינגעלט — change (of money)
קלייען — chaff
קלייענדיק —
מיט זומער-שפּרענקעלעך, freckly
קלימפּער — קלאַפּעריי
קלעזמער — מוזיקאַנטן
קלעם — clamp
קלעמען — קוועטשן, דריקן, פּרעסן
קנאַכן — ביינער
קנאָספּ — bud
קנאַפּ — ווינציק, ווייניק, קליין
קנויט — wick
קסאַוו [כתב; מ.—כתבים]—
שריפט, מאַנוסקריפּט
קעלטער —
פּלאַץ וואו מען מאַכט וויין פון ווייַנ-טרויבן
קעלישאַק — ווייַנגלעזל, קויסע
קעסיידער [כסדר]—
continuous, regularly, in succession
קראַוואַט — שניפּס, tie
קראַך [כרך]— גרויסע שטאָט,
קראַפּירן — שטאַרבן, פאַלן טויט
קראָפּעווע — אַ גראָז וואָס ברענט, nettle
קריגס-געריכט — court martial
קריוודע —
אומרעכט, אַוולע, injustice, wrong
קריק — צוריק
קרעל — bead, coral

ר

ראָוו [רוב; רב]—
מערהייט, מאַיאָריטעט; רעבע
ראָזעווע ברויט — שוואַרץ ברויט
ראַכמים [רחמים]— ראַכמאָנעס, pity
ראַכע — נעקאָמע, revenge
ראַנגלען זיך — שלאָגן זיך, קעמפן,
to wrestle, to struggle
ראָשע [רשע; מ.—רשעים]—
אַ שלעכטער
רוגזע [רוגזה]—
בייזקייט, ברויגעז, anger
ריגלען — to bolt
רייעך [ריח; מ.—ריחות]— odor
רייפן — פאַרטיק ווערן, אויסוואַקסן, hoops; to ripen

ריכטן (זיך) — דערוואַרטן, to expect
רינגלען (אַרום) — to surround
רינשטאָק — gutter
רעגלמעסיק — קעסיידערדיק, regularly
„רעדברעסט" — רויטבריסטל (אַ פויגל)
רעווען — שרייען, מאַכן גוואַלדן, roar
רעזידענץ — הויפּט-שטאָט
רעלס — שינע, rail
רענדל — מאַטבייע (אַמאָליק געלט)
רעפוע [רפואה; מ.—רפואות]—
מעדיצין, remedy
רעציכע [רציחה]— מערדעריי
רעשטאַוואַניע — scaffold

שאַבעסניק [שבתניק] — איינער וואָס אַרבעט אין זיין פרייען טאָג פאַר אַ וויכטיקער זאַך אין סאָוועטן-פאַרבאַנד

שאַלן — קלינגען, to peal, ring

שאָלעכץ — shell, skin

שאַמעס [שמש; מ.—שמשים] — אַ באַדינער אין שול, איינער וואָס גיט אַכטונג אויף דער שול

שאָפּע — shed

שאַץ — אוצער, sweetheart, treasure

שאַרבן — skull

שאָרסטקע — גראָב, האַרט, rough

שוואונג — swing

שוואועס [שבועות] — אַ יאָנטעוו אין פרילינג

שווייצאַר — לאַקיי, doorman, porter

שווינדזוכט — consumption, tuberculosis

שוטע [שוטה; מ.—שוטים] — אַ נאַר

שוכעד [שוחד] — bribery

שוימער [שומר; מ.—שומרים] — היטער, וועכטער, guard

שויפער [שופר; מ.—שופרות] — האָרן, וואָס מען בלאָזט אין שול ראָש-השאָנע

שטאַבע — פּרענטע, iron bar

שטאַנג — pole, bar

שטאָף — material

שטאָק-פינצטערניש — געדיכטע פינצטערניש, pitch-darkness

„שטאַרקע" — גענגסטער, שלעגער

שטוינען — וואונדערן זיך, to be amazed, wonder

שטורקאַץ — פאַקל, torch

שטילער יאַם — פּאַסיפישער אָקעאַן, Pacific ocean

שטיפט — tack

שטיק — קונצן, tricks

שטענגל — אַ קליינער שטאַנג, bar, cluster

שטרייט — קאַמף, struggle, strife

שטרייף — stripe

שטרעבן — וועלן, האָפן, to desire, aspire

שטשאַבען — לאַטען, נייען מיט גראָבע, מיעסע שטעך

שטשיפּען — צופּן גראָז, nibble, nip

שטשירען — באַווייזן די ציין; אַ בייז געלעכטער

שיגאָען [שיגעון] — מעשוגאַס; קאַפּריז, whim, craze

שייטל — פּאַרוק, wig

שייטערהויפן — bonfire

שייכעס [שייכות] — באַציאונג, relation

שיילע [שאלה; מ.—שאלות] — פראַגע

שייער — shed, barn

שימערירן — גלאַנצן, to sparkle, glimmer

שינע — רעלס, rail

שיפּען — to hiss

שיקער [שיכור] — אָנגעטרונקען, drunk

שירץ — פאַרטעך, apron

שלאַבעריק — שוואַך, sluggish

שלאַנק — גלייך און דין

שלום — סאָף

שלוק — gulp

שליאַך — וועג

שליידערן — וואַרפן, to fling, hurl

שליפע — עפּאָלעט, epaulette

שלענגלדיק — curved

שלעפּע — train of a dress

שמאַך — פּיין,

שמאַכטן — ליידן

שמאַכטע — קלייניקייט, שפּילעכל, trifle

שמאַראַגד — אַן איידלשטיין, smaragd

שמעטערלינג — butterfly

שנאַבל — beak

שנאָרער — בעטלער, קאַפּצן, beggar

שנעלצוג — express train

שנעפּסל — אַ טרונק בראַנפן

שנעק — אַ קליין ווינגל (פיגוראַטיוו), snail

שעד [שד; מ.—שדים] — טייוול, בייזער גייסט, devil

שעם [שם] — אַ נאָמען; האָבן אַ שעם—זיין באַוואוסט, זיין באַרימט

שער — אַ טאַנץ, scissors; dance

שערבל - אַ צעבראָכן שטיקל גלאָז אָדער פאָרצעליי

שפּאָטן — אָפּלאַכן, אַרונטעררייסן, to ridicule, deride

שפּאַלט — crevice, crack

שפּאַנען — ציען זיך, גייען

שפּעטנע — מיעס

שפּענדל — splinter, chip

שפּערלינג — sparrow

שפּרענקעלע — spot, speck

שקארמיץ — פּאַפּירן זעקל, paper bag

שרויף — screw

שרויפנציער — screwdriver

באַמערקטע גרייזן

זייט 218, שורע 5 — שטייט: געבוירן אין 1858.
דאַרף זיין: געבוירן אין 1859.

זייט 245, שורע 3 — שטייט: אין אַרכימאָווא
דאַרף זיין: אין אַכרימאָווא.

צו די לערער

„אונדזער בוך" איז א לייען־בוך אין ליטעראטור, וואס דארף באדינען דאס ערשטע און צווייטע יאר מיטלשול, דאס הייסט דאס פינפטע און זעקסטע שול־יאר.

באם צוזאמענשטעלן דאס בוך האבן די מעבאברים פאר זיך געשטעלט דעם ציל — שאפן א ליטעראריש לייען־בוך, וואס זאל דערנעענטערן דאס קינד צו דער יידישער ליטעראטור. די מוסטערן, וואס גייען אריין אין בוך, דארפן דינען צו רעפרעזענטירן פארן קינד די יידישע ליטעראטור און אים אריינפירן אין ליטעראטור־לימעד. דערביי איז אבער נויטיק אונטער־צושטרייכן, אז דאס לייען־בוך דארף ניט פארנעמען דאס פלאץ פון ליטערא־טור־לימעד אין שול. דער לימעד מוז דערגאנצט ווערן דורך זאכן, וואס דער לערער לייענט־פאר פאר דעם קלאס און דורך גאנצע ביכער, וואס די קינדער לייענען אין דער היים. מיר האבן מיט א קיוון אנגעגעבן די קוואלן פון וואנען די אויסצוגן זיינען גענומען, קעדיי דער לערער זאל קענען אנרעגן — די עלטערע קינדער ספעציעל — זיך צו באקענען מיט די גאנצע ווערק.

ביכלאל דארף דער לערער דאס בוך ברייט אויסנוצן פארן לייענען אין דער היים, קעדיי אזוי ארום העלפן שאפן באם קינד די געוואוינהייט צו לייענען יידיש און כאטש טיילווייז אויספילן דעם גרויסן בלויז פון וועלכן מיר ליידן ווען עס קומט צום פאסיקן לייען־מאטעריאל פאר אונדזערע קינדער. אין קלאס דארף מען זיך פיל אפגעבן מיטן אנאליז פון געלייענטן.

די פיר אפטיילן רעדן, דוכט זיך, גאנץ קלאר פאר דעם פלאן, לויט וועלכן דאס בוך איז געבויט. דער ציל פון די מעבאברים איז געווען צו געבן אזא מין ליטעראַרישע זאמלונג, וואס זאל קאנען טיילווייז קארעלירט ווערן מיטן לימעד געזעלשאפט־קענטעניש און טיילווייז מיטן לימעד געשיכטע (ספעציעל דאס ניינצענטע יארהונדערט אין אלטן רוסלאנד און דאס לעצטע פערטל פון ניינצעטן יארהונדערט אין אמעריקע).

דערביי ווילן אבער די מעבאברים קלאר אונטערשטרייכן, אז עס איז בעשום אויפן ניט געווען זייער קאוואנע צו געבן א לייען־בוך לויט וועלכן מען זאל מיט די קינדער לערנען געזעלשאפט־קענטעניש אדער געשיכטע. ניין, די לימודים דארפן האבן באזונדערע טעקסט־ביכער. דער אידייאישער ציל פון בוך איז: באקענען דאס קינד מיטן יידישן לעבן — מיטן יידישן שטייגער — אויף דער און יענער זייט יאם, מיטן לעבן פון מאדערנעם יידישן ארבעטער, זיינע ליידן און קאמפן און מיטן גאנצן הערא־אישן קאמף פון מענטש אומעטום פאר דעמאקראטיע און פרייהייט.

מיר ווילן ציען די אויפמערקזאמקייט צו די ביאגראפיעס, וואס מיר האבן אריינגעגעבן אין בוך. מיר האבן אריינגעגעבן ביאגראפיעס פון די שרייבער, וואס זיינען א ביסל ברייטער פארטראטן אין בוך. דער לערער

דאַרף די ביאָגראַפיעס דערגאַנצן. די קורצע נאָטיצן טאָרן ניט פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פון אַ גענויער ביאָגראַפיע, וואָס דאַרף דינען צו באַקענען דאָס קינד מיט די פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געשאַפן די יידישע ליטעראַטור.

כאָטש אין בוך געפינען זיך ניט קיין אָנווייזונגען פאַר ליטעראַטור־קענטעניש, דאַרף דאָך דער לערער, בעשאַס ער אַרבעט מיטן בוך, באַקענען דאָס קינד — דורך פּראַקטישע מוסטערן — מיט די גרונט־עלעמענטן פון ליטעראַטור־קענטעניש.

דער לערער וועט די אָרדענונג באַם לערנען, נאַטירלעך, קאָנען צופּאַסן צו זיינע נויטן. מען דאַרף דאָס בוך ניט דאַפקע לערנען זייטל נאָך זייטל. אויב דאָס בוך ווערט גענוצט פאַר צוויי קלאַסן מיטלשול, דאַרף דער לערער ניט לערנען אָפּטיילן איינס און צוויי אין איין קלאַס און דריי און פיר אין צווייטן. פאַראַן אַ צאָל זאַכן אין אַלע אָפּטיילן, וואָס זיינען פּאַסיקער פאַרן צווייטן קלאַס און מען קאָן זיי דעריבער אַרויסלאָזן אין ערשטן. (לעמאָשל אין דער צווייטער אָפּטיילונג — „ניין ברידער"; אין דער דריטער אָפּטיילונג — „הערשעלע", „בוזי", „אַ דאַר פאַרגייט, אַ דאַר קומט", „פּענעק"; אין דער פערטער אָפּטיילונג — „אונטערן בייטש", „אַ היים אין וואַלד", „אַ באַסענע אין בירא־בידזשאַן"; און אַ צאָל אַנדערע.)

מיר ווילן ספּעציעל ציען די אויפמערקזאַמקייט צום ווערטער־ביכל, וואָס מיר האָבן צוגעגעבן צום סאָף פון בוך. דער ציל באַם לערער דאַרף זיין — צוגעוואוינען דאָס קינד זיך באַנוצן מיטן ווערטער־ביכל, שאַפן באַם קינד די געוואוינהייט נאָכצוזוכן די ניט־פאַרשטענדלעכע ווערטער, זיי פאַרשטיין אין קאָנטעקסט אין וועלכן זיי קומען און — זיך אָנאייגענען די ווערטער דורך פאַרשיידענע מעטאָדישע איבונגען, וואָס דער לערער דאַרף צוטראַכטן. מען דאַרף דעם קינד אָנווייזן אויפן אויסלייג פון די העברייאישע ווערטער — וואָס קומט נאָכן וואָרט אין קלאַמערן — און אויפן מערצאָל פון די העברייאישע סובסטאַנטיוון (וואָס ווערט געווייינלעך באַצייכנט מיטן אָס ת). דאָס ווערטער־ביכל דאַרף מעגלעך מאַכן פאַרן קינד אַליין צו לייענען, אין דער היים.

אַ וואָרט וועגן די קונסט־בילדער: די מעכאַברים האָבן געזוכט אויף ווי ווייט עס איז נאָר מעגלעך געווען צו ברענגען פאַר די קינדער בילדער פון יידישע מאָלער. פאַרן לערער וועט נויטיק זיין ציען דעם קינדס אויפ־מערקזאַמקייט צום בילד, באַקענען דאָס קינד מיטן נאָמען און מיט דער צייט ווען דער קינסטלער האָט געשאַפן.

מיר ווילן אויסדריקן אונדזער דאַנק די כאַווירים פון דער נאַציאָנאַלער פּעדאַגאָגישער קאָמיסיע פון די יידישע שולן פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן פאַר זייערע ווערטפולע אָנווייזונגען. אונדזער ספּעציעלן דאַנק דעם כאַווער איציק גאַרבאַטי פאַר דער בעעמעס אויפריכטיקער און איבער־געגעבענער מי, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין בוך.

די צונויפשטעלער.

אינהאַלט

I אונדזער לאַנד

זייט

דער פאָלק־גייסט — יעהואָש — 5
י. אַפּאַטאָשו — ביאָגראַפיע — 6
ייכעס — י. אַפּאַטאָשו — 6
אין סאַבוויי — מ. ל. האַלפּערן — 11
קאַליפאָרניע — פּ. הירשביין — 12
א פישער־דאָרף אין מעין — י. א. ראָנטש — 14
וואַלהאַלאַ — ב. גלאַזמאַן — 15
אונדזער לאַנד — ב. פרידמאַן — 22
מוישע נאַדיר — ביאָגראַפיע — 23
איך—אַלס ווידערקאָל — מוישע נאַדיר — 23
בא דער מאַשין — מאַרטין בירנבוים — 27
גרענד־סענטראַל — נאָכעם ווייסמאַן — 29
אין א פאַבריק־שטעטל — מייקל גאָלד — 30
פאָרד רוזש־פּלענט — מוישע שיפרים — 39
די געשיכטע פון צווי קאַסעם — אווראָם רייזען — 43
פון אַלע טעג — ר. אייזלאַנד — 47
דעטעקטיווס, אויף דער וואַך! — י. א. ראָנטש — 48
דאָס טענעמענט־הויז — ל. קאָברין — 51
א פייער אויף קלינטאָן סטריט — כאַווער פּאַווער — 56
מאָרים ווינטשעווסקי — ביאָגראַפיע — 60
א קאַמף־געזאַנג — מ. ווינטשעווסקי — 60
באָבע ראָדע — א. מייזל — 62
טענים — ל. מילער — 67
אויפן שטערן מאָרם — יאָסל קאָטלער — 67
כ'האָב ליב — מ. א. סול — 74
אין קאַר — י. אַפּאַטאָשו — 74
אויף שליאַכן פון דזשאָרדזשיא — י. גרינשפּאַן — 78
לינטשעריי — י. אַפּאַטאָשו — 79
אויך איך — לענגסטאָן יוז — 85
אייזערנע — ה. לייוויק — 86
אויפן באַנקעט — ב. גלאַזמאַן — 86
מאָרים ראָזנפעלד — ביאָגראַפיע — 93
מיין רוע־פּלאַץ — מ. ראָזנפעלד — 93
א געזאַנג — וואָלט וויטמאַן (יידיש—ל. מילער) — 94

II צום נייעם ברעג

אַראָפּגעקומען	קאַדיע מאָלאָדאָווסקי	97
אויף דער שיף	י. קאַפּעלאָוו	98
דער סטרייק פון די גרינע	ב. ווײַנשטיין	101
סוועט־שאַפּ	מ. ראָזנפעלד	105
ניט דערקענט	ז. ליבין	107
דאָוויד עדלשטאַט	ביאָגראַפיע	110
מײַן צוואָע	ד. עדלשטאַט	110
צום אָנדענק פון דאָוויד עדלשטאַט	י. באָוושאָווער	111
וואוהין	מ. ראָזנפעלד	112
שאָלעם אַש	ביאָגראַפיע	113
אָנקל מאָזעס	שאָלעם אַש	113
די ווינטער נויט	מאַני לייב	128
ריווינגטאָן סטריט	מוישע נאַדיר	129
א צייכן פון זומער	ז. ליבין	132
ניי־ערד	י. י. שוואַרץ	135
ברוכוואַרג	י. אָפּאַטאָשו	142
אין קאַמף	ד. עדלשטאַט	146
א. ראַבאָי	ביאָגראַפיע	147
ניין ברידער	א. ראַבאָי	147
א פּראָסטער ייד	מאַלקע לי	167
קום, רעבענער, קום	ה. לייוויק	168

III אויף יענער זייט יאַם

טרייסט	י. ל. פּערעץ	171
מענדעלע מויכער ספאָרים	ביאָגראַפיע	172
הערשעלע	מענדעלע מויכער ספאָרים	172
קאַסרילעווקע	שאָלעם אַלייכעם	179
סאָרקע לייענט „יאָסעלע"	י. אָפּאַטאָשו	191
י. ל. פּערעץ	ביאָגראַפיע	193
באַם פרעמדן כופּע־קלייד	י. ל. פּערעץ	193
מאָטקע	שאָלעם אַש	201
וויגליד	פאָלקליד	208
פּורים־שפּיל	מוישע נאַדיר	208
אַן אָוונט אין קאַפּצאַנסק	מענדעלע מויכער ספאָרים	212
ביידער־יאָרן	י. קאַטיק	214
די פאָן	ש. פרוג	217
שאָלעם אַלייכעם	ביאָגראַפיע	218
בוזי	שאָלעם אַלייכעם	218
דער טאָנעם	י. ל. פּערעץ	230
א דאָר פאַרגייט, א דאָר קומט	י. מ. וויסנבערג	233
מינסקער בלאָטעס	איזי כאַריק	238
אווראָם רייזען	ביאָגראַפיע	241

שליפּעם — אווראָם רייזען — 241
דאָוויד בערגלסאָן — ביאָגראַפיע — 245
פּענעק — דאָוויד בערגלסאָן — 245
צום העמערל — אווראָם רייזען — 253
דער טרעגער — דאָוויד פּינסקי — 254
באָנטשע שוויג — י. ל. פּרעץ — 256
די ערד דערוואַכט — לייב ניידוס — 263
פֿאַר פרייהייט — י. י. זינגער — 264
הערשקע — פֿאָלקליד — 269
ווי קום איך — אווראָם רייזען — 270
אַרויסגעגאַנוועט פון טורמע — שאָלעם אַליכעם — 271
אויף די וועגן סיבירער — ה. לייוויק — 276
אויפן בוידעם — אווראָם רייזען — 278
צום יידישן פּראָלעטאַריער — ד. עדלשטאַט — 280
דער טאַטע פאָרט קיין אַמעריקע — מוישע נאַדיר — 281
ערעוו פרילינג — יעהואָאַש — 284

IV אין קאַמף

אַ געזאַנג צום פֿאָלק — י. באָווראָווער — 287
אַ מייסע מיט אַ דאך־באַשלעגער — י. ל. פּרעץ — 288
וואַקסט אַרויס פון דער ערד — מ. ל. האַלפּערן — 289
פון יעבעזקל — יידיש פון י. ל. פּרעץ — 290
דעם ברודערס קוילן — אווראָם רייזען — 291
פּלויטן — מוישע נאַדיר — 295
צווישן לעבן און טויט — י. פרידמאַן — 296
אויף די גרינע פעלדער — פֿאָלקליד — 303
דער סענט — מ. אָלגין — 304
צו די געפאַלענע העלדן — יעהואָאַש — 308
דייטשלאַנד — א. פעפער — 309
אונטערן בייטש — ש. מילער — 310
נעוויאיש — עמוס, ירמיהו ישעיהו — 324
קאָל נידריי — ארן קורץ — 326
כאַוועד — מאַקסים גאָרקי — 327
מערץ־געדאַנקען — י. באָוושאָווער — 331
זאָל לעבן — מ. כאַשטשעוואַצקי — 332
אַ שפּיל — פּיוּול סיטאָ — 334
עם פּלאַקערן פאָנען — א. שוואַרצמאַן — 336
אַ ניי לעבן — נ. לוריע — 336
די זון אין זעניט — איציק פעפער — 345
אַ היים אין וואַלד — ד. בערגלסאָן — 346
נאָכן רעגן — יעהואָאַש — 355
אַ כאַסענע אין בירא־בידזשאַן — א. פעפער — 356
ווערטער־ביכל — 361
צו די לערער — 379

בילדער און אילוסטראַציעס

גערבורט פון א הימל־קראַצער — — — — — — — — מ. לאַזאָוויק פאָרערבלאַט
פאַרן שטורעם — — — — — — — — — — י. איזראַעלס— — 14
„עד, בין איך מיד!" — — — — — — — — ארט יאַנג — — 21
צו דער אַרבעט — — — — — — — — — ה. קאַלעם — — 29
יאַנגסטאַון — — — — — — — — — — וו. גראָפּער — — 33
„6,000 אויטאָמאָבילן א טאָג" — — — — — — א. רעדפילד — — 42
ווינטער אין ניו יאָרק — — — — — — — — י. ביעל — — — 50
„צו דער איסט סייד, דזשיימס" — — — — — — א. רעדפילד — — 55
בראָנקס — — — — — — — — — — — א. מאַנעוויטש — 65
„איך האָב אַזוי ליב געהאַט מענדלסאָנס מוזיק" — א. רעדפילד — — 77
ברידער — — — — — — — — — — — הוגאָ געלערט — 85
„ווי אינטערעסאַנט!" — — — — — — — — ארט יאַנג — — 92
אויף דער שיף — — — — — — — — — א. מ. ליליען— — 95
אימיגראַנטן — — — — — — — — — — יאָסל קאָטלער — 99
דער שניידער — — — — — — — — — א. מ. ליליען— — 106
אין שניידער־שאַפּ — — — — — — — — וו. גראָפּער — — 117
דער מאַן מיטן האַמער — — — — — — — מ. יאַנג — — — 153
א זון פון אַלטן פאָלק — — — — — — — י. איזראַעלס— — 169
א שטעטל — — — — — — — — — — מ. שאַגאַל — — 179
א סרייפע — — — — — — — — — — מ. שאַגאַל — — 187
דער בלינדער פידלער — — — — — — — — מ. שאַגאַל — — 205
א פורים־שפּילער — — — — — — — — — ע. ווישניצער — 211
מיין שטעטל — — — — — — — — — ש. יודאָווין — — 213
אין שוסטער־וואַרשטאַט — — — — — — — מ. ליבערמאַן — 237
אין דאָרף־שטיבל — — — — — — — — — י. איזראַעלס— — 244
דער שוסטער — — — — — — — — — — יודאָווין — — — 253
אין דער אַלטער היים — — — — — — — — יאָסל קאָטלער — 254
שפּינאָזא — — — — — — — — — — ש. הירשענבערג— 262
דערוואַכט — — — — — — — — — — טש. ווינטער— — 265
נאָכן פּאָגראָם — — — — — — — — — מינקאָווסקי — — 279
מאַריאָנעטן — — — — — — — — — — ז. מאָוד — — — 283
באַפריי די וועלט — — — — — — — — י. בוירק — — — 285
לאָזט אים ניט אונטערצינדן די וועלט — — — — ה. געלערט — — 301
מילכאָמע מייסעס — — — — — — — — ע. ארמין— — — 306
„יודע" — — — — — — — — — — — ה. געלערט — — 315
לענין קומט צוריק פון אויסלאַנד — — — — — א. מוראַוויאָוו — 333
אויף די פעלדער פון קרים — — — — — — י. ב. ריבאַק — — 342
אין פעלד — — — — — — — — — — — י. ב. ריבאַק — — 350